STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04464

DER TAYVL IN SHTETL

Kalman Segal

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

קלמן סעגאַל

דער טיול אין שטעטל

פאַרלאַג יידיש בוך ווארשע

1967

KALMEN SEGAŁ

SZATAN W MIASTECZKU

Okładkę projektował: A. Muszka
הילע פּראָיעקטירט — א. מושקאַ

Printed in Poland

Wydawnictwo „Idisz Buch" Warszawa, Nowogrodzka 5

Nakład 2200 egz. Druk ukończono w sierpniu 1967 r. Ark. druk. 21. Ark. wyd. 17. Papier rotograwiura kl. III 61 × 86 g.
Druk. P.Z.G. „Prasa", Warszawa, al. Jerozolimskie 125/127. Zam. 1311. Z-12



דער טיוול אין שטעטל

קאַפּיטל 1

סוף זומער, באַלד נאָך שבֿועות האָט זיך אויפֿגעהאַנגען דער קבֿרן, דער פֿעטער פֿון דער שיינער יוכבֿד, פֿון דער זעלבער יוכבֿד, וואָס האָט זיך צוערשט אָפּגעשמדט און דערנאָך חתונה געהאַט אין דער צערקווע מיט וואָלאָדיען, דעם בן־יחיד פֿון רוסישן גלח.

דעם קבֿרן האָט מען געבראַכט צו קבֿר־ישׂראל באַשיידן און אָן טרערן. מען האָט אים באַגראָבן אונטער דעם שטיינערנעם מויער פֿון בית־עולם, אין דער שכנות פֿון אַן עסטרייכישן אָפֿיציר, וועלכן מען האָט דערשאָסן אין 1911 יאָר פֿאַר עפּעס אַן אומבאַקאַנטער זינד קעגן דעם קיסר פֿראַנץ יאָזעף.

צום פֿעטערס לוויה איז די טאָכטער, די משומדת נישט געקומען, אפֿשר האָט זי מורא געהאַט מענטשן זאָלן זי נישט פֿאַרשטיינערן, און אפֿשר האָט זי אפֿילו נישט געוווסט וועגן פֿעטערס טויט. מעגלעך, אַז פּונקט דעמלט האָט זי אויף די קניען צווישן די קילע און פֿינצטערע ווענט פֿון דער צערקווע געבוקט זיך צום נייעם גאָט.

אַביסל האָט זי פֿאַר אים מורא געהאַט, פֿאַר דעם דאָזיקן פֿרעמדן גאָט, און אַ ביסל האָט זי אים פֿיינט געהאַט, ווייל זי האָט פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס איז דאָך נישט איר גאָט, זי האָט שוין איצט קיין שום גאָט נישט געהאַט און נישט געוואָלט האָבן, און דער דאָזיקער געקרייצטער, דאָס איז געווען וואָלאָדיעס גאָט, און ער האָט מסתמא נישט ליב געהאַט קיין ייִדן, ווייל דורך ייִדן איז ער דאָך אומגעקומען, כאָטש אַליין איז ער אויך געווען אַ ייִד און אויף די איקאָנעס האָט ער געהאַט אַ פֿיין, גוטמוטיק געזיכט.

איז יוכבֿד געוויער געוואָרן וועגן פֿעטערס טויט אַ סך שפּעטער, ווען אויף זיין קבֿר זענען שוין געוואַקסן הויכע ווילדע קרייטעכצער. געוויינט האָט זי נישט, פֿאַרקערט: זי האָט אָפּגעאָטעמט פֿריי, עס איז פֿאַר־

שוואונדן אין גרויזאַמער. שאָטן פֿון איר לעבן, פֿאַרשוואונדן איינער פֿון די שטרענגע שופֿטים — קוים איינער — די גאַנצע וועלט, דאָס גאַנצע שטעטל זענען געווען אירע שופֿטים, יעדער זקן און יעדע ייִדענע, אַפֿילו די וואַסערטרעגערס און האָלצהעקערס, אַלע זענען געווען גרייט צו משפּטן די זינדיקע יוכבד, צו שילטן און אין חרם אַריינלייגן. פֿאַרוואָס האָט זי גיזאָלט ווייגען? זי איז געווען אַ משומדת, קיין צוריקקער איז פֿאַר איר נישט געווען, פּונקט ווי עס איז נישט פֿאַראַן קיין צוריקקער פֿון יענער וועלט.

אָבער זינט דעם פֿאָטערס טויט, זינט זי איז געוויער געוואָרן וועגן זיין אויסטערלישן טויט, איז איר צוזאַמענלעבן מיטן מאַן, מיט וואָלאָדיען, געוואָרן אַלץ ערגער און ערגער. זיי האָבן זיך פֿיינט באַקומען, זיי האָבן זיך נישט געקאָנט פֿאַרטראָגן, זי אים, און ער זי, און עס איז שווער צו זאָגן, ווער עס איז פֿון זיי ביידע געווען שולדיק. אפֿשר איז שולדיק געווען דער גייסט פֿון קבֿרן, די נשמה זיינע, וואָס האָט זיך געשאַרט אין די ווינקלען פֿון דער רוסישער פּלעבאַניע און האָט געשאָלטן די טאָכטער, די אויסגעלאַסענע בת־יחידה — די וועלט ווייסט, אַז די קללות פֿון אַ פֿאָטער האָבן זייער ווירקונג און אַנטלויפֿן פֿון זיי קאָן מען נישט, אַזוי ווי מען קאָן נישט אַנטלויפֿן פֿון אייגענעם גורל.

אַזוי אָדער אַנדערש — וואָלאָדיע האָט געפּייניקט זיין שיינע פֿרוי, און דאָס גאַנצע שטעטל האָט געזען איר פּיין און קיינער האָט צו איר נישט געפֿילט קיין רחמנות פֿאַר אַ פּרוטה, נישט די ייִדן און נישט די קריסטן.

און וואָלאָדיע האָט געהאַלטן אין איין שיכורן און נאָר יוכבד, וואָס מען האָט זי איצט גערופֿן מאַריאַ, נאָר זי האָט געוווסט וויפֿיל בראָנפֿן ער טרינקט אויס יעדן טאָג. און געוווסט האָט אויך שׂרה הערשעלע רבֿ עליעס, ביי וועלכער וואָלאָדיע פֿלעגט קויפֿן בראָנפֿן אויפֿן פֿאָטערס חשבון.

און די שוויגער, די אַלטע גלחטע, אַ הויכע ברייטפּלייציקע דאַמע, וואָס פֿלעגט מיט גרויס שטאָלצקייט דערציילן וועגן אירע באָיאַרישע אבֿות, האָט נאָך צוגעבאָמקעט מיט צופֿרידנקייט, ווען וואָלאָדיע פֿלעגט שלאָגן זיין פֿרוי — זי האָט געהאַט נקמה, ווייל פֿיינט האָט זי געהאַט די דאָזיקע שוואַרצהאָריקע זשידאָווקע, וואָס האָט פֿאַרדרייט דעם קאָפּ איר בן־יחיד.

און מאַריאַ האָט נישט געוואָלט בייגן דעם רוקן פֿאַר דער פֿרומער

קריסטין, מאַריע איז געבליבן די זעלבע האַרטנעקיקע און די זעלבע ווידערשפעניקערין. זי איז געווען אַן אומרואיקע און שטענדיק האָט זי איר אייגענעם ווילן געוואָלט אַנטקעגנשטעלן דער גאַנצער וועלט — נישט געוווּסט, אַז זי שטעלט אַזוי אַרום אין קאָן אַליין: דאָס לעבן, דאָס גליק, דעם היינט און דעם מאָרגן.

אין קליינעם הייזעלע, וווּ זי האָט געוווינט מיט איר פאָטער, האָט זיך יוכבד געפילט ווי אַ שקלאַפין. דער קברן האָט פאַרלאַנגט פון איר מער ווי ער האָט געמעגט פאַרלאַנגען, ער איז געווען אַ טריבער פרומער ייד, ער האָט תמיד גערעדט מיט גאָט, תמיד איז ער געווען פאַרקוקט אין עולם־הבא, תמיד פאַרקוקט אין דער וועלט פון טויטע, ער האָט נישט פאַרטראָגן קיין געלעכטער און ער האָט נישט געקענט קיין פרייד. ער האָט געזאָרגט פאַר דעם גן־עדן פון זיין טאָכטער, געזאָרגט פאַר איר פרומקייט, און זי איז דאָך שוין נישט געווען קיין קינד — זי איז שוין געווען אַ יונגע מויד, אַ כלה־מויד, און ער, דער פאָטער האָט פון איר פאַרלאַנגט, זי זאָל זיין הייליק און אָפּגעהיטן ווי אַן אַלטע יידענע, וואָס האָט שוין אַלץ הינטער זיך.

יוכבד האָט נישט געקענט איר מוטער — אַ יתומה איז זי געווען, שטענדיק איינצווייען מיטן פאָטער, דאָס גאַנצע לעבן האָט זי פאַרבראַכט אויפן הייליקן אָרט, יעדן טאָג האָט זי געזען דעם פאָטער פאַרען זיך אין טהרה־שטיבל. און ווען דער טאַטע האָט גערעדט וועגן גאָט, איז עס געווען דער גאָט פון געשטאָרבענע. און יוכבד האָט געטרוימט וועגן לעבן, וועגן יונגע בחורים, וועגן מענער ברייטפּלייציקע און וועגן דעם אומבאַקאַנטן טעם פון ליבע. זי האָט געחלומט וועגן אַ שידוך, אָבער וואָס פאַר אַ חתן האָט אין שטעטל געקאָנט באַקומען די טאָכטער פון אַ קברן? האָט זי זיך געוואָרפן אין די ערשטע אָרעמס, וועלכע האָבן נאָך איר געגרייכט.

וואָלאָדיע האָט געהאַט אַ שמאָלן ברוסט־קאַסטן, ער האָט געטרונקען בראָנפן און ווען דער ביטערער טראָפּן האָט אָנגעהויבן צו ווירקן אין זיין מוח, פלעגט ער ווערן ווילד און בייז. און אַזוי האָט עס זיך ביי זיי אָנגעהויבן צו פירן באַלד נאָך דער חתונה, אין אַ צוויי, דריי חדשים נאָך דער חופּה און נאָך דעם שמד.

איז דעריבער נישט קיין חידוש, וואָס זי האָט אים באַלד אָנגעהויבן צו האַסן, און אין דער שטיל, אין די אייגענע פאַרבאָרגענע מחשבות, האָט זי אים געוווּנטשן אַ גיכן טויט, און זיך אַליין האָט זי אויך קיין

שום בעסערע צוקונפט נישט געווונטשן, ווייל זי האָט אין דער דאָזיקער צוקונפט נישט געזען קיין שום אויסוועג און קיין ליכטיקערן שטראַל. אין איר האָס צום מאַן האָבן זיך אָנגערופן אַלע שלעכטע טראַדיציעס פון פיל דורות, אַלע ביטערע דערפאַרונגען פון כמיעלניצקיס צייטן ביז צו די צייטן פון פעטלורען. כאָטש — פונוואַנען האָט דעם קבצנס טאָכ־טער געקענט די געשיכטע פון יידישן פאָלק און פון זיינע דערפאַרונגען מיט די אוקראַינישע אַטאַמאַנען?

וואָלאָדיען האָט זי ליב געהאַט בלויז אין זעלטענע מינוטן, דעמלט ווען עס פלעגט אים באַהערשן דער אויסטערלישער פחד פאַרן טויט און אויך דער אומעט — ער איז געווען אַ לונגנקראַנקער. פלעגט אים טייל־מאָל אַרומנעמען אַ געפיל פון דערשלאָגנקייט, און אין אַזעלכע מינוטן איז ער געווען צו איר, צו יוכבעדן, צאַרט און פלעגט אויך ביי איר וועקן צאַרטקייט. ער פלעגט רעציטירן די לידער פון באַדלערן — יוכבד האָט די דאָזיקע לידער נישט פאַרשטאַנען און דאָך די האָט די דאָזיקע דיכטונג דערגנעענטערט זיי ביידע. אָבער געווען זענען עס בלויז געציילטע מינוטן, זייער קענגזייטיקע ליבע האָט געדויערט קורץ און איז געווען נישט מער ווי אַ שטראַל פון דער זון אין אַ רעגנדיקן און פאַרנעפּלטן טאָג.

די שוויגער האָט ביי איר פאַרלאַנגט פרומקייט. פלעגט יוכבד טייל־מאָל פאַרנורען זיך אין דער גרויער טונקעלער צערקווע און שעהן־לאַנג קניען, פאַרטראַכט און פאַרקוקט אין די זינלאָזע געזיכטער פון די איקאָ־נעס. טיילמאָל האָט זי פונדאַנען געהערט אַ באַקאַנט געזאַנג, דאָס בית־מדרש איז געווען נישט ווייט, בשכנות, און ווען מען האָט אין בית־מדרש געדאַוונט, האָט מען דאָס דאַווענען געהערט אין דער צערקווע, און דעמלט האָט יוכבד געפילט, אַז עפּעס ווערט אין איר פאַרגליווערט, עפּעס שטאַרבט אין איר אָפּ — אין די געדערים צי אין האַרץ — אין די סאַ־מע טיפענישן פון איר פאַרביטערטער נשמה.

אין שאָטן פון קרייץ האָט זי זיך געפילט פונקט אַזוי פרעמד, ווי פרעמד זי האָט זיך אַמאָל געפילט אין שאָטן פון יידישן גאָט. אָבער איצט איז דער באַקאַנטער שבת־דיקער געזאַנג פון בית־מדרש געווען פאַר איר פאַרבאָטן און אפשר דערפאַר טאַקע האָט זי זיך אין אים אַזוי גיריק איינגעהאָרכט, גיריק און מיט אַ גערירטער שטימונג. זי האָט גע־קריצט מיט די ציינער און געשאָלטן — אויך זיי האָט זי געשאָלטן, די יידישע משוררים, וואָס האָבן אַזוי זיס געזונגען דעם לכה־דודי, בכדי צו פאַרגרעסערן איר פיין און איר בענקשאַפט, איר חרטה און איר אומגליק.

און דערווייל האָט זיך דערנעענטערט דער האַרבסט. אויף די פעלדער הינטער דעם שטעטל האָבן די פויערים פאַראַקערט די סטערניעס. די געסלעך זענען געווען פאַרדעקט מיט געלע, שוין האַלב טרוקענע קאַשטאַן־בלעטער. אין שטאָטישן שפּאַציר־גאָרטן האָבן געוועלקט די לעצטע בלומען.

און אַזוי האָט זיך די וועלט פּאַוואָליע דערנעענטערט צו די האַרבסטיקע ימים־טובים. נאָך ווייט פאַר טאָג איז דער עולם געלאָפן אין בית המדרש אַריין צו סליחות. שטילע געסלעך האָבן אויפגעוואַכט, טריט האָבן געקלעטערט אין דער פינצטער. די, וועלכע זענען געלאָפן אָפּגעבן דין־וחשבון דעם רבונו־של־עולם, האָבן געוועקט פון זיסן פאַרטאָגיקן שלאָף יענע, וועלכע האָבן דווקא געוואָלט רואיק שלאָפן ביז אינדערפרי.

פון בית־מדרש האָט זיך געטראָגן דער אומעטיקער ניגון פון סליחות. דורך דעם האַרבסטיקן נעפּל, דורך דער רעגנדיקער נאַכט האָבן די יידישע תפילות געקלינגען ווי דאָס געשריי פון ווילדע גענדז.

די לופט איז געווען שווער פון די צאַנקנדיקע ליכט, דער עולם איז געווען ענג צוזאַמענגעדריקט און אַלע תפילות האָבן זיך צוזאַמענגעגאָסן אין איין גרויסער תפילה, אין איין האַרציקער בקשה, און אַלע אָטעמס האָבן זיך פאַראייניקט אין איין אָטעם — אחדות איז דאָ היינט געווען, אחדות און שלום, אחדות און ליבשאַפט.

וויפל זענען זיי דאָ געווען — הונדערט צי פינפהונדערט, אפשר טויזנט? בשעת די סליחות־טעג און אויך ראש השנה און יום כיפור זענען זיי דאָ אַלע געווען ווי איין משפחה, גאָרנישט האָט זיי נישט געטיילט, קיין שום שטרייטן זענען נישט פאַראַן געווען צווישן איין ייד און דעם צווייטן, ברידער זענען זיי איצט געווען, איין פאָלק זענען זיי געווען, איין עדה.

ווען עס וועט קומען דער יום הדין, ווען עס וועט קומען דער הייליקער כל־נדרי־אָוונט, וועלן זיי איינער ביי דעם צווייטן בעטן מחילה, ווייל עס איז דאָך קלאָר, אַז כל זמן איין ייד איז נישט מוחל דעם צווייטן ייד, אַזוי לאַנג וועט זיי אַלע גאָט ברוך הוא נישט מוחל זיין.

דערווייל זענען ערשט געווען די עשרת ימי תשובה, האָט מען טאַקע תשובה געטאָן מיטן פולן בריען — און תשובה טאָן איז געווען אויף וואָס, און מתפלל זיין איז אויך געווען פאַרוואָס.

דאָס שטעטל האָט געלעבט אין שווערע צייטן — נישט נאָר וועגן פרנסה איז געגאַנגען, נישט נאָר וועגן דעם טעגלעכן שטיקל ברויט —

צו דער אָרעמקייט איז מען דאָ געווען צוגעוווינט. דאָס שטעטל האָט נישט געהאַט קיין פאַבריקן, ווו יונגע מענטשן קאָנען פאַרדינען אַ גראָשן, די יידן אין שטעטל זענען געווען אָפהענגיק איינער פון צווייטן — ווערושע האָט דאָ געדאַרפט זיין דער מפרנס, ווער האָט ג ע ק אָ נ ט זיין דער מפרנס, ווער האָט וועמען געדאַרפט פאַרזאָרגן מיט פרנסה — דער שניידער דעם שוסטער, צי דער שוסטער דעם שניידער? דעריבער פלעגן זיי, די דאָרטיקע יידן, אַ גאַנץ יאָר — פון וואָך צו וואָך און פון איין יאַריד צום צווייטן — מיט האָפענונג אַרויסקוקן אויף דעם גרויסן שטיינערדיקן וועג, וואָס האָט געפירט צו די דערפער און דערפלעד, וועלכע האָבן זיך געצויגן אין דער לענג פון טייך סאַן, טיף אין די קאַרפאַטן־בערג, צו יענע מאָלערישע דערפער הינטער די הרי הושך, ווו עס האָט געשמעקט מיט טרוקענעם היי און מיט קימל און ווו עס האָט געשטינקען דאָס קי־מיסט און דאָס פערד־מיסט. באָרוועסע פויערים, יונים אָפגעריסענע, אין לייוונטענע הויזן און העמדער אַרויסגעלאָזטע איבער די מכנסים, האָבן דאָרט באַלעבאַטעוועט אויף די קליינע שטיקלעך ערד, און די ערד איז געווען מאָגער און שטיינערדיק — דאָס האָבן זיי געדאַרפט פאַרזיכערן דעם שטעטל פרנסה, קויפנדיק איין מאָל אויפן צען יאָר אַ פאָר יוכטענע שטיוול, און איין מאָל אין חודש צוויי פונט זאַלץ.

איז געווען וועגן וואָס מתפלל צו זיין און ס'איז געווען פאַרוואָס צו וויינען, ס'איז געווען גענוג סיבות צו ווענדן זיך צום רבונו־של־עולם מיט פרעטענזיעס און טענות: גאָט פלעגט וועגן דאָזיקן שטעטל פאַרגעסן תמיד, ווען מען האָט פאַרטיילט גוטע זאַכן. און דערמאָנען זיך וועגן די דאָרטיקע יידן פלעגט דער באַשעפער בלויז דעמלט, ווען עס האָט געהאַלטן ביי אַ שריפה אָדער ביי אַ געוויטער, ביי אַן עפידעמיע פון טיפוס אָדער מינדעסטנס ביי אַן עפידעמיע פון גריפ.

און אפשר — אפשר איז עס גאָרנישט אַזוי געווען? אפשר איז עס געווען עפעס אַנדערש? ווייל וואָס ווייסן מיר, די בני־אדם, וואָס ווייסן מיר וועגן גאָטס גערעכטיקייט? די חכמה פון העכסטן פסק איז שטענדיק אַ פאַרבאָרגענע און זעלטן ווען ווערט זי אַנטפלעקט פאַר דעם געוויינלעכן בשר־ודם. איז אפשר טאַקע גאָטס שטראָף געווען אַ גערעכטע? דאָס שטעטל האָט נאָך אַלץ געלעבט אונטער דעם שווערן איינדרוק פון יענעם אומגליק: דריי הונדערט יאָר האָט עקזיסטירט די היגע געמיינדע, אָבער קיינמאָל איז דאָ נישט געווען קיין שמד, ערשט דעם קבצנס טאָכטער האָט זיך דערוואַגט אָפצורייסן פון יידישן שטאַם און צו ברענ־

גען אַ חרפּה אויף דער גאַנצער עדה. יוכבד — אויסגעמעקט זאָל ווערן איר נאָמען אויף אייביק — דאָס האָט זי דאָך מיט די אייגענע הענט ממש, אַזוי צו זאָגן, דערמאָרדעט דעם אַלטן פֿאָטער, דעם פֿרומען ייד, וועלכער האָט נישט געקאָנט איבערלעבן די פֿינצטערע שאַנד און האָט זיך אויפֿגעהאָנגען אויף דעם טרוקענעם, ווילדן עפּלבוים בײַם טויער פֿון הייליקן אָרט.

דאָס, וואָס יוכבד האָט געטאָן, וועט נישט פֿאַרבלײַבן אָן אַ שטראָף, עס קאָן נישט פֿאַרבלײַבן אָן אַ שטראָף, גאָטס גערעכטיקייט און גאָטס שווערד איז שאַרף, זי איז געדולדיק און וואַרט — און אין אַ געווויסן טאָג לאָזט זיך די דאָזיקע שווערד אַראָפּ אויפֿן האַלדז פֿון פֿאַראורטיילטן, און נישט נאָר אויף דעם שולדיקן קערט זיך און ווענדט זיך גאָטס כּעס, נאָר אויך אויף דעם גאַנצן פֿאָלק ישׂראל. צוליב איין בעל־חטא איז חרוב געוואָרן דאָס בית־המקדש, און דאָס יידישע פֿאָלק איז פֿאַרטריבן געוואָרן אין גלות אַרײַן. וואָס־זשע וואַרט די יידן פֿון דאָזיקן שטעטל דערפֿאַר, ווײַל זיי האָבן נישט באַוויזן אָפּצוהיטן דאָס אײנע פֿאַרבלאָנדזשעטע שעפֿעלע?

זינד איז ווי אַ מגפֿה, זינד האָט טויזנט געשמאַקן פֿון זיסע יצר־הרעס און קיינער קאָן נישט וויסן, וואָס עס טוט זיך אין די הערצער פֿון יונגע און כּשרע יידישע טעכטער, ווען זיי טראַכטן וועגן דער משומדת.

דעם גלחס שנור, מאַריע, האָט זיך אַרומגעדרייט אין די גרויסע צימערן פֿון דער רוסישער פּלעבאַניע און זי האָט געקאָנט האָבן אַ פֿאַרגעניגן פֿון דעם דאָזיקן האַס, וואָס זי האָט צו זיך דערוועקט. און עס איז איר געווען זייער שווער אויפֿן האַרץ, ווײַל זי איז געווען אײנזאַם און אַליין אַנטקעגן דער גאַנצער וועלט. אין קיינעם האָט זי נישט געהאַט קיין אָנלעגן און קיינער האָט פֿאַר איר נישט געהאַט קיין טרייסט.

קאַפּיטל 2

צו כּל־נדרי זענען געקומען אַלע יידן, אפֿילו אַזעלכע אפּיקורסים ווי דער אַפּטייקער מאָריין אַמלאַס און דער אינזשיניער אַדאָלף גאָלד — ביידע האָבן זיי אַ גאַנץ יאָר געפֿרעסן חזיר, אין מיטן העלן טאָג פֿלעגן זיי אַרײַנגיין צום קאָלבאַסניק יאַן פּאַטאַלאָוויטש און דאָרט פֿלעגן זיי קויפֿן דעם געשמאַקן דבר־אחר.

אָבער ערבֿ דעם יום־הדין פֿלעגן זיי קומען גלײַך מיט אַלע יידן, אויס־

געסטראָיעט אין די ווינער דענטע־קאַפּעליושן און אין טונקעלע דרייפערטלדיקע סורדוטן. אפילו דער דאָקטער לאָרבערקראַנץ איז געקומען צו כל־נדרי, דער זעלבער דאָקטער, וואָס זיין דינסט האָט פון אים געהאַט אַ ממזר און די גאַנצע שטאָט האָט עס נישט געקאָנט פאַרשטיין, ווי אַזוי דאָס איז געווען מעגלעך, ווייל די שיקסע איז גאָר קיין שיקסע נישט געווען, אַן אַלטע מיאוסע נקבה איז זי געווען, וואָס מען האָט צו איר געדאַרפט האָבן אַ מעשענעם יצר־הרע.

אויף דעם ריכטער לאַכמאַן פלעגט מען זען אין בית־המדרש צו כל־נדרי, און ווער איז געווען לאַכמאַן, דאַרף איר אייך נישט דערציילן, לאַכמאַנען האָט די גאַנצע וועלט געקענט: אַ לעגיאָניסט, פילסודסקיס אַ מענטש, און זינט ער איז געוואָרן ריכטער, איז אַ ווילדער פחד באַפאַלן אַלע יידן אין פּאָוויאַט. ווי צו דעם ייד, וואָס לאַכמאַן האָט אים געמשפּט, פאַר אַ יידן האָט ער שטענדיק געהאַט דעם העכסטן פּסק. און האָט זיך וועגן אַ ייד פּראָצעסירט מיט אַ קריסט, איז ביי לאַכמאַנען שטענדיק דער קריסט געווען גערעכט.

נאָר אַז ס'איז געקומען דער הייליקער יום־כיפּורדיקער אָוונט, פלעגט זיך דאָס יידישע האַרץ אָפּרופן ביי דעם דאָזיקן ריכטער לאַכמאַן און ער פלעגט קומען און זיך אַוועקזעצן צוזאַמען מיט זיינע קאָלעגן. מיט די באַרימטע שבת־גוים. אויבנאָן פלעגן זיי זיצן, ביי דער מזרח־וואַנט, מיט די ראַזירטע מאָרדעס געוואָנדן צום עולם.

און נעבן זיי, נאָר עטוואָס נעענטער צום ארון־קודש, איז געווען דאָס אָרט פון די אמתדיקע בכבודיקע און פרומע יידן און תלמידי חכמים. דער שטאָטישער רב פלעגט דאָרט זיצן, רב מאירל דיין, און לעבן אים האָט געהאַט זיין שטאָט דער באַרימטער למדן ר' אליעזר מאַנדלבוים, וואָס האָט געהאַט אַ שטימע אַ הילכיקע, ווי להבדיל אַ בופלאָקס. ביי דער לינקער האַנט פון רב איז געזעסן דער געלער רופא ר' אריה יאָדלאָווקער, אַ ווילער ייד מיט אַ ברייטער באָרד ווי אַ רייז־בעזים. איין איינציקן גרויסן שונא האָט רב אריה געהאַט אין שטעטל און דער דאָזיקער שונא איז געווען דער דערמאָנטער דאָקטער לאָרבערקראַנץ, אַ זייער געבילדעטער דאָקטער, וואָס האָט אַמאָל שטודירט אין בערלין און ביז היינט האָט ער נישט אויפגעהערט צו רעדן דייטש מיט זיין פרוי און מיט זיין קלוג הינטל, וואָס ער פלעגט מיט אים יעדן טאָג גיין שפּאַצירן.

דער דאָזיקער לאָרבערקראַנץ און זיינע גוטע פריינד אין די ווינער דענטע־קאַפּעלושלעך און אין די שניי־ווייסע שטייפע קראַגנס זענען גע־

זעסן שווייגנדיק. און נישט קיין חידוש, וואָס זיי זענען געווען בייז און האָבן יעדע ווילע געקוקט אויף די טאַשן-זייגערס: זיי האָבן פאַר זיך געזען אַ פינצטערן פאַנאַטישן עולם, ווילדע צעהיצטע פנימער און צעיאַכמעטע אין התלהבות. דער באַגייסטערטער פרומער עולם האָט געשריגן, ווי ער וואָלט זיך איינגעשפאַרט אויפצוועקן דעם בורא עולם פון זיין אייביקן טיפן שלאָף.

דער פראָוויזאָר מאָריץ אַטלאַס האָט צוגעטראָגן צו דער לאַנגער נאָז אַ טיכעלע, וואָס איז געווען פייכט פון אַ פיינעם פאַריזער פאַרפום. די לופט איז דאָ באמת נישט געווען די בעסטע, דער אַפטייקער האָט נישט פאַרטראָגן דעם גערוך פון שמעק-טאַבאַק און פון מענטשלעכן שווייס.

אין דער דאָזיקער געדיכטער ענגשאַפט האָט יעדער איינציקער מענטש געהאַט זיין אָרט, וואָס איז איבערגעגאַנגען בירושה פון איין דור צום צווייטן, פון פאָטער צו זון, און טיילמאָל פלעגט טרעפן, אַז אויף איין „שטאָט“ אין בית-המדרש זענען געווען צוויי יורשים, צוויי ברידער אָדער צוויי שוואָגערס.

ביי דער טיר און אויך אין טונקעלן קאָרידאָר אויף לאַנגע בענק זענען געזעסן די שטאָטישע אָרעמעלייט און עם-הארצים, טרעגערס און פורמאַנעס מיט שוואַרצע אויסגעהאָרעוועטע ידים, טונקעלע ווי די סוף-חודשדיקע נאַכט, קיין אות עברי האָבן זיי נישט געקענט. נעבן זיי זענען געזעסן עטלעכע דאָרפס-יידן און אינמיטן בראש פון זיי איז געווען הערשל פון פלאָוויץ מיט אַ צעשויבערטער באָרד און מיט אַ ווילדן בליק פון זיינע לויטערע בלויע אויגן. די דאָזיקע דאָרפישע יידן, יידישע פויערים, האָבן זיך דאָ געפילט נישט ווי ביי זיך אין דער היים. פרעמד זענען זיי דאָ געווען, כאָטש צווישן אייגענע — נישט זיי האָבן ליב געהאַט דעם שטאָטישן עולם, נישט דער שטאָטישער עולם זיי.

אביסל ווייטער, דאָס הייסט אַביסל נעענטער צום באַלעמער, נעענטער צום רבונו-של-עולם, זענען געזעסן די שניידערס און די שוסטערס, סטאָליאַרעס און רימערס. אויך זיי, די באַלמעלאָכעס, זענען נישט געווען צו הויך געשעצט, אָבער פונקט ווי אַנדערע מיחוסים האָבן געקוקט מיט גאווה אויף זיי, אַזוי האָבן זיי געקוקט אויף די וואַסערטרעגערס און סתם קבצנים, וואָס האָבן געלעבט פון אַן אויסגעשטרעקטער האַנט.

און נאָך נעענטער צו גאָט זענען געזעסן סוחרים און מעקלערס, קצבים און סוביעקטן, און סתם באַלעבאַטים און לייִדיקגייערס, וואָס האָבן

געוויינלעך גאָרנישט געטאָן, און דאָך האָבן זיי געלעבט פון זייערע לופטגעשעפטן און פון גאָטס נסים.

ערשט אויבנאָן, אויף די סאַמע בכבודיקסטע ערטער, זענען געזעסן די רייכע סוחרים, הורטאָווניקעס, כאַשטערס, תלמידי חכמים, רבנישע אייניקלעך און סתם ווילע יידן, וואָס גאָט האָט זיי באַגליקט מיט חכמה און מיט יחוס, מיט געלד און מיט מזל.

אינדרויסן, ביים אַריינגאַנג איז געשטאַנען אין דער פאַרנאַכטיקער דעמערונג דער גרויער הדרת־פּנימדיקער יענקל שמש, אַ ייד מיט אַן אויסזען פון אַ גביא אָדער פון אברהם אבינו, אַרומגעוויקלט אין לאַנגן וואָלענעם טלית מיט דער זילבערנער עטרה. ער האָט געקוקט אין הימל אַריין, געזוכט די אויפגייענדיקע שטערנס, צו קאָנען אָנהייבן זאָגן כל־נדרי. אַביסל איז ער געווען אומרואיק — דער פאַרנאַכט איז געוואָרן אַלץ טונקעלער און געדיכטער, און דעם רב האָט מען נאָך נישט געזען. מיט אַ שעה צוריק איז ער געגאַנגען אין בית־מרחץ אַריין און איז נאָך נישט צוריקגעקומען, און דער אַלטער שמש האָט מורא, ס'זאָל חלילה עפּעס נישט געשען דעם יונגן רבין זיינעם, און ער האָט חרטה, וואָס ער האָט אים נישט באַגלייט — ערב יום־הקדוש האָט ער נישט געדאַרפט לאָזן דעם רב אַליין. און געשען איז דאָס דערפאַר, ווייל רב מאירל איז אַ גוטער, רב מאירל פאַרלאַנגט נישט, דער שמש זאָל אים באַגלייטן, ער ווייסט, אַז דער שמש איז אַן אַלטער ייד מיט געשוואָלענע פיס, וואָס פאַרמאָגן שוין נישט קיין סך כוח אַרומצוקלעטערן.

דער אַלטער יענקל שמש האָט ליב דעם שטאָטישן רב, וועלכער איז פון אים יונגער מיט אַ יאָר פערציק און וואָלט געקאָנט זיין זיין זון. מעגלעך, אַז דער זקן האָט טאַקע וועגן אַזאַ אָט זון געחלומט, מעגלעך, אַז אַזוי האָט ער זיך אין המיון פאָרגעשטעלט זיין קינד, דעם קדיש זייַנעם, ווען גאָט זאָל אים געווען נישט אָפּזאָגן די דאָזיקע פרייד.

ר' מאירל איז געווען אַ הויכער און כמעט דאַרער יונגערמאַן, אַ ליבטיק פּנים האָט ער געהאַט, אַ פּנים פון אַ גוטן מלאך, און די הויט אויף זיין געזיכט איז געווען ליטער און איידל ווי ביי אַ יונג מיידל. אַ גוטער איז ער געווען און אַן איידעלער מענטש און דאָך איז ער נישט ביי אַלע היגע יידן געווען באַליבט און אָנערקענט.

געשטאַמט האָט ער נישט פון שטעטל, ער איז געווען אַ צוגעקומענער. די היגע רבנים זענען אויסגעשטאָרבן — דער לעצטער פון זיי איז געווען רב דן, אַ מענטש מיט אַן אייזערנעם ווילן, אַ שטרענגער און אומ=

ברחמנותדיקער. מען האָט וועגן אים דערציילט גרויזאַמע זאַכן — און ר׳ יענקל שמש וואָלט מסתמא אַ סך געקאָנט וועגן דעם דאָזיקן רב זאָגן, ווייל ער האָט אים צומבעסטן געקענט, אָבער דווקא ער האָט געשוויגן. מען האָט דערציילט, וויאַזוי ר׳ דן פלעגט זיך הייסן דעם שמש שלאָגן מלקות מיט אַ דיקן קאַנטשוק אָדער מיט אַ געווינלעכער בייטש, וויאַזוי ער פלעגט תשובה טאָן און ליגן ווי אַ הונט אַ גאַנצע נאַכט אויף דער האַרטער שטיינערנער פאָדלאָגע פון פאָליש. אַזאַ פאַנאַטיקער איז ער געווען.

דרייצן יאָר איז שוין פאַרביי זינט ר׳ דן איז נפטר געוואָרן, און יעדער ייד אין שטעטל האָט נאָך געדענקט יעדעם איינציקע וואָרט, מיט וועלכן ער פלעגט מוסרן דעם זינדיקן עולם, ווייל זיין יעדעם וואָרט איז געווען אכזריותדיק, יעדעם וואָרט האָט געברית ווי פייער. פאַר יעדן איינציקן מענטש האָט ער געהאַט אַנדערע שטראָף-ווערטער, ווייל ער איז געווען קלוג, האָט אַריינגעקוקט אין יעדערנס נשמה און געלייענט פון מענטשלעכע הערצער אַזוי ווי מען לייענט פון אַן אָפן ספר. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז יעדער באַזונדערער ייד האָט זיך זיין שוואַך אָרט, וו מען קאָן אָנגרייפן עם זאָל גוט ווי טאָן. אַזאַ מורה-דרך איז ער געווען.

מען דאַרף אָבער אָפּגעבן גערעכטיקייט דעם אָנדענק זייַנעם, אָפּגעשיידט זאָל ער זיין און אַ מליץ-יושר זאָל ער זיין פאַר כל-ישראל: ער איז געווען אַ מענטש, וועלכער האָט פיינט געהאַט רייכקייט און איז ווייט געווען פון שטאָלצקייט און פון גרויסע כיבודים. באַשיידן איז ער געווען, שטרענג פאַר אַנדערע און שטרענג פאַר זיך אַליין. און שטענדיק האָט ער זיך באַמיט צו איבערצייגן דאָס פאָלק זיינס, אַז נישט ווילטאָג מאַכט איידל דעם מענטש, נאָר אָרעמקייט, און נישט פרייד, נאָר יסורים, און אַז נישט דער גוף איז וויכטיק, נאָר די נשמה — און אפילו נישט דער ליידנדיקער גוף און נישט דער קראַנקער אָדער הונגעריקער גוף, נאָר די נשמה, וועלכע איז אויסגעבאָרגט ביי גאָט און וועלכע איז גאָטס שפּיגעלע.

זיין נאָמען איז געווען אַרומגערינגלט מיט פחד, זיין נאָמען האָט געווירקט ווי אַ דונער.

רב מאירל איז געווען אויס אַן אַנדער ליים געקנאָטן. ער האָט געשטאַמט פון אַ באַשיידענער משפחה פון דאָרפישע אַרענדאַרן און קרעטשמערס און עס האָט לאַנג געדויערט ביז די שטאָט האָט אים מוחל געווען זיין עם-האַרצישע אָפּשטאַמונג. אָבער נישט נאָר וועגן זיין אָפּ-

שטאַמונג איז עס געגאַנגען: דער נייער רב איז געווען יונג און מיט קיין שום זאַך איז ער נישט געווען ענלעך צו דעם פאַרשטאָרבענעם רב דן. דער שורש פון די דאָזיקע אונטערשידן האָט אפשר געשטעקט אין דער פאַרשידנקייט פון צוויי דורות — און אפשר איז עס געווען אַ פאַרשידנ־קייט פון צוויי טבעס. איינער האָט געשטאַמט פון לאַנגע דורות רבנים און חסידים, דער צווייטער האָט געהאַט הינטער זיך עטלעכע דורות דאָרפישע ייִדן, וואָס האָבן געאַקערט, געזייעט און פאַרקויפט בראָנפן. דער שטאָטישער פאַנאַטיזם איז זיי געווען פרעמד און ווייט, שטענדיק זענען זיי, די דאָזיקע דאָרפסלייט, נעענטער געווען צום לעבן, ווי צו גאָט, נעענטער צו דער ערד, ווי צום הימל.

אין דעריבער נישט קיין חידוש, וואָס ר׳ מאירל איז שטענדיק גע־ווען פול מיט רחמנות — רחמנות איז געווען זיין באַרוף און זיין גלויבן, צוערשט רחמנות און ערשט שפּעטער פרומקייט. זיין האַרץ איז שטענ־דיק געווען אָפן פאַר לייהנדיקע און זינדיקע, פאַר יעדן איינציקן, וואָס האָט געבלאָנדזשעט און געניטיקט זיך אין אַ פריינדלעכער האַנט, פאַר יעדן, וואָס האָט זיך געניטיקט אין מחילה, און פאַר יעדן, וואָס האָט געוואַרט אויף הילף. אַלטע ייִדן מיט גרויע בערד האָבן קרום געקוקט אויף אַזאַ מין רבנישער פרומקייט. פאַר ר׳ מאירלען האָט מען נישט מורא געהאַט. און אַז מען האָט פאַר וועמען נישט קיין מורא, טרעפט אויך אָפט, אַז מען פאַרלירט פאַר אים דעם דרך־ארץ. און אפילו מענטשן פּראָסטע און אָרעמע, אין וועלכע ער האָט זיך געריכט צו געפינען פריינד און אָנהענגער, אויך זיי האָבן אים אַנטוישט, אויך זיי האָבן אים אָפּגע־זאָגט אָנערקענונג און אָנשפּאַר. ווייל אין דעם דאָזיקן שטעטל האָט נישט דאָס גוטע האַרץ געקאָנט ווען דרך־ארץ, נאָר כּוח, און קיין כּוח האָט רב מאירל נישט געהאַט.

מען פלעגט אויסלאַכן זיינע דין־תּורהס — זיין גערעכטיקייט איז גאָר קיין גערעכטיקייט נישט געווען: שטענדיק האָט ער צוגעגעבן רעכט דעם אָרעמאַן, דער אָרעמער צד פלעגט שטענדיק ביי אים געווינען, אפילו דעמלט, ווען לויטן דין איז גערעכט געווען דער רייכער, און דאָס האָט נישט געקאָנט געפעלן — גערעכטיקייט איז פאַראַן רק איינע, סיי פאַר רייכע, סיי פאַר אָרעמע.

ווען דאָס שטעטל איז געוואָרער געוואָרן, אַז יוכבד איז אַנטלאָפן אין רוסישן קלויסטער אַריין, איז ר׳ אליעזר מאַנדלבוים געקומען צום רב מיטן אומגליקלעכן קברן און האָט געזאָגט:

— רבי, אַ צווייג, וועלכע ווערט אָפּגעטרוקנט, דאַרף מען אָפּהאַקן פון שטאַם. אַ צווייג, וועלכע פוילט, מוז מען אָפּהאַקן פון בוים. זאָל דער דאָזיקער מענטש אָפּזאָגן קדיש און זאָל דער נאָמען פון זיין טאָכטער אויסגעמעקט ווערן פון ישראל און זיין פאַרשאָלטן אויף אייביק.

דער קברן איז געשטאַנען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און ער האָט גאָרנישט געזען פאַר זיך, זיינע אויגן זענען געווען פול מיט טרערן. מיט ציטערנדיקע ליפּן האָט ער אָנגעהויבן צו פליסטערן „יתגדל ויתקדש" און ר' אליעזר מאַנדלבוים האָט אַרויסגענומען פון דער קעשענע אַ מעסערל מיט אַ הילצערן הענטל און האָט זיך דערנענטערט צום אומגליקלעכן אַלטן מענטש, בכדי צו שניידן קריעה, אַזוי ווי עס פלעגט זיך תמיד פירן, ווען ס'איז ווער געשטאָרבן אין אַ יידישער משפחה. אָבער דעמלט האָט זיך פּלוצים ר' מאירל אויפגעכאַפּט פון זיין שטול און צוגעפאַלן צו מאַנדלבוימס האַנט.

— רב אליעזר! — האָט ער אויסגעשריגן, און זיין בלאַס געזיכט איז עטוואָס רויטער געוואָרן פון אויפרעגונג — רב אליעזר! איך זענט אַ ייד אַ למדן און איך בייג דעם קאָפּ פאַר אייער חכמה און פאַר אייער דעת, אָבער ווי לאַנג איך בין דאָ אין דעם דאָזיקן שטעטל, ווערט מען דאָ קיינעם נישט באַגראָבן לעבעדיקערהייט. די קראַנקע צווייג איז נאָך נישט אָפּגעשטאָרבן, אַלץ, וואָס לעבט, האָט די האָפענונג געזונט צו ווערן, מען טאָר נישט וואַרפן קיין שטיינער אויף דעם געפאַלענעם, די וועלט דאַרף רחמנות, רחמנות פאַר פאַרפירטע און פאַר בלאָנדזשענדיקע.

און ר' מאירל האָט אַרומגענומען דעם קברן און צוגעדריקט אים צום האַרץ, פונקט ווי זיי וואָלטן געווען גלייכע גוטע פריינד, און האָט געזאָגט:

— גיי און וואַרט. ס'וועט קומען דער טאָג און דיין האַרץ וועט זיך דערוואַרטן אַ טרייסט, אפשר וועט דיין קינד זיך אומקערן אין דער אייגענער נעסט אַריין, פאַרמאַך נישט די טויערן פון האַרץ פאַר דעם אייגענעם בלוט דיינעם.

— רבי — האָט געענטפערט דער אומגליקלעכער פאָטער — איך האָב שוין נישט קיין קינד, איך האָב שוין נישט קיין טאָכטער און איך וויל נישט זי זאָל צו מיר צוריקקומען. איך בין אַליין. די גאַנצע וועלט איז פאַר מיר נישט מער ווי אַ גרויסער בית־עולם. רבי, איך וויל זאָגן קדיש.

— אַזוי זאָלסטו טאָקע טאָן — האָט מאַנדלבוים צוגעגעבן מיט

כעס און פרומקייט. און ר׳ מאירל האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, ווייל ער האָט פאַרשטאַנען, אַז אפילו דאָ האָט ער פאַרשפּילט.

— ר׳ אליעזר — האָט שטיל געזאָגט דער רב — הלוואי זאָלט איר קיינמאָל נישט באַדויערן די דאָזיקע שטרענגע ווערטער. איר האָט אויך אַ טאָכטער און איר האָט אויך אַ זון, אויך פאַר זיי שטייען אָפן אַלע גוטע וועגן און אויך אַלע וועגן, אויף וועלכע עס הערשט דער יצר־הרע.

— רבי! — האָט זיך דערפילט באַליידיקט דער אַלטער שטרענגער מאַנדלבוים — וואָס זענט איר אויסן מיט די דאָזיקע ווערטער, רבי? מיינע קינדער זענען אָפּגעהיטן ווי דאָס אַפּל פון אויג!

— גייט בשלום — האָט פאַרענדיקט דעם שמועס דער רב — אייערע הערצער זענען האַרט ווי שטיינער און שאַרף ווי מעסערס.

דער קרבן איז אַוועק אַ נישט איבערצייגטער. צו יונג איז ער געווען, דער דאָזיקער רב, בכדי צו קאָנען טרייסטן אין אַזאַ אומגליק.

וועגן דעם און וועגן פיל אַנדערע זאַכן, פאַרבונדענע מיטן שטעטל און מיט דעם שטאָטישן רב, האָט געטראַכט רב יענקל שמש אין יענעם פאַרנאַכט פאַר כל־נדרי, ווען פון דעם ייִדישן געסל איז פלוצים אָנגעקומען צו לויפן דער קרומער יוסל, דער בעדער. די פּאָלעס פון כאַלאַט זענען בײַ אים געפלויגן אויפן ווינט ווי צוויי שוואַרצע טריבע פליגל. ער איז געלאָפן און האָט געפאָכעט מיט די קראַנקע פאַרקרומטע הענט און עפּעס האָט ער געשריגן, און געוויינט האָט ער, עס איז שווער געווען צו פאַרשטיין זיינע ווערטער, און ר׳ יענקל איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט אים יאָ פאַרשטאַנען, און נאָך איידער עס האָט צו אים דער־גרייכט די שרעקלעכע בשורה, האָט ער דאָס אומגליק דערפילט מיט זיין אַלט און פילבאַר האַרץ. אים האָט דאָס אומגליק צום טיפסטן גע־טראָפן. און דאָך האָט ער עס נישט געוויזן אויף זיין אַלט פאַרקנייטשט גע־זיכט, ער האָט זיך באַהערשט און האָט אויסגעזען כמעט רואיק, ער איז פּאַוואָליע אַריין אין בית־המדרש, און דער עולם האָט אים געמאַכט אַ דורכגאַנג, דער עולם האָט זיך פאַר אים פאַנאַנדערגערוקט אין ביידע זייטן. און אַ שטילקייט האָט זיך געשפּרייט פאַר אים ביז ער איז צוגע־קומען צום ארון־קודש, וואָס איז געווען איינגעמויערט אין דער מזרח־דיקער וואַנט, ער האָט אַוועקגערוקט דאָס פּרוכת און געעפנט דאָס טירל מיט די אויסגעמאָלענע לייבן און שרפים. שטיל איז געווען אין גאַנצן מקום קודש, נאָר ביי דער טיר, דאָרט, וווּ עס זענען געזעסן די באַלמע־לאָכעס און שנאָרערס, דאָרט האָט זיך געהערט דער שווערער הוסט פון

סענדער ליפּמאַן, וועלכער האָט געקרענקט אויף אַן אַפּצערונג און גע־שפּיגן מיט בלוט.

און כאָטש קיינער האָט איצט קיין הויך וואָרט נישט געזאָגט, ווייל אפילו די שטימע פון קרומען יאָסל איז אויך ערגעץ נעלם געוואָרן, מעג־לעך אַז דער בעדער איז צוריקגעלאָפן אין באָד אַריין צוזאַמען מיט די לייט פון חברה־קדישא — האָט דאָך די פינצטערע ידיעה שטילערהייט דערגרייכט צו יעדן איינציקן ייד און אַלע בליקן האָבן זיך איצט געוואָנדן צום ערשטן תלמיד־חכם אין שטעטל, צו ר׳ אליעזר מאַנדלבוים, וועל־כער האָט זיך אויפגעהויבן פון אָרט און צוגעגאַנגען צום אָפענעם טירל פון ארון־קודש, צוגעטראָגן צום מויל דעם ברעג פון סאַמעטענעם פּרוכת — און באַלד האָט זיך דערהערט זיין שטימע: וואָרט ביי וואָרט האָט ער אָנגעהויבן צו זאָגן קדיש, קדיש נאָך דעם פּלוצלינג פאַרשטאָר־בענעם ר׳ מאירל בן אפרים, וועלכער איז אַוועק אין זיין אייביקער רו ערב יום־כּיפּור פאַרנאַכט, אין יענער שעה פאַר כּל־נדרי, ווען עס שטאַרבן בלויז גערעכטע און גוטע, אַזעלכע, וואָס דער מלאך־המות האָט צו זיי נישט קיין צוטריט אַ גאַנץ יאָר.

פון דעם גאָרנדל, וווּ עס האָבן געדאַוונט די ווייבער, האָט זיך דער־הערט אַ געוויין פון דער אלמנה — עס האָט זיך געדאַכט, אַז איר געשריי שוועבט אַרום אונטער דעם פאַרשוואַרצטן באַלקן פון בית־מדרש. עמעץ האָט געשריגן מען זאָל ברענגען אַ דאָקטער, עמעץ האָט געשריגן מען זאָל עפענען די פענצטער, מען האָט פאַרלאַנגט וואַסער, אָבער קיינעם איז נישט איינגעפאַלן צו ברענגען דאָס ביסל וואַסער פאַר דער פאַר־חלשטער יונגער פרוי, פאַר דער יונגער רביצין, וואָס איז אַזוי פּריצייטיק געוואָרן פאַראייניזאַמט.

ר׳ אליעזר מאַנדלבוים האָט פאַרענדיקט דעם קדיש און האָט איצט מיט אַ זינגענדיקער שטימע, מיט אַ דערהויבענער שטימע, געזאָגט „אל מלא רחמים“ און זיינע ווערטער האָבן געקלונגען ווי אַן אורטייל פון דעם בית־דין של מעלה. אַלע יידן, יונג און אַלט, האָבן איצט געבויגן די קעפּ פאַר דעם פוסטן אָרט ביי דער מזרחדיקער וואַנט. זיי האָבן געוויינט און געטראַכט וועגן דער נישטיקייט פון מענטשלעכן גורל און וועגן דער נישטיקייט פון מענטשלעכן לעבן. זיי האָבן זיך דערמאָנט די אייגענע מעשים לגבי דעם פאַרשטאָרבענעם רב און האָבן געפילט אַ האַרציקע חרטה.

אין פיל הערצער און אין פיל געדאַנקען האָבן אויפגעלעבט די ווער־טער פון פאַרשטאָרבענעם: „באַשולדיקן איז נישט קיין קונץ, באַשולדיקן קאָן יעדער איינער, אָבער די וועלט גייטיקט זיך נישט אין באַשולדיקער, די וועלט נייטיקט זיך נישט אין קיין קטיגורים, די וועלט דאַרף רחמים און ליבשאַפט, די וועלט דאַרף מליצי־יושר“...

קאַפּיטל 3

עס זענען פאַרביי די האַרבסטיקע ימים־טובים, די טעג פון טרויער און פון תשובה טאָן. די אלמנה נאָך דעם פאַרשטאָרבענעם רב איז אַוועק צו איר עלטערן קיין פּאָדאָליע, און דאָ האָט מען גענומען פאַרגעסן וועגן דעם אומגליק, וואָס האָט פּאַסירט. געקומען איז ווידער די גרויע וואָכעדיקייט.

דער האַרבסט איז היי־יאָר געווען אַ נעפּלדיקער און קילער, אַ רעגנ־דיקער. זעקס טעג אין דער וואָך איז דער מאַרק־פּלאַץ געשטאַנען אַן אומעטיקער און אומבאַוועגלעכער, אַרומגעהילט אין רעגן ווי אין אַ שמו־ציקן שלייער. בלויז איין מאָל אין דער וואָך, יעדן מיטוואָך, נישט גע־קוקט אויף דעם וועטער — ס׳האָט געקאָנט דונערן און בליצן, ס׳האָט גע־מעגט זיין דער גרעסטער מבול — פלעגן די באַלמעלאָכעס אַרומרינגלען דעם רינג־פּלאַץ מיט זייערע שטענדערס און סטראַגאַנעס — די יוכטענע שטיוול און די צייגענע הויזן האָבן זיך געוויגט אויפן ווינט און גערייצט דאָס פּויערישע אויג.

פּויערים זענען געקומען פון די אַרומיקע דערפער צופוסנס און אויף וועגענער. אויף יעדן וואָגן זענען געווען פאַרשידענע זאַכן, וואָס די פּויערים האָבן געבראַכט צום פאַרקויפן: ערדענע טעפּ און שיסלען, לעפל הילצערנע, וואָס מען האָט צו זיי געדאַרפט האָבן אַ מויל ווי אַן עמער; און איצט די פּרי־הארץ — קאַרטאָפל און קרויט, ציבעלעס און קנאָבל און פּרוכטן זיסע און שמעקעוודיקע, עפּל גאָלדענע, וואָס די זון אַליין האָט זיי באַשאָנקען מיט די איידלסטע קאָלירן, באַרנעס מיטן טעם פון האָניק, פלוימען געשמאַקע ווי וואַרעניעס.

אויף דעם בלאָטיקן פּלאַץ לעבן דעם טייך האָט מען צוזאַמענגע־טריבן בהמות, דאָס הירזשען פון פערד האָט זיך צוזאַמענגעמישט מיט דעם אויסטערלישן געשריי פון די חזירים און מיט דעם רעווען פון קו — און אַרום די פּירפּיסיקע באַשעפענישן זענען אַרומגעשפּרונגען און האָבן

אַרומגעטאַנצט זייערע באַלעבאַטים, מענטשן האָבן געשריגן ווי בשעת אַ שׂרפֿה, די סוחרים און די פּויערים, די קויפֿנדיקע און פֿאַרקויפֿנדיקע, און מער פֿון אַלע האָבן געשריגן די מעקלערס, וואָס האָבן טאַקע נישט געהאַט וואָס צו פֿאַרלירן, אָבער אָן וועלכע עס האָט דאָ נישט געקאָנט קומען צו קיין שום געשעפֿט.

אין די געסלעך האָבן זיך אַרומגעשאַרט און אַרומגעשלעפּט אָפּגע־ריסענע ציגיינער און זיך באַמיט צו פֿאַרקויפֿן וועך אַ קופּערנע פֿאַטעל־ניע און וועך אַן אייזערנעם שוואַרצן טאָפּ. אַלטע ציגיינעריכעס מיט קליינע קינדער אויף די הענט האָבן מיט עקשנות פֿאַרגעלייגט זייערע שטערנזעערישע קענטעניש און פֿאַר איין גראָשן זענען זיי גרייט געווען פֿאַרויסצוזאָגן די גאַנצע צוקונפֿט פֿון מענטש.

אַ צענדליק פֿירלעך איז געשטאַנען אין דער טיפֿער בלאָטע לעבן דעם מאַגאַזין פֿון רויטן משה, וועלכער האָט צוזאַמענגעקויפֿט די גאַנ־צע תּבֿואה פֿון פֿאָוויאַט. און דערנעבן, אין דער אַכסניה פֿון הערשעלע רב עליעס אייניקלעך, איז געווען וואַרעם ווי אין גן־עדן. די לופֿט איז דאָ געווען אַ טונקעלע און געדיכטע פֿונעם רויך פֿון די ליולקעס און פֿון דעם פּויערישן שווייס, און אַ מין זויערקייט האָט זיך געפֿילט פֿון דעם געטרונקענעם ביר.

אין אַ מאַרק־טאָג איז דאָס בית־מדרש געשטאַנען ליידיק. אַפֿילו די שנאָרערס האָבן זיך נישט דערלויבט צו איבערפֿירן דעם דאָזיקן טאָג אין מקום־קודש. אויך זיי זענען געווען רירעוודיק יעדן מיטוואָך, אומע־טום זענען זיי געווען פֿול, דער מאַרק־טאָג איז אויך געווען זייער טאָג, זיי האָבן גוט געקענט זייער באַשעפֿטיקונג און זיי האָבן געוווּסט, אַז ביים קלאַנג פֿון פֿאַרדינטן גראָשן ווערן די מענטשלעכע הערצער ווייך ווי פּוטער.

זענען אין בית־מדרש געזעסן בלויז עטלעכע בטלנים, יידן, וואָס דאָס וואָרט „פּרנסה“ האָט פֿאַר זיי נישט געהאַט קיין איבעריק גרויסע באַ־דייטונג, און דאָס וואָרט „געלט“ איז פֿאַר זיי געווען נישט מער ווי אַ פּוס־טער קלאַנג, כאָטש, פֿאַרשטייט זיך, זיי זענען געווען נישט קיין גרויסע נגידים.

דער אַלטער יענקל שמש האָט אַריינגעקוקט אין אַ ספֿר אָדער גע־מורמלט אַ קאַפּיטל תּהילים און געטראַכט האָט ער דערביי, אַז אַמאָל, מיט יאָרן צוריק, איז ער געווען פֿרום מיט אַ גאָר אַנדערער פֿרומקייט ווי היינט, אָבער מיט דער צייט האָט זיך די דאָזיקע פֿרומקייט אויסגע־

ברענט אַזוי, ווי עס ברענט זיך אויס דער בוימל אין אַ חנוכּה־לעמפּל. די פֿרומקייט איז אין אים געוואָרן נישט מער ווי אַ טבֿע, נישט מער ווי אַ געוווינהייט; איינמאָל אין אַ שלאָפֿלאָזער נאַכט האָט ער אויסגערעכנט וויפֿל מאָל אין זיין לאַנגן לעבן ער האָט געלערנט גאַנץ ש״ס, וויפֿל מאָל ער האָט געדאַוונט שחרית און וויפֿל מאָל מנחה־מעריבֿ. וויפֿל מאָל ער האָט געמאַכט אַ ברכה פֿאַר דעם עסן און וויפֿל מאָל ער האָט געבענטשט נאָך דער סעודה. און ער האָט זיך דערשראָקן פֿאַר יענע גרויסע ציפֿערן, אין וועלכע עס איז פֿאַרמאַכט געוואָרן זיין לעבן, דאָס כּמעט נוצלאָזע לעבן פֿון אַ שמש. דערנאָך האָט ער זיך נאָך פֿיל מאָל אומגעקערט צו דעם דאָזיקן געדאַנק און צו דעם דאָזיקן חשבון און ער האָט געטראַכט, וויאַזוי עס פֿאַלט אויס דער זעלבער רעכענונג ביי אַנדערע מענטשן, ביי אַנדערע יידן, און וויאַזוי די זעלבע זאַך וואָלט אויסגעזען, צום ביי־שפּיל, ביי אַזאַ מאָטקע פּאָפּטשיק, וועלכער איז אַ שניידער און אַ טאַנ־דייטניק און קאָן אויפֿנייען דריי הונדערט פֿאָר ציינגענע הויזן יעדע וואָך. אַן אַנדערשמאָל האָט ער זיך גענומען פֿאַר אַ משל זיין אַמאָליקן פֿריינד שבתי קברן, וועלכער האָט באַוויזן צו באַגראָבן כּמעט אַ גאַנצן דור יידן פֿון דאָזיקן שטעטל און פֿון די אַרומיקע דערפֿער, און דערנאָך האָט ער זיך אויפֿגעהאָנגען אויף אַ טרוקענער צווייג פֿון אַ ווילדן עפּלבוים, און גאַנצע צוויי טעג איז ער געלעגן אין טהרה־שטיבל, ווייל עס האָט אים נישט געהאַט ווער צו ברענגען צו קבֿורה. איז וואָס פֿאַר אַ חשבון האָט ער געהאַט, אָפּגעשיידט זאָל ער זיין, דער דאָזיקער שבתי באַגרעבער?

ניין, יענקל שמש איז שוין לאַנג נישט געווען אַזוי פֿרום, ווי עס וואָלט געפּאַסט פֿאַר אים. ער איז שוין געווען צו אַלט און צו מיד, בכדי צו זוכן דעם פֿאַרלוירענעם זין פֿון דעם, וואָס אַרום אים איז פֿאָרגעקו־מען.

טיילמאָל פֿלעגט ער זיך פֿילן איינזאַם, ווי עס פֿילט זיך אַ מענטש בעת אַ געוויטער, ווען ער געפֿינט זיך אין אַ וויסטעניש, און דער ווינט פֿאַרשפּאַרט דעם אָטעם און עס איז נישטאָ קיין כּוח צו גיין פֿאָרויס, און עס איז אויך נישטאָ קיין כּוח צו גיין צוריק. אָפּט פֿלעגט ער אין זיך, אין דער טיפֿעניש פֿון די פֿאַרבאָרגענע געדאַנקען פֿילן אַ בייז געלעכטער, אַליין האָט זיך אים אין אַזעלכע מינוטן אויסגעוויזן נישטיק און זינלאָז.

ביים צווייטן טיש איז אין יענעם מיטוואָך געזעסן אין בית־מדרש דער שטאָטישער שדכן ר׳ ברוך, וואָס מען פֿלעגט אים רופֿן ברוך קאַ־טאָליק. פֿאַר דער מלחמה, נאָך אין די עסטרייכישע צייטן איז ברוך גע־

ווען אַ ייד ווי אַלע יידן, ער האָט געהאַנדלט מיט מילך און מיט פּוטער און מיט סמעטענע. געלעבט האָט נאָך דעמלט דער אַלטער רב, רב דן, און אויפן רבנישן טיש האָט זיך איינמאָל באַוויזן אַן אָסלקע פרישע שמעקעוודיקע פּוטער, וואָס די רביצין האָט געקויפט טאַקע ביי ר׳ ברוכן. די פּוטער איז געווען שיין צוגעגרייט און צוגעפּוצט לויט דעם קריסטלעכן סדר, מיט אַ סך קליינע צלמלעך און מיט איין גרעסערן צלם אין דער מיט. פאַרשטייט זיך, אַז נישט יידישע פרויען באַפּוצן די פּוטער מיט אַ צלם — ברוך האָט פאַרקויפט טריפענע פּוטער און האָט דאָס מאָל פאַרגעסן אויסצומעקן דעם גויישן סימן. אַזוי אַרום איז די גאַנצע וועלט געוויער געוואָרן, אַז איין ייד האָט טריפה געמאַכט אַ גאַנצע שטאָט. ר׳ דן האָט באַפוילן, אַז אַלע יידן זאָלן אָפּריכטן אַ תענית און ברוך דעם מילכיקער האָט מען געלייגט אין חרם אַריין. מיט דער קללה פון רב און מיט דעם צונאָמען „קאַטאָליק" איז ער ווי מיט אַ הויקער אויף דער פּלייצע אַרויס פון דער שטאָט און גאַנצע צוואַנציק יאָר האָט מען אים דאָ נישט געזען. מיט אַ בעטל־שטעקן אין דער האַנט האָט ער זיך אַרומגעוואַלגערט אויף דער וועלט, פון שטאָט צו שטאָט און אפשר אויך פון לאַנד צו לאַנד, און ערשט מיט אַ פּאָר יאָר צוריק, ווען ער איז געוויער געוואָרן, אַז דער שטרענגער רב דן איז געשטאָרבן, איז ער צוריקגעקומען אין שטעטל אַריין. איצט איז ער שוין געווען אַן אַלטער צעבראָכענער ייד, וואָס האָט איבערגעפירט גאַנצע צוואַנציק יאָר לעבן צוליב איין נאַרישער אָסלקע פּוטער מיט אַ קליין צלמל.

צוריקגעקומען פון דער וועלט, האָט ר׳ ברוך זיך גענומען זוכן אַ נייע פּרנסה, אַ יידישע, כשרע פּרנסה: שדכנות. ער האָט געקענט אַלע אַלטע מיידן און אַלע אַלטע בחורים פון קראָקע ביז טאַרנאָפּאָל און פון לעמבעריק ביז האָצעפּלאָץ. און אַזוי ווי עס איז באַקאַנט, אַז אפילו דער בורא עולם פאַרנעמט זיך מיט מזווג זיין זיווגים, האָט ר׳ ברוך מיטן גאַנצן כוח און מיט זיין גאַנצער חכמה צוגעהאָלפן דעם באַשעפער אין דער האַזיקער שווערער און נישט־דאַנקבאַרער אַרבעט. ער האָט צוזאַמענגעפּאָרט רייכע זקנים מיט אָרעמע יונגפרויען און אָרעמע חתנים מיט רייכע אַלטע כלות. ער האָט נישט געקאַרגט קיין מי, ער איז געפאָרן, ווו מען האָט געדאַרפט פאָרן, און איז געגאַנגען, ווו מען האָט געדאַרפט גיין, ער האָט געשריבן בריוו, געפירט אַ ברייטע קאָרעספּאָנדענץ מיט דער גאַנצער וועלט, ער האָט יונג געמאַכט דאָס, וואָס איז געווען אַלט, און רייך געמאַכט דאָס, וואָס איז געווען אָרעם, ער האָט צוגעזאָגט גאָלדענע

בערג פאַר אַלע צדדים, און די גאָלדענע בערג האָבן זיך שפּעטער אויס־געוויזן צו זיין בערג שווערע ווי בליי.

איצט איז ר' ברוך קאַטאָליק געזעסן ביים לאַנגן בית־מדרש־טיש און ער האָט געשריבן אַ בריוו. ער האָט געשריבן פּאַוואָליע, צוגעטראַכט און צוגעקליבן די ווערטער אַזוי, ווי מען קלויבט טייערע איידלשטיינער. ער האָט זיך געמאַטערט מיט די אייגענע געדאַנקען און וואָסאַמאָל צוגע־טראָגן צו דער צונג דעם שפּיץ פון בלייער. און געזיפצט האָט ער דער־ביי און פון צייט צו צייט געכאַפּט אַ בליק אויף ר' עליעזר מאַנדלבוים. שוין עטלעכע מאָל האָט ער געוואָלט עפּעס זאָגן צום ערשטן תלמיד־חכם אין שטעטל, כאַפּן אַ שמועס, אָבער עס האָט אים אויסגעפעלט מוט. ר' אליעזר מאַנדלבוים האָט זיך געמאַכט נישט זעענדיק — אפשר האָט ער באמת נישט געזען העם שרכן, אַזוי פאַרטאָן איז ער געווען אין די אייגענע געדאַנקען, און אפשר האָט ער אים נישט געוואָלט זען, עס איז געווען אַ קלענער כבוד צו רעדן מיט דעם דאָזיקן אַלטן מענטשן, אויף וועלכן עס האָט געשוועבט די חרפה פון חרם.

ר' אליעזר האָט אויפגעהויבן די שטימע נאָך העכער און האָט זיך מיטן גאַנצן ברען געגומען פאַנאַנדערוויקלען דעם שווערן ענין וועגן אַ ייִד, וועלכער גייט אויף אַ מלחמה קעגן זיין שונא און איז אים מנצח און הערזעט ביים שונא אַ פרוי, וואָס געפינט חן אין זיינע אויגן, דאָס הייסט אין דעם יידנס אויגן, און ער נעמט זי און געפאַנגענשאַפט און וויל מיט איר חתונה האָבן... רב אליעזר האָט זיך פאַרטראַכט און גענומען זוכן, צי עס זענען דאָ נישט פאַראַן וועלכע פאַרבאָרגענע סודות, ער זאָל זיי קאָנען אַנטפּלעקן פאַר דער וועלט מיט זיין מוח, וואָס איז געווען שאַרף ווי דעם שוחטס חלף. אָבער וועגן דער דאָזיקער געצנדינערין, וועלכע דער ייִד האָט גענומען אין געפאַנגענשאַפט, איז שוין אַליץ געזאָגט געוואָרן. איבעריקנס: יידן האָבן שוין לאַנג נישט געפירט קיין מלחמות, יידן האָבן שוין לאַנג נישט געזיגט און נישט גענומען קיין פרויען אין געפאַנגענ־שאַפט. איז אויב אַליץ איז שוין געזאָגט געוואָרן, האָט דער תלמיד־חכם מיט אימפעט צוגעמאַכט די גמרא, אַ ברייטן גענעץ געגעבן און, אונטער־שפּאַרנדיק דעם קאָפּ מיט ביידע פויסטן, גענומען טראַכטן וועגן די דרינ־גענדיקע און וויכטיקע ענינים פון שטעטל.

זינט עס איז נפטר געוואָרן דער רב און די רבנישע שטול איז גע־שטאַנען לער, האָט ר' אליעזר פאַנאַנדערגעוויקלט אַ לעבעדיקע דיפּלאָ־

מאַטישע טעטיקייט, בכדי צו געפינען דעם געהעריקן און באַשערטן מענטש פאַר דעם כסא־הרבנות.

דער אַלטער זלאָטשעווער רב האָט געשיקט אַ ספּעציעלן שליח און געשיקט האָט ער אים נישט צו קיין שום אַנדערן ייד אין שטעטל, נאָר דווקא צו ר׳ אליעזרן, ווייל מען האָט געוווסט, אַז אַ דעה אין דער דאָזיקער שטאָט האָט צוערשט גאָט, און דערנאָך מאַנדלבוים; אָבער כאָטש די זלאָטשעווער רבנים געהערן צו די שענסטע משפחות אין פּוילן, דאָך האָט מאַנדלבוים געגעבן יענעם שליח אָנצוהערן, אַז די דאָזיקע שטאָט קאָן זיך נישט דערלויבן און נישט פאַרגינען אויפצונעמען פאַר אַ רב דעם זלאָטשעווער מוזיניק, ווייל די שטאָט נייטיקט זיך אין געלט און ווער עס וויל דאָ זיין רב, מוז אַריינברענגען זיין נדן פאַר דער קהילה. פון דעם נייעם רב האָט מען פאַרלאַנגט געלט. טרויעריק איז עס געווען פעסטצושטעלן און שווער אַרויסצוברענגען מיט שיינע ווערטער, יענער זאָל זיך נישט באַליידיקן, אָבער נישט ר׳ אליעזר איז געווען שולדיק, נאָר די צייטן, שלעכטע צייטן זענען עס געווען, שלעכטע און אָרעמע.

ר׳ אליעזר מאַנדלבוים האָט געזוכט אַ נייעם רב, אַזוי ווי מען זוכט אַ כלה. שיין און ווויל זאָל ער זיין, אַ רבניש אייניקל זאָל ער זיין און אַ שיינעם נדן זאָל ער פאַרמאָגן, דעמלט וועט מען קאָנען זאָגן, אַז ער איז פאַר גאָט און פאַר לייט. אמת, אַ רב מוז טאַקע נישט זיין שיין, אָבער אַ תלמיד־חכם מוז ער זיין און געלט מוז ער פאַרמאָגן. געלט דאַרף דאָס שטעטל אויף אַ נייעם קעסל אין בית־מרחץ אַריין און אויף אַ נייעם דאַך איבערן בית־מדרש. געלט דאַרף מען אויף אַ זקנים־הויז און אויף אַ ניי חדר און אויף אַ פאַרקן אַרום דעם הייליקן אָרט און אויף פיל אַנדערע זאַכן. פון איין יאָר אויפן צווייטן פלעגט מען אָפּלייגן צו קויפן אָדער צו פאַרריכטן פיל נייטיקע זאַכן, פון איין יאָר אויפן צווייטן האָט מען געהאָפט, אַז עס וועט קומען ווער פון אַמעריקע, אַז עס וועט קומען איינער פון יענע יונגעלייט, וואָס האָבן מיט יאָרן צוריק אויסגעוואַנדערט פון שטעטל און זענען אין דער ווייטער וועלט באַגליקט געוואָרן.

עס האָט טאַקע איינמאָל פּאַסירט, אַז געקומען איז פון ניו־יאָרק לאָזער פאַרד, מענדל דעם טאַבאַק־שמעקערס אייניקל, ער האָט שוין איצט נישט געהייסן לאָזער, נאָר מיסטער לאָי, און אַ מאָדע האָט ער געהאַט אַ גלאַנציקע און ראַזירטע, אַן אויסגעפּרעסענע טריפהנע מאָדע, און אויסגעזען האָט ער ווי אַ גלח. די יידן פון שטעטל האָבן זיך לעבן אים אַרומגעדרייט און אַרומגעטאַנצט ווי לעבן אַ כלה פאַרן באַדעקן. יעדער

איינציקער האָט אים פֿיין און פֿאַלש צוגעשמייכלט און צוגעחנפֿעט. אָבער ער האָט דאָס אַלץ גוט פֿאַרשטאַנען, ער האָט געוווּסט וואָס וועגן דעם צו טראַכטן. ער האָט מיט זיי גערעדט און הערמאָנט זיי פּרטים פֿון יענע צייטן, ווען ער איז נאָך געווען דאָ אין שטעטל, און ווען ער האָט גערעדט וועגן זיין אייגענער פֿאַרגאַנגענהייט, האָבן זיי אַלע זיך געשעמט און גע־רויטלט, אָבער אים האָט עס נישט געאַרט. ער האָט וועגן אַלעם גערעדט מיט אַ שמייכל, ער האָט זיך דערויף געקאָנט דערלויבן, ער — דער מיליאָנער פֿון בראָדוויי — וואָס איז דאָ אַמאָל, מיט יאָרן צוריק, געווען אַ פּשוטער טרעגער און האָט זיך פֿאַרליבט אין דער שיינער טאָכטער פֿון רויטן משה, דעם תבואה־סוחר. אַן אָפּגעשטויסענער און אויסגעלאַכטער דורך דער רייכער מויד און דורך איר פֿאָטער, האָט ער פֿאַרלאָזט דאָס שטעטל. דערנאָך איז ער דאָ אַהערגעקומען אויף אַ קורצן באַזוך, בכדי צו נעמען נקמה. די טאָכטער פֿון רויטן משה איז שוין נישט געווען שיין, זי איז געווען גרוי און אַן ציין, זי האָט געהאַט אַ מאַן אַ שלים־מזל און זיבן קינדער, וועלכע האָבן זיך באַמיט וואָס פֿריער צו פֿאַרטרייבן זי אין דער ערד אַריין.

צום סוף פֿון זיין באַזוך איז מיסטער לאַי אין איינעם אַ פֿרימאָרגן אַריינגעגאַנגען אין שענק פֿון הערשעלע רב עליעס אייניקלעך און געהייסן אַרויסשטעלן אויף דער גאַס אַ פֿעסל פֿון ביר, אויף דעם דאַזיקן פֿעסל איז ער אַרויפֿגעקראָכן און גענומען וואַרפֿן אַרום זיך גרינע באַנקנאָטן, אַמעריקאַנישע דאָלאַרן, וועלכע זענען אַרום אים געפֿלויגן אויפֿן ווינט ווי טויבן און זענען געפֿאַלן אין בלאָטע אַריין, אין דער בלאָטע, וואָס האָט געשטינקען מיט השתנה פֿון שיכורע גוים. ווען מענטשן האָבן דאָס דאָזיקע וווּנדער מיט די דאָלאַרן דערזען, האָט זיך געמאַכט אַ בהלה און אַ טומל, ווי בשעת אַן ערד־ציטערניש. מיט אַ ווילד געשריי האָט זיך דער עולם געוואָרפֿן אויף דער ערד, זוכן די דאָלאַרן, און אין טומל און אין דער ענגעניש זענען צוויי אַלטע ווייבער געשעדיקט געוואָרן און קיינער האָט אפֿילו נישט באַמערקט, ווען זיי האָבן אויסגעהויכט די נשמות.

אָבער פֿאַר דער קהילה האָט דער מיליאָנער קיין פּרוטה נישט איבער־געלאָזט. אפֿשר און אַ וואָך אַרום נאָך זיין אָפּפֿאָרן קיין אַמעריקע האָט עמעץ אַריינגעטראָגן אין באַנק אַריין אַ דאָלאַר פֿון יענע דאָלאַרן, וואָס ער האָט געוואָרפֿן אין בלאָטע, און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס זענען בכלל נישט געווען קיין דאָלאַרן. פֿאַלשע דאָלאַרן זענען עס געווען און אויך זיי

האָבן געהערט צו דער נקמה פון מיסטער לאָי, וואָס אַמאָל איז ער גע־ווען נישט מער ווי לאָזער פֿאַרד.

ווער האָט געזאָלט קומען צו הילף דער יידישער געמיינדע? איין מאָל אויף עטלעכע יאָר, געווײַנלעך פֿאַר די וואַלן, פֿלעגן קומען פֿיין אָנגע־טוענע קאַנדידאַטן, צוקונפֿטיקע פֿאַרשטייער אין סיים, זיי פֿלעגן קומען און עפּעס־וואָס צוזאָגן דעם נאַרישן עולם. איין מאָל איז געקומען אַ יידי־שער דעפּוטאַט און אַ סענאַטאָר מיט אַ שיין שפּיציק בערדל. זיי האָבן זייער אינטערעסאַנט גערעדט וועגן דער שווערער לאַגע פֿון די נאַציאָנאַ־לע מינדערהייטן, צוגעהאָלפֿן זיך מיט פֿיינע פּסוקים, גיין, קיין גראָבע יונגען זענען זיי נישט געווען, זיי האָבן צוגעזאָגט גאָלדענע בערג, בייע פֿאַבריקן האָבן זיי צוגעזאָגט אויפֿצובויען, שטייערן צו פֿאַרקלענערן, דעם אַנטיסעמיטיזם אויסצוראָטן, אַ נייעם קעסל צו קויפֿן פֿאַר דעם מרחץ און נאָך פֿיל אַנדערע נייטיקע און גוטע זאַכן. דערנאָך פֿלעגן זיי אַוועק־פֿאָרן, מסתמא זענען זיי געפֿאָרן אין אַן אַנדער שטעטל, וו זיי האָבן ווידער איבערגעחזרט די זעלבע באָבע־מעשׂות און אויך דאָרט האָט זיי קיינער נישט געגלייבט, כאָטש זיי זענען געווען ווילע יידן, זיי האָבן גע־קענט די קליינע אותיות און זענען אוודאי געווען תּלמידי־חכמים נישט נאָר אין דער יידישער, נאָר אויך אין דער גויישער גמרא.

לאָמיר זיך אָבער צוריקקערן צו ר׳ אליעזר מאַנדלבוים, וועלכער האָט אָקאָרשט אַ שווערן זיפֿץ געגעבן, און ברוך שדכן האָט דעם דאָזיקן זיפֿץ דערהערט אין דער זעלבער רגע, ווען ער האָט אין אַ מזלדיקער שעה פֿאַרענדיקט צו פֿינטלען זיין וויכטיקן בריוו. אַ צופֿרידענער פֿון זיין ווערק, האָט ער דאָס פּערטל פּאַפּיר אַריינגעלייגט אין קאָנווערט און מיט פֿאַמעלעכע טריט און מיט אַ פֿאַלש שמייכעלע אויף זיין אַלט פֿאַר־קנייטשט געזיכט זיך דערנעענטערט צום ערשטן למדן אין שטעטל.

— ר׳ אליעזר — האָט געזאָגט ברוך קאַטאָליק, און דער למדן האָט אויף אים געוואָנדן זיין פֿרעגנדיקן בליק — שווערע צייטן, רב אליעזר.

מאַנדלבוים האָט שווייגנדיק געקוקט אויף דעם אַלטן און שווער געפּרוּווט בעל־עבירהניק און נישט געקאָנט געפֿינען אין זיך קיין שום מיטגעפֿיל פֿאַר דעם דאָזיקן זקן.

— ס׳האַרץ טוט וויי, ווען דער מענטש קוקט אויף דער היינטיקער וועלט — האָט פֿאַמעלעך געצויגן דער שדכן — גאָט זאָל זיך מרחם זיין און אונדז נישט פֿאַרלאָזן.

— אַהאַ.

אַ ווײַלע האָבן זיי בײדע געשוויגן. ר׳ אליעזר האָט מיט אַן אומחן גע־קוקט אויף דעם אַלטן ייד אין דער שמוציקער בעקעשע.

— דאַכט זיך, אַז האָסט מיר עפּעס געוואָלט זאָגן.

— ר׳ אליעזר מאַנדלבוים — האָט פּאָוואָליע גענומען רעדן דער שדכן — איר זענט דער ערשטער באַלעבאָס אין שטעטל. די גאַנצע שטאָט קוקט אויף אײַך, רב אליעזר. און איך וואָלט אײַך נישט געוואָלט באַליי־דיקן און נישט אָנטאָן קיין צער.

— קאָנסט מיך נישט באַליידיקן — האָט שטאָלץ געענטפערט מאַנדלבוים, גלעטנדיק זײַן ברייטע בכבודיקע באָרד. און געטראַכט האָט ער דערבײַ, אַז אָט שטייט פאַר אים אַ מענטש, וועלכער דאַרף דאָ, אין מקום־קודש זיך נישט געפינען, און וואָלט היינט געלעבט דער אַלטער רב, ר׳ דן ז״ל, וואָלט צו דעם נישט געקאָנט קומען.

— איך וויל נישט איבערהזרן דאָס, וואָס מענטשן דערציילן — האָט געזאָגט ברוך קאַטאָליק — עס פּאַסט נישט צו טרייבן רכילות.

— זאָג.

— היינטיקע קינדער — האָט אַ זיפץ געטאָן דער שדכן — וואָס איז, מישטיינס געזאָגט, דאָס גאַנצע מענטשלעכע לעבן אָן נחת פון קינ־דער. אָבער די זין און די טעכטער ווילן פון דעם נישט וויסן. זיי גייען מיט די אייגענע דרכים, און טאַטע־מאַמע ווייסט נישט פון גאָרנישט.

— זאָג — האָט אומגעדולדיק איבערגעהאַקט די רייד ר׳ אליעזר, און זיין שטימע איז שוין אָנגעדראָלן געוואָרן מיט כעס — ביסט געקו־מען זאָגן, טאָ זאָג. זאָג קלאָרע דיבורים.

— נישט א י ך זאָג, נאָר מענטשן זאָגן. מענטשלעכע צונגען זענען שאַרף און גיפטיק.

— זאָג אָדער גיי דיר בשלום דיין וועג און פאַרנעם זיך נישט מיט פרעמדע ענינים. נישט דו ביסט דער מורה־הרך פון דער דאָזיקער שטאָט.

—אייער טאָכטער, רב אליעזר... אייער טאָכטער איז שוין אין די כלה־יאָרן. אַ שיינע טאָכטער האָט איר, ר׳ אליעזר, אַ גוט קינד. אַן אמתדיק יידישע טאָכטער.

— נישט דיין עסק, ברוך. מיין טאָכטער וועט זיך, אם ירצה־השם, געפינען איר זיווג אָן דיין הילף.

— איך ווייס, ר׳ אליעזר, איך ווייס. איך בין נישט ווערט צו רעדן קיין שידוך פאַר אייער טאָכטער און איך בין נישט ווערט צו שטיין אויפן דאָזיקן אָרט אין מקום־קודש. איך ווייס. אָבער די מענטשן, רב

אליעזר, די מענטשן ווייסן וואָס זיי ווייסן און זיי רעדן וואָס זיי ווילן רעדן. קיינער וויל אָבער נישט אַרויסברענגען דעם אמת פֿאַר דעם פֿאָטערס אויער, קיינער וויל אייך נישט אָנטאָן קיין צער.

רב אליעזר איז אויפֿגעשטאַנען פֿון אָרט און זיין הויך געשטאַלט האָט געשטראַלט מיט גבֿורה. זיינע שוואַרצע אויגן האָבן געוואָרפֿן בייזע פֿונקען אויף דעם אַלטן פֿאַרקניטשטן שדכן.

— וואָס ווילסטו פֿון מיין טאָכטער?

— אייער טאָכטער, ר׳ אליעזר, וואָלט געקאָנט מאַכן דעם בעסטן שידוך און פֿאַרזיכערן אייך אַ גליקלעכע עלטער.

מאַנדלבוים האָט פֿאַרביסן די ציין. עס איז דאָ אָנגערירט געוואָרן דאָס דאָזיקע ווינקעלע פֿון זיין האַרץ, ווו עס זענען באַהאַלטן געווען זיינע פֿאַרבאָרגענע האָפֿענונגען וועגן דער צוקונפֿט פֿון זיין בת־יחידה, וועגן בלימעלע מאַנדלבוים, דער שענסטער אין שטעטל.

— רעד, וואָס ווילן מענטשן?

— זאָל גאָט שטראָפֿן יעדן, וועלכער זאָגט ליגנט וועגן אייער טאָכטער. אָבער פֿון דער צווייטער זייט: אַז מענטשן רעדן, מוז דערין עפּעס זיין.

און ער האָט זיך אָנגעבויגן צו ר׳ אליעזרס אויער. איצט האָט ער זיך שוין געקאָנט דערלויבן אויף אַ קרובֿהשן טאָן. פֿליסטערנדיק, האָט ער גענומען דערציילן, וואָס מענטשן רעדן וועגן דער שיינער בלימעלע מאַנדלבוים.

קאַפּיטל 4

נאָך מיטאָג האָט אויפֿגעהערט צו רעגענען. די באַלמעלאָכעס האָבן אַראָפּגענומען פֿון די שטענדערס דאָס ביסל סחורה, און ווען זיי זענען שוין געווען איבערצייגט, אַז קיין שום קונה וועט שוין היינט נאָרנישט קויפֿן, האָבן זיי זיך געלאָזט אַהיים.

פֿאַרנאַכט האָט זיך דער הימל אויסגעלויטערט, די לבֿנה האָט זיך אַרויסגעקייקלט פֿון יענער זייט באַרג ווי אַ קיילעכדיקע אָסלקע פֿרישע פּוטער. אין די פֿענצטער האָט זיך באַוויזן דאָס געלע, כמעט גאָלדענע ליכט פֿון די נאַפֿט־לאָמפּן.

— ווו איז אונדזער טאָכטער? — האָט געפֿרעגט רב אליעזר מאַנדלבוים, ווען ער איז צוריקגעקומען פֿון בית־מדרש, און אין קיך

האָט ער געטראָפֿן בלויז דאָס ווייב — ווו איז אונדזער טאָכטער און ווו איז אונדזער זון? ווו זענען זיי?

שׂרה מאַנדלבוים איז געשטאַנען אין שאָטן פֿון גרויסן פּריפּעטשיק און האָט צוגעגרייט די וועטשערע פֿאַר דעם מאַן, פֿאַר דעם דאָזיקן בכבודיקן מאַנצביל, מיט וועלכן זי איז געווען אַזוי שטאָלץ און פֿאַר וועלכן זי האָט שטענדיק אַביסל מורא געהאַט, כאָטש זיי האָבן דאָך צוזאַמען פֿאַרבראַכט אַזויפֿיל יאָרן. אויך איצט האָט זי מיט אומרו אַרויסגעפֿילט פֿון זייַנע ווערטער, אַז עפּעס איז געשען, עפּעס נישט־גוטס.

בלימעלע איז געגאַנגען צו אַ חברטע — האָט געזאָגט שׂרה מאַנדל־בוים — זי קאָן דאָך נישט זיצן שטענדיק אין שטוב.

— ווו איז אונדזער זון? — האָט ווייטער געפֿרעגט דער ברוגזער מאַן און שׂרה האָט דערקענט, אַז דער כעס וואַקסט אין אים ווי אויף הייוון, און זי האָט גענומען זוכן אין זינען תּירוצים, בכדי צו קאָנען פֿאַר־טיידיקן דעם זון און די טאָכטער.

— מענדל איז נאָך נישט צוריקגעקומען פֿון דער אַרבעט — האָט זי געזאָגט שטיל. — ווייסט דאָך, אַז ער אַרבעט. ער אַרבעט און ער איז אונדזער מפרנס.

פֿאַרשטייט זיך, אַז זי האָט געזאָגט ליגנט. דער קאָמאַנשטשעפּער בלום, ביי וועלכן מענדל האָט געאַרבעט, האָט גאָרנישט געהאַט אַזויפֿיל באַשטעלונגען, ער זאָל מוזן באַשעפֿטיקן די געזעלן זייַנע ביזן שפּעטן אָוונט. די מוטער מאַנדלבוים האָט געוווּסט, אַז מענדל באַגעגנט זיך אין אָוונט מיט אַנדערע געזעלן און אַז עס זענען צווישן זייַנע חברים פֿאַ־ראַן אויך קריסטן — די דאָזיקע אסיפֿות זייערע זענען פֿאָרגעקומען בסוד סודות, אָבער דער מוטערס אויג זעט אַ סך, בפֿרט אַז דאָס שטעטל איז גרויס ווי אַ גענעץ און אפֿילו פֿאַר פֿרעמדע, אָבער נייגעריקע אויגן איז דאָ שווער עפּעס וואָס צו באַהאַלטן. נאָר איין מענטש בלויז איז דאָ פֿאַ־ראַן, וועלכער הערט גאָרנישט און זעט גאָרנישט און וועגן אַלעם, וואָס פּאַסירט ביי אים אין שטוב, ווערט ער געוווירער דער לעצטער. דער דאָ־זיקער מענטש הייסט אליעזר מאַנדלבוים.

מיט מענדלען זענען שטענדיק געווען דאגות, און אָנגעהויבן האָבן זיי זיך נאָך דעמלט, ווען מענדל האָט באַשלאָסן צו ווערן אַ באַלמעלאָכע, כאָטש ער האָט געקאָנט בלייבן אַ למדן, פּונקט ווי זיין פֿאָטער. אָבער אים האָט געצויגן צו זיך דאָס לעבן, און נישט די ספֿרים. אפֿשר איז עס געווען אַן אצבע אלוהים — ווייל אָט זענען פֿאַרביי עטלעכע יאָרן

און מענדל איז געוואָרן דער פּרנסה־געבער. ער האָט געהאַט געבענטשטע הענט, געווען אַ פאַרדינער, און אַלע שוסטערס און אַלע לאַטניקעס פון שטעטל, ווען זיי האָבן באַשטעלט אַ פּאָר קאַמאַשן, האָבן זיי שטענדיק געבעטן מען זאָל זיי געבן מענדלס אַרבעט.

ר׳ אליעזר מאַנדלבוים האָט אָבער דאָס אַלץ נישט דערשאַצט. ער איז געווען אַ מענטש אַן ערנסטער און קלוגער, אָבער שטענדיק האָט ער אַרויסגעוויזן אַ גרויסע לייכטזיניקייט, ווען עס איז געגאַנגען וועגן פּרנסה־ענינים. ער איז געווען אַ מענטש מיט בטחון און אַלע זאָרגן האָט ער פון זיך באַוויזן צו פאַרטרייבן, אַזוי ווי מען פאַרטרייבט אַ בייזע פליג. דאגות פּרנסה האָט ער מיט אַ וואונדערבאַרער גרינגשעצונג איבער־געגעבן דעם רבונו־של־עולם, וועלכער האָט אַ סך צייט און אַ גרויס געטלעך האַרץ, מיט וועלכן ער קאָן לעזן אַלע שווערע ענינים. פון וואָ־נען זיין געטרייע יידענע שרה האָט גענומען די גראָשנס אויף ברויט און צום ברויט, דאָס איז אים גאָר ווייניק אָנגעגאַנגען. ער האָט זיך קיינמאָל נישט געפרעגט, צי דאָס, וואָס מענדל פאַרדינט, סטייעט אויף אַלץ. מעגלעך, אַז ער האָט אפילו נישט געוווּסט וועגן דעם, אַז בלימעלע זיצט גאַנצע טעג אין איר צימערל און שטריקט און האַפטעוועט טיש־טעכער פאַר די רייכע שטאָטישע כלה־מיידלעך און אַז אויך די גראָשנס, וואָס זי פאַרדינט, גייען אין דעם זעלבן טאָפּ אַריין. און פלעגט ווען טרעפן, אַז עס האָט אין שטוב עפּעס אויסגעפעלט, טאַקע צוליב אָרעמ־קייט, דעמלט פלעגט ר׳ אליעזר זיין טיף פאַרחידושט און עס איז אים שווער געווען צו באַגרייפן, אַז גאָט, וואָס האָט באַשאַפן דעם הייליקן שבת, האָט דאָס מאָל פאַרגעסן וועגן פיש און פלייש און וועגן אַ קריגל קי־דוש־ווייז אויף שבת פאַר דער משפחה מאַנדלבוים.

ער איז געוווינט געווען זיך צו האַלטן פאַר דעם בעל־הבית אין שטעטל, אָבער ביי זיך אין שטוב האָט ער קיינמאָל נישט געוווּסט וואָס עס טוט זיך.

— פאַרוואָס קאָנסטו מיר נישט קוקן אין די אויגן אַריין? — האָט איצט געפרעגט ר׳ אליעזר מאַנדלבוים.

שרה, זיין פרוי, האָט אויף אים אויפגעהויבן אַ מיד און אומעטיק געזיכט און אין ר׳ אליעזרס נשמה האָט זיך פּלוצים דערוועקט אַ לייכט געפיל פון חרטה. אביסל שולדיק האָט ער זיך דערפילט, ווייל אָט האָט זי געלעבט מיט אים און לעבן אים אומטער איין דאַך, זי האָט לעבן אים פאַרלוירן די יוגנט, זי האָט אים דערצויגן אַ זון און אַ טאָכטער, גע־

דינט אים ווי אַ שקלאַפֿין, און דעם אמת געזאָגט, האָט ער זי אפֿילו נישט גוט געקענט. גאָר ווייניק האָט ער וועגן איר געוווּסט, אַזוי ווי מען ווייסט וועגן אַ גאַנץ פֿרעמדן מענטשן. קיינמאָל האָט ער פֿאַר איר נישט געהאַט קיין צייט און נישט קיין געדולד און ער האָט אויך נישט געהאַט קיין אינטערעס פֿאַר איר, ער האָט נישט געוווּסט קיין שום זאַך וועגן אירע געדאַנקען, נישט וועגן אירע געפֿילן.

עס האָט אים אָפּגעלאָזט דער כּעס. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט בײַם טיש, געוואָלט איר זאָגן עפּעס האַרציקס, געוואָלט איר זאָגן אַ גוט וואָרט, ווײַזן איר אַ גוטן ווינק, אָבער ער איז נישט געווען צוגעוווינט צו אָנגע־נעמע שמועסן, ער האָט נישט געוווּסט וואָס צו זאָגן, דעריבער האָט ער געשוויגן, געפּויקט מיט די פֿינגער אין דעם ראַנד פֿון טיש און געקוקט אויפֿן פֿייער, וואָס האָט זיך געיאָרעט אונטער דער פּליטע.

שׂרה מאַנדלבוים, וועלכע האָט אליעזרן געקענט בעסער ווי ער אַליין האָט זיך געקענט, איז צו אים צוגעגאַנגען, געלייגט די האַנט אויף זײַן אַקסל און געזאָגט מיט איר צאַרטער רויִקער שטימע:

— אליעזר, האָסט אַן עגמת נפֿש, איך דערקען עס אין דײַן בליק. זאָג מיר, וואָס ס'איז געשען.

— אונדזערע קינדער גייען מיט שלעכטע דרכים, שׂרה, און מיר זענען בלינד. מיר זעען, וואָס עס טוט זיך אין הויז פֿון אונדזער שכן, אָבער מיר זעען נישט וואָס עס טוט זיך אין דער אייגענער שטוב.

— אונדזערע קינדער זענען גוטע קינדער— האָט געזאָגט שׂרה — מען דאַרף נישט רעדן שלעכטס וועגן די אייגענע קינדער, וועגן אייגן בלוט.

— אונדזערע קינדער... ווען איך וועל שטאַרבן, וועט מײַן זון אפֿילו קיין קדיש נאָך מיר נישט זאָגן.

— דײַנע קינדער טוען נישט קיין שום שלעכטע מעשׂים. אָבער דיר דאַכט זיך, אַז אַלץ, וואָס קערט זיך אָן מיטן יונגן דור, איז שלעכטס. גייסט שטענדיק אַרום מיט אַ חשד אין האַרצן, אומעטום זעסטו נאָר זינד. אָבער מעגסט זײַן רויִק, אליעזר, דײַנע קינדער זענען גוטע קינדער. אַזאַ יאָר אויף מיר און אויף אונדז ביידע.

— דײַן טאָכטער לייענט ביכער. ראָמאַנען. דאָס זענען אומרייניע בי־כער. אַלע שלעכטע זאַכן נעמען זיך פֿון ביכער.

— ביסט אַזוי קלוג — האָט זי זיך צעלאַכט — און ביסט אַזאַ נאַר. ביכער? די גאַנצע וועלט לייענט היינט ביכער. וואָס ווילסטו? ווילסט, אַז אַ מיידל זאָל זאָגן תּהילים? אפֿשר זאָל זי לערנען אַ בלאַט

גמרא? זי לייענט ביכער און מענדל לייענט ביכער, זאָלן זיי לייענען און זאָלן זיי זיין קלוג. די וועלט דרייט זיך פאַרויס, און דו ווילסט זי נישט איינהאַלטן.

— בלימעלע מוז חתונה האָבן — האָט געזאָגט ר' אליעזר.

— ווען עס וועט קומען די צייט — איז מסכים געווען די פרוי און עס איז איר פלוצים שווער געוואָרן אויפן האַרץ, זי האָט שוין נישט געהאַט קיין כוח ווייטער צו פירן דעם דאָזיקן שמועס. — בלימעלע וועט חתונה האָבן, ווען עס וועט קומען די צייט, אָבער דערווייל איז נאָך די צייט נישט געקומען. דערווייל איז זי נאָך אַ קינד. פאַרטראַכט זיך גוט, וואָס דו האָסט געזאָגט.

— איך האָב נאָך אַלץ נישט געזאָגט. עפן די אויערן און זיי שטאַרק...

אָבער ער האָט נישט באַוויזן צו פאַרענדיקן דעם שמועס, ווייל האַסטיק האָט זיך געעפנט די טיר און ס'איז אַריינגעקומען דער משוגע־נער מאַקס.

— שרה — האָט ער געזאָגט מיט אַן אומעטיקן שמייכל — יענטע די הינער־סוחרטע שטאַרבט. מען האָט מיך געשיקט נאָך אייך. מע באַ־דאַרף געכטיקן ביי דער גוססדיקער.

— שוין לויף איך — האָט געזאָגט שרה מאַנדלבוים און האָט זיך גענומען אײַלן — וואַרט אויף מיר, מאַקס, וועלן מיר גיין צוזאַמען.

דער משוגענער איז צוגעגאַנגען צום טיש און זיך אַוועקגעזעצט.

— ר' אליעזר — האָט ער געזאָגט מיט אַ טרויעריקן שמייכל — איר האָט געהערט? משיח בן דוד אויפן ווייסן פערד איז שוין געקומען קיין זשמיגראָד. גויים האָבן אים געזען. מאָרגן וועט ער זיין ביי אונדז אין שטעטל. מאָרגן, רב אליעזר, אין אַ מזלדיקער שעה.

— אַרויס! — האָט זיך אויפגערעגט ר' אליעזר און אַ זעץ געטאָן מיט דער פויסט אין טיש.

דער משוגענער מאַקס האָט זיך צעוויינט, און שטיל כליפענדיק, האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט ביי דער טיר.

קאַפּיטל 5

יעדער מענטש האָט געוויסע מעלות און געוויסע חסרונות. אָבער וועגן שרה מאַנדלבוים האָבן זיך געהערט בלויז ווערטער וואַרעמע און

גוטע. שרה איז געווען אָרעם, וועגן דעם האָט געוווסט דאָס גאַנצע שטעטל, און דאָס גאַנצע שטעטל האָט אויך געוווסט, אַז שרה איז נישט די גליקלעכסטע פרוי אויף דער וועלט, שווער געווען צו טראַכטן, אַז זייענדיק אַ פרוי פון ר' אליעזר מאַנדלבוים, קאָן מען זיין גליקלעך. און דאָך, כאָטש שרה מאַנדלבוים איז געווען אָרעם ווי די נאַכט, האָט מען איר אָפּגעגעבן כבוד און געשמייכלט צו איר, קליין און גרויס — יעדער האָט זי געקענט. יעדער האָט פאַר איר געהאַט דרך־ארץ, זי איז געווען אַ מענטש, וואָס פאַרמאָגט די קראַפט פון צוציען צו זיך אַנדערע מענטשן.

שרה מאַנדלבוים האָט געהאַט צוויי פנימער. איין פנים האָט זי גע־האַט פאַר דער וועלט. דאָס איז געווען אַ לאַכנדיק פנים, אַ לאַכנדיקע מאַסקע, אַ כמעט גליקלעך געזיכט, וואָס איז געווען שטענדיק רואיק און געוועקט רו, דאָס געזיכט פון אַ שטאַרקן מענטש, פון אַ שטאַרקער פרוי, וועלכע איז שטענדיק גרייט צו טראָגן דעם צווייטן מענטשן הילף, טרייסט און בטחון.

און עס איז נאָך געווען אַ צווייט געזיכט פון שרה מאַנדלבוים. שפּעט אין אָוונט, ווען דער מאַן און די קינדער זענען שוין געשלאָפן, האָט די צווייטע שרה מאַנדלבוים פאַרלאָשן דעם נאַפט־לאָמפּ און אין דער פינצ־טער פלעגט זי זיך אַוועקזעצן ביים טיש און, אונטערשפּאַרנדיק דעם מידן קאָפּ אויף דעם עלנבויגן, איז זי געזעסן שטיל און איינגעהאָרכט זיך אין דעם נישט גלייכן, נישט רעגלמעסיקן ריטם פון איר קראַנקן האַרץ, וועגן וועלכן דער רופא ר' אריה יאַדלאָווקער האָט געזאָגט, אַז דאָס דאָזיקע האַרץ קלאַפּט ווי ביי אַ פאַרוווּנדעט פייגעלע.

אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט האָט שרה געדרימלט און צווישן חלום און וואָר געטראַכט וועגן די אויסגאַבן אויף דעם קומענדיקן טאָג, אויף דעם קומענדיקן שבת און אויף דער קומענדיקער וואָך. און ווען דער חשבון האָט איר נישט געשטימט און ס'איז איר געווען שווער אויפן געמיט, פלעגט זי דעמלט אַ טראַכט טאָן וועגן אַנדערע משפּחות אין שטעטל און וועגן אַנדערע יידישע פרויען, וואָס זענען פריצייטיק גרוי און אַלט געוואָרן. איר האַרץ, דאָס גוטע קראַנקע האַרץ פון שרה מאַנדלבוים, איז געווען פול מיט מיטגעפיל, פול מיט רחמנות פאַר אַזעלכע אומגליק־לעכע מענטשן ווי די טויבע רבקה, וואָס דער איינציקער זון האָט זי איבער־געלאָזט און איז אַוועק אין דער וועלט אַריין. שרה האָט געטראַכט וועגן סענדער ליפּמאַן, וועלכער איז געווען אַ מצבה־קריצער, געהאַט גאָלדענע הענט, און דערנאָך איז ער קראַנק געוואָרן און שוין זיבן יאָר ליגט ער

אויפֿן קראַנקן־בעט און גוססט. די גאַנצע קהילה וואַרט שוין אויף זיין טויט, ווייל וואָס פֿאַר אַ לעבן איז עס, מישטיינס געזאָגט — ער ליגט און שפּייט מיט בלוט, און דערווייל ווערט וואָסאַמאָל שווערער צונויפֿ־צוזאַמלען יעדע וואָך די פֿאָר גראָשן פֿאַר אים און פֿאַר זיין ווייב מלכּה. און נאָך ווערגן פֿיל אַנדערע מענטשן טראַכט שׂרה מאַנדלבוים, די גאַנצע שטאָט איז אויף איר קאָפּ, אַלע אָרעמע און אַלע הונגעריקע.

ביינאַכט פֿלעגט זי נעבעכיקן ביי קראַנקע און זי פֿלעגט לעבן זיי טאָן אַלץ, וואָס מען האָט באַדאַרפֿט טאָן ביי שווער קראַנקע מענטשן, און קיין שום ווידער־געפֿיל האָט זי קיינמאָל ביי דער דאָזיקער אַרבעט נישט גע־פֿילט.

ווען זי האָט געוווסט, אַז ערגעץ־ווו וואַרט מען אויף איר, האָט זי באַלד געאיילט מיט הילף, אַזוי ווי אַ פֿייערלעשער, וואָס איז שטענדיק גרייט צו ראַטעווען מענטשן פֿון געפֿאַר, און ווי אַ קראַנקנשוועסטער. אין אַ קניפּל האָט זי שטענדיק געהאַט וועלכן גראָשן, ווייל אַזוי איז עס האָך אין לעבן: דער אָרעמסטער מענטש איז אימשטאַנד צו העלפֿן דעם צווייטן מענטשן און אפֿילו דאָס קלענסטע שטיקל ברויט קאָן מען צעטיילן אויף צוויי שטיקלעך.

זי איז געווען אַ „צדקה־קלאַפּערין‟, שטענדיק געגאַנגען מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט, און מענטשן האָבן גערן אין דער דאָזיקער האַנט אַריינגעלייגט אַ גראָשן, מענטשן האָבן געוווסט, אַז די האָזיקע האַנט איז אַ פֿאַרמיטלערין — ביי איינעם נעמט זי, דעם צווייטן גיט זי, דער גראָשן, וואָס מען גיט שׂרהן, וועט טרעפֿן צו דעם, וואָס נייטיקט זיך אין אים.

און איצט, שפּעט אין אָוונט, לויפֿט שׂרה מאַנדלבוים צו דער שטאַרבנדיקער יענטע, דער הינער־סוחרטע, און לעבן איר לויפֿט דער באַ־גלייטער, דער משוגענער מאַקס — זייערע ביידנס טריט הילכן אין דער שטילקייט פֿון דער שלאָפֿנדיקער שטאָט, אין די פֿינצטערע געסלעך, אי־בער וועלכע עס הענגען ווו־נישט־ווו עטלעכע שטערנדלעך, וואָס שפּיגלען זיך אין די פֿרירנדיקע קאַלוזשעס.

יענטע די הינער־סוחרטע איז געווען אַן אַלטע ייִדענע, וואָס האָט איבערגעלעבט דעם מאַן אירן און די גאַנצע משפּחה און פֿאַרבליבן עלנט און אַליין ווי אַ פֿינגער. מיט יאָרן צוריק האָט יענטע געוווינט אין אַ דאָרף, געווען דאָרט אַ באַלעבאָסטע, געהאַט אַ שטיקל פֿעלד, געהאַט אַ פֿערדל און צוויי קו, און דער מאַן איר איז דאָרט געווען אַ פּאַכטער אין פּרי־ציש הויף, יעדן טאָג געפֿירט מילך אין שטאָט אַריין. געהאַט פּרנסה און

געוועזן גליקלעך. און נאָך ביז היינט, ווען זי ליגט שוין אויפן טויטן=בעט אין דעם ענגן שטיבל, וואָס זיין פענצטער גייט אַרויס אויף דעם שטינקנדיקן בית=מדרש=הויף, נאָך היינט אין דער שעה פון גסיסה זעט יענטע אין אירע חלומות די גרינגע לאָנקעס ביים טייך סאַן, זי הערט דאָס זשומען פון די בינען, זי פילט דעם זיסן ריח פון די בליענדיקע ליפּע=ביימער און די וואַרעמקייט פון דער זון פילט זיך אויף דעם בלאַסן איינגעפאַלענעם געזיכט. יונג איז זי דעמלט געווען און געזונט, גליקלעך איז זי געווען און געדאַכט האָט זיך איר, אַז דאָס לעבן וועט אייביק דויערן און אַז קיין שום זאַך איז נישט בכוח אַרויסצוטרייבן זי פון דער אייגענער שטוב און פון אייגענעם דאָרף.

אָבער איינמאָל איז געקומען דער טאָג, אַ פינצטערער טאָג איז עס געווען, ווען יענטע מיט איר מאַן, אָפגעשיידט זאָל ער זיין, האָט געמוזט איבערלאָזן איר היים און איר נחלה און אַנטלויפן אין שטעטל אַריין, און געשען איז עס צוליב איינעם אַ גוייִשן פּריץ און צוליב איינעם אַ ייִד, הער ייִד האָט געהייסן שיִעלע סראָגאָווער, און דאָס האָט ער אַראָפּגעצויגן אַ דונער אויף יענטעס מאַן, אויף יענטען און אויך אויף זיך אַליין און אויף דער אייגענער משפחה. געשען איז עס מיט צוואַנציק יאָר צוריק און עס איז כדאי די גאַנצע מעשה טאַקע דאָ צו דערמאָנען, ייִדן זאָלן געדענקען און ס'זאָל בלייבן אַ זכר נאָך יענטען און נאָך איר שכן, וועלכער איז אויך אַמאָל געווען אַ דאָרפס=ייִד, אין אַ צווייטן דאָרף האָט ער געוווינט, און שפּעטער איז ער געוואָרן יענטעס שכן דאָ, אין שטעטל, אין דעם זעלבן פינצטערן הויז, וואָס איז געשטאַנען לעבן בית=מדרש און האָט געהאַט די פענצטער פונקט אַנטקעגן די אַבאָרטן, ווו ייִדן פאַר דעם דאַווענען פלעגן לויפן פּישן.

יענטעס אומגליק האָט זיך אָנגעהויבן אין יענעם פינצטערן אומפאַרגעסלעכן יאָר, ווען אין דער גאַנצער געגנט איז אויסגעבראָכן אַ מגפה און אין איין וואָך זענען אויסגעפּגרט אַלע הינער, אַלע גענדז און אַלע קאַטשקעס סיי ביי די פּויערים און סיי ביי די פּריצים. יענטעס מאַן, נחמן דער פאַכטער, וועלכער פלעגט שטענדיק פאַרזאָרגן דאָס שטעטל מיט עופות אויף שבת, האָט דאָס מאָל נישט געוווּסט וואָס צו טאָן. זיינע געטרייע קונים, די בכבודיקסטע באַלעבאַטים אין שטעטל האָבן ביי אים פאַרלאַנגט הינער אויף שבת, און ער האָט נישט געהאַט וואָס צו פאַרקויפן, און ברוך קצב פלעגט אים ווייזן אַ פייג ביי יעדער געלעגנהייט, ווי נאָר זיי האָבן זיך ערגעץ באַגעגנט:

— ווו איז דיין מסחר? — האָט געפרעגט דער קצב, וואָס די גאַנצע שטאָט פלעגט אים רופן ברוך מערדער אָדער ברוך קיילער — ווו איז דיין געפּגרטער מסחר, האַ? מיט געפּגרטע הינער וועסטו איצטער האַנדלען...

נחמן דער הינער=סוחר האָט זיך זייער איבערגענומען מיט די דאָזיקע און ענלעכע רייד און שטעך=ווערטער. איז ער אַרומגעגאַנגען און געטראַכט ווו צו געפינען אַן עצה, ביז ער איז געוווייער געוואָרן, אַז אין סראָגאָווער הויף זענען נאָך פאַראַן עופות לעבעדיקע און געזונטע, די מגפה האָט נאָך ביז אַהין נישט דערגרייכט. האָט ער גענומען די פיס אויף דער פלייצע און געלאָזט זיך גיין קיין סראָגאָוו, ער איז געקומען צום סאַמע פריץ, אָבער דער פריץ האָט מיט אים נישט געוואָלט רעדן, דער פריץ האָט אים אַוועקגעשיקט צום פאַכטער, טאַקע צו ר׳ שיעלען, וועלכער איז געווען דעם גראַפס רעכטע האַנט. אָבער רב שיע דער פאַכטער האָט זיך באַצויגן מיט גרויס גאווה צו נחמנען, פאַרקויפן קיין איין הינדל האָט ער נישט געוואָלט, ער האָט אפילו נישט געוואָלט ווייזן די עופות, זעט אויס, אַז ער האָט זיך געוואָלט באַוואָרענען פאַר דער מגפה, מורא געהאַט, נחמן זאָל זיי נישט אָנשטעקן אָדער אַן עין=הרע געבן.

— רב שיעלע — האָט אים געפּרוווט איבערצייגן דער הינער=סוחר — אויב אויף דער גאַנצער וועלט פּגרן די הינער, וועלן זיי מיט גאָטס הילף אויך ביי אייך פּגרן. איז דען נישט בעסער, איר זאָלט זיי באַצייטנס פאַרקויפן, זאָלן זיי קומען אויף אַ ייִדישן טיש, אויף אַ כשרן טיש, ביי וועלכן מען פראַוועט שבת. בפרט אַז עס זענען נישט אייערע הינער, נאָר די הינער פון אייער פריץ. און בפרט אַז אַזוי צי אַזוי, קיין אריכת ימים וועלן זיי נישט האָבן.

— יאָ — האָט געענטפערט ר׳ שיעלע סראָגאָווער — דאָס זענען טאַקע נישט מיינע הינער, אָבער פאַרקויפן וועל איך זיי נישט, און אויך מיין פריץ וועט זיי דיר נישט פאַרקויפן, און מיט גאָטס הילף, מיין איך, אַז פּגרן ביי אונדז וועלן זיי נישט, ווייל אין אונדזער הויף פּגרט קיינער נישט. ווען אפילו אויף דער גאַנצער וועלט זאָל די כאָליערע אויסראָטן אַלע עופות, וועלן אונדזערע הינדלעך, אים ירצה השם, זיין געזונט און שטאַרק. פון דער גאַנצער וועלט וועלן צו אונדז קומען מענטשן און באַוואונדערן. ניין, אונדזער הויף פאַרקויפט נישט קיין עופות. וואָס מיינסטו, מיין פריץ האָט שוין נישט קיין פּרנסה?

און ער האָט אויסגעלאַכט נחמנען.

— נו, אויב אַזוי, וועלן מיר נאָך זען — האָט געזאָגט דער באַליי־דיקטער הינער־סוחר און בייזע פֿונקען האָבן זיך באַוויזן אין זיינע אויגן.

אין עטלעכע טעג אַרום זענען אַלע פֿריצישע הינער אין סראָגאָווער הויף קראַנק געוואָרן, אַ הינער־פּלעט איז אויף זיי געפֿאַלן, זיי האָבן גענו־מען באַהאַלטן די פֿאַרשלאָפֿענע קעפּלעך אונטער די אַראָפּגעלאָזטע פֿליגל, און אַזוי דרימלענדיק, האָבן זיי זיך געבעך איבערגעדרייט און גע־לעגן אָן אַ שום באַוועגונג אויפֿן הויפֿישן מיסט לעבן די שטאַלן.

און פּונקט דעמלט איז אָנגעקומען רב נחמן, יענטע דער הינער־סוחרטעס מאַן, ער איז געקומען אויף זיין פֿורל און פֿאַרהאַלטן זיך נעבן דעם פּאַכטערס שטוב און מיט אַ פֿאַלשן שמייכל האָט ער זיך באַגריסט מיט דעם בעל הבית און דערלאַנגט אים שלום.

— רב שיעלע, איך האָב אייך געזאָגט, אַז איך וועל דאָ נאָך קומען, און איך בין טאַקע געקומען. פֿאַרקויפֿט מיר די עופות.

— נישטאָ שוין וואָס צו פֿאַרקויפֿן — האָט אומעטיק געזאָגט דער פּאַכטער — אונדזערע עופות פּגרן.

— אַ גרויסער שאָדן — האָט אַ זיפֿץ געטאָן דער סוחר. — אייער פּריַיז, רב שיעלע, וועט נישט זיין פֿון אייך צופֿרידן. כ'האָב דאָך געוואָלט קויפֿן די סחורה, נאָך איידער זי איז קראַנק געוואָרן.

דער פּאַכטער האָט געשוויגן און געביסן דעם הילצערנעם ציבוק פֿון דער פּייקע.

— קיין לעבעדיק עוף האָט איר מיר נישט געוואָלט פֿאַרקויפֿן — האָט געזאָגט מיט אַ ביטערע שמייכל דער סוחר — אויב איר ווילט, וועל איך ביי אייך קויפֿן די טויטע הינער. די נבלות וועל איך קויפֿן צוזאַמען מיט די פֿעדערן...

רב שיעלע סראָגאָווער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז צוליב די פֿעדערן וויל יענער אָפּקויפֿן די טויטע סחורה. האָבן זיי צוזאַמענגענומען אַלע הינער, די, וואָס זענען שוין געלעגן אויפֿן מיסט, און די, וואָס זענען נאָך געשטאַ־נען אויף די אייגענע פֿיסלעך, אַליין האָט מען פֿאַרלאָדנט אויפֿן וואָגן, דער סוחר האָט באַצאָלט אַזויפֿיל, וויפֿל מען קאָן באַצאָלן פֿאַר אַזאַ סחורה, און איז אַוועקגעפֿאָרן.

און ערשט אין אַ שעה אַרום האָט זיך ר' שיעלע געכאַפּט, אַז עפּעס שטימט דאָ נישט, עס האָט זיך אים פּלוצים אויסגעוויזן פֿאַרדעכטיק דאָס גאַנצע געשעפֿט מיט נחמנען. ער האָט אָנגעזאָטלט אַ פֿערד און געלאָזט זיך רייטן גאַלאָפּ, בכדי צו דעריאָגן דעם הינער־סוחר.

דעריאָגט האָט ער אים ערשט אין שטעטל. ר' נחמן איז געשטאַנען אויף דער פור אין מיטן מאַרק־פּלאַץ און אַרום אים איז געווען אַ היפּשער יידישער עולם; יידן און ווייבער האָבן זיך אַרויסגעריסן פון די הענט די פעטע הינער און הענער, די עופות זענען געווען לעבעדיק און לוסטיק, פונקט ווי זיי וואָלטן אָקאָרשט אויפגעשטאַנען תחית המתים.

— מערדער! — האָט געשריגן ר' שיעלע סראָגאָווער — מערדער און באַנדיט! וואָס האָסטו געוואָלט פון מיין לעבן? וואָס האָסטו געטאָן מיט אונדזערע עופות?

יענטעס מאַן האָט ווילדגעריש געלאַכט און ר' שיע האָט זיך געריסן די האָר פון קאָפּ און האָט צוגעשווירן צו נעמען נקמה. ער איז אַהיימגעקומען אַ האַלב לעבעדיקער פון עגמת נפש און האָט גענומען באַטראַכטן די עטלעכע הענדלעך, וועלכע זענען נאָך פאַרבליבן אין שטאַל — זיי זענען געווען געזונט, פונקט ווי נעכטן און אייערנעכטן.

דערווייל האָט דער פריץ אַראָפּגעבראַכט פון שטעטל דעם וועטערינאַר, וועלכער האָט פעסטגעשטעלט, אַז די הינער זענען בכלל נישט געווען קראַנק, נאָר עס זעט אויס, אַז עס האָט זיי ווער אָנגעשיכורט מיט אַ שלאָף־געטראַנק. און באַלד האָבן זיך געפונען עדות, וועלכע האָבן ביינאַכט געזען עפּעס אַ פרעמדן מענטש, וועלכער האָט זיך אין דער פינצטער אַרומגעדרייט לעבן די שטאַלן, און עס איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז דער דאָזיקער מענטש איז געווען טאַקע נחמן דער הינער־סוחר. איצט איז שוין אַלץ געווען קלאָר, דאָס האָט ער טאַקע אָנגעשאָטן אַ שלאָפּמיטל פאַר די עופות, בכדי צו קאָנען קויפן זיי פאַר אַן אויסגעבלאָזן איי.

ווען דער סראָגאָווער פריץ איז געוואָרן וועגן דער גאַנצער מעשה מיט אַלע פרטים, האָט ער צוערשט לאַנג געלאַכט, ער איז שיער נישט צעזעצט געוואָרן פון געלעכטער, און דערנאָך האָט ער אויפגעהערט צו לאַכן און האָט געהייסן איינשפּאַנען אַ פּאָר פערד און שיקן אין צווייטן דאָרף אַריין נאָך ר' נחמנען. און ווען מען האָט דעם אומגליקלעכן הינער־סוחר געבראַכט צו פירן, האָט אים דער פריץ דערלאַנגט אונטער די ריפּן, דער ייד האָט זיך קוים דערשלעפּט אַהיים און צוויי וואָכן האָט ער זיך נישט געקאָנט רירן פון בעט.

זינט דעמלט האָבן זיך אָנגעהויבן די צרות. ווען נחמנס פריץ איז געווויער געוואָרן, אַז דער סראָגאָווער גראַף האָט זיך דערוואָגט צו שלאָגן זיין ייד, האָט הייסט דעם פּלאָוויצער ייד — ווייל נחמן האָט געוווינט אין פּלאָוויץ — איז ער אַריינגעפאַלן אין אַ ווילדן כעס און האָט באַ=

שלאָגן צו נעמען נקמה. און נקמה האָט ער גענומען לויטן פּריציפּ: אויב דו שלאָגסט מיין ייד, וועל איך שלאָגן דיין ייד.

צומאָרגנס אינדערפרי, ווען שיעלע סראָגאָווער איז געפאָרן אין שטאָט אַריין מיט דער מילך, האָט דער פּלאָוויצער פּריץ געוואַרט אויף אים אויפן וועג און האָט דעם פּאַכטער פון שכנותדיקן דאָרף צעבלוטיקט און שיער ניט דערהרגעט.

זינט דעמאָלט, וויפל מאָל ר' נחמן פלעגט זיך באַווייזן נעבן סראָגאָוו, פלעגן אים שלאָגן די מענטשן פון סראָגאָווער פּריץ, און וויפל מאָל ר' שיעלע פלעגט אַדורכפאָרן דורך פּלאָוויץ, פלעגן אים שלאָגן די מענטשן פון פּלאָוויצער פּריץ. געדויערט האָט דאָס דאָזיקע אומגליק עטלעכע יאָר, ביז ביידע יידן צוזאַמען מיט זייערע משפחות האָבן געמוזט פאַר־לאָזן זייערע היימען און זיך באַזעצן אין שטעטל.

פאַרשטייט זיך, אַז זייער קעגנזייטיקע שנאה האָט געדויערט לאַנ־גע יאָרן. אפילו יום כיפור פלעגן זיי זיך נישט מוחל זיין און נישט געבן זיך די הענט. דערצו האָט זיי גאָט צוגעטיילט דירות אין דעם זעלבן הויז, אַזוי אַז יעדן טאָג, ווען זיי האָבן זיך באַגעגנט און געקוקט אויף זיך, פלעגן זיי פאַרלירן אַ שטיק לעבן.

איצט איז יענטע רב נחמן הינער־סוחרס ווייב שווער קראַנק גע־וואָרן, קיין יונג ווייבל איז זי שוין נישט געווען, און ווען שרה מאַנדל־בוים איז געקומען, האָט די אַלטע דאָקטערישע יידענע שוין נישט געלעבט. עטלעכע ווייבער האָבן זיך אַרומגעפאָרעט אין שטוב, און אויף דער ערד איז געלעגן צוגעדעקט מיט אַ ליילעך דאָס קערפּערלעכע, וואָס איז פאַרבליבן פון דער פאַרשטאָרבענער.

שרה מאַנדלבוים האָט מיטן פאַרטוך אויסגעווישט אַ טרער פון אויג, זי האָט זיך אָנעקגעזעצט ביי דער פאַרשטאָרבענער און גענומען זאָגן תהילים.

קאַפּיטל 6

ווען דיאַניזי פּאָפּאָוויטש האָט מען אין שטעטל געשמועסט, אַז ער איז אַ מישלינג — זיין מוטער האָט געזאָלט זיין אַ משומדת, דער פאָ־טער — אַ פּאָליאַק. מען האָט געזאָגט, אַז יעדן פרייטיק צינדט די דאָ־זיקע משומדת ליכט און ס'האָבן זיך געפונען פיל עדות, וועלכע האָבן געזען און געהערט, ווי זי בענטשט ליכט און ווי זי זינגט זמירות. מען

האָט געזאָגט — און אַז מען זאָגט, הייסט עס נאָך נישט, אַז ס'איז אמת. דאָס שטעטל האָט געשמט פאַר ליגנערס, וועלכע האָבן געקאָנט צוזאַמענשטעלן הימל מיט ערד, ליגנערס, וואָס האָבן ליגנס געזאָגט נישט בכדי עפּעס צו געניסן — זיי האָבן פּשוט ליב געהאַט צו בלאָפן, אַזאַ פאַרגעניגן האָבן זיי געהאַט: זאָגן ליגנט לשם ליגנט.

קיין שום גענויע און זיכערע פּרטים האָט מען וועגן דער דאָזיקער משומדת, וועגן דער פרוי פון פאַן פּאָפּאָוויטש נישט געוווּסט. זי האָט געשטאַמט פון זבאַראַזש אָדער פון אַ שטעטל נעבן זבאַראַזש און אַלץ, וואָס מען האָט וועגן איר דערציילט, איז מסתמא געווען שוא ושקר. ווייל צי זי האָט טאַקע געבענטשט ליכט פרייטיק־צו־נאַכטס, האָט קיינער נישט געוווּסט אויף זיכער, אָבער אַז זי איז יעדן זונטיק געלאָפן אין דער קירכע, דאָס איז טאַקע געווען אמת.

פאַן פּאָפּאָוויטש, דער מאַן אירער און דיאָניזיס פאָטער האָט געשטאַמט פון איינער אַן אַלטער פאַראָרעמטער און אָפּגעקומענער אַריסטאָקראַטישער משפחה. זיינע עלטערזיידעס האָבן נאָך געהאַט אין גאַליציע פיל ערד און פיל גיטער, וועלכע זיין זיידע האָט באַוויזן צו פאַרשיכורן אין די בעסטע רעסטאָראַנען און נאַכטלאָקאַלן אין לאַנד און אין אויסלאַנד. פון יענע גוטע צייטן און פון יענע רייכע טראַדיציעס איז דעם פאַן פּאָפּאָוויטש פאַרבליבן נישט מער ווי אַ פּרעכטיקע פעך־שוואַרצע באָרד, וואָס נישט איין ייד האָט אים געקאָנט מקנא זיין. פאַן פּאָפּאָוויטש איז געווען אַ מענטש, וואָס מען האָט אים געקאָנט פאַרגלייכן צו יעקבס ברודער, צו עשון. ער האָט פאַרנומען אַ מלוכהשע שטעלע אין וואַלד־אַמט און גאַנצע טעג און נעכט פלעגט ער זיך איינזאַם אַרומיאָגן אין די טיפע קאַרפּאַטישע וועלדער מיט דער ביקס אויפן אַקסל און פלעגט שיסן צו ווילדע חיות. קיין פריינד אָדער קאָלעגן האָט ער נישט געהאַט. אַזאַ איז ער געווען, דער פאָטער פון סטודענט דיאָניזי פּאָפּאָוויטש, וועגן וועלכן מיר וועלן אין דאָזיקן ראָמאַן נישט איינגערן, ווייל טאַקע דעם דאָזיקן דיאָניזי איז באַשערט אָפּצושפּילן אַ וויכטיקע ראָל אין דער אָט אויסגעטראַכטער און דאָך כמעט אמתדיקער מעשה.

דיאָניזי איז געווען מיט עטלעכע יאָר עלטער פון בלימעלע מאַנדלבוים און מיט בלימעלען האָט ער זיך איינמאָל צופעליק באַקענט דורך איר ברודער, דורך מענדלען, וועלכער איז געווען דיאָניזיס אַ גוטער פריינד נאָך פון די גאָר ווייטע קינדערישע יאָרן.

דיאָניזי האָט שוין געהאַט הינטער זיך אַ היפּשע פאַרגאַנגענהייט. ער האָט שטודירט טעאָלאָגיע, געוואָלט זיין אַ גלח, ווייל אַ געוויסע צייט האָט ער זיך אַנטציקט מיט דער צווייטויזנטיאָריקער חכמה, אין וועלכער עס איז פאַרהילט די דאָגמאַטיק פון קריסטלעכן גלויבן. אָבער אין אַ געוויסן טאָג האָט זיך זיין גלויבן איינגעבראָכן, אַזוי ווי עס ברעכט זיך איין דאָס אייז אויפן טייך, ווען עס וואַרעמט צו די פרילינגדיקע זון. דיאָניזי איז געוואָרן אַן אפּיקורס, און דאָס אפּיקורסות איז אין אים געוואָקסן אַזוי ווי עס וואַקסט אַ פרוכט, און ווען די פרוכט איז שוין רייף געוואָרן, איז דיאָניזי אַנטלאָפן פון סעמינאַר און ער האָט זיך ווידער באַוויזן אין שטעטל, אַ גליקלעכער, ווי ער וואָלט געמאַכט אַ מערנע. ער האָט באַקומען אַ באַשעפטיקונג אין מאַגיסטראַט. אָבער דאָס זיצן ביים שרייבטיש איז אים נישט געפאָלן. ער האָט באַנייט אַלע באַקאַנטשאַפטן און פריינדשאַפטן פון די קינדעריאָרן. אומעטום איז ער געווען פול און יעדן איינציקן אין שטעטל האָט ער געקענט. און געווען זענען עס, פאַרשטייט זיך, באַקאַנטשאַפטן קעגנזייטיקע. יעדן עלטערן ייד האָט ער אָפּגעגעבן כבוד און פריינדלעך באַגריסט, מיט יעדן האָט ער געהאַט טויזנט ענינים דורכצורעדן, אפילו קליינע קינדער זענען מיט אים געווען שמעלקע. אַ קליין יאַטל, וואָס איז געלאָפן אין חדר, פלעגט ער נעמען אויף די הענט, און אויפהייבנדיק אים הויך, פלעגט ער מאַכן אַ גאַנץ טעאַטער אין מיטן גאַס און שרייען: „אָט איז ער, אָט איז דער צוקונפטיקער בירגערמייסטער פון אונדזער שטאָט, אָט איז ער, דער צוקונפטיקער פּרעזידענט פון אונדזער רעפּובליק“.

און דער צוקונפטיקער פּרעזידענט פון דער רעפּובליק האָט געהאַט אַ שמוציק נעזל, און אַ ווייס פענדל האָט אים אַרויסגעשטאַרצט פון די קליינע מכנסימלעך. יידן האָבן מיט אַ פריינדלעך אויג באַטראַכט דעם יונגן פּאָפּאָוויטש און מינוטנווייז פלעגן זיי פאַרגעסן, אַז ער איז אַ זון פון אַ פּרוי, וועלכע האָט געשענדט איר יידישן אָפּשטאַם.

איין זאַך איז אָבער געווען, וואָס קיינער האָט אים נישט געוואָלט מוחל זיין: מען האָט אים שוין פיל מאָל געזען מיט בלימעלען מאַנדלבוים, און אפשר וואָלט עס גאָר אַזוי זייער שטאַרק קיינעם נישט געהערט, ווען מען וואָלט זיי געזען ביי טאָג אָדער אין אַ גרעסערער געזעלשאַפט, צווישן אַנדערע בחורים און מיידלעך — כאָטש אויך דאָס וואָלט נישט געווען זייער פּאַסיק און נישט זייער בכבודיק פאַר ר׳ אליעזר מאַנדלבוימס טאָכטער. אָבער דאָס דאָזיקע פּאָרל פלעגט מען באַ-

געגעבענע הווקא אינאָווגט, שטענדיק האָבן זיי אויסגעזען ווי צוויי גנבים, וואָס אַנטלויפֿן פֿאַר דער שיין פֿון טאָג, שעהן־לאַנג פֿלעגן זיי אַרומ־קלעטערן הינטער דער שטאָט אין רעגן און אין שניי, שטענדיק האָבן זיי אויסגעמיטן צו באַגעגענען אַ מענטשן. און אַז עמעץ אַנטלויפֿט פֿון מענטשן און היט זיך פֿאַר מענטשן, איז עס נישט קיין גוטער סימן.

פֿאַרשטייט זיך, אַז פּונקט האָס זעלבע וואָלט מען זיי אַפּערגע־וואָרפֿן, ווען עס וואָלט זיי איינגעפֿאַלן צו באַווייזן זיך צוזאַמען ביי דער ליכטיקער טאָג־שיין.

איז קלאָר, אַז עס איז אַנטשטאַנען אַ חשד: האָס דאָזיקע פּאָרל וועבט אַ ראָמאַן, נאָך איין שלעכטע און זינדיקע ליבע איז געבוירן גע־וואָרן. מען האָט וועגן דעם גערעדט אויף יעדן טריט און שריט, כאָטש גערעדט האָט מען נאָך דערווייל שטיל, קיינער האָט נישט געוואָלט גע־מען אויף זיך די אויפֿגאַבע צו זאָגן אַ וואָרט דעם פֿאָטער פֿון מיידל, ר' אליעזר, דעם ערשטן תלמיד חכם אין שטעטל.

— אַזאַ גוט קינד — האָבן געזיפֿצט די אַלטע ווייבער און גע־טראַכט ס'אַזאַ הפֿקר־וועלט עס איז היינט געוואָרן און אַז דער נישט־גוטער זוכט זיך פֿאַרשידענע וועגן — אַזאַ פֿרום מיידל און פֿון אַזאַ משפּחה...

און בלימעלע מאַנדלבוים האָט מסתמא געהערט די דאָזיקע בייזע און בייסיקע ווערטער, זי האָט געפֿילט די נייגעריקע בליקן, מיט וועלכע מען פֿלעגט זי באַגלייטן, ווי נאָר זי האָט זיך באַוויזן אויף דער גאַס. יונגע מיידלעך האָבן זי מקנא געווען און באַוווּנדערט, וואָס זי האָט אַזויפֿיל מוט זיך אַנטקעגנצושטעלן דער גאַנצער וועלט. יונגע מיידלעך האָבן געציטערט און געפֿילט אַ מאָדנע שווידער, טראַכטנדיק וועגן דעם וווּנדערבאַרן ראָמאַן פֿון בלימעלע מאַנדלבוים, און אַלטע ווייבער האָבן געקוקט אויף איר מיט בליקן ווי שפּיזן, יעדער בליק איז געווען אומ־ברחמנותדיק, ווי אַן אורטייל פֿון אַ שטרענגן ריכטער.

צוערשט האָט בלימעלע גענומען זיך צום האַרץ די דאָזיקע שמוי־בעלעך, מכלומרשט פֿריינדלעכע אָבער גיפֿטיקע, די דאָזיקע זיפֿצן, אין וועלכע עס האָט זיך געקאָנט הערן אַן אומרו און אַ זאָרג וועגן גורל פֿון דער פֿרומער משפּחה מאַנדלבוים. אָבער מיט דער צייט האָט זי, בילמעלע, דערפֿילט זיך אַרומגערינגלט אין אַ קרייז — איינע אַנטקעגן דער גאַנצער וועלט, איינע אַנטקעגן די אַלטע גוטע זיטן, אַנטקעגן דער אַלטער גוטער יידישקייט. אין דער דאָזיקער איינזאַמקייט האָט גע־

שטעקט אַ געפֿאַר. בלימעלע האָט מורא געהאַט, און געווען איז עס דער פּחד פֿאַר דער וועלט, און אויך דער פּחד פֿאַר זיך אַליין, פֿאַר דער אייגענער לייכטזיניקייט און שוואַכקייט.

עס איז נאָך נישט געווען צו שפּעט איבערצוהאַקן די דאָזיקע נעפּערלעכע שפּיל, אָבער בלימעלע האָט דאָך געוווּסט, אַז ביז הייגט האָט זי קיין שום שלעכטע זאַך נישט אָפּגעטאָן און זי איז געווען שטאָלץ פֿון דער אייגענער ריינקייט, און די דאָזיקע שטאָלצקייט האָט איר נישט דערלויבט צו בייגן דעם קאָפּ פֿאַר יענע בייזע צונגען, פֿאַר יענע השדים און בלבולים, וואָס זענען געווען בייזוויליק און ליגנעריש — אמת איז דאָך געווען נאָר דאָס איינע, אַז זי האָט זיך באַגעגנט מיט דעם יונגן פּאָפּאָוויטש, אָבער צו קיין שום זינדיקער דערנענטערונג איז צווישן זיי נישט געקומען, זייער באַקאַנטשאַפֿט איז געווען אומשולדיק און ריין, כאָטש האָס שטעטל האָט אין דער האָזיקער ריינקייט נישט געוואָלט גלייבן.

יאָ, די שטאָלצקייט פֿון דער משפּחה מאַנדלבוים האָט זיך אין איר דערוועקט. די שטאָלצקייט האָט איר נישט דערלויבט צו פֿאַרענדיקן די פֿריינדשאַפֿט מיטן סטודענט. עס האָט איר געסטייעט גענוג שטאַרקן ווילן, זי וואָלט אימשטאַנד געווען אָפּצוזאָגן זיך פֿון פֿיל זאַכן — פֿון גליק, ליבע, רייכקייט. עס האָט אָבער אויפֿגעשפּילט אין איר דאָס חוצפּהדיקע בלוט פֿון איר פֿאָטער, וועלכער איז געווינט געווען, אַז שטענדיק זאָל זיגן זיין דעה. און עס האָט זיך אין איר אָנגערופֿן דאָס בלוט פֿון איר איינציקן ברודער מענדל, וועלכער איז געווען אַזוי האַרטנעקיק, אַז שטענדיק האָט ער זיין אייגענעם ווילן אַנטקעגנגעשטעלט דעם ווילן פֿון זיין פֿאָטער.

דעריבער האָט בלימעלע נישט אָפּגעזאָגט זיך פֿון די אָוונטיקע שפּאַצירן דורך די טונקעלע געסלעך, וועלכע האָבן זיך געשלענגלט צווישן דעם שלאָס־באַרג און צווישן דעם סאָן. אויפֿדערנאַכט פֿלעגן זיי שטיין אָנגעשפּאַרט בײַ דער הילצערנער פּאָרענטשע, וואָס האָט אָפּגעטיילט דעם וועג פֿון טייך. אויף דעם דאָזיקן אָרט איז דער טייך געווען טיף און רייסנדיק. פֿאַרהאָרכט אין געזשום פֿון זייגע כוואַליעס, האָט בלימעלע פֿאַרגעסן וועגן דער וועלט און וועגן דער צייט. שווייגנדיק און פֿאַרטראַכט פֿלעגן זיי דאָ פֿאַרברענגען אַ שעה, צוויי, און דערנאָך זיך לאָזן צוריק אין שטעטל אַריין, און שטענדיק האָבן זיי מיט ווייטיק געטראַכט וועגן דער שנעלער פֿאַרמיידלעכקייט פֿון דער צייט, און שטענדיק האָבן זיי באַ=

דויערט, וואָס זיי האָבן נישט באַוויזן צו זאָגן זיך דאָס אַלץ, וואָס האָט אין זיי געברויזט און געבושעוועט.

די שמועסן, וואָס זיי האָבן געפירט אין די פינצטערע געסלעך הינטער דער שטאָט, האָבן פאַרמאָגט אַזוי פיל ליכט און אַזוי פיל פרייד, אַז מאַגדלבוימס בת־יחידה האָט זיך נישט געוואָלט אָפּזאָגן פון זיי.

און איינמאָל איז געקומען דער טאָג, וואָס האָט איר געבראַכט דעם געדאַנק, אַז דאָס לעבן וואָלט דאָך נישט געהאַט קיין זין אָן דער אָנוועזנהייט פון דעם דאָזיקן פריינד אירן, וואָס זיין פּנים איז געשטופּלט ווי אַ רעשעטע און וועלכער איז דאָך טראָץ דעם אַזוי שיין, ווי עס וואָלט דורך אים דורכגעפלאָסן דאָס ליכט פון דער גאַנצער וועלט. ווייל זיין שיינקייט, די שיינקייט פון דיאָניזי פּאָפּאָוויטש איז געווען אַן אַנדערע, נישט קיין פּשוטע, און די מיידלעך האָבן פון שטעטל די דאָזיקע זאַך נישט געקאָנט פאַרשטיין און נישט דערשאַצן. וואָס האָבן זיי געקאָנט וויסן וועגן דעם? דיאָניזיס שיינקייט האָט זיך גענומען פון זיינע ווערטער און פון זיינע מאָדנע געדאַנקען, מיט וועלכע ער האָט רייך געמאַכט איר וואָכעדיקן טאָג און איר לעבן.

— ווו נעמט מען ווערטער? — האָט געפרעגט דיאָניזי און זיין פּנים איז געווען באַגייסטערט ווי דאָס פּנים פון אַ יונגן נביא — ווו נעמט מען ווערטער צו באַשרייבן דאָס דאָזיקע וווּנדערלעכע שטעטל? און די היגע מענטשן... עס וועט קומען אַ טאָג און איך וועל זיי אַלע באַשרייבן אין אַ בוך, אַ גרויסער ראָמאַן וועט עס זיין וועגן זיי אַלע, וועגן די באָרוועסע פויערים פון די בערג, וועגן די ציגיינער פון פלאָוויץ, וועגן די היגע ייִדן. די וועלט וועט זיך אַ וואַקל טאָן, ווען איך וועל באַשרייבן זייער לעבן. די וועלט וועט פאַלן אויף די קני פאַר דעם משוגענעם מאַקס און בעטן בײַ אים מחילה.

בלימעלע האָט געשוויגן. נישט איינמאָל האָט שוין דיאָניזי גערעדט וועגן דער דאָזיקער וועלט, וועלכע וועט פאַלן אויף די קני פאַר דעם משוגענעם מאַקס. מאַקס איז געווען אַ סימבאָל, אַן אומעטיקער האַרצרייסנדיקער סימבאָל.

דיאָניזיס האַרץ איז געווען פול מיט רחמנות פאַר דעם דאָזיקן שטעטל, זיין שטעטל איז עס געווען, און די דאָזיקע פעסטשטעלונג איז בלימעלען ליב געווען, ווייל אויך זי האָט געהאַט ענלעכע געפילן צו דער שטאָט און צו די דאָזיקע מענטשן. און די דאָזיקע געפילן האָט מען געקאָנט פאַרגלייכן צו די געפילן, וועלכע מען האָט צו אַ נישט זייער גע־

לונגענעם פּאַטער אָדער צו אַ נישט זייער געלונגען קינד — נישט געלונגען איז עס, אָבער מיינס איז עס דאָך... אייגן איז עס און נאָענט צום האַרצן.

דיאַניזי האָט דערציילט וועגן דעם, וואָס מען דאַרף געבן דער מענטשהייט, בכדי זי זאָל זיין גליקלעך. ער האָט גערעדט וועגן ערד פאַר די פּויערים, וועגן שטיוול פאַר די באָרוועסע און וועגן ברויט פאַר הונגעריקע. וועגן פאַבריקן, וועלכע מען דאַרף דאָ אויפבויען.

— און ליכט... — האָט געזאָגט בלימעלע — מען דאַרף אָנהייבן פון ליכט. ליכט איז לעבן פאַר דעם מענטש. מען קאָן דאָך נישט ענדערן די וועלט אין דער פינצטער. קיין שום געוויקס קאָן נישט וואַקסן אין דער פינצטער. טאָ וויאַזוי קאָן לעבן דער מענטש דאָרט, ווו עס דערגייט נישט קיין שום שטראַל?

ווען זי האָט פאַרענדיקט איר אויפברויז, זענען זיי אַ וויילע געגאַנגען שווייגנדיק, געהאַלטן זיך ביי די הענט, נישט געפילט דעם רעגן און נישט די קעלט פון האַרבסטיקן פאַרנעפּלטן אָוונט. עס האָט זיי נישט געשטערט די געדיכטע פינצטערניש — אפשר האָבן זיי שוין געזען פאַר זיך דאָס דאָזיקע ווונדערבאַרע ליכט, וואָס בלימעלע האָט געוואָלט אָנצינדן פאַר דעם שטעטל און פאַר דער וועלט. אפשר האָבן זיי שוין געזען אין די מחשבות יענע ווונדערבאַרע וועלט, וועגן וועלכער זיי האָבן געחלומט.

— ווייסט, איך פאַרלאָז דאָס שטעטל... — האָט פּלוצים געזאָגט דיאַניזי — מיר וועלן זיך אַ צייט נישט זען. איך וויל זיך לאָזן צו יענע ווייטע דערפער אין די בערג. כ'בין נאָך דאָרט קיינמאָל נישט געווען. מען זאָגט, אַז מענטשן לעבן דאָרט אַזוי ווי מיט הונדערט יאָר צוריק. וויל איך זיי זען אויף די אייגענע אויגן. איך וויל מיט זיי רעדן...

— ווילסט מיט זיי רעדן — האָט איבערגעחזרט בלימעלע און אין אירע ווערטער איז געווען אַ לייכטער, קוים הערבאַרער קלאַנג פון אַנטוישונג און פון אומגעדולדיקייט — אַלץ הייבט זיך אָן מיט ווערטער און אויף ווערטער ענדיקט זיך אַלץ. בלויז ווערטער, ווערטער...

און געטראַכט האָט זי דערביי, אַז גערן וואָלט זי אים באַגלייט אין דעם דאָזיקן וועג, זיי וואָלטן ביידע צוזאַמען געקלעטערט אויף די באַרגיקע פאַרוואַקסענע וועגן, צו יענע ווייטע, פון גאָט און פון לייט פאַרגעסענע דערפער און קלייניקע שטעטלעך, וואָס זענען געווען אויף דער זעלבער וועלט און אין זעלבן לאַנד, אַזוי נאָענט און אַזוי ווייט, אַז אַ סך פון די

דאָרטיקע יונגע מענטשן האָבן נאָך קיינמאָל נישט געזען קיין אייזנבאַן און האָבן נישט געהערט וועגן עלעקטרישן ליכט.

בלימעלען איז געווען פיינלעך דער געדאַנק, אַז פיל טעג און אפשר פיל וואָכן וועט זי נישט זען איר פריינד און נישט הערן זיין באַגייסטערטע שטימע.

ער האָט זי אַרומגענומען מיטן אָרעם און געזאָגט, אַז ער וועט צוריקקומען אפשר אין אַ חודש אַרום, העכסטנס אין זעקס וואָכן, און זי האָט דערביי געטראַכט, אַז אין זעקס וואָכן קאָן זיך פיל ענדערן אפילו דאָ, אין דאָזיקן שטעטל, וו עס ענדערט זיך קיינמאָל גאָרנישט — פיל קאָן זיך ענדערן צום גוטן און פיל צום שלעכטן. דעם דאָזיקן געדאַנק האָט זי נישט אַרויסגעבראַכט אויף די ליפּן, ווייל טיף אין באַוווסטזיין האָט אין איר געשטעקט אַ מין פּחד, זי האָט מורא געהאַט אַרויסצורעדן אין אַ שלעכטער שעה, בפרט אַז די וועלט, אויף וועלכער זיי ביידע לעבן, איז אַנגעשפּיקעוועט מיט געפאַרן, די וועלט איז פאַנאַנדערגעטיילט מיט אַ טיפער גרענעץ. אויף איין זייט לעבט די טאָכטער פון ר׳ אליעזר מאַנדלבוים, אויף דער צווייטער זייט לעבט דער זון פון פאַן פאָפּאָוויטש.

— ווען איך וועל שטאַרבן — זאָגט מיט אַן אומעטיקן שמייכל בלימעלע, אָבער ער, דער יונגער מענטש, זעט נישט דעם דאָזיקן שמייכל אין דער פינצטער, ער הערט בלויז איר שטימע, וועלכע איז ליידנשאַפטלעך און רירנדיק — ווען איך וועל שטאַרבן, וועל איך וואַרטן אויף דיר, דאָרט, אויף יענער וועלט. און ווען דו וועסט שטאַרבן, וועלן מיר אויפסניי געבוירן ווערן, מיר וועלן מגולגל ווערן און דו וועסט דעמלט זיין מיין מאַן און איך וועל זיין דיין פרוי.

צוויי שאָטנס האָבן זיך אַרומגענומען און זיך צוגעדריקט איינער צום צווייטן.

ער האָט זי געקושט, צום ערשטן מאָל האָט ער זיך געוואַגט זי צו קושן, און בלימעלע האָט אויפגענומען זיינע צערטלעכקייטן אַזוי ווי מען נעמט אויף אַ לאַנג אויסגעבענקטן נס. זי האָט דערפילט די גאַנצע זיסקייט פון דערוואַרטונג אויף דער דאָזיקער מינוט. און געוווסט האָט זי, אַז קיין המשך וועט אפשר נישט קומען, ווייל אין אַ געווויסן אָרט און אין אַ געוויסער רגע וועט זיך דאָך ענדיקן איר מוט, און איר האַרץ וועט דעמלט געצוווּנגען ווערן צו פאַרהאַלטן זיך, עס וועט זיך מוזן אונטערגעבן און אומקערן זיך צו יענער גרענעץ, וואָס טיילט אָפּ צוויי וועלטן.

זי האָט געפילט דעם באַריר פון זיינע הענט און עס האָט זיך איר גע־דאַכט, אַז קיין שום אַנדערער מענטש אין דער וועלט, קיין שום אַנדערער מאַנצביל וואָלט נישט געקאָנט באַפרייען אין איר אַזוויפיל געפילן און אַזוי־פיל גליק, ווי ער, דיאָניזי פּאָפּאָוויטש, דער געוועזענער סטודענט פון קריסט־לעכער טעאָלאָגיע. דאָס זעלבע האָט ער געטראַכט וועגן איר, ווייל זייערע געדאַנקען און זייערע געפילן זענען שוין פון לאַנג געווען קאָנגזייטיק, און אין זייערע שטימונגען האָבן זיי זיך פאַרשטאַנען אָן ווערטער.

עס איז שוין געווען שפּעט, זי האָט געמוזט אַהיימגיין. געזעגנט האָבן זיי זיך כמעט שווייגנדיק.

— איך דאַנק דיר — האָט געזאָגט בלימעלע — פאַר אַלץ דאַנק איך דיר. אָן דיר וואָלט מיר געווען שלעכט. אָבער צו דעם שלעכטן וועל איך, דאַכט זיך, מוזן זיך צוגעוווינען. פאַרשטייסט דאָס? אמת?

ער האָט נישט געענטפערט. זי איז לאַנג געשטאַנען אין דער פינצ־טערניש און נאָכגעהאָרכט. זיינע טריט האָבן זיך דערווייטערט און זענען צעשוווּמען געוואָרן אין דער נאַכט.

קאַפּיטל 7

אין איינעם אַ האַרבסטיקן טאָג, ווען די געסלעך האָבן זיך באַדעקט מיט רויטן און געלן בלעטערפאַל, האָט זיך אין שטעטל באַוויזן אַ פרעמ־דער פּאַרשוין, און באַלד איז מען געוויער געוואָרן, אַז געקומען איז צו פאָרן אַ שרייבער, אַ שריפטשטעלער.

אָנגעטאָן איז ער געווען נישט זייער יום־טובדיק. אויפן רוקן האָט ער געהאַט אַן אַלטן אָפּגעכוימלטן מאַנטל, און דער פּליך זיינער איז גע־ווען צוגעדעקט מיט אַ שוואַרצן קאַפּעליוש, וואָס האָט געהאַט ברייטע אַראָפּהענגענדיקע ברעגעס.

ער איז געווען אַ נידעריקער, אויפן האַלדז האָט ער געהאַט סימנים פון אַ וווּנד, און אייזיק, דער קאַמאַשנשטעפּער, וועלכער איז געווען דער יושב ראש פון די היגע באַלמעלאָכעס און האָט געקענט דעם שריי־בער פּערזענלעך — האָט עמעצן בסוד סודות געזאָגט, אַז די דאָזיקע וווּנד איז דעם שרייבער פאַרבליבן פון יענע צייטן, ווען ער האָט זיך געפּרוּווט נעמען ס'לעבן. געטאָן האָט ער עס אין אַ שעה פון פאַרצווייפ־לונג, ער האָט געלעבט אין הונגער און אין נויט, און האָט זיך אונטער־

געשניטן דעם גאָרגל מיט אַ ראַזיר־מעסער, מען האָט אים קוים אָפּגע־ראַטעוועט.

דאָס האָט אייזיק קאַמאַשניק פֿאַרבעטן דעם שרייבער אויף אַן אָוונט און טאַקע אייזיק איז געווען דער באַלעבאָס פֿון הייניטיקן יום־טוב. אין לאָקאַל פֿון פּראָפֿעסיאָנעלן שניידער־פֿאַריין האָט מען אויף דער וואַנט אויפֿגעהאָנגען דעם שרייבערס פּ אָ ר ט ר ע ט — ער איז געהאָנ־גען אויף אַ בכבֿודיק אָרט, צווישן מענדעלע מוכר ספֿרים און שלום־עליכם.

ביי דער טיר זענען געשטאַנען צוויי שניידער־געזעלן, וועלכע האָבן געזאָלט אויפֿפּאַסן, אַלץ זאָל זיין אין אָרדענונג, אָבער די צוויי שניידער־יונגען זענען געווען — ווי דער שטייגער איז ביי שניידערס — בלאַס און שוואַך, דעריבער האָט זיי געדאַרפֿט צוהעלפֿן יענקל טרעגער. יענקל האָט קיינמאָל וועגן קיין שום שרייבער נישט געהערט, קיין ביכער האָט ער נישט געלייענט, אַפֿילו נישט געקענט קיין אלף־בית, אָבער ידים האָט ער געהאַט קרעפֿטיקע און שטאַרק איז ער געווען ווי צען פּויערים.

אייזיק קאַמאַשניק איז אַ גאַנצן טאָג אַרומגעגאַנגען אַן אויפֿגערעג־טער. ער איז נישט געווען זיכער, צי דער אָוונט וועט זיין אַ געלונגענער, צי דער עולם וועט וועלן קומען, ווייל סוף כל סוף וועמען איז נייטיק אַ שרייבער אין דאָזיקן פֿאַרדריפּעטן שטעטל, וואָס ליגט הינטער די הרי־חושך?

מען האָט ביי אייזיקן געפֿרעגט, צי דאָס איז אַן אמתדיקער שריי־בער, אַזעלכער, וואָס שרייבט ביכער? אפֿשר שרייבט ער בלויז אין די גאַזעטן? דער שרייבער איז געווען אַן אמתדיקער שרייבער, געשריבן אמתדיקע ביכער, אָבער געשריבן האָט ער זיי אין זשאַרגאָן. איז וואָס, אַז אין זשאַרגאָן? זשאַרגאָן איז נישט קיין שפּראַך? דאָס הייסט, אַז מיר אַלע רעדן גאָר נישט מאַמע־לשון, נאָר זשאַרגאָן? און דאָ האָט זיך אַריינגעמישט אַן אַלטער ייד, וואָס מען האָט אים גערופֿן לאָזער טאַבאַק־שמעקער, מחמת עס האָט זיך פֿון אים שטענדיק געטראָגן אַ שאַרפֿער ריח פֿון טאַבאַק, און לאָזער טאַבאַק־שמעקער האָט געזאָגט, אַז ס'איז אמת, יידיש איז טאַקע נישט קיין שפּראַך, פּונקט ווי צאָן־ווייטיק איז נישט קיין קרענק. דער אמתדיקער לשון איז לשון־קודש, די הייליקע שפּראַך פֿון אונדזערע אבֿות, די שפּראַך, אין וועלכער גאָט האָט זיך אַנטפּלעקט פֿאַר משה רבינו אויפֿן באַרג סיני.

און דערווייל איז דער שרייבער געזעסן אין טריפהנעם רעסטאָראַן פון איזידאָר דאַמף און האָט דאָרטן געטרונקען שוואַרצע קאַווע און גערויכערט פאַפּיראָסן. ערשט פאַרנאַכט האָט ער זיך באַוויזן אויף דער גאַס, ווען איבערן שטעטל זענען שוין געהאָנגען די שטערן, און פון בית־מדרש האָט זיך געהערט דאָס דאַווענען מנחה־מעריב. דער שרייבער האָט זיך פּאַוואָליע געלאָזט גיין דורכן יידישן געסל. מיידלעך האָבן אויף אים געקוקט פון דער ווייטן און אַ ביסל זענען זיי געווען אַנטוישט, ווייל דער שרייבער איז נישט געווען קיין גרויסער קראַסאַוועץ, ער האָט נישט געטראָגן קיין שוואַרצן שניפּס אויפן האַלדז און נישט קיין ראָמאַנטישע פּעלערינע, און געל איז ער געווען ווי אַ געלער הונט, און דעם אמת געזאָגט, איז שווער געווען צו דערקענען ווער דאָס איז, אַ שריפטשטעלער צי אַ פאַבריקמאַכער.

און דערווייל האָט זיך פּאַוואָליע געזאַמלט דער עולם אין לאָקאַל פון שניידער־פאַריין. דער ערשטער איז געקומען דער שניידער וואָלף־הערש, וואָס מען האָט אים גערופן וואָלף־הערש טאַנדעטניק. געווען איז ער אַ וואַזשנער באַלמעלאָכע, ער האָט געהאַט גאָלדענע הענט, געקאָנט אויפנייען דרייהונדערט פּויערישע צייגענע מכנסים אין איין וואָך. און זאָגן פלעגט ער, אַז צומבעסטן איז צו נייען פאַר אַ מת, מתים קלאָגן זיך נישט, אַז די הויזן זענען ענג און אַז די קאַפּאָטע הענגט ווי אויף אַ פגר.

וואָלף־הערש דער טאַנדעטניק האָט אַבאָנירט אַ לינקע צייטונג, און שבת נאָך מיטאָג, ווען זיין פרומע יידענע פלעגט מיט אַ זינגעוודיקער שטימע לייענען פּרקי־אבות, פלעגט ער זיך צוכאַפּן צו אַ זייטל פון קאַרל מאַרקס „קאַפּיטאַל“. יאָרן לאַנג פלעגט ער דאָס דאָזיקע ווערק לייענען און בייזע צונגען פלעגן זאָגן, אַז קיין סך האָט ער דערפון נישט פאַרשטאַנען, אָבער דאָס איז מסתמא געווען נישט מער ווי אַ בייזוויליקער ליגנט. וואָלף־הערש פלעגט אויך לייענען אַנדערע ביכער און אויף דעם היינטיקן אָוונט איז ער געקומען מקבל פנים זיין דעם שרייבער, ווייל דאָס איז דאָך געווען אַ פּראָלעטאַרישער שרייבער, און הערש־וואָלף האָט ליב אַלץ, וואָס איז פּראָלעטאַריש. ביינאַכט פלעגט זיך אים באַווייזן אין חלום וולאַדימיר מאַיאַקאָווסקי בכבודו ובעצמו, מאַיאַקאָווסקי פלעגט חבריש אַוועקלייגן אַ האַנט אויף הערש־וואָלפס אַקסל און באַרואיקן אים: „נישט געהאַגהט...“

איז וואָלף־הערש אַריינגעקומען דער ערשטער און זיך אַוועקגעזעצט אין דער ערשטער ריי בענקלעך אויף אַ בכבודיק אָרט, און געטאָן האָט ער עס בכדי צו געבן אַ גוטן ביישפּיל, ווייל עמעץ מוז דאָך זיין דער ערשטער. און באַלד נאָך אים זענען אַריינגעקומען עטלעכע יונגעלייט, סובּיעקטן און שוסטערס, בעקער־יונגען און סתם יידן, און געקומען איז אויך דער בוכהאַלטער גאַלעס, דער זעלבער, וואָס פּלעגט יעדן פאַרנאַכט אַרומשפּאַצירן בגילוי־ראש — מען פּלעגט אויך זאָגן וועגן אים, אַז ער האָט אין שטוב אַ פולע שאַנק מיט ביכער, און הערצו נאָך אויסגעלאָסענע ביכער, מיט נאַקעטע נקבות אויף יעדן זייטל.

און ענדלעך האָט מען זיך דערוואַרט: אַריינגעקומען איז דער חשובער גאַסט, דער שרייבער, און באַשיידן זיך אַוועקגעזעצט אין אַ ווינקל, דערווייל נאָך נישט אויף דער בינע.

עטלעכע יונגע מענטשן זענען צו אים צוגעגאַנגען געבן שלום, אַרומגערינגלט אים, און ער האָט זיי מכבד געווען מיט פּאַפּיראָסן. אייזיק קאַמאַשניק איז צוגעלאָפן מיט אַ גלעזל סעלצער־וואַסער, אפשר איז דער חשובער גאַסט דורשטיק. מען האָט זיך צערעדט, די יונגע שניידער־געזעלן האָבן געפרעגט, יעדער האָט געוואָלט וויסן עפּעס אַנדערש און אַלע האָבן געוואָלט וויסן דאָס זעלבע. מען האָט ביי אים געפרעגט וויאַזוי עס לעבן די יידן אין ביראָבידזשאַן און ווי עס האַלט מיט דעם טעריטאָריאַליזם. וואָס האַלט דער שרייבער וועגן פּאַלעסטינע אויף ביידע זייטן ירדן? עמעץ האָט געפרעגט צי אין אַזאַ קליין שטעטל איז מעגלעך צו פירן אַ קלאַסן־קאַמף? און דער אויסגעלאָסענער בוכהאַלטער גאַלעס האָט געפרעגט, וואָס דער חשובער מחבר האַלט וועגן פרייער ליבע און וועגן פרוידס חלום־טעאָריע.

דער שרייבער האָט שעמעוודיק געשמייכלט, ער האָט געשוויגן, אַרום אים איז געווען רעדעוודיק און רוישיק, דער עולם האָט געפרעגט און דער עולם האָט זיך אַליין געענטפערט, און באַלד האָט מען זיך אַזוי צעהיצט, אַז מען האָט אים שוין נישט צוגעלאָזט צום וואָרט.

אַלץ מער נייגעריקע זענען אַריינגעקומען, דער לאָקאַל איז שוין געווען כמעט פול. אייזיק קאַמאַשנשטעפּער האָט זיך אַרומגעפּאָרעט ווי אַן אמתדיקער בעל הבית, ווי אַ בעל שמחה, די שניידער־געזעלן ביי דער טיר האָבן זיך געהאַלטן זייער בכבודיק און שטאָלץ, ווייל דאָס איז דאָך געווען ז יי ע ר יום־טוב, דער שרייבער איז געווען ז יי ע ר שרייבער, דעריבער זענען אויך די געסט געווען ז יי ע ר ע געסט.

אָבער פּלוצים האָבן זיי זיך עטוואָס באַאומרואיקט, ווייל אַלע זייַ ערטער זענען שוין געווען פאַרנומען און דאָ איז נאָך אַריינגעקומען אַ גאַנצע כאַפּטע בית־מדרש־בחורים, זיי האָבן נאָר־וואָס אָפּגעדאַוונט מנחה־מעריב — גלייך פון בית־המדרש זענען זיי דאָ אַריינגעקומען און אַוועקגע־שטעלט זיך ביי דער טיר, זיי האָבן זיך געהאַלטן באַזונדער פון גאַנצן אַרבעטער־עולם, ווייל געווען זענען זיי מיוחסים, זיידענע יונגעלייט, און ווען אייזיק האָט זיי דערזען, איז אים פינצטער געוואָרן פאַר די אויגן, ווייל ער האָט פאַרשטאַנען, אַז די דאָזיקע רבנישע אייניקלעך זענען אוודאי נישט געקומען אָפּגעבן כבוד דעם פּראָלעטאַרישן שרייבער.

און דער שרייבער איז שוין געזעסן אויף דער בינע און מיט פריינד־לעכע בליקן האָט ער אַרומגענומען דעם עולם. אין לאָקאַל איז שוין גע־ווען פול, מען האָט געעפנט די פענצטער, ס'זאָל אַריינקומען אַ ביסל לופט. די מענטשן זענען שוין געווען צוזאַמענגעפּרעסט, ווי די הערינג אין אַ פאַס, דערייבער האָבן זיך אויך אין דרויסן אַוועקגעשטעלט אַ צוויי, און אפשר גאָר דריי מנינים יידן, מיט די קעפּ אַריינגעשטעקטע אינעווייניק.

און באַלד האָט זיך אויך באַוויזן אַ פּאָליציאַנט אין דינסט און אויך אַ פייערלעשער מיט דעם גילדענעם קאַפּעליוש אויפן קאָפּ.

ביי דער טיר האָט געוואַכט יענקל טרעגער און פאַרקאַטשענדיק די אַרבל, האָט ער אויף זיין טרעגערישן אופן געדרשנט בקול רם, געוואָרנט, אַז אַלע זאָלן אים הערן:

— אַזוי זאָלן מיר דאָ אַלע געזונט און שטאַרק זיין: איך הייס יענקל טרעגער און ווער עס וויל מיט מיר האָבן צו טאָן, דער זאָל זיך באַצייטנס פאַרזאָגן אַ קדיש. אַ קרקע וועל איך אים אַליין אויסגראָבן...

אייזיק קאַמאַשניק איז אַרויף אויף דער בינע און האָט באַגריסט דעם חשובן שריפטשטעלער און געבעטן ער זאָל נעמען אַ וואָרט.

האָט דער שרייבער גענומען אַ וואָרט און אָנגעהויבן רעדן, שטיל און געלאַסן. זיין מיאוס פּנים האָט זיך דערביי ווי געענדערט, באַקומען אַ שיינעם וואַרעמען אויסזען, און אפילו די באַלעבעסלעך, וואָס האָבן פריער גערעדט וועגן אים מיט אַ שפּאָטיש שמייכעלע, האָבן איצט גע־האָרכט און געהאַט הנאה, און עס האָט זיך אַלעמען געדאַכט, אַז דעם שרייבערס ווערטער בליען ווי בלומען.

און גערעדט האָט ער וועגן דער טאָלדענער קייט פון דורות, וועגן יע־נער וונדערבאַרער קייט, אין וועלכער דער מענטש איז נישט מער ווי אַ קליין רינגעלע. דאָס לעבן פון יחיד איז קורץ, אָבער דאָס פאָלק לעבט

אייביק. דער מענטש איז שוואַך, ווען ער איז איינזאַם, אָבער שטאַרק איז ער, ווען ער ווייסט ווו צו זוכן דעם קוואַל פון קראַפט: אין דער געזעלשאַפט, אין דעם קלאַס, צו וועלכן ער געהערט.

ער האָט גערופן די מענטשן צו ליבשאַפט: ווען מיר ליבן דעם מענטש, זעען מיר זיין שיינקייט, ווייל שיין זענען די מענטשן און שיין זענען די פעלקער, מען דאַרף נאָר צו דער דאָזיקער שיינקייט דערגרייכן, מען דאַרף די דאָזיקע שיינקייט דערזען, מען דאַרף זי זוכן. טיילמאָל דאַרף מען זי ערשט פאַרזייען און האָדעווען, אַזוי ווי מען האָדעוועט אַן איידעלן בוים אָדער אַן איידעלע בלום. טיילמאָל איז די שיינקייט פון מענטשלעכן מין פאַרדעקט, פאַרבאָרגן פאַר אונדזערע אויגן, איינגעהילט אין שמוציקע מלבושים, אין טראַנטעס. טיילמאָל ליגט דעם מענטשנס כבוד אונטער די שווערע טריט פון נידערטרעכטיקע און פאַרפאָלגער. מען דאַרף זיך אָנבייגן מיט ליבשאַפט און צאַרטקייט, אויפהייבן און אָרומוואַשן דעם קערפער פון געפאַלענעם, צודריקן אים צום האַרץ, בכדי ער זאָל ווידער שיין זיין און ענלעך צו אַ מלאך.

אומעטום זענען פאַראַן פאַרבאָרגענע קוואַלן, אומעטום זענען כוחות פאַראַן — דאַרף מען די דאָזיקע פאַראייניזאַמטע כוחות פאַראייניקן, בכדי צו ענדערן דאָס געזיכט פון דער וועלט, בכדי די וועלט זאָל זיין אונדזער וועלט, און איר שיינקייט זאָל זיין פאַר אונדז, און אַלע אירע רייכקייטן זאָלן אונדז דינען.

גענוג לאַנג האָט ער אַזעלכע און ענלעכע דיבורים גערעדט, און האָרכנדיק אים, האָט דער עולם פאַרגעסן ווו מען געפינט זיך און אין וועלכע צייטן מען לעבט — אָט רעדט צו זיי אַ נביא, וואָס איז געקומען טרייסטן זיין פאָלק.

מיר ווילן נישט קיין רייכטום, האָט ער געזאָגט, מיר גלוסטן נישט צו פילשטאָקיקע וואָלקנקראַצערס, פרעמד זענען אונדז די בערזעס און די סאַלאָנען. אין פשטות ווילן מיר טרינקען די פרייד פון לעבן, מיר ווילן אַקערן און זייען, הייזער בויען און אַרבעטן אין די פאַבריקן, אין אונדזערע פאַבריקן, און מיר ווילן, אַז דער אַרבעטער־קלאַס זאָל הערשן איבער דער גאָרער וועלט.

וואָלף־הערש דער טאַנדעטניק האָט געשמאָקעט מיט די ליפן און עס האָט זיך געדאַכט, אַז זיין קוועלנדיקער שמייכל וויל זאָגן: איר זעט? איר הערט? אַזעלכע זענען זיי, אונדזערע פּראָלעטאַרישע שרייבער, אַזעלכע זענען מיר אַלע, פּראָלעטאַריער פון אונטער דער רויטער פאָן...

און ער, דער שרייבער, פילנדיק, אַז ער גרייכט שוין צו זייערע הערצער, האָט זיך אויפגעהויבן פון אָרט און איז אַראָפּ פון דער בינע, בכדי צו זיין נעענטער צום עולם. און ערשט איצט האָט נישט איינער פון זיינע צוהערער אַ טראַכט געטאָן, אַז קיין מפּיל־קינד איז ער נישט, דער דאָזיקער געלער פאַרשוין — אַ מאָדנע קראַפט האָט געשטראַלט פון זיין געזיכט, עס האָט זיך געדאַכט, אַז ער באַמיט זיך אָנצושטעקן זיי מיט דעם אייגענעם כּוח און מיט דער אייגענער מוטיקייט.

— מען דאַרף עפענען די הערצער צו דער וועלט, אַזוי ווי מען עפנט אַ פענצטער — האָט ער געזאָגט ליידנשאַפטלעך — מען דאַרף עפענען די אויגן אויף דער וועלט, אַרומנעמען זי מיט די אייגענע אָרעמס און צודריקן זי צום האַרצן. ווייל שיין איז זי ווי אַ שיינע כּלה, און ליבן דאַרף מען זי...

און ער האָט דערציילט וועגן דעם פּרעכטיקן און האָפענונגספולן יאָרהונדערט פון עלעקטרישער קראַפט און פון ראַדיאָ.

— לאָמיר אויפנעמען דעם אָטעם פון די נייע צייטן! — האָט ער געשריגן מיט באַגייסטערונג — מיר דאַרפן פרייהייט, פרייהייט און ליכט! מיר דאַרפן לופט פאַר די לונגען און פרייד פאַר די הערצער. און די פרייהייט ליגט אַ געבונדענע, זי איז לעבן אונדז, לאָמיר צו איר אויסשטרעקן די הענט, לאָמיר אויפבינדן די שטריק!...

ביי דער טיר האָט זיך דערהערט אַ לייכטער גערויש.

— שטיל זאָל זיין! — האָט זיך צעברומט יענקל טרעגער — איר הערט?

איז ווידער געוואָרן שטיל.

דער שרייבער האָט געענדערט די טעמע. איצט האָט ער גערעדט וועגן די פינצטערע וואָלקנס, וואָס זאַמלען זיך אונטערן הימל פון אייראָפּע. ער האָט דערציילט וועגן פאַשיזם, וועגן די פאַרפאָלגונגען און גזרות אין דייטשלאַנד. ער האָט אויפגעקלערט, ווער עס שטיצט דעם פאַשיזם און ווער עס קעמפט מיט אים.

— איר ווייסט, ווער עס איז דער שונא פון פאַשיזם? — האָט ער געזאָגט מיט אַ גערירטער שטימע — דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־קלאַס אויף דער גאָרער וועלט, און אויך דאָ, ביי אונדז אין פּוילן, אויך אונדזערע פּוילישע ברידער און שוועסטער... פיל פון זיי פאַרברענגען זייערע יונגע יאָרן אין די תּפיסה־קאַמערן, צוזאַמען מיט די זין און טעכטער פון יידישן אַרבעטער־קלאַס...

און עס האָט זיך געקאָנט דאַכטן, אַז ער וויל זיי אײַנשפּאָרן עגמת-נפש, ווייל באַלד האָט ער ווידער געענדערט דעם פּסוק, גענומען רעדן וועגן זאַכן פריילעכע און פּשוטע. ער האָט דערציילט וועגן זיינע ביכער, וואָס ער האָט ביז היינט אָנגעשריבן, און וועגן יענע, וואָס ער וועט זיי מסתמא אָנשרייבן אין דער צוקונפט — וועגן זיינע ראָמאַנען האָט ער דערציילט, וועגן וואָס עס שרייבט זיך אין די דאָזיקע ראָמאַנען...

און ווידער האָט ער גערעדט וועגן דער קראַפט פון ליבע: וועגן דעם איידעלן איינפלוס פון דער פּשוטער מענטשלעכער ליבע אויף דער טבע פון יעדן בשר ודם. און ווען ער האָט זיי דערציילט וועגן דער אומשטערבלעכער דזשוליעט און וועגן איר געליבטן ראָמעאָ, האָט זיך זיי דאָ געדאַכט, אַז זיי הערן די געשיכטע פון קבֿרנס טאָכטער, וואָס האָט זיך ערשט נישט לאַנג געשמדט און הערפירט דעם אַלטן פאָטער צום טויט — ער האָט זיך אויפגעהאָנגען, נישט פאַר קיין שום ייד געדאַכט, אויף אַ טרוקענעם באַרנבוים ביים פּלויט פון בית-עולם.

און פּלוצים האָט זיך עמעצן פון די פאַרזאַמלטע אויסגעוויזן, אַז דעם שרייבערס ווערטער זענען אויסגעלאַסן. איינער פון די פרומע יונגעלייט ביי דער טיר האָט זיך אָנגערופן, אַז דער שרייבער וואַלגערט זיך אין זנות.

— איבערגעלאָזט אַ יידישע טאָכטער און ווינט מיט אַ שיקסע!

עס האָט זיך געמאַכט אַ טומל און איידער ווען און איידער וואָס, האָט עמעץ אויסגעלאָשן דאָס ליכט, מעגלעך, אַז דער פּאָליציאַנט האָט עס געטאָן אָדער דער פייערלעשער, ווער קאָן עס דען וויסן? און עס האָט געפּלאַצט אַ שויב — אין דער פינצטער האָט זיך דער עולם גענומען שטופּן צו דער טיר, געוועזן אין לאָקאַל עטלעכע מיידלעך, האָבן זיי זיך צעוויינט... און ביי דער טיר האָט מען זיך שוין מכבד געווען מיט קלעפּ, און יענקל טרעגער האָט געברומט ווי אַ קעמפנדיקער לייב און געשריגן:

— אַ כאָליערע אויף אייערע ביינער, און אַ בראַנד אויף אייערע הינטישע געהירן!...

די שטילקייט פון האַרבסטיקן אָוונט איז פאַרשטערט געוואָרן, אַ געשריי האָט זיך געטראָגן פון שניידער-געסל, דער פּאָליציאַנט מיטן פייערלעשער האָבן געפייפט, גערופן הילף. און באַלד זענען אָנגעקומען נאָך דריי פּאָליציאַנטן און האָבן גענומען שלאָגן און צעטרייבן דעם אויפגערעגטן עולם. די שטילע דרימלענדיקע געסלעך האָבן דערוואַכט, מענטשן זענען געלאָפן אָדער אַנטלאָפן, דער עולם האָט געבלוטיקט.

ביינאַכט ביי דער לבֿנה האָט דער שרייבער פאַרלאָזט דאָס שטעטל.

אייזיק קאַמאַשניק און יענקל טרעגער זענען געזעסן פֿאַרשלאָסן אין קעלער אונטער דעם ראַטהויז. אינדערפֿרי האָבן די פּאָליציאַנטן געבראַכט דעם בוכהאַלטער גאַלעס און צוויי שניידער־געזעלן. מען האָט זיי דאָרט געהאַלטן אַ גאַנצן מעת־לעת, און אַ גאַנצן מעת־לעת האָבן זיי נישט געוווּסט, וואָס עס איז הערווייל פֿאָרגעקומען אין שטעטל.

און ווען מען האָט זיי אַרויסגעלאָזט פֿון קעלער, איז געווען אַ פֿרעבטיקער זוניקער טאָג און אויף דער גאַס זענען געווען אַ סך ייִדן, יונגע און אַלטע, באַלמעלאָכעס און סתם לייַדיקגייערס. אַלע זענען געגאַנגען פֿון הייליקן אָרט, אַלע האָבן זיך נאָר וואָס אומגעקערט פֿון דער לוויה — באַגלייט אין זיין לעצטן וועג וואָלף־הערשן, דעם טאַנדעטניק, דעם געטרייען פּראָלעטאַריער, וואָס האָט געהאַט גילדענע הענט און האָט געקאָנט אויפֿנייען דריי הונדערט פּאָר הויזן אין איין וואָך.

געשטאָרבן איז ער אויף אַ טראַגישן אופֿן, פֿרומע ייִדן האָבן געזאָגט, אַז ער איז אומגעקומען אויף קידוש השם. און געשען איז עס אַזוי: ווען די פּאָליציאַנטן זענען צו אים געקומען מאַכן אַ רעוויזיע און אַרעסטירן אים פֿאַר דעם נעכטיקן געשלעג אין שניידער־לאָקאַל, האָט דער מוטיקער הערש־וואָלף זיך אַנטקעגנגעשטעלט, און אויפֿהייבנדיק די פֿאַרקלאַמערטע פֿויסט, האָט ער געזונגען דעם אינטערנאַציאָנאַל.

דער פּאָליציאַנט האָט זיך שטאַרק אויפֿגערעגט און געגעבן הערש־וואָלפֿן אַ פּאַטש. הערש־וואָלף איז אומגעפֿאַלן ווי אַן אונטערגעהאַקטער בוים און האָט אויסגעהויכט די נשמה.

דער פּאָליציאַנט האָט שפּעטער פֿאַרזיכערט, אַז ער האָט דעם שניידער נישט געוואָלט קיין שלעכטס טאָן. האָט ער דען געקאָנט וויסן, אַז פֿון איין פּאַטש וועט יענער שטאַרבן?

הערש־וואָלף האָט נישט געהאַט קיין קינדער. איבערגעלאָזט נאָך זיך האָט ער בלויז די פֿרומע פּלוניתטע זיינע, מער קיינעם נישט.

אַ חודש צייט האָט נאָך דעם אומגעקומענעם שניידער קדיש געזאָגט דער אַלטער יענקל שמש. אָבער ווען עס איז צוגעפֿאַלן דער ווינטער, האָבן זיך אויף דעם שטעטל געוואָרפֿן די פֿרעסט, וואָס זענען הייַיאָר געווען אומברחמנותדיק ווי די וועלף. יענקל שמש האָט זיך פֿאַרקילט, איז קראַנק געוואָרן און געשטאָרבן. און מער האָט שוין נאָך הערש־וואָלפֿן קיינער קיין קדיש נישט געזאָגט.

עד, נאַרישקייטן. דאַרף דען אַזאַ געטרייער פּראָלעטאַריער ווי הערש־וואָלף, מען זאָל נאָך אים קדיש זאָגן?

קאַפּיטל 8

אַן אַלטע בלינדע יידענע מיט אַ שטעקעלע אין דער האַנט איז אַריינגעקומען אין דער קיך און שרה מאַנדלבוים האָט זי באַגריסט מיט דעם זעלבן שמייכל, וואָס זי האָט תמיד געהאַט פֿאַר יעדן איינציקן מענטש. זי האָט אָנגענומען די זקנה ביי דער האַנט, אַוועקגעזעצט זי אויף אַ בענקל ביים טיש און צוגעטראָגן איר אַ טעלער מיט עסן. די אַלטיטשקע האָט געגעסן אַ סך, זי האָט געלויבט די געשמאַקע זופּ און צוגעזאָגט שרהן עולם=הבא. דערנאָך האָט זי אָנגעהויבן צו רעדן וועגן דעם געלונגענעם זון אירן, וועלכער איז גאַנצע טעג געזעסן אין בית=מדרש און געלערנט. און ווען זי האָט וועגן אים גערעדט, האָט איר פֿאַרשוואַרצט און פֿאַרקנייטשט געזיכט געלויכטן פֿון גליק. איר זון איז אַלט געווען צוואַנציק יאָר און אַלע יידן אין שטעטל האָבן באַוואונדערט זיין וויסן — ער איז געווען ווי אַ ברונעם פֿול מיט חכמה, און די גליקלעכע מוטער האָט געלעבט מיט אַ פֿריידיקער האָפֿענונג און כמעט מיט אַ זיכערקייט, אַז אין אַ געוויסן טאָג וועט אם=ירצה=השם איר זון חתונה האָבן מיט איינער פֿון די רייכסטע יידישע טעכטער אין שטעטל און דעמלט וועט זי, די מוטער זיינע, אַרומשווימען אין גאָלד און אין זילבער. און דערווייל...

שרה האָט פֿאַרשטאַנען, אַז דערווייל וועט זי ווידער מוזן זיך לאָזן אין די הייזער, בכדי צונויפֿצוזאַמלען אַ פּאָר גראָשן אויף אַ גייער ווינטערדיקער קאַפּאָטע פֿאַר דעם געלונגענעם בית=מדרש=בחור. זי האָט אַרויסגעצויגן פֿון שאַנק די זיידענע טערקישע שאַל, אָפּגעוואַרט ביז די בלינדע האָט אָפּגעגעסן און זיך אָפּגעזעגנט, און ערשט דאַן איז זי אַרויס פֿון שטוב.

זי האָט דאָס מאָל געוואָלט באַזוכן עטלעכע יידן, וואָס זענען נישט געווען צופֿיל פֿריינדלעך פֿאַר איר „צדקה=קלאַפּעריי“, אָבער דווקא די דאָזיקע מענטשן האָבן געהערט צו די שטאָטישע נגידים.

שרה מאַנדלבוים שטייט אַ ווײלע אין מיטן גאַס און טראַכט פֿון וועמען אָנצוהייבן. צוערשט וועט זי אַריינגיין צום דאָקטער לאָרבערקראַנץ און צום אַפּטייקער אַטלאַס, דער אַפּטייקער וווינט אין זעלבן הויז, טיר ביי טיר מיט דעם שניט=סוחר לעאָן האַזענגאַנג. האַזענגאַנג האָט אַן אָפֿן האַרץ און אַ ברייטע האַנט. דערנאָך וועט זי זיך אַריינכאַפּן אין דעם טריפֿענעם רעסטאָראַן פֿון איזידאָר דאַמף און זי וועט זיך דאָרט נישט באַליידיקן,

כאָטש דער פֿאַן דאַמף מיט זײַנע געלע טעכטער נעמען אויף שׂרהן בײַ דער טיר און אין גרויס אײַלעניש. פּונקט ווי עס וואָלט זיי נישט געפּאַסט צו לאָזן איבער דער שוועל אַ ייִדענע אין אַ שייטל. נײן, שׂרה מאַנדלבוים איז נישט פֿון יענע, וואָס האָבן ליב זיך צו באַליידיקן. זי האָט נישט געהאַט קיין רעכט זיך צו באַליידיקן, ווײַל זי האָט דאָך געקלאַפּט אין פֿרעמדע טירן נישט פֿאַר זיך, נאָר פֿאַר אַנדערע אָרעמע מענטשן, און דערמיט ווען עס גייט פֿאַר אַן אָרעמאַן, איז שׂרה בכּוח בײַ דעם גרעסטן קמצן אַרויסרײַסן דעם גראָשן פֿון האַלדז. וועגן דעם ווייסט שוין דאָס גאַנצע שטעטל.

ווען שׂרה איז אַרויס פֿון שטוב, האָט שוין געדעמערט. בלימעלע איז געזעסן אין אַלקער בײַם פֿענצטער און אין שײַן פֿון פֿאַרגייענדיקן טאָג געלייענט אַ בריוול, וואָס מען האָט איר הײַנט בגניבֿה איבערגעגעבן פֿון דיאָניזי פּאָפּאָוויטש. דאָס פּאַפּיר איז שוין געווען אויסגעקנייטשט, די אותיות עטוואָס אָפּגעריבן. זי האָט געלייענט די זעלבע אותיות און די זעלבע ווערטער פֿיל מאָל, און עס האָט זיך איר געדאַכט, אַז זי פֿילט די אָנוועזנהייט פֿון זייער מחבר און אַז זי הערט דעם קלאַנג פֿון זײַנע ווערטער.

דיאָניזי האָט געוואַנדערט דורך די ווײַטע דערפֿער — וועגן פֿיל פֿון זיי האָט בלימעלע קיינמאָל נישט געהערט. ער האָט געשריבן, אַז ער אַנטדעקט אַ וועלט, וועלכע ער האָט ביז הײַנט נישט געקענט. פּונקט ווי שטענדיק, פּונקט ווי אין אַלעמען, וואָס ער פֿלעגט זאָגן אָדער טאָן, איז אויך אין דעם דאָזיקן בריוו געווען אַ סך גוזמא. בלימעלע האָט געפּרוווט אונטער דער שיכט פֿון שיינע ראָמאַנטישע ווערטער דערגרייכן דעם זאַכלעכן אמת פֿון אינהאַלט. אָבער דער בריוו האָט געווירקט אויף איר דמיון און זי האָט זיך פֿאָרגעשטעלט איר פֿרײַנד ערגעץ אויף די שטיינערדיקע וועגן, וואָס האָבן זיך געשלענגלט באַרג אַרויף; זי האָט אים געזען נעכטיקן אין אַ פּרימיטיווער כאַטע אָן אַ קוימען — אַרום אים זענען געווען פּויערים ווי בערן, זיי האָבן אויף אים געקוקט מיט אומחן, נאָך נישט געהאַט קיין צוטרוי צו אים. זי האָט געהערט די זאָרגעוודיקע ווערטער, מיט וועלכע ער האָט גערעדט צו די דאָזיקע טונקעלע און שווערע מוחות. זי האָט זיך פֿאָרגעשטעלט, ווי ער פֿאַרנעמט זיך דאָרט מיט קראַנקע קינדער און גיט זייערע מוטערס גוטע עצות, וויאַזוי צו פֿאַרהיטן זייער געזונט. בלימעלע האָט כּמעט געהערט, ווי דיאָניזי פּרוווט דערגרייכן צום דרימלענדיקן געוויסן פֿון פּשוטע מענטשן, וועלכע קענען נישט לייענען און נישט שרײַבן—

ער באַמיט זיך צו עפענען זיי די אויגן אויף דער אַרומיקער וועלט און אויך אויף דער ווייטערער וועלט, וועלכע ליגט אויף יענער זייט פון די הויכע קאַרפּאַטן־בערג.

דיאָגיזי האָט מסתמא געוואָלט באַווירקן די דאָזיקע מענטשן צו שמעלן פראַגעס און ער האָט געוואָלט אויף די דאָזיקע פראַגעס ענטפערן — געבן צו פאַרשטיין דעם קאָמפּליצירטן מעכאַניזם פון דער וועלט.

בלימעלע האָט פאַרשטאַנען זיין פרייד, אויב דאָס איז אים טיילמאָל געלונגען. און זי האָט אויך פאַרשטאַנען זיין פאַרלעגנהייט: ער האָט געהאַט פאַר די דאָזיקע מענטשן נישט מער ווי ווערטער, ער האָט נ י ש ט געהאַט דאָס, וואָס איז פאַר זיי געווען נייטיק ווי דער אָטעם: ברויט, ליכט, מעדיציניש הילף. ער האָט זיי געוואָלט שענקען האָפענונג און האָט געוואָלט, זיי זאָלן די דאָזיקע האָפענונג ביי אים נעמען. די האָפענונג, וועלכע האָט אַזאַ גרויסע ווירקונג אפילו דעמלט, ווען זי קאָן נאָך נישט באַווייזן צו ענדערן דעם היינטיקן טאָג.

און נאָך עפּעס האָט בלימעלע געלייענט אין דאָזיקן בריוו. דיאָגיזי האָט געבענקט, ער האָט געטראַכט וועגן איר. ער האָט פאַרזיכערט, אַז ער פילט איר אָנוועזנהייט לעבן זיך, און דאָס האָט איר געבראַכט אַ גרויסע וואַרעמע פרייד.

צוויי וואָכן איז ערשט פאַרביי זייט זיי האָבן זיך געזעגנט. זי האָט אין די געדאַנקען איבערגעחזרט אַלע זייערע ביידנס שמועסן, און געווען זענען עס שמועסן, אין וועלכע גאָר ווייניק אָרט האָבן פאַרנומען זייערע אינטימע געפילן. ווייל געוויינלעך האָבן זיי גערעדט וועגן עניגים, וועלכע זענען געלעגן אויסער דעם פאַרכישופטן קרייז פון זייער וואָכעדיקן לעבן און אויך אויסער זייערע אינטימע געדאַנקען און געפילן. געוויינלעך האָט ער גערעדט און זי האָט געהאָרכט מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם — ער האָט פאַר איר געעפנט די גרויסע פּערספּעקטיוון פון דער וועלט, און זי פלעגט זיך פון אים לאָזן אין דער דאָזיקער וועלט אַריינפירן, אַ פאַרחידושטע און אַנטציקטע. ער האָט גערעדט וועגן גאָט, אין וועלכן ער האָט נישט געגלייבט, ער האָט פאַרלייקנט גאָטס עקזיסטענץ — ל י ב ע איז געווען זיין גלויבן, ליבע צו דער גאַנצער וועלט און צו דער גאַנצער מענטשהייט. עס האָט זיך טיילמאָל געקאָנט דאַכטן, אַז ער איז שיכור פון דאָזיקן געפיל.

און ווען ער האָט גערעדט וועגן דער איבערקערעניש, וואָס וועט קומען, און ווען ער האָט איר אויף אַ בילדערישן אופן דערציילט, וואָס מען

דאַרף חרובֿ מאַכן און וואָס מען דאַרף אויפֿבויען, פֿלעגט בלימעלע פֿאַרגעסן וווּ זי איז און ווער זי איז. ס'האָט זיך איר געדאַכט, אַז זי פֿילט אין די אָדערן דעם שטראָם פֿון קראַפֿט און אַז לעבן זיך און אַרום זיך זעט זי דעם געוואַלדיקן אומבאַזיגבאַרן כּוח פֿון דיאָניזים פֿרײַנד און פֿון איר ברודער מענדלס פֿרײַנד — זיי האָבן נישט געהאַט קיין באַזונדערע נעמען, בלימעלע האָט געפֿילט זייער אָנוועזנהייט אין די ווערטער ח ב ר י ם, פּ אַ ר ט ײ, ק ל אַ ס, ב אַ וו ע ג ו נ ג.

אָט וועגן וואָס עס האָט געטראַכט בלימעלע מאַנדלבוים אין יענעם האַרבסטיקן אָוונט.

און דערווײַל האָט אַ סקריפּע געטאָן די טיר, און אין קיך האָבן זיך דערהערט טריט — אַרײַנגעקומען איז דער פֿאָטער, און באַלד נאָך אים האָט זיך אַרײַנגעשאַרט, שווײַגנדיק ווי אַ שאָטן, מענדל. בלימעלע האָט מיט אַ האַרצווייטיק אַ טראַכט געטאָן, אַז די דאָזיקע צוויי מענטשן, פֿאַר וועלכע זי וואָלט גרייט געווען מקריבֿ צו זײַן דאָס לעבן, די דאָזיקע צוויי, דער פֿאָטער אירער און דער ברודער, זענען צו זיך פֿרעמד און ווײַט. שטענדיק, ווען זיי זענען צוזאַמען אין שטוב, הערשט אַן אויפֿגערעגטע שטימונג, דער פֿאָטער איז תּמיד גרייט צו שרײַען אויף מענדלען, און מענדל ענטפֿערט אויף אַלץ מיט אַ קאַלט שווײַגן, ער ברענגט נישט אַרויס פֿון זיך קיין וואָרט, און מיט דעם דאָזיקן שווײַגן דערפֿירט ער דעם פֿאָטער צו משוגעת.

בלימעלע האָט אויסגעפּוצט דאָס גלעזל און אָנגעצונדן דעם נאַפֿטלאָמפּ. דערנאָך האָט זי פֿאַנאַנדערגעבלאָזן דאָס פֿײַער אונטער דער קיך. באַלד האָט זיך געמאַכט אָנגענעם און וואַרעם. זי האָט פֿאַרצויגן די פֿירזענגלעך אויפֿן פֿענצטער און עס האָבן זיך איר דערמאָנט די ווינטערדיקע אָוונטן אין דער זעלבער שטוב, ווען זי און מענדל זענען נאָך געווען קליינע קינדער און עס איז נאָך נישט געווען קיין וואַנט פֿון פֿרעמדקייט צווישן ר' אליעזר מאַנדלבוים און זײַנע קינדער.

איצט איז דער פֿאָטער געזעסן בײַם טיש שווײַגנדיק. מיט אַ טריבן בליק איז ער געווען פֿאַרקוקט אין דער וואַנט, פּונקט ווי עס וואָלט געווען אַ וואַנט אויס גלאָז. מיט דער לינקער האַנט האָט ער פּאַמעלעך געגלעט די בכּבֿודיקע ברייטע באָרד, און מינוטנווײַז האָט ער בײדע האַנטפֿלאַכן אַוועקגעלייגט אויפֿן טיש און נערוועז געפּויקט מיט די פֿינגער. ער האָט שווער געאָטעמט און אין די דאָזיקע אַלע סימנים האָט די טאָכטער פֿאַרשטאַנען, אַז עפּעס שלעכטס הענגט אין דער לופֿט.

מענדל איז געשטאַנען שווייגנדיק אינמיטן שטוב, אונטערן לאָמפּ, און האָט שטייענדיק געלייענט אַ צייטונג. בלימעלע האָט איבערגעטראָגן דעם בליק פון פאָטערס געזיכט אויפן ברידער, און ווידער האָט זי געפאָרשט דאָס פּנים פון פאָטער. זי האָט דערפילט אַ רחמנות אויף מענדלען — ער איז געווען בלאַס און שטייענדיק דאָ לעבן פאָטער האָט ער אויסגעזען שוואַך און אומבאַהאָלפן, ווייל דאָס גאַנצע געשטאַלט פון ר' אליעזר האָט געשטראַלט מיט קראַפט און מיט שטאַרקן ווילן.

— ביסט הונגעריק, טאַטע? — האָט געפרעגט בלימעלע און האָט זיך גענומען פאָרען ביים אָונטברויט.

— כ'וויל מיט אייך זיך דורכרעדן — האָט געזאָגט דער פאָטער — מיט דיר, מיין איינציקע טאָכטער, און אויך מיט דיר, מיט מיין בן-יחיד, וואָס די גאַנצע וועלט איז מיך מיט אים מקנא.

— וואָס ווילסטו פון אונדז? — האָט געפרעגט דער זון, אַוועקלייגנדיק די צייטונג. בלימעלע האָט באַמערקט, אַז דעם ברודערס הענט ציטערן און עס איז איר געוואָרן שווער און אומעטיק אויפן האַרץ.

אליעזר מאַנדלבוים האָט געקוקט אויפן זון און אויף דער טאָכטער, דער כעס איז אין אים געוואָקסן ווי אַ פייער, וואָס הייבט צוערשט אָן טליען און באַלד פאַרוואַנדלט עס זיך אין אַ שׂרפה.

— איך האָב פאַרפלאַנצט אַ ווייַנגאָרטן, און אויפגעוואָקסן זענען אין אים ווילדע קרייטעכצער — האָט ער געזאָגט — דערנער שטעכעדיקע האָב איך אנשטאָט זיסע ווייַנטרויבן.

דער זון האָט געשוויגן. ר' אליעזר איז אויפגעשטאַנען פון אָרט, אָנגעשפּאַרט זיך מיט ביידע הענט אויף דעם טיש און האָט גענומען מוסר זאָגן דעם זון.

— ביסט אַוועק פון גלויבן. פון גלויבן און פון די גוטע יידישע מנהגים. די גאַנצע שטאָט קוקט אויף דיר, די גאַנצע שטאָט רעדט וועגן דיר. ביסט אַן אַפּיקורס און ביסט... מיין זון. וויאַזוי קאָן איך קוקן מענטשן אין די אויגן אַריין דערמלט, ווען רעדנדיק מיט מיר, טראַכטן זיי וועגן מיין זון. און איך זע דאָס, איך זע אין זייערע אויגן דאָס דאָזיקע שטעכעדיקע פייערל, וואָס טוט מיך אויסשפּעטן און וואָס טוט זאָגן: „איידער דו קוקסט אַריין אין אַ פרעמדן גאָרטן, וואַרף צוערשט אַרויס די שטיינער פון אייגענעם הויף". און איך מוז שווייגן, ווייל וואָס קאָן איך דערויף ענטפערן, אַז מיין בחור באָדט זיך אין זינד, ווי אַ חזיר אין דער בלאָטע. אַלע זעען דאָס, די גאַנצע שטאָט זעט דאָס, ווייל ער טוט עס

דאָך אינמיטן העלן טאָג און פאַר דער גאַנצער וועלט. אַנטלויפסט פון גאָטס הויז, און רעדסט אָן אַנדערע, אַז אויך זיי זאָלן גיין מיט דיינע פינצטערע וועגן. און זיי האָרכן דיך, די חברימלעך דיינע, ווייל זיי טראַכטן זיך מסתמא, אַז אויב אליעזר מאַנדלבוים זון טוט אַזוי, טאָ פאַרוואָס האַרפן דאָס זעלבע נישט טאָן אַנדערע יידישע זין און אַנדערע יידישע טעכטער.

ער האָט געפרווט הערשן איבער זיינע געפילן, געוואָלט הערשן איבערן כעס, אָבער עס איז אים נישט געלונגען. עס האָט אין אים געקאָכט די אויפרעגונג, געקאָכט און געוואָקסן, און ער האָט זי נאָך צוגעשפייזט מיט די אייגענע ווערטער, אַזוי ווי מען דערנערט אַ ברענענדיק פייער, צוגיסנדיק צו דעם בוימל.

— קומסט צווישן גוים — האָט ווייטער געצויגן דער פאַרביטערטער פאָטער — דו פרעסט זייערע מאכלים. מאַכסט אַ וועג דעם שטן, גיסט זיך אונטער דעם יצר־הרע. ווערסט ברענגען אויף זיך גאָטס שטראָף, אויף זיך און אויף די אַלע, וועלכע האָרכן דיך. אָבער גאָטס שטראָף איז ווי אַ מגפה, ווי אַ פייער. ווען אַ פייער וואַרפט זיך אויף דער שטאָט, ווערן געשטראָפט די שולדיקע צוזאַמען מיט די אומשולדיקע.

שווייגנדיק האָט מענדל מאַנדלבוים זיך אַנידערגעזעצט און אַזוי שטאַרק פאַרביסן די ציינער, אַז די באַקן זיינע האָבן איצט אויסגעזען נאָך האַרער ווי שטענדיק.

— פאַרוואָס שווייגסטו? — האָט געפרעגט דער פאָטער — צי דאָס, וואָס איך זאָג, איז נישט אמת?

— יאָ — האָט געענטפערט דער זון — דאָס, וואָס דו זאָגסט, איז אמת.

— ביסט שוין לאַנג אין די יאָרן, ווען אַ יידישער בחור איז ראוי לחופה. כ׳וואָלט דיך געקאָנט התונה מאַכן. ווערסט שוין קיינמאָל נישט זיין הער, וואָס איך האָב געוואָלט זאָלסט זיין. אָבער וואָלסט געקאָנט לעבן אַזוי, ווי עס לעבן אַלע יידן אין דער דאָזיקער שטאָט.

— איך וויל נישט לעבן אַזוי ווי עס לעבן אַלע יידן אין דער דאָזיקער שטאָט און איך וויל נישט זאָלסט מיך התונה מאַכן. איך האָב מיר אויסגעקליבן מיין אייגענעם וועג און מיט דעם דאָזיקן וועג וועל איך גיין. איך טו נישט קיין שום זאַך, וואָס כ׳זאָל זיך מיט איר מוזן שעמען.

— דו ביסט מיין זון — האָט געזאָגט דער פאָטער — דו ביסט אַ ייד, און דער וועג, וואָס האָסט דיר אויסגעקליבן, פירט גלייך אין גיהנום אַריין.

— אויב דו ווילסט — האָט פאַרגעלייגט דער זון — קאָן איך בלויז איין זאַך טאָן פאַר דיר. איך קאָן אַרויספאָרן פון דער שטאָט. וועסט זיך נישט מוזן שעמען פאַר מיר.

ר׳ אליעזר האָט זיך אַ וואַקל געטאָן. ער האָט אַ ווײַלע געשוויגן, אַ ווײַלע האָט ער געפירט אַ וויכוח מיט זיך אַליין.

— פאַר קיין ארץ ישראל — האָט ער ענדלעך געזאָגט, און די דאָזיקע ווערטער, דער דאָזיקער באַשלוס האָט אים געקאָסט פיל כוח, ווײַל די דאָזיקע ווערטער זענען שוין געווען אַ באַווײַז פון זײַן מפּלה. געווען אַ צײַט, ערשט מיט אַ צוויי, דרײַ יאָר צוריק, ווען מענדל האָט געוואָלט פאָרן קיין פּאַלעסטינע, אָבער דעמלט האָט רב אליעזר וועגן דעם נישט געוואָלט הערן.

— וועסט פאָרן? — פרעגט דער פאָטער — שטענדיק האָסטו דאָך געוואָלט פאָרן...

— איך האָב געוואָלט — ענטפערט מענדל — אָבער איצט וויל איך שוין נישט. דאָ וויל איך וואַרטן אויף משיחן. אויף משיחן, וואָס וועט קו־מען אויף אַ רויטן פערד.

— ביסט אַן עקשן, מײַן זון. אַן עקשן און אַן עזות־פּנים.

— אויך דו ביסט אַן עקשן — האָט געטראַכט דער זון, אָבער ער האָט דעם דאָזיקן געדאַנק פאַרשוויגן.

— גענוג — האָט געזאָגט ר׳ אליעזר מיט אַ מידער שטימע — גע־נוג. גיי שלאָפן. איך וויל דיך שוין היינט מער נישט זען. נישט היינט און נישט מאָרגן.

און צו דער טאָכטער האָט ער געזאָגט:

— זאָל קיינער נישט דערמאָנען לעבן מיר זײַן נאָמען. הערסט?

מענדל איז אַרײַן אין צווייטן צימער און האָט שטיל פאַרמאַכט הינ־טער זיך די טיר.

— און מיט דיר, מײַן טאָכטער, וועל איך נאָך רעדן. נאָר נישט היינט.

ער האָט אָבער נישט גערעדט מיט איר דורך פיל לאַנגע טעג, פּונקט ווי ער וואָלט נישט באַמערקט איר אָנוועזנהייט אין שטוב.

אין איינעם אַן אָוונט האָט ער אַרויסגעשלעפּט פון דער קאַמער אַן אַלט לעדערן רענצל, פאַרפּאַקט זײַן שטרײַמל און די שבתדיקע בעקעשע, אוי אויך דעם שבתדיקן טלית מיט דער ברייטער זילבערנער עטרה, צו־

געוואָרפן אַ פּאָר לאַנגע ווייסע זאָקן, און נישט זאָגנדיק קיינעם קיין וואָרט, האָט ער געקושט די מזוזה און איז אַוועק צום וואָקזאַל.

נאָר איין מענטש האָט געוווסט וווהין ר׳ אליעזר איז געפאָרן — געוווסט האָט בלויז ברוך שדכן, וואָס מען האָט אים גערופן ברוך קאַטאָליק.

אין אַ וואָך אַרום איז ר׳ אליאזר צוריקגעקומען. אין רענצל האָט ער געבראַכט אַ זיידענעם טערקישן שאַליק, אַ מתנה פאַר דער טאָכטער.

— מזל טוב! — האָט ער געזאָגט צו שרהן, אַריינקומענדיק אין דער שטוב און אויסמיידנדיק בלימעלעס בליק — אונדזער טאָכטער איז אַ כּלה געוואָרן!

אַזוי האָבן זיך פאַרענדיקט די קינדער־יאָרן און די יוגנט פון בלימעלע מאַנדלבוים, וואָס איז געווען דאָס שענסטע מיידל אין שטעטל.

קאַפּיטל 9

געווען איז אַלץ נעענטער צום ווינטער.

ביינאַכט האָבן שטערן געפינקלט איבערן שטעטל און אונטער די פיס איז די ערד געווען שוין אַ גרודעוואַטע, אַ פאַרפרוירענע. בייטאָג האָט די זון געוואַרעמט מיט אַ פאַלשער וואַרעמקייט. די סוף־האַרבסטיקע זון איז געווען ווי אַ שמייכל פון אַ זקן, אומעטיק איז זי געווען. אָן פרייד.

מיטוואָך איבערפרי האָבן געצויגן אין שטעטל אַריין פויערים און פויערטעס, צופוסנס און אויף וועגענער אָנגעלאָדענע מיט כל טוב, מיט פרוכטן, קאַרטאָפל, היינער, קעז און פוטער. דער מאַרק־פּלאַץ האָט זיך פאַרפילט מיט אַ געזשום פון קולות, מיט הירזשען פון פערד, מיט גערוך פון קרויט, באַרנעס און פלוימען, און אויך מיטן געשטאַנק פון פערד־מיסט. פויערים, מיט בייטשן אין די הענט, האָבן זיך אַרומגעדרייט אין אַלע געסלעך, אַריינגעקוקט אין די קראָמען, פאַרהאַלטן זיך ביי די פאַרביקע סטראַגאַנעס, איינמאָל געקויפט פאַר אַ גראָשן עפּעס־וואָס, און צען מאָל גאָרנישט געקויפט, צום סוף פלעגן זיי אָבער אַלע ווי איינער אַריינגיין און כאַפּן אַ טרונק בראָנפן אין רעסטאָראַן פון רויזען, הערשעלע רב עליעס אייניקל.

און די פויעריכעס האָבן דערווייל געהאַנדלט אויף די וועגענער. לויט די סחורות, וואָס זיי האָבן פאַרקויפט, האָט מען געקאָנט דערקענען, פון וועלכן דאָרף זיי שטאַמען. לייענענ טעפלעך האָט מען געמאַכט אין מזשיגלאָד, יעדער פויער איז דאָרט געווען אַ טעפער. מיט ציבעלעס און

קנאָבל האָט שטאָלצירט דאָס דאָרף טרעפּטשע. אינערגעץ אויף דער וועלט איז נישט געווען אַזאַ שיינע, אַזאַ געראָטענע ציבעלע ווי אין טרעפּטשע, יעדע ציבעלע איז געווען ווי אַ מאַראַנץ, ווי אַן אתרוג, און וועגן די טרעפּטשער יידן פלעגט מען אין שטעטל טאַקע זאָגן, אַז זיי בענטשן ציבעלע אַנשטאָט אתרוג און באַנוצן זיך מיט דער בייטש אַנשטאָט מיטן לולב. מיט אייזערנע טעפּ און מיט קופּערנע פּאַטעלניעס האָבן געהאַנדלט די פּלאָוויצער ציגיינער — די בעסטע קאָוואַליעס זענען זיי געווען, בייטאָג פלעגן זיי זיך פאַרנעמען מיט זייער ערלעכער אַרבעט, און ביינאַכט פלעגן זיי גנבענען פערד. אוגערקעס פלעגט מען ברענגען אויפן יאַריד אַזש פון אונטער סאַמבאָר, און עפּל מיט באַרנעס, און עופות, און וואָס איר ווילט, וואָס אייער גומען און אייער האַרץ פאַרגלוסט...

און אין צווייטן עק פון שטעטל, אויף דעם ווייכן בלאָטיקן פּלאַץ, לעבן דעם שעכטהויז, האָט זיך געזאַמלט אַן אַנדערער עולם. דאָ האָבן געהערשט די בהמה-סוחרים. פויערים און אויך יידישע טרייבער האָבן דאָ געבראַכט צו טרייבן פעטע אָקסן, שווערע שטירן מיט בייזע בלוטיקע אויגן, מילכיקע קי מיט בכבודיקע פולע אייטערס, און אויך ביינערדיקע דאַרע קלעמפּעס, וואָס האָבן שוין נישט געהאַט פאַר זיך קיין אריכות-ימים; חזירים פעטע, וואָס זייער רעווען האָט זיך געהויבן איבערן פּלאַץ און איבערן שטעטל, ווייט און הויך ביז צו די טויערן פון הימל; געראָטענע פערד, קליאַטשעס זשרעביקע און נישט-זשרעביקע; אָגערעס שטאָלצע, אומרואיקע, און סתם שקאַפּעס באַלעגאָלישע, וואָס האָבן שוין אָפּגעהאָרעוועט זייערע יאָרן און עס איז זיי פאַרבליבן נישט מער ווי דער מאָגערער ביינערדיקער פערדישער קערפּער אונטער דער פעל.

און אַרום די דאָזיקע פירפיסיקע באַשעפענישן האָבן זיך געדרייט און געפּאָרעט הונדערטער מענטשן, היגע און נישט-היגע, פאַרקויפנדיקע און קויפנדיקע, סוחרים און באַלעבאַטים, מעקלער, בעטלער און קבצנים, גנבים יונגע און אַלטע. אַלע האָבן זיך געשטופּט, אַלע האָבן געשריגן, געקלאַפּט זיך אין האַרץ, געצלמט זיך, געשאָלטן, געשווירן אויף וואָס די וועלט שטייט, און אַלע שבועות זענען געווען פאַלש ווי אַ פאַלשער גרייצער, און אַלץ איז געווען שווא-ושקר און קיינער האָט דאָ קיינעם נישט געגליבט.

אַזעלכער פלעגט זיין יעדער מיטוואָך אין שטעטל און צו יעדן מיטוואָך פלעגט זיך דאָס שטעטל צוגרייטן אַ גאַנצע וואָך, אויף מיטוואָך האָט מען געוואַרט ווי אויף משיחן, מיטוואָך איז מען דאָ נישט געשלאָפן.

בײַ די קראָמען און סטראַגאַנעס האָבן זיך געפּאָרעט די סוחרים און באַלמעלאָכעס, געשלעפּט דעם פֿויער בײַ די הענט, אַרײַנגעשטופּט אים די סחורות, געקעמפּט פֿאַר יעדן קוגה אַזוי ווי אַ צדיק קעמפּט פֿאַר עולם-הבא.

און עס האָט זיך געדאַכט, אַז דער דאָזיקער מיטוואָך אונטערשײַדט זיך נישט פֿון אַנדערע מיטוואָכדיקע מאַרק-טעג אין שטעטל. שטענדיק האָט מען דאָ געפֿירט דעם זעלבן קאַמף בײַם פֿאַרקויפֿן אַ פּאָר יוכטענע שטיוול אָדער אַ פּאָר צײַגענע הויזן, שטענדיק האָט איין סוחר געקוקט אויף דעם צווייטן ווי אויף אַ מערדער — פֿון האַלדז וואָלט איינער דעם צווייטן אַרויסגעריסן דעם גראָשן, ווײַל נישט גלאַט וועגן אַ פּשוטן גראָשן האָט זיך געהאַנדלט, דער דאָזיקער גראָשן האָט געהייסן: קיום, לעבן, פּרנסה.

אָבער דער דאָזיקער מאַרק-טאָג, וועגן וועלכן איך וועל דאָ דערציילן, איז געווען גאָר אַן אַנדערער ווי אַלע מאַרק-טעג אין שטעטל, און די דאָרטיקע ייִדן האָבן אים פֿאַרגעדענקט אויף לאַנג.

אינדערפֿרי זענען אָנגעקומען פֿון וואָקזאַל עטלעכע יונגטלעכע, געבראַכט האָט זיי אויף דער סקריפּנדיקער ברישקע דער שטעטלשער איזוואָשטשיק, אַ באַבערדלטער קריסט מיט צוויי באַקנבערד ווי פֿראַנץ יאָזעף דער ערשטער. די יונגעלײַט זענען געווען נישט היגע. קיינער האָט זיי דאָ פֿריער נישט געזען, קיינער האָט זיי נישט געקענט. זיי האָבן געטראָגן סאַמעטענע פֿאַרביקע היטעלעך, קאַשקעטלעך אַזעלכע קלייניקע, אַז אַפֿילו אויף אַ מפֿיל-קינד וואָלטן זיי געווען צו קליין. סטודענטן זענען זיי געווען. יעדער האָט געהאַלטן אין דער האַנט אַ דיקן באַמבוס-שטעקן, פּונקט ווי זיי וואָלטן געווען אָקסן-טרײַבער, און לויט די דאָזיקע שטעקנס, און אויך לויט דעם הילוך זייערן האָט מען באַלד געקאָנט פֿאַרשטיין, אַז דאָס זענען פּיקעטניקעס, די זעלבע, וואָס שלאָגן זיך אַרום אויף די אוניווערסיטעטן און פֿאַרטרײַבן פֿון דאָרט ייִדישע בחורים און ייִדישע מיידלעך.

די ברישקע מיט די וואַזשנע געסט האָט זיך פֿאַרהאַלטן אין סאַמע מיט פֿון שטעטל, געבן לעאָן האַזענגאַנגס שניט-געשעפֿט. איינער פֿון די יונגע האָט זיך טאַקע דאָ אָנועקגעשטעלט, די חברימלעך זײַנע האָבן זיך געלאָזט צום מאַרק-פּלאַץ.

און עס האָט נאָך געדויערט אפשר אַ האַלבע שעה, און אפשר אַ גאַנצע שעה, ביז ליפּעלע גאלעם דער סוביעקט אין שניט־קראָם פון לעאָן האַזענגאַנג, האָט זיך געכאַפּט, אַז עפּעס איז דאָ היינט נישט אַזוי ווי עס דאַרף זיין, נישט אַזוי ווי שטענדיק, ווייל אַ מאַרק־טאָג איז דאָך היינט און קיין איינציקער קונה האָט זיך נאָך נישט באַוויזן. איז ער אַרויסגעגאַנגען אויף דער גאַס און האָט דערזען עטלעכע פויערטעס און עטלעכע פויערים, דער בעל־דבר אין סטודענטישן היטעלע האָט מיט זיי פריינדלעך גערעדט און ערשט אין דער דאָזיקער מינוט האָט דער סוביעקט ליפּעלע גאלעם פאַרשטאַנען, אַז נייע ווינטן האָבן שוין דערגרייכט צו די יידן פון שטעטל: פּ י ק ע ט ן. ער האָט זיך געלאָזט גיין, געוואָלט אַ קוק טאָן, וואָס עס טוט זיך ביי אַנדערע קראָמען. די פּיקעטניקעס זענען געווען אומעטום, זיי זענען געלאָפן פון איין קראָם צו דער צווייטער, באַמיט זיך און געפּאָרעט, איינער האָט זיך אפילו אַוועקגעשטעלט ביים אַפּטייק־געשעפט פון מאָריץ אַטלאַס, וועלכער איז געווען פונקט אַזאַ ייד, ווי ליפּעלע גאלעם אַ בישאָף.

ווען דער סוביעקט איז צוריק אַריינגעקומען אין קראָם, האָט שוין דער בעל הבית זיינער לעאָן האַזענגאַנג געוווסט, וואָס אין שטעטל קומט פאָר, און ער האָט באַשלאָסן, אַז מען דאַרף עפּעס טאָן, מען מוז תיכף ומיד וווירקן.

אין שטעטל איז לעאָן האַזענגאַנג געווען דער דאָזיקער מענטש, וואָס האָט געבילדעט אַ בריק צווישן דעם יידישן עולם און די פאָרשטייער פון דער רעגירונג און פון דער מאַכט. דעם סטאַראָסטע האָט ער געקענט פערזענלעך, מיט דעם בירגערמייסטער איז ער געווען באַפריינדעט און פלעגט אים פאַרבעטן אויף יידישע פיש און אויף אַ גלעזל שליוואָוויץ אין באַרימטן רעסטאָראַן פון הערשעלע־רעב־עליעס איינִיקלעך אָדער אין קאַפע־הויז פון משומד איזידאָר דאַמף.

מען דאַרף דאָ אויך דערמאָנען, אַז לעאָן האַזענגאַנג איז געווען אַ ייד אַ פאָרגעשריטענער, אַ שטיקל משכיל, ער פלעגט לייענען דעם „נאַש פשעגלאָנד" און איז געווען אַ שטאָטישער ראַטמאַן.

די שעה איז געווען נאָך אַ גענוג פריע, ווען דער ערשטער שניט־סוחר אין שטעטל האָט זיך געלאָזט צום סטאַראָסטע — ער האָט געהאָפּט, אַז ער וועט אים נאָך טרעפן אין דער היים און נישט אין ביוראָ,

און אין שטוב וועט אויך זיין מסתמא דעם סטאַראָסטעס פרוי — אַ פּראָק־טישע, קלוגע דאַמע, וואָס האַזענגאַנג האָט שטענדיק אין איר געהאַט אַ מליץ־יושר, זי און דער יידישער סוחר האָבן זיך פאַרשטאַנען אויפן ווינק. לעאָן האַזענגאַנג איז נישט געווען קיין קמצן, ער האָט געוווסט מיט וואָס אָפּצוּדאַנקען — און אַזוי אַרום זענען געווייגלעך ביידע צדדים געווען צופרידן.

דער סטאַראָסטע איז נישט געווען קיין שלעכטער. יעדנפאַלס קיין שלעכטן ווילן האָט ער נישט געהאַט, קיין שטרענגער וועכטער פון די מלוכהשע אינטערעסן איז ער נישט געווען. וואָלט ער געווען אַ פּאַרבי־סענער ווּשעד־פּאָליאַק, וואָלט ער אוודאי נישט געזעסן אין דאָזיקן פאַר־דריפּעטן שטעטל, ווו ער האָט געהאַט ווייניק פרייד און אַ סך צרות, און ספּעציעל פיל עגמת נפש האָט ער דאָ געהאַט מיט די נאַציאָנאַלע מינ־דערהייטן. קיין פּאָליאַק האָט מען דאָ נישט געזען פאַר אַ מיליאָן. סאַמע קליינרוסן האָבן דאָ געלעבט און סאַמע זשידקעס.

דער סטאַראָסטע איז געווען אַן עסטעט. ווי דער צדיק ביי דער גמרא, אַזוי פלעגט ער שטענדיק זיצן ביי אַ באַנד פון שעקספּיר אָדער געטהע — דיכטונג איז געווען זיין מליצות, אין אַנדערע זאַכן איז ער נישט געווען קיין גרויסער חכם, און אין שטעטל האָט מען געהאַלטן, אַז ער זיצט אויף דעם דאָזיקן פּאָסטן נישט צוליב זיינע פעיקייטן, נאָר אַ דאַנק זיינע אַמאָ־ליקע פאַרדינסטן, ווען ער איז נאָך געווען יונג און געקעמפט אונטער פּילסודסקים קאָמאַנדע אין די באַרימטע לעגיאָנען.

דער סטאַראָסטע איז געווען אַן ערלעבער שלים־מזל. מיט קיין שום מתנה האָט ער זיך די הענט נישט באַשמוצט. מתנות פלעגט אָננעמען זיין שיינע, כאָטש שוין נישט זייער יונגע פרוי, וועגן וועלכער מען פלעגט זאָגן, אַז דאָס גייט זי אין דעם סטאַראָסטעס הויזן.

געוווינט האָט דער סטאַראָסטע הינטער דער שטאָט, אין אַ שיינער פּאָסעסיע, וואָס איז געווען אַרומגערינגלט מיט אַ סאָד. ווען לעאָן האַזענ־גאַנג איז אָנגעקומען, איז דער סטאַראָסטע פונקט אַרויס פון דער שטוב. ער האָט זיך פריינדלעך באַגריסט מיטן שניט־קרעמער, פריינדלעך, אָבער מיט אַ געוויסער צוריקגעהאַלטנקייט. וועגן די סטודענטישע פיקעטן האָט ער שוין געוווסט, דער פּאָליציי־קאָמענדאַנט האָט נאָר וואָס טעלעפאָנירט, אָבער דערווייל זעט ער נישט קיין מעגלעכקייט און נישט קיין בויטוועגדי־

קייט צו אינטערווענירן. די סטודענטן פֿאַרהאַלטן זיך גאַנץ רואיק, צו קיין געשלעג איז נאָך דערווייל נישט געקומען, דאָס איינציקע, וואָס זיי טוען: זיי לאָזן נישט קויפֿן ביי יידן. זיי אַגיטירן.

— פֿאַרשטייט זיך — האָט פֿאַרענדיקט דער סטאַראָסטע — אָנשטענדיק איז עס נישט. פֿאַר מיר פּערזענלעך איז עס אַ פּיינלעכע זאַך. ביי מיר איז יעדער מענטש גלייך. איך גלייב, אַז וועגן מיין פּאָזיטיווער באַציונג צו דער יידישער באַפֿעלקערונג קאָנט איר נישט צווייפֿלען.

לעאָן האַזענגאַנג האָט געשוויגן.

— און ווען איך זאָל זיי אַפֿילו הייסן פֿאַרטרייבן פֿון דער שטאָט — האָט זיך דער סטאַראָסטע געפּרוווט פֿאַרענטפֿערן — וועלן זיי מאָרגן ווידער קומען. געדולד מוז מען האָבן, פּאַניע לעאָניע. די פּיקעטניקעס וועלן אַוועק פֿון וואַנעט זיי זענען געקומען און מיר וועלן ווייטער זיין גוטע פֿריינד.

זיי האָבן זיך אָפּגעזעגנט קיל און מיט דרך ארץ, דער סטאַראָסטע האָט זיך געלאָזט אין איין ריכטונג, דער ייד אין דער צווייטער.

לעאָן האַזענגאַנג איז געגאַנגען פּאַוואָליע, נישט געהאַט צו וואָס זיך צו איילן. גראָד אין דאָזיקן פֿרימאָרגן האָט ער צום ערשטן מאָל דערפֿילט די גאַנצע שווערקייט פֿון זיינע זעכציק יאָר — ער איז געווען מיד, כאָטש ערשט מיט אַ וואָך צוריק, ערשט נעכטן, האָט ער נישט געוווסט דערפֿון און נישט געטראַכט דערפֿון.

דרייסיק יאָר האָט ער אָפּגעלעבט אין דאָזיקן שטעטל. דרייסיק יאָר איז שוין פֿאַרביי, זייט ער האָט דאָ געעפֿנט אַ קליין שניט־קרעמל. געהאַט פֿיל קאָנקורענטן, אָבער ער האָט זיי אַלע איבערגעשטיגן. ער איז רייך געוואָרן, פֿאַרשאַפֿט זיך כבוד, געוואָרן דער ערשטער סוחר אין שטעטל און אין דער געגנט. געהאַנדלט האָט ער אויף אַן אייראָפּעישן אופֿן. געווען אַ ס אָ ל י ד ע ר סוחר, די פּרייזן זענען ביי אים געווען סטאַבילע, קיין שום קונה האָט ביי אים נישט געוואַגט צו פּרוּוון אָפּרייסן אַ גראָשן. און דעם קונה האָט מען דאָ באַהאַנדלט בכבודיק, אָבער נישט געשלעפּט אים בכוח, לעאָן האַזענגאַנגס פּרינציפּ, לויטן וועלכן ער האָט געפֿירט די געשעפֿטן, איז געווען: די בעסטע סחורה, מינימאַלע רווחים — און די דאָזיקע מינימאַלע רווחים האָבן אים פֿאַרשאַפֿט אַלץ מער געטרייע קונים, וואָס קיינער פֿון זיי וואָלט פֿאַר אים קיין זאַך מיט באָרשטש נישט אָוועקגעגעבן.

האָט ווי פּאַסירט אַ צרה אין דעם יידישן געסל, פלעגט לעאָן האַזענגאַנג לויפן אייננרייסן ביים סטאַראָסטע, ביים פּאָליצײַ־קאָמענדאַנט אָדער גאָר ביים נאַטשאַלניק פון שטייער־אַמט, וועלכער איז דווקא געווען אַ ייד מיט אַ טריפהנער נשמה. און געווייגלעך פלעגט זיין איגטערווענץ זיין מזלדיק, ווייל אויב לעאָן האַזענגאַנג האָט עפּעס פאַרלאַנגט, האָט מען געוווסט, אַז ער פאַרלאַנגט נישט אומזיסט, ער איז געווען אַ „פּאָזשאָנדני זשיד", נישט קיין חזיר, ער האָט געוווסט ווען, וויפיל און וויאַזוי אַרייננצושטעקן אין דער האַנט.

און ערשט היינט — היינט האָט זיין באַזוך ביים סטאַראָסטע זיך אויסגעלאָזט מיט אַ מפּלה.

און דערווייל האָט זיך שוין אויף איינער פון די געסלעך אָנגעהויבן אַ געשלעג. און געשען איז עס אַזוי.

פון הערשעלע־רעב־עליעס רעסטאָראַן זענען אַרויסגעגאַנגען צוויי שיכורע פויערים, זיי האָבן זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס און האָבן קיין וואָרט נישט פאַרשטאַנען פון דעם, וואָס עס האָט אין זיי אַרייננגערעדט דער סטודענט ביי רויזע קאָזאַקס קרעמל.

און רויזע איז געשטאַנען אויף דער שוועל פון געוועלבל און ווי נאָר זי האָט דערזען די צוויי שיכורע יונים, האָט זי באַצירט איר געשטופּלט געזיכט מיט אַ זיסן שמייכל, פּונקט ווי זי וואָלט גראָד אויף די דאָזיקע צוויי שיכורים געוואַרט פון אינדערפרי אָן. זי איז זיי אַרויסגעלאָפן אַנטקעגן, אָנגעכאַפּט ביי די הענט און גענומען שלעפּן צו זיך. דער קאָרפּאָראַנט מיט דער פאַלקע האָט זיך אַוועקגעשטעלט אין דער ברייט און האָט גענומען ענערגיש אויפקלערן, אַז געגנג שוין האָבן זיך די שוזידעם אָנגעזשלאָקעט מיט קריסטלעך בלוט, פון היינט אָן וועט מען מער ביי קיין שום ייד נישט האַנדלען.

די שיכורע פויערים האָבן ווידער נישט פאַרשטאַנען וואָס דאָ קומט פאָר, דערזען אין יענעמס הענט אַ שטעקן, האָבן זיי אים אַרויסגעריסן און דערלאַנגט דעם סטודענט איבערן רוקן, און שוין איז ער געלעגן אויף דער ערד אַ פאַרבלוטיקטער, און אַרום האָט זיך צונויפגעזאַמלט אַן עולם, דורך דעם המון האָבן זיך דורכגעשטופּט די קאָלעגן פון סטודענט.

ווען רויזע קאָזאַק האָט אויפגעהויבן אַ געשריי, איז אָנגעקומען צו לויפן יענקל טרעגער, ער האָט איבערגעלאָזט די שקאַפּע איינמיטן גאַס און פאַרקאַשערט די אַרבל — רעוונדיק ווי אַ פאַרוואונדעטער לייב האָט

ער זיך געוואָרפֿן אין קאַמף, און עטלעכע שניידער־געזעלן און עטלעכע סוביעקטן זענען אים נאָכגעלאָפֿן, און דער שמאָטישער גולם, דער משוגע־נער מאַקס האָט זיך אויך דאָ פֿלוצים געפֿונען און אויפֿהייבנדיק אין דער הייך די דאַרע אָרעמס ווי אַ נביא, האָט ער געשריגן: „שמע ישראל! עמלקים האָבן זיך ווידער אַריינגעריסן אין אונדזער שטאָט!...“

און פֿלוצים האָט איינע פֿון די פֿויערטעס אויפֿגעהויבן אַ געשריי:

— כלאָפּי, פּאָמאָהייטע, נאַשיך ביוט!...

עס האָט זיך דערהערט דער קלאַנג פֿון אויסגעהאַקטע שויבן, אין געלויף האָט מען שוין איבערגעקערט עטלעכע סטראַגאַנעס, פֿאַרשטייט זיך, אַז געווען זענען עס יידישע סטראַגאַנעס. די באַלמעלאָכעס האָבן גע־שווינד גענומען פּאַקן די סחורה און אַנטלויפֿן. עס האָבן זיך צעגרילצט די ראָלעטן און לאָדנס פֿון די קראָמען.

רויזע קאָזאַק איז געשטאַנען אינמיטן פֿון דעם אויפֿגעברויזטן המון און האָט געוויינט. איר געשריי האָט זיך אויסגעמישט מיט אַנדערע גע־שרייען. פֿון אונטער דעם שייטל אירן האָבן זיך אַרויסגערוקט פּאַסמעס פֿון אירע אייגענע האָר, און וואָלט ווער גראָד העמלט געהאַט דעם קאָפּ אַ קוק צו טאָן אויף דער דאָזיקער יונגער פֿרוי, וואָלט ער מסתמא געווען פֿאַרחידושט, אַז רויזע איז שוין גרוי ווי אַ טויב.

יענקל טרעגער, אַ נידעריקער און צעוואָקסענער, מיט אויגן לייכט אַרויסגעזעצטע און אָנגעלאָפֿענע מיט בלוט ווי ביי אַ יונגן שטיר, האָט געקעמפֿט ווי אַ העלד, ער האָט געשלאָגן אויף רעכטס און אויף לינקס, געאַרבעט מיט די אָרעמס ווי מיט אַ צעפּ צום דרעשן, און זיין פֿויסט האָט געהאַט די האַרטקייט פֿון אַ האַמער.

די סטודענטן, די פּיקעטניקעס, זענען ערגעץ פֿאַרשוווּנדן, אפֿשר האָבן זיי זיך פֿאַרשטעקט אין דאַמפּס רעסטאָראַן, און אפֿשר זענען זיי אַנט־לאָפֿן צום וואָקזאַל.

יענקל טרעגער, ברוך קצב און די שניידער־יונגען האָבן געמוזט זיך צוריקציען, ווען נישט וואָלט דער המון זיי צעטראָגן אויף פּיצלעך.

ערשט אפֿשר אין אַ שעה אַרום, ווען די ערשטע כוואַליע פֿון געוויטער איז שוין פֿאַרביי, האָבן זיך באַוויזן צוויי פּאָליציאַנטן. זיי זענען אָנגעקו־מען מיט אַ רואיקן טראָט, גאָר נישט געאיילט זיך. און געגאַנגען זענען זיי מיט יענע געסלעך, ווו דער המון איז שוין פֿאַרביי און ווו עס האָט

שוין איצט קיינעם קיין שום געפאר נישט געדראָט, ווייל דאָס, וואָס האָט געדאַרפט געשען, איז שוין געשען.

און דערווייל האָט זיך דער הימל פאַרטראָגן מיט שוואַרצע און שווע־רע כמאַרעס און ערשט איצט האָבן די יידן און אויך די פויערים באַ־מערקט, אַז עס קלויבט זיך אַ רעגן. אַ בליץ האָט דעם הימל צעשפּאָלטן אויף צווייען און עס האָט זיך דערהערט אַ דונער. און אַ ווינט האָט זיך אויפגעהויבן אַ געוואַלדיקער און גענומען רייסן פון די קעפּ די קאַפּע־ליושן. עס האָט זיך אַ לאָז געטאָן אַ מבולדיקער רעגן.

אין איין מינוט זענען די געסלעך געוואָרן פוסט. פאַרהעקנדיק די קעפּ מיט זעקלעך אויס קראָפּיווע, האָבן די פויערים געשפּאַנט די פערד און געגרייט זיך אין וועג אַריין. אויך פאַר זיי איז דער האָזיקער טאָג גע־ווען אַ נישטגעלונגענער. אַ פאַרלוירענער טאָג. די ציבעלעס און קרויטן, די באַרנעס און עפּל, אַלץ איז פאַרבליבן אויף די וועגענער, כאָטש נעם און וואַרף עס איצט אין טייך אַריין. זיי האָבן אויף זיך געקוקט תמעוואַטע, איינער אויף דעם צווייטן, ווי זיי וואָלטן גאָרנישט געקאָנט פאַרשטיין פון דעם, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען איינער האָט געהאַט א צעשפּאָלטענע ליפּ, אַ אַנדערער האָט אויסגעשפּיגן אַ צאָן.

די געסלעך האָבן אויסגעזען ווי נאָך אַן ערדציטערנייש. אויפן מאַרקט־טאָג זענען געלעגן שטיקלעך גלאָז פון די אויסגעהאַקטע שויבן.

ווען דער רעגן האָט אויפגעהערט, האָט זיך אויפן הימל באַוויזן אַ רעגנבויגן. די קרעמערס זענען ווידער אַרויס אויף דער גאַס, זיי זענען גע־ווען פאַרזאָרגט און אויף זייערע פּנימער איז געלעגן דער שווערער אומעט פון שלעכטע צייטן. זיי האָבן זיך געפילט איינזאַם און באַדראָט.

און יונה גלעזער האָט זיך געלאָזט גיין פון איין הויז צום צווייטן, ער האָט געמאָסטן די פענצטער, בכדי אַריינצושטעלן נייע שויבן. עס האָט אים געוואַרט אַ סך אַרבעט.

קאַפּיטל 10

דאָס העכסטע הויז אין שטעטל האָט געהאַט צוויי שטאָק. אויף דעם צווייטן שטאָק האָט געוווינט די משפחה האָזענגאַנג, דער פאָטער מיט צוויי קינדער, אַ זון און אַ טאָכטער. צוזאַמען מיט זיי איז געווען אַ ווייטע קרובה, וועלכע האָט געפירט די ווירטשאַפט, אַ שווייגנדיקע יידענע, וועגן

וועלכער קיינער האָט גאָרנישט געוווּסט, ווייל שטענדיק איז זי געווען אַליין, מיט קיינעם קיין וואָרט נישט גערעדט.

דאָס צימער, פֿונוואַנעט דאָס פֿענצטער איז אַרויסגעגאַנגען אויפֿן הויף, האָט פֿאַרנומען די טאָכטער פֿון לעאָן האַזענגאַנג. אין שטאָט האָט מען זי זעלטן ווען גערופֿן ביים נאָמען, כמעט קיינער האָט דעם דאָזיקן נאָמען נישט געקענט, מען האָט וועגן איר גערעדט פּשוט: האַזענגאַנגס טאָכטער אָדער האַזענגאַנגס *שיינע* טאָכטער, און כאָטש אין שטעטל זענען געווען אַ סך שיינע טעכטער, איז דאָך די שיינקייט פֿון רעגינען האַזענגאַנג געווען אַן אַנדערע, אַ נישט דאָרטיקע. רעגינע האָט נישט געהאַט קיין חברטעס, מען האָט זי זעלטן געזען אויף דער גאַס אין עמעצנס געזעלשאַפֿט, קיינער פֿון די אָרטיקע יונגעלייט וואָלט זיך נישט דערוואַגט צו זוכן מיט איר אַ באַקאַנטשאַפֿט.

רעגינע איז געווען אַ הויכע און שלאַנקע, אַ ליכטיק פּנים האָט זי געהאַט, מיט לאַנגע בלאָנדע האָר. אירע בלויע אויגן זענען געווען באַשאָטנט מיט טונקעלע וויעס, און ווען די שטאָטישע מיידלעך פֿלעגן צווישן זיך רעדן וועגן איר שיינקייט, איז אין זייערע רייד געווען עטוואָס קנאה און אויך אַ פּרעטענסיע: רעגינע האָט נישט געהאַט קיין סימן פֿון יידישקייט אין איר געזיכט, איר שיינקייט און איר חן זענען געווען פֿרעמדע, ווי געירשנט נאָך פֿרעמדע, נישט־היגע אבות. זי איז געווען ווי אַ בלום פֿון אַן אַנדערן גאָרטן. ווען זי איז געגאַנגען אויף דער גאַס, האָבן מענטשן איר נאָכגעקוקט מיט באַוווּנדערונג, אָבער אויך מיט דרך ארץ. זי האָט געוועקט כבוד.

לעאָן האַזענגאַנג האָט נישט געקאַרגט קיין געלט, זיין שיינע טאָכטער זאָל האָבן עלעגאַנטע און מאָדערנע קליידער — מלבושים האָט זי גענייט פֿאַר זיך נישט אין שטעטל, נאָר ביי דעם בעסטן שניידער אין פּשעמישל. און דאָס האָט טאַקע רעגינע האַזענגאַנג די ערשטע אין שטעטל אָנגעהויבן צו טראָגן דינע לעדערנע הענטשקעס אפֿילו אין שענסטן זומער, און אַלטע ווייבער האָבן דאָס געזען און געשאָקלט מיט די גרויע קעפּ: אַ משוגענע וועלט, ווער האָט דאָס געזען טראָגן לעדערנע הענטשקעס אין די גרעסטע היצן?

רעגינעס מוטער איז געשטאָרבן מיט פֿיל יאָרן צוריק. אין זכרון פֿון דער טאָכטער איז זי פֿאַרבליבן נישט מער ווי אַ ווייטע נעפּלדיקע דערמאָנונג. און די דאָזיקע דערמאָנונג פֿלעגט פֿון צייט צו צייט דערגאַנצט ווערן

דורך דעם פֿאָטערס דערציילונגען. די מוטער האָט געשטאַמט פֿון ווין, פֿון אַ ווינער ייִדישער משפּחה, איר פֿאָטער און רעגינעס זיידע איז געווען אַ געבילדעטער עסטרײַכישער סוחר, בײַ וועלכן לעאָן האָזענגאַנג האָט אָנגעהויבן אַרבעטן אין געשעפֿט אַלס שיקיינגל און געענדיקט אַלס איידעם.

רעגינע איז פֿרי פֿאַריתומט געוואָרן, זי האָט זיך דערצויגן אָן אַ מאַמען. זי האָט געפֿילט אַרום זיך דעם פֿאָטערס ליבע און דעם פֿאָטערס זאָרגעוודיקייט, און דאָך איז אין איר יונג לעבן געווען פֿיל איינזאַמקייט, בפֿרט זינט דער איינציקער ברודער נאַטאַן איז אַוועק קיין קראָקע שטודירן אַלטערטימלעכע שפּראַכן אויף דעם קראָקעווער אוניווערסיטעט.

זי האָט דאָ נישט געהאַט קיין חבֿרטעס. מיידלעך, מיט וועלכע זי איז געווען באַקאַנט פֿון דער שול, זענען שוין געוואָרן כּלות און האָבן חתונה געהאַט. טיילמאָל פֿלעגט זי זיי זען אין דער טיפֿעניש פֿון די האַלבטונקעלע געוועלבלעך. זי פֿלעגט זיי זען שבת נאָך מיטאָג אין גאָרטן, זיי האָבן געטראָגן אויף די הענט קינדער זוויגנדיקע, פּריצייטיק פֿאַרעלטערטע זענען זיי געווען, אַנשטאָט די אָפּגעשוירענע אייגענע האָר, האָבן זיי געהאַט שייטעלעך אויף די קעפּ און אין די יום־טובֿדיקע טעג פֿלעגן זיי מיט די מענער לויפֿן אין בית־מדרש אַרײַן.

גייענדיק אויף איר געוויינלעכן איינזאַמען שפּאַציר אין שטאָטישן גאָרטן, מיט ראָמען ראָלאַנס ראָמאַן אין דער האַנט, פֿלעגט זי זיך פֿאַרטראַכטן און זוכן די סיבה, פֿאַרוואָס עס האָט זיך לעבן איר געשאַפֿן אַזאַ אָפּגרונט, פֿאַרוואָס זי איז דאָ אַזוי פֿרעמד, אין דער דאָזיקער שטאָט, וווּ זי איז געבוירן געוואָרן און דערצויגן געוואָרן.

צוויי מאָל אין דער וואָך פֿלעגט רעגינע באַזוכן דער אָרגלשפּילער פֿון שטאָטישן קלויסטער, אַן אַלטער מוזיקער, בײַ וועלכן רעגינע האָט זיך געלערנט שפּילן פּיאַנע. ער איז געווען אַן אַלטער מענטש, בײַ וועלכן זי האָט נישט געקאָנט צו פֿיל געניסן. און דאָך האָט זי אים געהאַט פֿיל צו פֿאַרדאַנקען. ווען זי האָט אים שוין דעריאָגט אין זײַנע קענטעניש, האָבן זיי געשפּילט אויף פֿיר הענט. שווײַגנדיק, אָן ווערטער, פֿלעגן זיי פֿאַרברענגען צוויי אָוונטן אין דער וואָך. די מוזיק, וואָס זיי האָבן געשפּילט, האָט זיי פֿאַראייניקט, באַפֿרײַנדעט האָט זיי דער דאָזיקער רעפּערטואַר פֿון י. ס. באַך ביז ראָבערט שומאַן — פֿאַר דעם אַלטן אָרגלער איז די דאָזיקע מוזיק געווען ווי אַ טירל, דורך וועלכן ער האָט אַרײַנגעקוקט אין זײַן עבֿר און אין זײַן יוגנט, ווען ער איז נאָך געווען אַן אָנפֿאַנגער און האָט געטרוימט וועגן אַ רומפֿולער צוקונפֿט פֿון אַ ווירטואָז.

ביים סוף פון זומער איז דער לערער פון מוזיק קראַנק געוואָרן. רעגינע האָט געוווסט, אַז ער וועט שוין אַזוי גיך נישט קומען, און דאָך האָט זי נישט געענדערט דעם סדר פון יענע טעג, אין וועלכע ער פלעגט זי באַזוכן. צוויי מאָל אין דער וואָך פלעגט זי אויף אים וואַרטן ביי דעם שווייגנדיקן פאָרטעפּיאַן, זי איז געזעסן שטיל, אַזוי ווי עס זיצט אַ קליין מיידעלע, וואָס וואַרט אויף דעם לערער, וועלכער איז אויף אַ ווײלע אַרויס פון צימער. ערשט ווען אין די ווינקלען האָט אָנגעהויבן געדיכטער צו ווערן די דעמערונג, ווען דער זייגער פלעגט אויסקלינגען די שעה, אין וועלכער דער לערער האָט געווײנלעך פאַרלאָזט דאָס צימער, ערשט דעמולט פלעגט רעגינע עפענען די נאָטן און אָנהייבן שפּילן. אָבער דעמלט פלעגן זיך שוין לאָזן הערן אין דער צווייטער דירה אויף דעם זעלבן שטאָק די הייזעריקע קלאַנגען פון גראַמאָפאָן — דאָס האָט דער דראָגעריסט מאָריץ אַטלאַס געזוכט אַ טרייסט און דערמונטערונג אין די מאָדערנע קאַבאַרעטלידלעך. רעגינע פלעגט פאַרמאַכן דעם פאָרטעפּיאַן און צוגיין צום פענצטער, אין וועלכן עס איז געשטאַנען די שוואַרצע נאַכט מיט אירע מרה־שחורהדיקע געדאַנקען.

ביטאָג פלעגט זי דורך דעם דאָזיקן פענצטער זען אַ צענדליק דעכער פון די אַרומיקע הייזער, און עפּעס ווייטער: דעם גרויסן שטאָקיקן מויער פון פראַנטשישקאַנער קלויסטער; אויף דעם הויף פון דער אַלטערטימלעכער געביידע זענען געוואָקסן עטלעכע מאָגערע ביימלעך, אַרום וועלכע עס פלעגן טיילמאָל שפּאַצירן די טונקעלע געשטאַלטן פון פאַרטראַכטע מאָנאַכן. קוקנדיק אויף זיי, האָט רעגינע געפילט אַן אומעט און אַ מיטלייד. זי האָט געטראַכט וועגן יענע זעבאַרע און אויך אומזעבאַרע גרענעצן, וואָס טיילן אָפּ איין מענטשן פון צווייטן. און זי האָט געטראַכט וועגן די מענטשלעכע דראַמעס, וועגן גורלות טראַגישע, לעבן וועלכע די וועלט גייט אַדורך גלייכגילטיק און קאַלט, זאָרגלאָז.

די שיינע טאָכטער פון שניט־סוחר, וועלכע איז גראָד געווען אין יענע יאָרן, ווען אַ מיידל וואַרט אויף ליבע, איז פאַרהאָרכט אין זיך און אין די אייגענע דערוואַרטונגען, האָט געפילט אַ גרויסע נייגיריקייט צו מענטשן, און געטראַכט וועגן דעם, וואָס זי אַליין וועט קאָנען אין אַ געוויסן טאָג ענדערן אין עמעצנס גורל און וואָס עמעץ וועט אין אַ געוויסן טאָג אַריינברענגען אין איר אייגן לעבן. אפשר וועט זי עמעצן באַגליקן, עמעצן אַן אומבאַקאַנטן, וועגן וועלכן זי ווייסט נאָך גאָרנישט און וועלכער ווייסט נאָך גאָרנישט וועגן איר.

איר פּאַסיווקייט איז דעריבער געווען אַ וואַרטנדיקע. זי האָט געגלייבט, אַז אין אַ געוויסן טאָג וועט דאָס לעבן זי אַריינציען אין זיין קאַראַהאַד — אפשר קומט שוין אָן פון דער ווייט דער אָנזאָג פון געוויטער, וואָס וועט זי מיטרייסן מיט זיך?

פון צייט צו צייט פלעגט זי מיטן פאָטער אַרויספאָרן אויף אַ טאָג, צוויי קיין קראָקע. לעאָן האַזענגאַנג איז דאָרט פאַרנומען געווען מיט זיינע געשעפטן, ער האָט באַזוכט די הורט⸗סוחרים אָדער דערליידיקט פאַרשיידענע ענינים פאַר דער קהלה.

רעגינע פלעגט דערווייל באַזוכן די מוזייען און אַלטערטימלעכקייטן; טיילמאָל האָט זי זיך אַריינגעכאַפּט אין איינער פון די פיל קראָקעווער קירכעס, בכדי דאָרט אויסצוהאָרכן י. ס. באַכס קאָנצערט אויף די אָרגלען. אַן אַנדערטמאָל האָט זי געקאָנט שעהן⸗לאַנג פאַרברענגען אויף די רוישיקע בולוואַרן, באַטראַכטן די פאַרביקע שויפענצטער פון די גרויסע געשעפטן. זי האָט ליב געהאַט אַריינצולאָזן זיך אין די שמאָלע אַלטמאָדישע געסלעך, אויף וועלכע עס זענען געווען אויסגעקריצט שפּורן פון ווייטע יאָרהונדערטער.

איינמאָל האָט זי זיך געלאָזט באַזוכן דעם אַלטן יידישן בית⸗עולם, זי האָט זיך דאָרט אַוועקגעזעצט אויף אַ מצבה, וועלכע איז געווען מיט מאָך באַוואָקסן פון אַלטקייט. אין איינזאַמער פאַרטראַכטונג האָט זי דאָרט פאַרבראַכט כמעט אַ גאַנצן טאָג.

איר נייגיריקייט האָט זיך דאָ, אין דער גרויסער שטאָט, געהאַט מיט וואָס צו שפּייזן. אויף איינער פון די אָרעמע געסלעך האָט זי געזען גאַסנמיידלעך אין קורצינקע קליידער, אַ טייל פון זיי זענען געווען יונג און שיין, זיי האָבן גערעדט הויך און געווערטלט זיך מיט גראָבע ווערטער, זייערע באַוועגונגען און זייער הילוך זענען געווען אויסגעלאַסן. רעגינע איז געגאַנגען נעבן זיי מיט אירע שטאָלצע בכבודיקע טריט פון אַ גוט דערצויגענער יונגער דאַמע און זיך גיריק צוגעהאָרכט צו זייערע רייד — עס האָט זיך איר געדאַכט, אַז אָט די דאָזיקע מיידלעך זענען גליקלעך, אַז זיי געניסן פון דער פולקייט פון לעבן, כאָטש די דאָזיקע פולקייט איז נישט פריי פון גרויזאַמען טראַגיזם.

יעדעס מאָל, ווען זי איז געווען אין קראָקע, פלעגט זי אַהיימקומען אַ נאָך מער פאַרטראַכטע און פאַרמאַכטע אין זיך. דורך עטלעכע טעג

פלעגט זיך גאָר יעדער רייזע נישט אַרויסגיין פון שטוב, און דעמלט האָט דער פּאָרטעפּיאַן אין איר צימער געהילכט שעהן־לאַנג. בעטהאָווענס רוגזאָדיקע טענער האָבן געהילכט אין דער גאַנצער וווינונג, אין גאַנצן הויז און איבערן גאַנצן געסל. דורכגייער פלעגן אויפהייבן די קעפּ און אַרויפקוקן צום צווייטן שטאָק און פלעגן זאָגן:

— דאָס שפּילט זי, לעאָן האַזענגאַנגס טאָכטער, זי האָט נישט וואָס צו טאָן, שפּילט זי, האָט שוין לאַנג געדאַרפט חתונה האָבן, אַזאַ דערוואָקסן מיידל.

אַ סך צייט האָט זי געווידמעט אויף לייענען ביכער. אין בוך־געשעפט פון זישע פעניק פלעגט מען פאַר איר אַוועקלייגן אַלע נייע ראָמאַנען אין דער פּוילישער שפּראַך. פאַרשטייט זיך, אַז זי האָט געקאָנט די דאָזיקע ביכער אויסבאָרגן אומזיסט אין דער ביבליאָטעק פאַר די מאַגיסטראַט־אָנגעשטעלטע אָדער אין דער ביבליאָטעק פון שניידער־פאַריין, אָבער זי האָט עס נישט געטאָן. זי האָט זיך נייַשט געוואָלט אָפּזאָגן פון יענעם פאַרגעניגן, וואָס זי האָט געהאַט יעדעס מאָל, ווען זי פלעגט מיט דעם זילבערנעם פען־מעסערל פאַנאַנדערשניידן די נייע, ריינע בלעטער פון נאָרוואָס געקויפטן בוך.

אין די ראָמאַנען, וואָס זי האָט געלייענט, האָט זי געזוכט זיך און ענלעכע צו זיך. זי האָט געזוכט העלדינעס, העלדינען האַזענגאַנג, וועלכע איז פאַרלוירן אין דעם קליינעם שטעטל און אין דער גרויסער וועלט. און ווען עס איז איר געלונגען צו געפינען העלדן, וועלכע מאַטערן זיך און ווערן פאַרמאַטערט, העלדן ליידנדיקע און אומגליקלעכע, ווען זי האָט ווען זיי געלייענט, האָט זי געליטן צוזאַמען מיט זיי, צוזאַמען מיט זיי איבערגעלעבט זייערע מפּלות. אפשר האָט זי זיך מיט זיי נישט געפילט אַזוי איינזאַם, ווי אָן זיי.

און ווען עמעצנס בילד אין דעם געלייענטן ראָמאַן איז געווען ענלעך און זיך צוגעפּאַסט צו איר אייגן בילד, ווי אַ גוט אויפגענייט קלייד, דעמלט האָט זיך רעגינע געפילט אינערלעך רייך, און דורך אַ טאָג, צוויי אָדער דורך עטלעכע טעג האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז דאָס שטעטל, אין וועלכן זי לעבט, געפינט זיך גאָר נישט אונטער די הרי חושך, נאָר אינמיטן אייראָפּע און אין דער מיט פון דער וועלט.

אין איינעם אַזאַ אָוונט האָט רעגינע פון איר צימער דערהערט אין קאָרידאָר אַ פרעמדע שטימע — עמעץ האָט געפרעגט, און די באַלעבאָסטע האָט געענטפערט. די באַלעבאָסטע האָט געזאָגט, אַז דער הער האַזענ־

גאַנג איז נישטאָ, ער איז נאָך נישט געקומען פון געשעפט, ער וועט היינט קומען אַביסל שפּעטער.

רעגינע האָט געעפנט די טיר און דערזען אַ פרעמדן יונגן מענטש מיט אַ בלאַס געזיכט און פּעך־שוואַרצע האָר, און זי האָט זיך דערמאָנט, אַז דעם דאָזיקן בחור האָט זי שוין אַמאָל געזען רעדן מיט איר פאָטער. ער האָט, דאַכט זיך, געבעטן ביים פאָטער די ווינער צייטונג און דער פאָטער האָט דעמלט אָנגעזאָגט, אַז מען זאָל די דייטשישע צייטונג פאַר־באַהאַלטן פאַר דעם יונגן הער מאנדלבוים. זי האָט דעמלט באַמערקט, אַז אין אופן פון רעדן און פון פאַרהאַלטן זיך פון דעם דאָזיקן בחור איז גע־ווען אַ מאָדנע פריצייטיקע ערנסטקייט.

אויף אַ ווײַלע האָבן זייערע בליקן זיך באַגעגנט, און רעגינע האָט זיך דערפילט ווי אַ באַלעבאָסטע אין דער דאָזיקער שטוב. זי האָט אים באַ־שאָנקען מיט אַ גאַסטפריינדלעכן שמייכל.

— ביטע — האָט זי געזאָגט — איר קאָנט אויסוואַרטן. מיין טאַ־טע וועט באַלד קומען.

און זי האָט אים פאַרבעטן אין איר צימער.

זיי האָבן זיך ביידע פלוצעם געפונען אין דער סאַמע מיט פון אַ גרויסער ציטערנדיקער דערוואַרטונג, אין דער סאַמע מיט פון אַ שטיל־קייט, וועלכע איז געווען אַרום זיי. זיי האָבן זיך באַטראַכט איינער דעם צווייטן. רעגינע האָט נישט געזען גענוי זיין געזיכט, ווייל ער איז געשטאַ־נען מיט דער פּלייצע צום פענצטער און אין צימער איז שוין געווען כמעט טונקל.

שווייגנדיק האָט זי געעפנט דעם פאָרטעפּיאַן און זיך אַוועקגעזעצט שפּילן און ס'איז פאַר איר געווען קלאָר, אַז גראָד איצט קאָן זי שפּילן נאָר איין מוזיק, נאָר שאָפּענס מוזיק פאַסט צו דער דאָזיקער פאַרנאַכ־טיקער שטימונג, שאָפּענס נאָקטורן.

אָן אומרו האָט אין איר געהערשט, זי האָט דעם דאָזיקן אומרו געפילט אין די אָדערן, אין האַרץ, אין די פינגער, און געשפּילט האָט זי נישט בכדי צו פאַרטרייבן אָדער צו באַהערשן דעם דאָזיקן אומרו, זי האָט געוווּסט, אַז די מוזיק וועט נאָך מער אויפברויזן איר שטימונג.

זי האָט געפילט לעבן זיך די אָנוועזנהייט פון דעם שווייגנדיקן יונגן מענטש, וועלכער איז געווען אין די זעלבע יאָרן וואָס זי, אפשר אַביסל עלטער, און זי האָט נישט געוווּסט, צי ער איז אימשטאַנד צו דערפילן

די דערהויבענע שטימונג פון דער דאָזיקער מינוט, זי האָט נישט געוואוסט, צי ער קען האָרכן מוזיק, און האָך האָט זי געשפּילט דווקא פאַר אים. און דאָס איז געווען אַזוי, ווי זי וואָלט צו אים גערעדט, ווי זי וואָלט אים פאַרטרויט אירע בענקשאַפטן און אירע באַגערן.

דורך דעם גרויען צופאַלגדיקן אָוונט האָט מענדל מאַנדלבוים געקוקט אויף איר געשטאַלט, זי האָט געפילט זיין בליק אויף די אָרעמס, אויפן האַלדז, אויף די הענט, וועלכע האָבן מיט גרויס געשווינדקייט לייכט און צערטלענדיק באַוועגט זיך אויף דער קלאַוויאַטור פון פּאַרטעפּיאַן. זי האָט אַ טראַכט געטאָן, אַז ווען דער אָרגלשפּילער, דער מוזיק-לערער אירער וואָלט געהערט דעם דאָזיקן קאָנצערט, וואָלט ער וואַרשיינלעך געווען זייער צופרידן און שטאָלץ פון זיין שילערין.

זי האָט נישט געהערט, ווען אין קאָרידאָר האָט זיך אָנגעצונדן דאָס ליכט און ס'איז אַריינגעקומען דער פאָטער. לעאָן האַזענגאַנג האָט שטיל געעפנט די טיר, און זעענדיק, אַז די טאָכטער איז נישט אַליין, האָט ער זיך צוריקגעצויגן.

זי האָט איבערגעריסן דאָס שפּילן ערשט דעמלט, ווען זי האָט דער-פילט אויפן אקסל מאַנדלבוימס האַנט. אירע אויגן זענען געווען פול מיט טרערן און דאָס האַרץ פול מיט דאַנקבאַרקייט.

לאַנג זענען זיי געשטאַנען לעבן זיך שווייגנדיק, פאַרזונקען אין די אייגענע געדאַנקען און טיף גערירט, כאָטש קיין איינציק וואָרט איז צווישן זיי נישט געפאַלן.

דערנאָך האָט רעגינע אָנגעלענט דעם קאָפּ אויף זיין אַקסל און זי האָט זיך צעוויינט.

קאַפּיטל 11

נאָך יענעם פינצטערן מאַרק-טאָג און נאָך דעם געשלעג מיט די פּיקעטניקעס האָט די פּאָליציי איינגעזעצט יענקעלע דעם טרעגער און דורך דריי וואָכן האָט מען צו אים נישט צוגעלאָזט קיינעם, אַפילו די אייגענע מוטער אויך נישט.

מענדל מאַנדלבוים איז געגאַנגען בעטן ביי לעאָן האַזענגאַנג, ער זאָל זוכן אַ וועג צו באַפרייען דעם טרעגער, אָבער עס האָט קיין שום

פּראָטעקציע נישט געהאָלפֿן. מען האָט אים באַשולדיקט, אַז ער האָט שווער פֿאַרוואונדעט צוויי פּויערים.

אין בית־מדרש האָבן מבינים געהאַלטן, אַז אין די הײַנטיקע צײַטן דאַרף יענקעלען נישט ווייניקער ווי צען יאָר תּפֿיסה. האָבן זיך אָבער געפֿונען אַנדערע אַדוואָקאַטן, וואָס האָבן געזאָגט, אַז מער ווי זעקס וואָכן וועט מען אים נישט צופּסקענען, יענקל איז געווען אין אַ צושטאַנד פֿון שטאַרקער אויפֿרעגונג, אפֿשר וועט מען אים דערײַבער בכלל באַפֿרײַען. פֿון דעם נישט־ייִדישן עולם האָט מען אויך אײַנגעזעצט צוויי יוגים. אָבער קיינער האָט זיי נישט געזען, ווייסט מען נישט צי עס איז אמת. איבעריקנס: ווער איז שולדיק ווען מען שלאָגט? דער ייִד איז שולדיק, ווײַל ער האָט זיך געוואָלט שלאָגן. וואָס־זשע דען האָט ער געוואָלט טאָן? דאָס וואָס אַ ייִד דאַרף טאָן, ווען מען שלאָגט: אַנטלויפֿן...

און דערווײַל האָט שׂרה מאַנדלבוים גענומען אויף זיך אויסצוהאַלטן דעם טרעגערס מוטער. ערגער איז געווען מיטן טרעגערס פֿערד — ווײַל יענקל האָט געהאַט אַן אַלטע קליאַטשע, וועלכע האָט פֿאַרמאָגט נאָר איין אויג און איז געווען זייער צוגעבונדן צו איר באַלעבאָס. און ווען מען האָט יענקעלען אײַנגעזשפּאַרט, איז דאָס פֿערד געשטאַנען אין שטאַל און אַלע האָבן וועגן דעם פֿאַרגעסן. צוויי טעג און צוויי נעכט האָט זיך קיינער נישט דערמאָנט, אַז מען דאַרף דעם לעבעדיקן באַשעפֿעניש געבן עפּעס צו פֿרעסן און עפּעס צו טרינקען. דאָס פֿערד האָט נעבעכדיק געהירזשעט פֿון הונגער און אפֿשר אַביסל אויך פֿון בענקשאַפֿט און עס איז שיִער נישט געפּגרט. ערשט דער משוגענער מאַקס האָט זיך מרחם געווען און פֿאַרנומען זיך מיט דער קליאַטשע.

די שטאָטישע תּפֿיסה איז געשטאַנען אויף אַ בערגל, און פּונקט ווי אַלע אַנדערע טורמעס אויף דער וועלט, איז זי געווען אַרומגערינגלט מיט אַ הויכן מויער. אין אַ געוויסן טאָג האָט מאַקס באַשלאָסן אָנצוטאָן יענקלען אַ פֿאַרגעניגן: ער האָט ריין אויסגעבערשטלט די קאָבילע, אַרומגעבונדן איר דאַרן האַלדז מיט פֿאַרביקע לענטעס און אַרומגעפֿירט זי אפֿשר זיבן מאָל אַרום דער תּפֿיסה. און אויבן, אויפֿן ערשטן שטאָק, צודריקנדיק דאָס פּנים צו די אײַזערנע קראַטעס, איז געשטאַנען דער אַרעסטאַנט יענקל טרעגער און האָט גערעוועט ווי אַ פֿאַרוואונדעטער לייב.

דער פּראָקוראָר האָט זיך דערמאָנט, אַז מיט עטלעכע וואָכן

צוריק האָט ער צעבלויטיקט אַ ייִדישן בחור, בשעת יענער פֿאַרלעזונג וואָס עס האָט געהאַלטן דער פּראָלעטאַרישער שרייַ־בער. האָט מען איצט געפּרוווט אַרויסזוכן פֿון אונטער דער ערד עדות, וואָס זאָלן וועלן באַשולדיקן יענקלען און באַווייזן, אַז ער איז אַ שלעגער און אַ באַנדיט. אָבער אַזעלכע רייד האָט קיינער נישט געוואָלט אונטערשרייבן, קיין מוסרים איז אין שטעטל נישט געווען, קיינער האָט אויף יענקלען קיין שלעכט וואָרט נישט געזאָגט, פֿאַרקערט, די גאַנצע שטאָט האָט אים באַדויערט, די גאַנצע שטאָט איז געווען שטאָלץ מיט אים, דאָס האָט ער דאָך כמעט אײנער אַליין אַנטקעגנגעשטעלט זיך דעם גרויזאַמען פּויערישן המון, ווי שמשון הגיבור האָט ער געקעמפּט מיט די פּלישתים, אַ געזונט אויף זײַן טרעגערישן קאָפּ!...

אין אײנעם אַ פֿרימאָרגן האָט דער ריכטער פֿאַרבעטן צו זיך ר׳ אַלי־עזרן, בכדי אויך אים אויסצופֿאָרשן אין יענקלס ענין.

מען האָט אים געפֿרעגט, צי יענקל טרעגער פֿלעגט קומען אין בית מדרש דאַווענען, ווײַל אויב ער קומט נישט דאַווענען, איז עס נאָך איין באַווייז, אַז ער איז אַ קאָמוניסט.

ר׳ אַליעזר מאַנדלבוים האָט זיך געפֿילט באַליידיקט: וואָס וויל ער פֿון אים, דער דאָזיקער ערל, אַזויפֿיל ייִדן זענען פֿאַראַן אין שטעטל, האָט ער פּונקט אים געמוזט מכבד זײַן מיט אַזאַ פֿאַרהער? אפֿשר האָט מען אים אַזוי אַרומעט געוואָלט געבן צו פֿאַרשטיין, אַז אויך מענדל דער זון פֿון ר׳ אַליעזרן קאָן זיך אין אַ געווסן טאָג געפֿינען דאָרט, וווּ עס געפֿינט זיך יענקל טרעגער.

ר׳ אַליעזר האָט לאַנג געשוויגן און ער האָט געפֿילט ווי דער כעס וואַקסט אין אים. ער איז בייז געווען אויף דעם ריכטער און אויף דעם טרעגער, אויף זיך אַליין איז ער בייז געווען און אויף די אײגענע קינדער.

דער ריכטער האָט אויף אים געקוקט וואַרטנדיק אויף אַן ענטפֿער, און ר׳ אַליעזר האָט זיך נישט געאײַלט — דער מענטש ביים שרײַבטיש איז נישט קראַנק געווען צו וואַרטן.

און ווען דער אויספֿאָרשער האָט שוין צום דריטן מאָל געשטעלט די זעלבע פֿראַגע, האָט מאַנדלבוים אָנגעהויבן ליגנט זאָגן, און געגאַנגען איז עס אים אַזוי גלאַטיק, אַז ער איז געווען שטאָלץ פֿון זיך — ער האָט אויסגעשטעלט די בעסטע צײַגעניש דעם טרעגער־יונג, אַ ישיבֿה־בחור

האָט ער אויס אים געמאַכט, אַן איידעלע נשמה, וואָס האָט גאָר מער קיין שום זאַך נישט אין זינען, ווי נאָר צו דינען דעם באַשעפער.

דער ריכטער האָט געהאָרכט און געשמייכלט, זעט אויס, אַז ער איז נישט געווען זייער שטאַרק איבערצייגט אין אמת פון מאַנדלבוימס ווער־טער. און ר׳ אליעזר האָט דערווייל געטראַכט, אַז אין אַ געווינסן טאָג וועט אפשר אן אַנדערער ייד אויף דעם זעלבן אופן זיין א מליץ־יושר פאַר זיין בן־יחיד, פאַר מענדל מאַנדלבוים, וועלכער האָט שוין חדשים־לאַנג נישט געדאַוונט און נישט גענומען די תפילין אין דער האַנט אַריין.

אין אַ שלעכטער שטימונג און מיט א שווער האַרץ האָט אליעזר מאַנדלבוים פאַרלאָזט די געביידע פון שטאָטישן געריכט. ער האָט גע־טראַכט וועגן אייגענעם זון און וועגן דער שווערד פון גערעכטיקייט, וואָס הענגט איבער אים — מענדל איז שוין איינמאָל געזעסן עטלעכע טעג, מען האָט אים געבראַכט צו פירן פון זשמיגראָד, ווו ער האָט געהאַלטן אַ דרשה צו די דאָרטיקע באַלמעלאָכעס. נאָך עטלעכע טעג האָט מען אים אַרויסגעלאָזט, אָבער מיט אונטער־געהאַקטע אברים.

ר׳ אַליעזר גייט דורך דער שטאָט מיט א פאַרביטערט האַרץ. מענטשן באַגריסן אים, מענטשן זאָגן אים אַ גוט־מאָרגן, נאָר ר׳ אליעזר זעט נישט קיינעם און הערט נישט קיינעם. ער זוכט אין די פינצטערע געדאַנקען אַ תשובה אויף דער פראַגע, פאַרוואָס גאָט האָט אים אָפּגעזאָגט דאָס נחת פון קינדער. ער דערמאָנט זיך אין בלימעלען און עס הייבט אים אָן צו גאָגן ביים האַרץ, עס איז דאָך נישט קיין האַרץ אויס א שטיין, עס איז דאָך אַ האַרץ פון אַ געטרייען פאָטער, וועלכער זעט ווי זיין קינד מוטשעט זיך. און ר׳ אליעזר פילט זיך אַביסל אַזוי ווי יפתח, וועלכער האָט אַוועקגע־פירט זיין איינציקע געליבטע טאָכטער פאַר אַ קרבן אויף גאָטס מזבח

ר׳ אליעזר מאַנדלבוים פרוווט זיך באַרואיקן: האָט ער דען געהאַט אַן אַנדער אויסוועג מיט בלימעלען? האָט ער דען געקאָנט וואַרטן, ביז עס וועט זיין צו שפּעט, ביז עס וועט קומען דער יונגער ערל און וועט אַוועקנעמען בלימעלען?

דער אַלטער מידער ייד איילט צו די טריט, ער אַנטלויפט פון די אייגענע געדאַנקען, ער אַנטלויפט פון דער וועלט. ער לויפט אין בית־מדרש אַריין, דאָרט פילט ער זיך צוזאַמענגעטן, דאָרט איז זיין פעסטונג. ער זעצט זיך אַוועק ביי א ספר און די וועלט ווערט מיטאַמאָל ווידער א

וועלט: גאָט געפינט זיך ווידער אויף זיין אָרט און מענטשן זענען ווידער אויף זייערע ערטער.

און דערווייל קומט ווער אַריין מיט אַ פרישער גייעס, אַז מען האָט איינגעזעצט ר׳ אריהן דעם רופא. דער דאָקטער לאָרבערקראַנץ האָט אויף אים געמאַכט א מסירה און דער פּראָקוראָר האָט אַרויסגעזוכט אַ געזעץ, אַז ר׳ אריה יאָדלאָווקער האָט נישט געהאַט קיין רעכט צו היילן מענטשן, ער האָט נישט געהאַט קיין פּאַפּירן און דערפאַר מוז ער אָפּזיצן זיינס.

דרייסיק יאָר האָט ר׳ אריה געלעבט אין דאָזיקן שטעטל, ער האָט געהאַט א גוטע און געבענטשטע האַנט, געריסן קראַנקע ציינער, געשטעלט פּיאַווקעס, געלאָזט בלוט פון די אָדערן און געמאַכט קאַנעס. ווען ר׳ אריה האָט געמאַכט עמעצן א קאַנע, איז עס נישט געווען קיין קאַנע, נאָר פּשוט אַ פאַרגעניגן.

אמת, ווען עס האָט זיך עמעץ געקליבן שטאַרבן, האָט מען טאַקע געשיקט רופן דעם אמתדיקן דאָקטער, דעם דאָקטער לאָרבערקראַנץ, אָבער דער דאָקטער האָט אויך קיינעם נישט אויפגעוועקט צו תחית המתים. לעבעדיקע מענטשן האָבן זיך דעריבער תמיד געהיילט ביי ר׳ אריה רופא און קיינער האָט זיך קיינמאָל נישט געפרעגט, צי ער האָט פּאַפּירן און צי ער האָט געענדיקט די אוניווערסיטעטן.

און היינט האָט מען ר׳ אַריהן איינגעזעצט אין תפיסה. דער פּאָלי־ציאַנט האָט אים געפירט מיט גרויס כבוד דורכן גאַנצן שטעטל, אַזוי ווי מען פירט אן אמתדיקן פאַרברעכער, אַ באַנדיט אָדער א מערדער.

צווישן פיל זינד, וועלכע מען האָט אים אפּירגעוואָרפן, איז אויך געווען א מעשה מיט איינעם א גרויזאַמען פאַרברעכער, וועלכער האָט געהייסן קאָבילאַרסקי און וועלכן די פּאָליציי האָט געזוכט מיט שטעק־בריוו. דעם דאָזיקן קאָבילאַרסקין האָט ר׳ אריה ביינאַכט אריינגעלאָזט צו זיך אין שטוב אַריין און אומזיסט אַרויסגעריסן אים צוויי ווייטיקדיקע באַק־ציינער.

ווען די ידיעה וועגן ר׳ אריהס אומגליק האָט דערגרייכט צו לעאָן האַזענגאַנג, האָט דער שניט־סוחר געהייסן דעם סוביעקט זיינעם איינ־פּאַקן אַ שיינע מתנה און ער האָט זיך אויסגעקליבן צו דער קלוגער און שיינער פרוי פון דעם פּאַן סטאַראָסטע.

ער האָט זי געטראָפן אן אויפגערעגטע און צעיאָכמערטע, זי איז פּונקט פאַרנומען געווען מיט פּאַקן די קופערטס און רענצלעך. די מתנה

האָט זי אָנגענומען מיט דאַנק, אָבער ר׳ אריה האָט דערפֿון קיין שום נוץ נישט געהאַט, ווייל דער פֿאַן סטאַראָסטע האָט זיך נאָך פֿיל יאָרן ענדלעך דערוואַרט: אין וואַרשע האָט מען זיך ווען אים דערמאָנט און מען האָט אים געגעבן אַ שטעלע אין מיניסטעריום. געזעגנט האָט ער זיך מיט דעם יידישן סוחר פֿריינדלעך און אין איילעניש — ער איז געווען שטאַרק פֿאַרנומען, ער האָט זאָרגעוודיק אַרומגעוויקלט מיט פּאַפּיר יעדן באַנד פֿון שעקספּירס שאַפֿונגען און צוגעגרייט אים צו דער רייזע.

די יידן אין שטעטל האָבן זייער באַדויערט דעם אָװעקפֿאָרנדיקן סטאַראָסטע און זיין פֿרוי. קיינמאָל האָט מען אַזויפֿיל שבחים וועגן זיי נישט געזאָגט, ווי אין דאָזיקן טאָג. און אין די וואַרעמע און פֿריינדלעכע געפֿילן צום אָוועקפֿאָרנדיקן פֿאַרשטייער פֿון דער מאַכט איז אויך געווען אַ סך אומזיכערקייט און פּחד פֿאַר זיין אומבאַקאַנטן נאָכפֿאָלגער, פֿאַר דעם נייעם סטאַראָסטע, וואָס וועט מסתמא א ליאַדע טאָג אָנקומען.

קאַפּיטל 12

אין א געוויסן טאָג האָט זיך דיאָניזי ווידער באַוויזן אין שטעטל. ער איז צוריקגעקומען פֿול מיט איינדרוקן, דאָס וואָס ער האָט געזען דאָרט, אין די געבערג, איז פֿאַר אים געווען אַ גרויס איבערלעבעניש.

די עקזיסטענץ איז דאָרט געווען א פּרימיטיווע, אַ כמעט הונגעריקע און פּונקט אַזוי איבערראשנדיק ווי די דאָרטיקע נויט איז אויך געווען איבערראַשנדיק און אומפֿאַרשטענדלעך די מענטשלעכע גלייכגילטיקייט לגבי דעם אייגענעם גורל, די גלייכגילטיקייט צו זיך אַליין. זיי האָבן דאָרט נישט געפּרווט אַנטקעגנשטעלן זיך, נישט געפּרווט בונטעווען זיך קעגן דעם שווערן עול פֿון לעבן, קעגן די אוממענטשלעכע באַדינגונגען. זיי האָבן זיך נישט געבונטעוועט קעגן גאָט און נישט קעגן דעם מלכות, כאָטש צווישן די אַלטע יונים האָבן נאָך דאָ געלעבט דערציילונגען וועגן יענע ווייטע צייטן, ווען די גאַליציאַנער פּויערים האָבן אין יאָר 1848 געשלאָגן די גראַפֿן; פֿלעגט אויך איצט טרעפֿן, אַז אַן אַלטער פּויער, אַ באַוואָקסענער ווי אַ בער, האָט זיך אַוועקגעזעצט ביים פֿייער און נאָגנדיק דעם ציבוק, האָט ער גענומען דערציילן, און אויב ער איז שוין געווען זייער אַלט, האָבן זיך ביי אים אויסגעמישט די אייגענע זכרונות מיט דעם, וואָס ער האָט געהערט אין די קינדער־יאָרן פֿון אַנדערע זקנים.

— איר געדענקט? געשניטן האָבן מיר ´דעמלט אונדזער גראַף, צווישן צוויי פרישע סאָסנאָווע ברעטער האָבן מיר אים געשניטן מיט א זעג, און די באָבעס האָבן געשאָט; זאַלץ אויף זייגע ווונדן, און געוויינט האָבן זיי דערביי, ווייל דאָס איז געווען א גוטער גראַף, אַ גוטער פריץ איז ער געווען, דעריבער האָבן אים אַלע באַדויערט, פאַמעלעך האָט מען אים געשניטן, שטיקלעכווייז, ווייל אַ גוטער גראַף איז ער געווען, זאָל אים גאָט שענקען דעם גן־עדן.

אַן אַנדערש מאָל האָבן זיי דערציילט, די פויערים, וועגן דעם באַרימטן באַנדיט קאָבילאַרסקי, וועלכער פלעגט ביינאַכט רייטן אויף אַ פייערדיקן אָגער און טאָן גערעכטיקייט צווישן מענטשן: ביי רייכע האָט ער גערויבט, בכדי צו האָבן מיט וואָס צו באַשענקען די אָרעמע.

אין די דאָזיקע דערציילונגען און מעשהלעך, וועלכע זענען געווען נאַיוו און גלייכצייטיק פול מיט אכזריותדיקייט, פלעגט דיאָניזי אָנטרעפן אויף יענע אומשטערבלעכע, אין יעדן דור לעבעדיקע בענקשאפטן צו פרייהייט.

האָט דיאָניזי געפרוווט פאַראינטערעסירן זיי מיט געדאַנקען בונטאַרישע וועגן אַ ניי לעבן, וועגן אַן אַ נ ד ע ר לעבן, וועגן אַ בעסערער וועלט און וועגן אַ גערעכטער אָרדענונג. אָבער צו אַזעלכע רייד האָבן זיי זיך באַצויגן קאַלט, אָן צוטרוי, אָן גלויבן. זיי האָבן געהאָרכט און געשוויגן, לויטן אַלטן פויערישן פרינציפּ: אויסהאָרכן קאָן מען אַלץ, אָבער פאָרזיכטיק דאַרף מען זיין מיט די אייגענע ווערטער.

זיי האָבן אים נישט געגלייבט: אַזאַ יונגער? וואָס וויל ער פון זיי? און וואָס קאָן ער ווייסן וועגן לעבן און וועגן דער וועלט?

דיאָניזי איז געווען געדולדיק. ער האָט פאַרשטאַנען, אז מען מוז דאָ האָבן פיל געדולד, דאָס לעבן פאַרלאַנגט בכלל פיל געדולדיקייט, און אויך די היגע פויערים זענען געדולדיק, ווען נישט וואָלטן זיי דאָ נישט געזעסן און געהאָרעוועט אויף דער דאָזיקער פאַרשאָלטענער שטיינערדיקער ערד; זיי וואָלטן פאַרלאָזט זייערע הונדערטיעריקע כאַטעס און וואָלטן געגאַנגען זוכן בעסערע ערטער און רייכערע לענדער.

דיאָניזי האָט זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון, אז מען דאַרף, עס זאָלן דאָ קומען נאָך פיל אַזעלכע ווי ער, און קלוגערע פון אים, מיט גרעסערער דערפאַרונג, בכדי די דאָזיקע באָרוועסע געזעלשאַפטלעכקייט זאָל פ אַ ר ש ט יי ן, זאָל רייף ווערן צום קלאַסן־קאַמף.

נאָך עטלעכע וואָכן פאַרבראַכטע אין די בערג האָט דיאָניזי אויסגעזען נאָך ערנסטער ווי תמיד. ער איז צוריקגעקומען אן אויפגעברויזטער, ער איז געווען איבערצייגט, אַז מען דאַרף ווירקן, מען מוז עפּעס טאָן פאַר זיי, פאַר די איינוווינער פון די פאַרגעסענע געגנטן. און עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער אַליין איז באַרופן צו דער דאָזיקער טעטיקייט: מען דאַרף שרייען וועגן די מענטשן, וואָס לעבן אין דער טיפעניש פון די קאַרפּאַטן־בערג, מען דאַרף וועגן זיי שרייבן אין די צייטונגען, מען דאַרף דערציילן וועגן זיי, די גאַנצע וועלט זאָל וועגן זיי געוווירער ווערן, שרייבער און דיפּלאָמאַטן זאָלן וועגן דעם וויסן, פּאָליטיקער און אויך פּראָסטע מענטשן, יענע, וואָס וועלן אין א געוויסן טאָג דערגיין צום וואָרט און צו דער מאַכט.

און גלייכצייטיק מיט דעם דאָזיקן געדאַנק איז אויך געקומען א געדאַנק א צווייטער: דעם גורל פון דער אָרעמקייט וועט דערווייל קיינער נישט ענדערן, קיינער איז עס דערווייל נישט בכוח צו טאָן, אַלע טונקעלע און אָרעמע, אַלע באָרוועסע און הונגעריקע מוזן וואַרטן, ביז דער טייך פון דער געשיכטע וועט ענדערן זיין ריכטונג. עס מוז צוערשט קומען די גרויסע ערד־ציטערניש, זיי מוזן אויף דער דאָזיקער איבעריקערניש וואַרטן צוזאַמען מיטן גאַנצן אַרבעטער־קלאַס, זיי מוזן וואַרטן ביז אויך צו זיי וועט דערגרייכן דער יאָרהונדערט פון עלעקטרישן ליכט און ראַדיאָ.

וועגן די דאָזיקע אַלע ענינים האָט דיאָניזי גערעדט מיט זיין פריינד מענדל מאַנדלבוים און צוגעהערט האָט זיך צו זייערע שמועסן די שיינע רעגינע האַזענגאַנג. טאַקע אין איר צימער האָבן זיי זיך באַגעגנט. דיאָניזי האָט באַמערקט, אַז צווישן זיין חבר און דער שיינער טאָכטער פון שניט־סוחר ציט זיך א דינער פאָדעם פון אינטימקייט. דאָס דאָזיקע פאָרל האָט זיך, זעט אויס, ליב, און דיאָניזי ווינטשט זיי דאָס פון גאַנצן האַרץ.

ווען זיי האָבן זיך שוין געדאַרפט געזעגענען, האָט מענדל מאַנדלבוים עטוואָס געצעגערט, עס האָט אויסגעזען, אַז ער וויל עפּעס זאָגן צו זיין חבר אונטער פיר אויגן. אָבער עס איז דערצו נישט געקומען, און דיאָניזי איז נישט געוויער געוואָרן, וואָס עס איז פאָרגעקומען ביי בלימעלע מאַנדלבוים און וואָס עס האָט זיך געענדערט אין איר לעבן, בעת ער איז געווען אונטערוועגנס.

קאַפּיטל 13

דיאַניזי פּאָפּאָוויטש איז געשטאַנען אינמיטן גאַס און האָט געוואַרט אויף בלימעלען. עטלעכע מאָל האָט ער אויף אַ ווײַלינקע דערזען איר געשטאַלט און איר געזיכט, און אַפילו באַגעגנט אירע אויגן, אירע בליקן דורך דעם פענצטער — זי האָט אים געזען און דאָך איז זי צו אים נישט אַרויסגעגאַנגען און אַפילו קיין צייכן נישט געגעבן, קיין שמייכל, קיין ווונק. זעט אויס, אַז זי האָט אים נישט געוואָלט זען.

עס האָט געבלאָזן אַ פראָסטיקער ווינט, עס האָט אַ שיט געטאָן מיט דעם ערשטן, נאָך נישט דויערהאַפטן שניי, וועלכער האָט געטייעט אונ־טער די מענטשלעכע טריט. אין שטעטל זענען פאַראַן געווען אַ סך צע־ריסענע שיך, מענטשן האָבן געהוסט און געשפּיגן, די לונגנקראַנקע האָבן געשפּיגן מיט בלוט. סענדער ליפּמאַן האָט שוין אַ גאַנצע וואָך געגוססט און האָט נאָך אַלץ נישט געקאָנט אויסהויכן די זינדיקע נשמה, ער איז נאָך אַלץ נישט געווען רייף צום שטאַרבן, און העלפן אים איז נישט געווען ווער. ר' אַריה יאָדלאָווקער איז געזעסן אין קרימינאַל און דער דאָקטער לאָרבערקראַנץ האָט שוין נישט געוואָלט קומען צו סענדערן, צו שוואַך איז ער געווען, דער דאָקטער, צו קעמפן מיטן מלאך־המות.

און דער משוגענער מאַקס האָט זיך אַרומגעדרייט ביי דער טיר פון שטאַרבנדיקן און אַלע מאָל געפרעגט, ווי ווייט עס האַלט שוין מיטן חולה.

— זאָגט אייער מאַן — האָט מאַקס געשריגן צו דער וויינענדיקער יידענע פון קראַנקן סענדער ליפּמאַן — זאָגט אייער מאַן, אַז עס קומען אָן גרויסע פרעסט, די ערד וועט פאַרפרוירן ווערן, און איך וועל נישט האָבן קיין כוח דאָס קבר אויסצוגראָבן. זאָל ער נישט זיין קיין חזיר, דער מאַן אייערער, און וואָס עס דאַרף געשען, זאָל געשען, זאָל ער שוין גיין אין הימל אַריין און זאָל ער דאָרט זיין אונדזער מליץ־יושר און אונדזער איינרייסער.

און דערווייל האָט ער דערזען דיאַניזין און איז צוגעלאָפן זיך באַגריסן מיט אים ווי מיט אַן אַלטן גוטן פריינד.

— דער קברן האָט זיך אויפגעהאָנגען, בין א י ד איצט קברן — האָט ער געזאָגט מיט שטאָלצקייט — די גאַנצע שטאָט וועל איך באַ־גראָבן, ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר.

און אָנבייגנדיק זיך צו דיאַניזים אויער האָט ער צוגעגעבן:

— דו ווארט שוין נישט אויף איר, זי איז שוין נישט דיינע, נישט דיינע, נישט דיינע איז זי...

און הירזשענדיק ווי אַ יונג פערד, איז ער אַנטלאָפן.

דיאָניזי איז געשטאַנען אין דער קעלט און האָט געוואַרט אויף דער שיינער בלימעלע מאַנדלבוים. ער האָט איר געוואָלט זאָגן, אַז דאָס לעבן אָן איר איז נישט קיין לעבן. ער האָט איר געוואָלט זאָגן, אַז אויב זי וועט עס פון אים פאַרלאַנגען, וועט ער גרייט זיין אויפצוהענגען זיך אויף דעם יידישן בית־עולם. מעג זיין אויף דעם זעלבן טרוקענעם בוים, וווּ עס האָט זיך אויפגעהאָנגען דער אַלטער באַגרעבער. ער, דיאָניזי, איז גרייט אויף אַלץ.

ער האָט זיך געפילט פאַרביטערט און אומגליקלעך. אַזוי ווייניק האָט ער פאַר זיין יונג לעבן פאַרלאַנגט, און אַלץ איז אים אָפּגעזאָגט געוואָרן.

אין דער דאָזיקער רגע האָט ער געקוקט אויף דער שטאָט מיט אַ טיפן האַס — אַ שטעטל ווי אַ פעסטונג. ווי אַ סימבאָל. אינמיטן פון דער דאָזיקער פעסטונג שטייט זיין געליבטע, די געהאַרכזאַמע טאָכטער פון איר פרומען הייליקן טאַטע.

דיאָניזי פּאַפּאָוויטש הייבט אויף די אויגן צום הימל און זוכט שטערן, אין זיי וויל ער געפינען עדות פון זיין פיין און פון זיין אומגליקלעכער ליידנשאַפט.

אָבער דער הימל איז פינצטער און פאַרטראָגן מיט וואָלקנס.

קאַפּיטל 14

אין אַ שבתדיקן פרימאָרגן, ווען אינדרויסן איז דער הימל ווידער געוואָרן לויטער און ווען די זון האָט געוואַרעמט מיט דער פולער וואַרעמ־קייט, וועלכע איז נאָך מעגלעך אין שפּעטן האַרבסט, האָט זיך בלימעלע געלאָזט אויף אַן איינזאַמען שפּאַציר הינטער דער שטאָט.

אויף די פאַרפרוירענע טונקל־גרויע גרעזער ביים וועג האָבן זיך גע־מיניעט טראָפּנס טוי. די פעלדער האָבן געשמעקט מיט פרישן אקער, מיט טונקעלער שווארצערד, איבער וועלכער עס האָבן זיך באַוויזן גאַנצע טשאַטעס קראָען.

די וועלדער אויפן האָריזאָנט, די הויקערדיקע רוקנס פון די בערג זענען געווען ארומגעהילט אין אַ פּיאָלעטן נעפּל.

ווי נאָר בלימעלע האָט פאַרלאָזט די פאָרשטאָט, האָט זי דערפילט אַ גרויסן פרידן, זי איז מיטאַמאָל געוואָרן רואיק און פריי פון יעטוועדן עגמת־נפש. די אייגענע איינזאַמקייט האָט זיך איר אין דער דאָזיקער מינוט אויסגעוויזן צו זיין א ברכה. זי האָט געטראַכט: ליבן איז גוט אין דער איינזאַמקייט און ליידן אויך אין דער איינזאַמקייט, ווייל עס זענען פאַראַן געפילן, וואָס מען מוז זיי דורכלעבן אין דער שטילקייט; און עס זענען פאַראַן שטימונגען, וואָס קיין שום צווייטער מענטש קאָן זיי נישט פאַרשטיין. זיין גליק און זיין מאַטערניש מוז יעדער טראָגן אַליין, איין מענטש קאָן דעם צווייטן נישט פאַרטרעטן, איינער קאָן נישט נעמען אויף זיך דעם צווייטנס לאַסט, נישט דעם צווייטנס גורל.

זי איז פאַרביי נעבן דעם הייליקן אָרט, וואָס איז געלעגן אויף א בערגל, אַרומגעוואַקסן מיט אלטעביימער און קוסטאַרניק. פלוצים האָט זי פון דאָרט דערהערט עמעצנס פריילעך געלעכטער. אַ פערלדיק געלעכטער איז עס געווען, און האָט זיך געטראָגן העט ווייט איבערן גאַנצן בערגל, איבער די שטילע מיט מאָך באַוואָקסענע מצבות, איבער די אוהלים, אין וועלכע עס האָבן גערוט דורות פון היגע צדיקים. געווען איז עס א פרויען־געלעכטער, און געקלונגען האָט דאָס דאָזיקע געלעכטער מאָדנע איבער דעם קיניגרייך פון טויטע.

בלימעלע האָט זיך אָפּגעשטעלט אַנטקעגן דעם אָפענעם טויער; עס האָט זיך פאַר איר געצויגן אַ לאַנגע סטעזשקע צווישן צוויי רייען מצבות, אָבער בלימעלע איז נישט געגאַנגען ווייטער, זי האָט מורא געהאַט, אַז ווען עמעץ וועט זי דאָ זען, וועט זיך אָפּרייסן דאָס דאָזיקע זאָרגלאָזע געלעכטער, וואָס האָט זיך געטראָגן פון קברנס הייזל. אין אָפענעם פענצטער האָט דער ווינט געפאָכעט מיט אַ ווייס פירהענגל, אויף א ווײַלע האָט זיך דאָס פירהענגל אויפגעהויבן און אין פענצטער האָט זיך באַוויזן דאָס טונקעלע געזיכט פון יוכבדן. נעבן איר איז געשטאַנען הערש־לייב דאָבקיעס, דער זון פון דער טויבער רבקה. הערש־לייב האָט זיך עטלעכע יאָר ארומגעוואַלגערט אויף דער וועלט, געווען אין פאַרשידענע גרויסע שטעט, ערשט נישט לאַנג האָט ער באַגראָבן די מוטער און איבערנומען די שטעלע פון א שטאָטישן באַגרעבער.

צוליב אים, צוליב הערש־לייבן איז יוכבד צוריקגעקומען אַהיים, זי האָט זיך אומגעקערט צו דער היימישער נעסט, אין וועלכער זי איז געבוירן געוואָרן, צו דער אָרעמער נעסט, וואָס איז געווען צוגעטוליעט צום

מויער פון בית־עולם. זי האָט איבערגעלאָזט דעם גלח מיט זיין זון. דער שטורעם איז פאַרביי, פאַרבלאָנקעטע פייגל געפינען אַ וועג אויף צוריק.

אַזאַ איז עס, דאָס לעבן — טראַכט בלימעלע. — די צייט היילט אויס אַלע וווּנדן. אַלע? די צייט איז אונדזער האָפענונג. זי ווייסט: די צייט וועט פארשיטן און פארדעקן מיט וואָכעדיקייט און מיט פאַרגעסנקייט אַלע אירע אנטוישונגען און אַלע נישט דערפילטע דערוואַרטונגען. דאָס וועט זיין די קומענדיקע גרויע צייט, צו וועלכער בלימעלע וועט זיך מוזן צוגעוויינען און צופאַסן, אַלע יידישע טעכטער געוויינען זיך צו צו דער דאָזיקער ניכטערער וואָכעדיקייט, אַלע יידישע מאַמעס. די זעלבע ליידן אין יעדן דור, דער זעלבער פארכישופטער פארמאַכטער קרייז.

די עלטערן האָבן ביי איר געפרעגט, צו זי וויל זיך באַגעגענען מיט דעם חתן, צו זי וויל אים זען, רעדן מיט אים א פּאָר ווערטער, באַקענען זיך. זי האָט נישט געוואָלט. ניין, דערווייל האָט זי אים נישט געוואָלט קענען.

צו דער דאָזיקער באַגעגעניש איז דאָך פונדעסטוועגן געקומען, און געשען איז עס אָן איר הסכמה, קיינער האָט דאָס מאָל נישט געפרעגט, צי דאָס איז איר ווונטש. ער, דער חתן, איז געקומען צו פאָרן, דער פאָטער האָט געוווּסט, אַז ער דאַרף קומען, ווייל ער האָט אים אָפּגעוואַרט אויפן וואָקזאַל.

— דאָס איז דיין צוקונפטיקער איידעם — האָט אים פאָרגעשטעלט רב אליעזר צוערשט דער מוטער און דערנאָך דער טאָכטער — דאָס איז דיין חתן.

זי האָט אויף אים געקוקט קאַלט און גלייכגילטיק. ער האָט איר דערלאַנגט די פינגער־שפּיצן פון דער רעכטער האַנט — אַזוי האָט ער זיך מיט איר באַגריסט — נישט מיט דער האַנט, נאָר מיט די שפּיצן פון די ביינערדיקע פינגער, וועלכע זענען געווען געל פון טאַבאַק־רויך.

אָנגעטאָן איז ער געווען לויטן אַלטן מנהג, אין שוואַרצע בגדים, אין אַ זיידענער בעקעשע, אין אַ שוואַרצן סאַמעטענעם קאַפּעליוש, אויף די פיס האָט ער געטראָגן אַלטמאָדישע שטיבלעטן אָן שנירבענדלעך.

אַ שיינער חתן. זיין געזיכט איז געווען פאַרוועלקט און אומעטיק ווי אַן אוגערקע, אַ פאַרגעסענע אין גאָרטן. נאָר אויגן האָט ער געהאַט שיינע, שוואַרצע גלאַנצנדיקע אויגן, טרוימערישע. דערפאַר זענען אָבער זיינע

ליפּן געווען שמאָל — מיאוסע ליפּן. און די באָרד? עטלעכע איינזאַמע הערעלעך, ווי עטלעכע גרעזלעך אויף א וויסטן מדבר.

ער איז נישט געווען שיין און נישט געווען יונג. קיין גרויסער בעל־כוח איז ער אויך נישט געווען. אָבער מאַנדלבוימס גוטע און געהאָרכזאַמע טאָכטער איז שוין געווען צוגעגרייט צו אַלץ. זי האָט אַפּילו נישט געוווּסט און אַפּילו נישט געפרעגט, צי ער איז אַן אלמן, צי אַן אַלטער בחור. עס איז איר געווען גלייכגילטיק. איר שיף האָט זיך שוין געגומען טרינקען — סאַראַ אונטערשיד, צי דער קאַפּיטאַן האָט בלויע אויגן, צי שוואַרצע?

דער חתן האָט זיך נישט געזאַמט לאַנג. זיי האָבן געשריבן תנאים, צעבראָכן א גלעזל אויף מזל. דער צוקונפטיקער שווער און דער צוקונפטיקער איידעם האָבן געטרונקען לחיים. שרה מאַנדלבוים האָט זיך צעוויינט און האָט געגומען קושן די טאָכטער, אָבער בלימעלע האָט דאָס מאָל נישט געענטפערט אויף דער מוטערס צערטלעכקייטן. בלימעלע איז שוין געווען ווייט מיט די געדאַנקען, ווייט ווי אַ פרעמדע. פּונקט ווי עס וואָלטן זיך אין איר אויסגעלאָשן אַלע גוטע און געטרייע געפילן צו די אייגענע עלטערן.

און באַלד — אין א געוויסן טאָג, געגויער געזאָגט: אין א געוויסער נאַכט — איז די משפחה מאַנדלבוים — דער פאָטער, די מוטער און די טאָכטער — אַרויסגעפאָרן מיט דעם קראָקעווער צוג. די צייט איז רייף געוואָרן, עס האָט אויסגעשלאָגן די שעה, יפתחס טאָכטער האָט געמוזט גיין אנטקעגן איר גורל. אין רענצל איז געלעגן דאָס ווייסע חופּה־קלייד און דער זיידענער שלייער. בלימעלע האָט איין מאָל אָנגעמאָסטן די דאָזיקע שיינע זאַכן און מיט א ביטערן שמייכל האָט זי דערביי געטראַכט, אַז עס איז אַ שאָד אַזאַ קלייד אויף אַ זאַ חתונה.

דורכן פענצטער פון צוג האָט געשטשירעט די ציינער די האַרבסטיקע נאַכט. אין וואַגאָן איז אָבער געווען וואַרעם, דער צוג איז געווען העל באַלויכטן, זיי זענען געפאָרן מיט דער צווייטער קלאַס, דער חתן האָט עס אויסדריקלעך פאַרלאַנגט אין בריוו, זיי זאָלן פאָרן מיט דער צווייטער קלאַס, נישט מיט דער דריטער, ער וויל עס זאָל זיי זיין באַקוועם.

און באַגלייט האָט זיי ווי א שלעכטער שאָטן דער שדכן ברוך קאַטאָליק — ער איז געזעסן א צופרידענער, געשמעקט דעם שוואַרצן פּול־

ווער־טאַבאַק, פון צייט צו צייט האָט ער געשפּיגן אין ווינקל פון וואגאָן, און געשטונקען האָט ער ווי אַן אַלטער באָק.

עס האָט אין דער דאָזיקער נסיעה נישט גענומען קיין אָנטייל דער ברודער פון דער כלה. מענדל האָט זיך אָפּגעזאָגט צו פאָרן אויף דער חתונה.

— זאָל ער נישט פאָרן! — האָט געוואָרקעט דער פאָטער — אַ גרויסער כבוד, אַז ער וועט יאָ פאָרן, דער באַשיינער מיינער.

און מענדל איז טאַקע נישט געפאָרן.

די חתונה האָט מען צוגעגרייט אין רבנישן הויף אין קאָלבושאָוו, די קאָלבושאָווער רביים זענען געווען קרובים פון חתן, האָבן זיי זיך פאַר־האַלטן אין די גרויסע טונקעלע צימערן, וו עס איז געווען א סך אַלטע ספרים אין לעדערנע איינבאַנדן מיט גילדענע אותיות. אין די ווינקלען זע־נען געשטאַנען אַלטמאָדיש פאַרצייטיש מעבל מיט געטאָקטע קיילעכדיקע פיסלעך; לאַנגע פייקע־ציבוקעס מיט פאָרצעלייענע קעפּלעך האָבן גע־שטעקט אויף די ווענט, און די באַלעבאַטים פון דאָזיקן הויז און אויך די אַריינגייער האָבן געוואוסט, וועלכער צדיק עס האָט גערויכערט פון וועל־כער פייקע.

און איבער אַלע אלטע מעבל־שטיק, איבער אַלע ספרים און פאַרמע־טענע כתבי־ידן, איבער די לאָמע טישן און שווערע פּליושענע פאָרהאַנגען האָט זיך געטראָגן א גערוך פון אלטקייט און וועלקונג.

אין גאַנצן רבנישן הויז, אין אַלע צימערן, האָט געהערשט א שטי־מונג ענלעך צו א בית־מדרש. מענטשן זענען דאָ כסדר אריינגעקומען און אַרויסגעגאַנגען, היימישע און פרעמדע, אַלע האָבן זיך דאָ געהאַלטן ווי באַלעבאַטים.

בלימעלע און איר מוטער זענען אַפילו איין מינוט נישט געווען אַליין — אַלץ נייע פּנימער, אַלץ נייע מענטשן — און אַלע זענען פאַר זיי געווען פרעמד און אומבאַקאַנט — אַלץ נייע מחותנים זענען געקומען אָנקוקן די כלה און זאָגן א פאָר ווערטער וועגן איר שיינקייט. און די מאַ־מע מיט דער טאָכטער האָבן נישט געוואוסט ווער די דאָזיקע מענטשן זע־נען, קרובים אָדער געסט, אָדער סתם אורחים, אָרעמע לייט. ביים האַלבן טאָג זענען זיי שוין ביידע געווען אויסגעשעפּט, מיד. אָבער ערשט דעמלט האָט זיך אָנגעהויבן די ריכטיקע שמחה.

די טיר פון צימער איז פאַרמאַכט געוואָרן פאַר מענער. די כלה איז

געזעסן אַרומגערינגלט מיט ווייבער און מיידלעך — בלימעלע איז געווען אַזוי אויסגעשעפּט, אַז זי האָט שוין נישט געזען קיין באַזונדערע פּנימער, זי האָט געהאַט קאָפּ־שמערצן און עס איז איר געווען שוואַך, פּשוט צום הלשן. די לופט אין צימער איז געווען א געדיכטע און הייסע און לויטן אלטן באַלעבאַטישן מנהג האָט בלימעלע געפאַסט, נישט געהאַט קיין טרונק וואַסער אין מויל א גאַנצן טאָג. די וועלט ארום האָט זיך אין אירע אויגן געוואַקלט ווי אַ שיכורער וואַסערטרעגער.

מיידלעך האָבן געלאַכט און אַלטע ווייבער האָבן געוויינט, ווייל אויך דאָס האָט געהערט צום מנהג און צו די גוטע זיטן, און געוויינט האָט אויך שרה מאַנדלבוים. בלימעלע האָט געשוויגן און קיינער פון די אַרומי־קע האָט פון איר שטאָלצן שווייגן נישט געקאָנט דערקענען וואָס פאַרא געפילן עס הערשן אין איר — גליק אָדער טיפער אומעט?

אויף אַלע התונה־געסט האָט זי געמאַכט א גוטן איינדרוק. מען האָט געלויבט איר באַשיידנקייט און איר יידישן חן, מען האָט דעם יונגן פּאָר־פאָלק געווינטשן אלדאָס בעסטע, און דער מחותן, דעם חתנס פאָטער, אַן אַלטער גרויאינקער ייד האָט בלימעלען צוגעשפּילעט צום קלייד אַ גיל־דענע בראָש מיט אַ דימענט.

אין צווייטן צימער האָבן געצימבלט די קלעזמאָרים, דאָס פידעלע האָט געוויינט ווי אַ זינדיקע נשמה אין גיהנום, די פלייט האָט געבעטן רחמים, דער באַס האָט זיך געבייזערט ווי אן אַלטער ייד, וואָס קריגט זיך מיטן ווייב, און א קליין יאַטל מיט א גרויסן הויקער אויף דער פלייצע האָט געשלאָגן אין דער פויק, און די פויק האָט געהילכט אַזוי, ווי דאָס האַרץ פון א מענטש פינף מינוט פאַר דעם שטאַרבן.

דער קאָלבושאָווער בדחן האָט זיך געגאָרגלט און געשיט מיט גראַ־מען און דער עולם האָט געקוואָלן, ווייל עס איז געווען פון וואָס צו קוועלן, דער קאָלבושאָווער בדחן האָט געהאַט א שם, אַזאַ בדחן איז נישט געווען אויף דער גאַנצער וועלט.

און דער חתן דומה למלך איז געזעסן אין אַ באַזונדער הדר מיט די בחורים און סתם יידן, און מען האָט דערציילט מעשיות און מען האָט גערעדט תורה און מען האָט געדרשנט.

פאַרנאַכט, שוין פאַר חופּה־שטעלן, האָט די עלטערע טאָכטער פון קאָלבושאָווער רב אָפּגעשוירן די שיינע שוואַרצע האָר פון בלימעלע מאַנדלבוים און אַלע ווייבער האָבן איר געווונטשן מזל־טוב און ר׳ אליעזרס

טאָטכער האָט צום ערשטן מאָל אָנגעטאָן א שייטל. שרה האָט דערלאַנגט דער טאָכטער א שפּיגעלע, און די ווייבער האָבן געזאָגט מבינות, אַז ס'איז זייער אַ שיין און געלונגען שייטעלע און מע דערקענט גאָר נישט, אַז די כלה האָט שוין נישט אירע אייגענע האָר.

דערנאָך האָט מען זי אַרויסגעפירט צו דער חופּה. זי מיט די אונ־טערפירערס פון איין זייט, פון דער צווייטער זייט איר באַשערטער, אי־בער זיי א חופּה מיט אויסגענייטע שטערן, אַרום זיי קינדער מיט ליכט־לעך אין די הענט און נאָך ווייטער א געדיכטער קרייז פון המון. פון הימל האָט אראָפּגעהאָנגען דאָס בלאַסע שפּעטנדיקע געזיכט פון דער לבנה, די קלעזמאָרים האָבן געשפּילט א קיניגליכן מאַרש און בלימעלע איז גע־שטאַנען לעבן אַן אומעטיקן עלטערן מאַן, וועלכער איז איר געווען באַ־שערט. זי האָט אים נישט געקענט און זי האָט אים נישט געליבט. אָבער זי האָט נישט געהאַט פאַרוואָס אים פיינט צו האָבן.

און שפּעטער — שפּעטער איז געווען ווי אין חומש בראשית. ויהי ערב, ווהי בוקר, עס איז געווען נאַכט און עס איז געווען טאָג, און עס זענען געווען פיל ווייטערדיקע טעג און נעכט, און בלימעלע האָט זיך אויפגעפירט אַזוי, ווי עס דאַרף זיך אויפפירן א יידישע טאָכטער און א יידיש ווייב, וואָס שטאַמט פון אַזעלכע ווילע יידן ווי רב אליעזר מאַנדל־בוים, דער ערשטער תלמיד־חכם אין שטעטל.

קאַפּיטל 15

עס איז געווען אַ וואָכעדיקער אָוונט, אינדרויסן איז געווען טריב און קאַלט, אין אַזאַ אָוונט איז יעדעס ווינקעלע אין אַן אייגענער שטוב א שטיק גן־עדן.

רעגינע האָט געשפּילט אויף דעם פּאָרטעפּיאַן. לעאָן האַזענגאַנג האָט געהאָרכט, אָבער אין א געוויסער מינוט האָט ער נערוועז פאַרלאָשן דעם פּאַפּיראָס און רעגינע האָט באַמערקט, אַז ער וויל איר עפּעס זאָגן, זי האָט איבערגעריסן דעם קאָנצערט און געקוקט אויף אים מיט א וואַרטנדיקן שמייכל.

— רעגינע — האָט ער געזאָגט ערנסט — קיינמאָל רעדן מיר נישט וועגן דעם, וואָס איז וויכטיק. שטענדיק דאַכט זיך מיר, אַז דו ביסט נאָך

אַ גאַנץ קליין און אומבאַהאָלפן קינד, אַ קליין מיידעלע מיט גאָלדענע לאָקן. אָבער דו ביסט שוין נישט קיין ק י נ ד, דו ביסט קלוג און ווייל, שטענדיק בין איך שטאָלץ מיט דיר, און איך מיין, אַז דו וועסט פאַרשטיין, וואָס איך בין אויסן.

זי האָט זיך צוגערוקט צו אים און אַרויפגעלייגט איר אָרעם אויף זיין אַקסל.

— רעגינע האַזענגאַנג... — האָט ער געזאָגט, ציפנדיק דאָס קורץ צוגעשוירענע בערדל — מיר לעבן אין שלעכטע צייטן.

ער האָט אַוועקגערוקט פון זיך עטלעכע צייטונגען, אויף די ערשטע זייטלעך פון די מאָגבלעטער זענען געדרוקט געווען פאָטאָס פון אַדאָלף היטלער. די צייטונגען און זשורנאַלן האָבן זיך צעשיט אויפן דיוואַן, האַזענגאַנג האָט זיי אַוועקגערוקט מיטן פוס.

— איך קאָן שוין נישט לייענען — האָט ער געזאָגט מיט אַ דערשלאָגנקייט אין דער שטימע. — מיר לעבן אויף אַ ווולקאַן. און נישט יעדער גיט זיך אָפּ אַ חשבון דערפון. אין אַ געווויסן טאָג וועט דער ווולקאַן אָנהייבן צו שליידערן מיט פייער און מיט שטיינער. דעמלט וועט אונדזער וועלט אויפהערן צו עקזיסטירן.

זי האָט נישט פאַרשטאַנען זיין אומרו, און זי האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס ער מיינט מיט דעם באַגריף „אונדזער וועלט“. מיינט ער אונדזער דור, אָדער מיינט ער די יידישע וועלט? רעגינע האַזענגאַנג פאַרשטייט נישט דעם פחד פון איר קלוגן פאָטער.

— פון וואָס זאָרגסטו זיך, טאַטע? שוועריקייטן אין געשעפט?

— שוועריקייטן אויף דער וועלט — ענטפערט דער פאָטער — אין דייטשלאַנד האָבן אויפגעלעבט די צייטן פון מיטלאַלטער. די דייטשישע יידן זענען היינט שוצלאָז, כאָטש די גאַנצע וועלט איז מכלומרשט גרייט צו שיצן. מאָרגן קאָן דאָס זעלבע פאַסירן מיט אונדז.

די טאָכטער איז געווען דערשראָקן, קיינמאָל האָט זי אים נאָך נישט געזען אין אַזאַ פאַרביטערטקייט. זי האָט אים געפּרוווט באַרואיקן:

— אַלץ איז דאָך אָפּהענגיק פון די געזעלשאַפטלעכע און פּראָגרעסיווע כוחות אין לאַנד — האָט זי געזאָגט — אַ ברייטער פאָלקספראָנט...

— א ברייטער פאָלקס־פּראָגנאָז! — האָט אויסגעשריגן דער שניט־סוחר און האָט זיך הילכיק צעלאַכט, ווייל ער האָט דערקענט אונטער ווע־מענס השפּעה זי האָט געזאָגט די דאָזיקע ווערטער, ווער עס רעדט צו איר מיט אַזעלכע פּאָליטישע ווערטער.— די פּראָגרעסיווע כוחות אין לאַנד זיצן אין תפיסה. און בכלל רעדסטו צו מיר נישט מיט דיינע ווער־טער, נאָר מיט די ווערטער פון איינעם א יונגן מענטשן, וועלכער הייסט מסתמא מענדל מאַנדלבוים. אַזוי הייסט ער?

— יאָ, טאַטע. אַזוי הייסט ער.

— דיין מאַנדלבוים איז אַ ווילער בחור, איך האָב אים זייער ליב. אָבער ער איז צו שוואַך איבערצוקערן די וועלט. נעכטן אין אָוונט האָט וואָלאָדיע, דעם רוסישן גלחס זון, אויסגעשריגן אין מיטן גאַס, אז היטלער וועט דאָ קומען אויסהרגענען אַלע יידן. איך האָב מורא, אַז זיינע ווערטער קאָנען אין א געוויסן טאָג מקוים ווערן. מיין קינד... איך וויל, זאָלסט אַרויספאָרן.

— וווהין, טאַטע? — האָט זי זיך באַאומרואיקט, ווייל עס האָט זיך אין איר דערוועקט א חשד, אז דער גאַנצער שמועס פון פאָטער איז אויסן געווען נאָר איינס: זי זאָל אַרויספאָרן פון שטעטל, בכדי נישט צו זען זיך מער מיט מענדלען.

זי האָט זיך דערפילט באַליידיקט. עס האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז איר פאָטער, דער בעסטער פריינד אירער, באַגייט א פאַראַט לגבי זיין טאָכטער.

זי האָט געשוויגן,ביידע האָבן זיי געשוויגן און לעאָן האזענגאַנגס צוגעבונדנקייט און ליבשאַפט האָט באַלד אַרויסגעפילט, וואָס עס טוט זיך אין רעגינעס האַרץ. ער האָט געלייענט דעם פאַרדאַכט אין אירע אויגן, אין די ווינקעלעך פון אירע ליפּן, וועלכע האָבן פּלוצים אָנגעהויבן ציטערן ווי פאַר אַ געוויין. און עס איז אים געווען זייער פּיינלעך, וואָס זי האָט אים שלעכט פאַרשטאַנען — שטענדיק זענען זיי דאָך געווען אָפנהאַרציק, שטענדיק האָבן זיי זיך אַזוי גוט פאַרשטאַנען, זייערע געפילן זענען תמיד געווען קעגנזייטיק. פאַרוואָס־זשע צווייפלט זי איצטער אין דעם אמת פון זיינע רייד? פאַרוואָס צווייפלט זי אין זיין ליבע? לעאָן האזענגאַנג זאָגט דאָך קיינעם נישט קיין ליגנט, אַפילו קיין שום פרעמדן מענטשן, קיין

שום פֿויער? א מ ת — דאָס איז דער שטענדיקער פּרינציפּ פֿון לעאָן האַזענגאַנג, אין מסחר און אין פּריוואַטן לעבן.

— האָסט מיך שלעכט פֿאַרשטאַנען, מיין קינד — זאָגט ער צו איר וואַרעם און נעמט זי אַרום מיט ביידע הענט; פּונקט אַזוי האָט ער זי אַרומגענומען, ווען זי איז געווען אַ קליין קינד — נישט וועגן מענדל מאַנדלבוים גייט עס. אויב דו האָסט אים ליב, וועל איך אים אויך ליב האָבן. וואָלסט געקאָנט פֿאָרן צוזאַמען מיט אים. פֿאָרט ביידע קיין פּאַ־לעסטינע. פֿאָלג מיך, מיין ליבע.

און ווי נאָר ער האָט ארויסגעזאָגט די דאָזיקע ווערטער, האָט ער זיך גלייך דערפֿילט עלנט און אַלט. און כאָטש ער איז נאָך נישט געווען פֿאַרטיק מיט איר הסכמה, כאָטש ער האָט נאָך נישט געוווסט, צי זי וועט בכלל וועלן פֿאָרן ערגעצווו, האָט ער שוין דערפֿילט די לאַסט פֿון דער אָנקומענדיקער איינזאַמער עלטער. ער האָט זיך געזעגן א פֿאַרלאָזטן אין דער גרויסער וווינונג, אין די פּוסטע צימערן, און אויך אין דעם צימער ווו זיי זענען איצט געזעסן — אין דאָזיקן צימער איז רעגינע געבוירן גע־וואָרן, דאָ איז געשטאַנען איר וויגעלע, דאָ האָט זי זיך געלערנט שטעלן די ערשטע טריט.

ער האָט פֿאַרדעקט דאָס פּנים מיט די האַנטפֿלאַכן און האָט זיך צע־וויינט, אַזוי ווי עס וויינט א מענטש א דערוואַקסענער און דערפֿאַרענער, ווען דער שווערער קלאַפּ טרעפֿט אים אין פֿילבארסטן אָרט, אין סאמע האַרץ.

— טאַטעניו מיינער — האָט זי גענומען קושן זיינע הענט, די הענט פֿון פֿאָטער, אָן וועלכן זי האָט זיך קיינמאָל נישט געקאָנט פֿאָר־שטעלן קיין איין טאָג פֿון איר לעבן היינט און אין דער צוקונפֿט — פֿאַר־וואָס וויינסטו? ווילסט מיך אַרויסשיקן פֿון שטוב און וויינסט, ווייל קאָנסט דאָך נישט זיין אָן מיר. מיין נאַרישער קלוגער טאַטעניו... איך קאָן דאָך אויך נישט זיין אָן דיר...

— ועסט פֿאָרן — האָט ער זיך באַהערשט און געזאָגט זאכלעך — וועסט פֿאָרן מיט א י ם.

— נישט מיט אים און נישט אָן אים. כ'וועל אינערגעץ נישט פֿאָרן.

— וועסט זען ווייטע לענדער און שיינע שטעט... — האָט ער איר צוגעגעבן חשק — וועסט זיין אין ירושלים.

— דאָ איז אונדזער ירושלים — האָט שטיל געזאָגט רעגינע.

— ירושלים פאַר משוגענע. דער משוגענער מאַקס לויפט אַרום און זאָגט אויסטערלישע נביאות. טײלמאָל דאַכט זיך מיר, אַז ער איז דער אײנציקער קלוגער מענטש אין שטעטל. א מענטש, וואָס ווײסט עפּעס.

קאַפּיטל 16

דעם זעלבן אָוונט, ווען לעאָן האָזענגאַנג האָט גערעדט מיט זײן טאַכטער וועגן פאַרשידענע ערנסטע ענינים, האָבן זיך אויפן וואָקזאַל פאַרזאַמלט א צוויי מנינים מענטשן, וועלכע האָבן געוואַרט אויף דעם קראָקעווער צוג.

אַרומגערינגלט מיט עטלעכע יונגעלײט איז געשטאַנען א קלײן מענטשעלע מיט א פּנים אוים פאַרמעט און מיט גרויסע גוטמוטיקע אויגן

— ער האָט געהײסן נתן דאָרן, אָבער קײנער האָט אים בײם נאָמען נישט גערופן, גערופן האָט מען אים פּשוט יידיש: דער העברעישער לערער אָדער דער לערער פון לשון־קודש. נעבן אים איז געשטאַנען אַ יאַט פון אַ יאָר זיבעצן, אכצן, מיט אַן אײדל, כמעט מײדלש פּנים. דאָס איז גע־ווען דער ייִנגערער זון פון העברעישן לערער, א געראָטן ייִנגל איז ער געווען, אַלע מײדן האָבן זיך אין אים געליבט, און אַפילו די קריסטלעכע שיקסעס זענען גרײט געווען צו גײן פאַר אים אין פײער אַרײן.

— מורה — האָט געזאָגט צום לערער אײנע פון זײנע שילערינס— זאָל דער מורה נישט װײנען.

דער מורה האָט אַרומגענומען דעם זון און צוגעדריקט אים צום האַרצן און אָט אַזוי זענען זײ געשטאַנען אַרומגעאָרעמט אויף דעם אַלטן שמוציקן פּעראָן, און דער פּראָסטיקער ווינט האָט זײ געבלאָזן אין די אויגן אַרײן און געשמיסן מיט שניי. זײ האָבן זיך געזעגנט אָן ווערטער, דער זון און דער פאָטער — דער פאָטער, וואָס וועט שוין דעם דאָזיקן זון מסתמא קײנמאָל נישט זען, ווײל באַלד וועט דער זון זיך לאָזן אין א ווײטער און געפערלעכער רײזע דורך פרעמדע שטעט און אומבאַקאַנטע גרענעצן, דורך וועלכע ער וועט זיך מוזן דורכגנבענען אין שאָטן פון דער טונקעלער נאַכט. ער וועט פאָרן מיט באַנען, דער זון זײנער, און וועט שווימען מיט שיפן, און ווען ער וועט שוין זײן אויפן אָרט, וועט ער האָבן קעגן זיך דעם הײסן זאמד פון מדבר, קאַלטע ענגלענדער, וועלכע וועלן

אים פֿאַרפֿאָלגן, און באַוואָפֿנטע אַראָבער. אַלע וועלן זיי קעמפֿן קעגן אים, קעגן דעם דאָזיקן איידעלן און שוואַכן זון פֿון העברעישן לערער. זיי וועלן קעמפֿן מיט אים און ער וועט קעמפֿן מיט זיי, כאָטש ער איז נאָך כמעט אַ קינד און אַפֿילו אַ פֿליג וואָלט ער נישט געקאָנט דערהרגענען — אַזאַ צאַרטע נשמה שטעקט אין אים.

אַביסל ווייטער זענען געשטאַנען עטלעכע מיידלעך, זיי האָבן באַגלייט און געזעגנט זיך מיט דער איינציקער טאָכטער פֿון שוואַרצן סופֿר. רחל האָט זי געהייסן, די דאָזיקע שיינע מויד — זי האָט זיך בסוד סודות צוגעגרייט צו דער דאָזיקער ווייטער רייזע און קיינער האָט וועגן אירע פּלענער נישט געוווּסט, ערשט ווען אַלץ איז שוין געווען גרייט און פֿאַרטיק, האָט זי מגלה געווען דעם סוד. זי האָט געזאָגט דעם פֿאָטער, אַז אויב ער וועט איר נישט דערלויבן צו פֿאָרן, וועט זי זיך ס׳לעבן נעמען, זי וועט זיך אַראָפּוואַרפֿן פֿון שלאָס־באַרג גלייך אין סאַן אַריין. דער אַלטער סופֿר, וועלכער האָט קיינעם מער נישט געהאַט אויף דער וועלט, נאָר די דאָזיקע איינציקע טאָכטער — דער אַלטער סופֿר האָט זיך שווייגנדיק אָפּגעקערט פֿון זיין קינד, ער האָט נישט געזאָגט יאָ און האָט נישט געזאָגט ניין — ער איז צוגעגאַנגען צו דער שאַפֿע, אַרויסגענומען אַ פֿרישן בויגן פּאַרמעט, אַרויסגענומען די כּלי־זיין, די גענזענע פֿעדער און דעם טינט, און האָט זיך אַוועקגעזעצט צו דער אַרבעט, פּונקט ווי נעכטן און אייערנעכטן, פּונקט ווי עס וואָלט גאָרנישט פּאַסירט אין דער דאָזיקער שטוב. ער האָט געשריבן אַ ספֿר. און ער האָט אַפֿילו נישט באַגלייט צו דער באַן די איינציקע טאָכטער, וואָס האָט באַשלאָסן אים איבערצולאָזן אַליין אויף זיין ביטערער עלטער.

דער דריטער יונגער מענטש, וועלכן די מענטשן זענען געקומען באַגלייטן, איז געווען דער גראָבער וואָלף, דער זון פֿון לעמל אייער־סוחר. מען האָט אים גערופֿן „דער גראָבער“, ווייל ער איז געווען אַ יונג אַ נידעריקער און דיקער, און אַפֿילו אַ שטימע האָט ער געהאַט אַ נידעריקע, אַ פּאַסיקע צו זיין געוווּקס, ווען ער האָט גערעדט, האָט זיך געדאַכט, אַז די ווערטער הילכן אין אַ פֿאַס פֿון הערינג.

דעם גראָבן וואָלף האָבן באַגלייט בלויז טאַטע־מאַמע און די ברידער זיינע. חברים זענען נישט געקומען. וואָלף האָט שוין נישט געהאַט קיין חברים, ער איז געווען צעקריגט מיט זיי און צעקריגט מיט דער גאַנצער וועלט.

און ערשט מיט א יאָר, צוויי צוריק איז וואָלף געווען דער בעסטער פריינד פון מענדל מאַנדלבוים און פון פּוילישן סטודענט פּאָפּאָוויטש — נאָך ווען זיי זענען געווען גאָר קליינע יאַטלעך, פלעגן זיי צוזאַמען אריינ־כאַפּן זיך אין מרחץ און אונטערקוקן ווי די ווייבער באָדן זיך יעדן ערב שבת. ווען זיי זענען עלטער געוואָרן, האָבן זיי צוזאַמען אָנגעהויבן לייענען אַנאַרכיסטישע ביכעלעך און אויך דעם „קאָמוניסטישן מאַניפעסט“, און וואָלף־הערש טאַנדרייטניק פלעגט מיט זיי לערנען א פּרשה פון זיין אַפּי־קורסישער רעוואָלוציאָנערער גמרא.

אין א געוויסן טאָג האָט מען וואָלפן איינגעזעצט. געזעסן איז ער נישט לאַנג: פון ערשטן מאַי ביז ערב שבועות. מען האָט אים געהאַלטן דאָרט, ווו מען פלעגט געווייגלעך האַלטן אַזעלכע וואַזשנע און געפערלעכע פּערזענלעכקייטן: צוערשט אין קעלער אונטער דעם ראָטהויז און דערנאָך אין דער תפיסה אויפן בערגל.

ווען ער איז אהיימגעקומען, האָבן אים פון פּאָרנט געפעלט צוויי ציינער, דאָס רעכטע אויג איז ביי אים געווען פארשוואָלן און דאָס גאַנצע זיצפלייש איז געווען צעשלאָגן ווי א ווינער שניצל און בלוי ווי דער הימל ערב פּסח.

וואָלף איז עטלעכע וואָכן אָפּגעלעגן אין בעט. ווען ער איז אויפגעשטאַנען, האָט ער אָנגעהויבן אויסצומיידן זיינע אַלטע גוטע פריינד. און האָט ער באַגעגנט וועלכן חבר פון דער באַוועגונג, איז ער תיכף אנט־לאָפן — נישט געוואָלט קיינעם זען און נישט געוואָלט מיט קיינעם רעדן. עס האָט זיך געלאָזט הערן, אז וואָלף איז געוואָרן א ציוניסט און קלייבט זיך צו פאָרן קיין ארץ ישראל.

איינמאָל אין א טונקעלן אָוונט איז צו אים געקומען אייזיק דער סעקרעטאַר פון דעם פּראָפעסיאָנעלן פאַריין און האָט אים אריינגעזאָגט אין טאַטנס טאַטן אַריין.

— וואָלף, האָסט פאַראַטן דיין קלאַס און דיין פּאַרטיי. וואָס איז מיט דיר געשען?

וואָלף האָט אראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. ער האָט זיך פאַרשעמט.

— קיינעם האָב איך נישט פאַראַטן — האָט ער געזאָגט — דער־פאַר ווייל איך האָב קיינעם נישט געוואָלט פאַראַטן, דערפאַר האָבן זיי מיר צעבראָכן צוויי ריפּן. אויב דו ווילסט, קאָנסטו זיי אָנטאַפּן. זיי זענען איצט אינגאַנצן קרום. זע!

און אייזיק האָט אָנגעטאַפּט צוויי קרומע ריפּן.

— זיי האָבן מיך באַליידיקט — האָט זיך ווייטער געקלאָגט דער גראָבער וואָלף — איך וויל נישט, זיי זאָלן מיך ווידער באַליידיקן.

— ווילסט נישט קעמפן פאַר דער פרייהייט פון קלאַס — האָט טרוקן פעסטגעשטעלט אייזיק.

— איך האָב נישט קיין שום קלאַס — האָט געזאָגט דער גראָבער — מיין טאַטע איז אַן אייער־סוחר.

— דאָס איז אמת. ביסט אַ געוויינלעכער קליינבירגער. דורך אַזעל־כע ווי דו זענען די יידן געזעסן אין מצרים פיר הונדערט יאָר.

— די אַלוועלטלעכע רעוואָלוציע וועט קומען אומעטום — האָט אים וואָלף געטרייסט — און איך וועל אויף איר וואַרטן דאָרט, אויף די הייסע זאַמדן פון מדבר נגב. איך וויל נישט, אַז אבי וועלכער פּוילישער פּאָלי־ציאַנט זאָל מיך באַליידיקן.

— אַנטלויפסט, ווייל מען האָט דיר דעם גראָבן אחור צעשלאָגן, דעם אחור און צוויי ריפּן — האָט זיך איבער אים איזדיעקעוועט דער קאָמאַשנשטעפּער. — און וווהין וועסטו אַנטלויפן, אַז מען וועט דיך אויך דאָרט שלאָגן? אומעטום זענען פאַראַן אַזעלכע, וואָס שלאָגן. אויף דער גאַנצער וועלט. דערפאַר האָט גאָט געגעבן דעם מענטש זיצפלייש, ס׳זאָל זיין ווו צו שלאָגן.

— אומעטום קאָן מען צוגרייטן די אַלוועלטלעכע רעוואָלוציע — האָט געזאָגט וואָלף מיט דער טיפסטער איבערצייגונג.

— אָבער נישט דו... — האָט פאַרענדיקט אייזיק — נישט דו מיט דיינע פאַרשטונקענע אייער.

זיי זענען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען ווי צוויי שונאים. פאַרשטייט זיך, אַז אייזיק האָט געוווסט איינס, און וואָלף האָט געוווסט זיינס. ער האָט געוואָלט פאָרן, איז ער געפאָרן. יעדער ווייסט, וואָס ער טוט.

און פאַר דער געביידע פון דער סטאַציע איז געשטאַנען אַ ברייטער דאָרפישער שליטן — דאָס איז געווען דער שליטן פון הערשל פּלאָוויצער. די דאַרע קאָבילע האָט געציטערט פון קעלט און האָט זיך אַלץ ארומגע־קוקט, געזוכט מיט די פערדישע אויגן דעם אכצניעריקן הערשלס זון, וועלכער איז איצט געשטאַנען פאַרן פאַטער אַ דערשראָקענער — אין ליכט פון גאַז־לאָמפּ זענען זייערע פּנימער געווען גרין ווי גראָז.

הערשל פון פּלאָוויץ האָט אויסגעשטרעקט צום זון די הענט, צוויי

ברייטע ידים זענען עס געווען. טונקעלע און שאַרפּע העגט ווי ריב־אייזנס.

— פאָרסט אַוועק — האָט געבליבעט דער פאָטער, און זיין שטימע איז היינט געווען אַ ציטערנדיקע, און דער זון האָט זיך דערשראָקן פאַר דעם דאָזיקן אומבאַקאַנטן טאָן פון דעם פאָטערס ווערטער — מיין זון. מיין קינד...

ער איז צוגעפאַלן צו דעם דאָזיקן קינד, וואָס איז שוין לאַנג קיין קינד נישט געווען, און האָט גענומען קושן דעם זונס הענט, דעם זונס פינגער. דער יונג האָט זיך ברוגזדיק געפּרוווט באַפרייען פון פאָטער, ער האָט מורא געהאַט, אַז אָט־אָט וועט ער זיך אויך צעוויינען, און צו דעם האָט ער נישט געוואָלט דערלאָזן.

— וויין נישט, טאַטע — האָט ער געבעטן — וועסט קומען צו פאָרן. אַהין. צו מיר.

— פאַרברענט זאָלסטו ווערן! — האָט זיך פּלוצים אויסגערעגט דער פאָטער און עס האָט אים גענומען טראָגן אין אַ צווייטער זייט — ווייסט דאָך, אַז איך וועל אינערגעץ נישט פאָרן. די ערד, די נחלה... וועגן דעם טראַכט נישט מיין זון, האַ? וואָס וועט זיין מיט דער ערד? אריינשיטן אין אַ זאַק אַריין און מיטנעמען אויף דער פּלייצע?

אויפן פּעראָן האָט זיך דערהערט דאָס קלינגען פון באַן־סיגנאַל. די פּאַסאַזשירן און די באַגלייטנדיקע האָבן זיך גענומען שטופּן ביים אַרויסגאַנג פון דער סטאַציע. דער בחור פון פּלאָוויץ האָט געכאַפּט זיין קופערטל און איז נישט געבליבן. דער פאָטער מיט דער בייטש אין דער האַנט איז אים נאָכגעלאָפן, געוואָלט אים עפּעס זאָגן. די סקריפּנדיקע ראַמפּע ביים וועג האָט זיך פּאָוואָליע אַראָפּגעלאָזט צו דער ערד. אויפן פּעראָן האָט מען זיך געזעגנט און געוויינט.

הערשל פון פּלאָוויץ איז געשטאַנען לעבן זון, די טרערן האָבן זיך געקייקלט אויף זיין צעפּלאָשעטער בלאָנדער באָרד. עפּעס האָט ער נאָך געוואָלט זאָגן דעם קדיש זיינעם, עפּעס פון טיפן האַרצן, ווייל ער האָט דאָך דעם דאָזיקן זון ליב געהאַט ס'לעבן. און שוין האָט ער דאָס האַרציקע וואַרעמע וואָרט געהאַט אויף דער צונג, נאָר פּלוצים האָט אים ווידער אָנגעכאַפּט דער כעס און שיסנדיק מיט דער בייטש, האָט ער אויסגערופן:

— ממזר! א כאָליערע זאָל דיך דערטליקען, הינטישער זון מיי־נער!

דער צוג האָט זיך צוגעקייקלט צום פּעראָן. וואָלפּס מוטער האָט גע־ווײנט ווי נאָך א געשטאָרבענעם. דער פּאַראָוואָז האָט שווער געאָטעמט. דעם סופרים טאָכטער און דער זון פון העברעישן לערער זענען אַריין אין איין וואַגאָן און האָבן זיך אָוועקגעשטעלט ביי איין פענצטער.

העכער פלאָוויצער איז געשטאַנען מיט פארבראָכענע הענט. א באַ־נער מיט א רויט קאַשקעטל איז געלאָפן אין דער ריכטונג פון פּאַראָ־וואָז. אין א וואָלקן פון פּאַרע, מיט גרילצן פון די גרויסע רעדער, מיט א געפייף האָט דער צוג גערירט פון אָרט. און דעמלט איז געשען אן אויסטערלישע זאַך, וואָס האָט זיך געקאָנט שלעכט ענדיקן, אָבער גאָט האָט, זעט אויס, געוואַכט און נישט דערלאָזט צו קיין אומגליק.

דורך דער אָפענער טיר פון וואַגאָן איז אַרויסגעפלויגן עפּעס א טונקעלע זאַך, מסתמא א רענצל, און נאָך דעם רענצל איז אַרויסגע־שפּרונגען א מענטש און איז אומגעפאַלן אין שניי צווישן די דערנעבנ־דיקע רעלסן.

דער ערשטער האָט זיך גערירט פון אָרט דער דאָרפישער ייד מיט דער בייטש — ער איז געלאָפן, ווי דאָס האַרץ וואָלט אים אונטערגע־זאָגט, אַז דאָס ליגט אין שניי זיין אייגענער זון. ער האָט זיך אָנגעבויגן און געהאָלפן אים אויפשטיין. ער האָט גענומען דאָס קופערטל אויפן אַקסל און אויסמיידנדיק די מענטשן, וואָס זענען נאָך געשטאַנען אויפן פּעראָן, זענען זיי געגאַנגען צום שליטן, ביי וועלכן עס האָט געהירזשעט די דאַרע קליאַטשקע. שווייגנדיק, האָבן זיי ביידע, דער פּאָטער און דער זון, איינגעשפּאַנט דאָס פערד און געלאָזט זיך אין וועג אַריין. די נאַכט האָט זיך פאַרמאַכט הינטער זיי, ווי עס פאַרמאַכט זיך אַ קלוג בוך, אין וועלכן עס איז שווער צו לייענען און שווער צו פאַרשטיין.

אין דער זעלבער צייט איז דורך די טונקעלע און גליטשיקע געס־לעך געלאָפן דער שוואַרצער סופר. ווען ער האָט שוין דערזען פאַר זיך די סטאַציע, איז ער געווען האַלב טויט און האַלב לעבעדיק. ער האָט שווער געאָטעמט און עס האָט אים באַגאָסן אַ קאַלטער שווייס. זיין האַרץ האָט געפּויקט ווי מיט א האַמער, און די פיס האָבן זיך אונטער אים געוואַקלט.

ער האָט געהערט דעם אַלץ ווייטערן און אַלץ שטילערן קלאַנג

פון צוג, וועלכער איז נאָר=וואָס אַוועקגעפאָרן. און ער האָט פאַרשטאַנען, אַז ער האָט זיך פאַרשפּעטיקט. קיינמאָל וועט ער שוין נישט זען די טאָכטער, זיין קינד.

קאַפּיטל 17

מענטשן האָבן זיך זייער גערעכטיקייט, און גאָט האָט זיך זיין אייגענע גערעכטיקייט. גאָט האָט אויך זיינע אייגענע מיטלען און דרכים, און ר׳ אַריה יאַדלאָווקער האָט זיך וועגן דעם איבערצייגט, טאַקע — קאָן מען זאָגן — מיט די אייגענע אויגן.

און געווען איז עס אַזוי.

נישט געקוקט אויף אַלע זיינע פאַרדינסטן פאַר דער שטאָט און נישט געקוקט אויף זיינע אַלטע יאָרן, איז ער פאַראורטיילט געוואָרן אויף אַ האַלב יאָר תפיסה.

וואָס זשע טוט גאָט? גאָט שיקט אָן אויף דעם שטעטל א שניי, אַ גרויסן ווייסינקן פוכיקן שניי ביז די קני. ספּעציעלע מלאכים פון הימל האָבן געבלאָזן און געפאָכעט מיט די פליגל, דער דאָזיקער שניי זאָל שיין און גלייך פאַלן אויף אונדזער געליבט שטעטל. איז ער, דער שניי, געפאַלן אָן אויפהער אַ גאַנצן טאָג און אַ גאַנצע נאַכט. און די דאָזיקע נאַכט איז געווען א פרעכטיקע, פול מיט קרישטאָלענעם כישוף, און דער הימל האָט געשמעקט מיט צימרינג, און מינוטנווייז פלעגט זיך באַווייזן די לבנה, און געווען איז זי ליכטיק און קיילעכדיק ווי אַ לאַבן פריש ווייצן=ברויט פון יאָסעלע וויינשטיינס בעקעריי.

און צומאָרגנס האָט זיך געמאַכט וואַרעם און דער שניי איז צעשמאָלצן געוואָרן און עס איז געוואָרן א מבול אין שטעטל. און ווען אין די געסלעך איז שוין געווען אַזויפיל וואַסער, אַז מען האָט געקאָנט באָדן דעם לויתן, דעמלט האָט פלוצים געכאַפּט א קנאַקנדיקער פראָסט און עס איז געוואָרן גלימשיק. מענטשן האָבן זיך געגלימשט און זענען געפאַלן ווי וועָרעמדיקע באַרנעס פון אַ ווילדן באַרנבוים. און צוממערסטן זענען געפאַלן אַלטע ווייבער, זיי זענען געפאַלן און האָבן זיך אויפגעהויבן, גאָט אַליין האָט געוואַכט איבער זיי, קיינעם איז גאָרנישט קיין שלעכטס נישט געשען.

און גראָד דעמלט האָט זיך דער נאַטשאַלניק פון דער תפיסה גע-

לאָזט גיין שפּאַצירן. אָנגעטאָן איז ער געווען אין א פּיין פּעלצל און אין וואַרעמע, ווייך אויסגעבעטע שטיוול. נאָר ער האָט קוים באַוויזן צו מאַכן א הונדערט טריט, ווי ער האָט זיך האַסטיק אויסגעגליטשט, אומגעפּאַלן און צעבראָכן א פוס. נאָך ווי אַזוי צעבראָכן. פּונקט ווי ברוך קצב וואָלט עס אים מיט דער האַק געטאָן.

און געווען איז אין שטעטל בלויז איין דאָקטער, טאַקע דער דאָזיקער דאָקטער לאָרבערקראַנץ, וועגן וועלכן מיר האָבן שוין עפּעס וואָס דערציילט, א האַלבער ייד איז ער געווען און א האַלבער משומד, אן אָנגעזעענער ספּעציאַליסט פון פרויען־קראַנקהייטן. און טאַקע ער האָט זיך גענומען צו דער אַרבעט, צוזאַמענגעשטעלט דעם צעבראָכענעם ביין, אָבער קיין גרויסע פּעולה האָט מען נישט געזען, דער פוס האָט זיך נישט געוואָלט היילן. דער נאַטשאַלניק איז געשוואָלן געוואָרן ווי אַ באַרג און די הויט אויף דעם פוס איז געוואָרן טונקל־רויט ווי דער זון־פאַרגאַנג אויפן ברעג פון רויטן ים.

דער קראַנקער האָט נעבעך געהאַט גרויסע יסורים, ער האָט געשלאָגן מיטן קאָפּ אין דער וואַנט און האָט גערעוועט ווי אַ הונגעריקער וואָלף פאַרן טויט.

עס האָט זיך גענייטיקט צו ברענגען א פּראָפעסאָר פון לעמבעריק אָדער פון קראָקע. אָבער פּונקט דעמלט, ווען דער פּראָפעסאָר האָט געדאַרפט קומען, האָט זיך געמאַכט א זאַווערוכע, עטלעכע טעג און עטלעכע נעכט האָט מען נישט געזען די וועלט, אַלע וועגן זענען פאַרשיט געוואָרן מיט הויכע טאַבונעס שניי, דער צוג איז געבליבן שטעקן דריי מייל אונטער דער שטאָט, און דער פּראָפעסאָר איז נישט דערפאָרן ביז צום שטעטל, ער האָט זיך אומגעקערט אינמיטן וועג און האָט טעלעגראַפיש צו וויסן געטאָן, אַז ער וועט קומען, ווען עס וועט זיך מאַכן פּרילינג.

דעם פּאַציענט מיט דעם צעבראָכענעם פוס האָבן באַזוכט זיינע גוטע און געטרייע פריינד און אויך די קאָלעגן זיינע. געקומען איז דער פּראָקוראָר און דער ריכטער, דער גלח, דער אַפּטייקער, דער פּאָליציי־קאָמענדאַנט און אויך דער סטאַראָסטע מיטן בירגערמייסטער. יעדער האָט אים א גוטע עצה געגעבן. איינער האָט אים געראָטן צולייגן קאַלטע קאָמפּרעסן, דער צווייטער וואַרעמע קאָמפּרעסן, און ווען עס איז נישט געווען דערביי קיין עדות, פלעגט אים יעדער איינציקער באַזונדער עצהן,

ער זאָל זיך ווענדן צום רופא יאַדלאָווקער — דער דאָזיקער ייד האָט אַ לייכטע האַנט, און אַלטער שאַרלאַטאַן איז ער טאַקע, אָבער דערפאַרונג האָט ער, דער דאָזיקער יאַדלאָווקער, אַ פּאָזשאָנדנער זשיד איז ער, כאָטש ער זיצט איצט אין תּפיסה. ער איז נישט אַזאַ ווי דער דאָקטער לאָרבערקראַנץ, דאָקטער לאָרבערקראַנץ איז אַ פאַרשיווער זשיד, אַ גע־ווייגלעכער קאָנאָוואַל.

דער מענטש מיט דעם צעבראָכענעם פוס האָט געהאָרכט און דאָס בלוט האָט אין אים געקאָכט. וואָס וועט דערויף זאָגן די וועלט? וואָס וועט זאָגן די גאַנצע שטאָט? ווענדן זיך צו אַ שמוציקן שאַרלאַטאַן און דערצו נאָך צו אַ יידן, וואָס זיצט אין תּפיסה? ביי אַן אַרעסטאַנט זוכן הילף?

די יסורים פון נאַטשאַלניק זענען אַליין געוואַקסן, דער צעבראָכענער ביין האָט געפוילט. דער נאַטשאַלניק האָט אויסגעהאָרכט אַלע עצות און אַלע גוטע טרייסט־ווערטער און מיט אַ שוואַכער שטימע האָט ער גע־בעטן, מען זאָל אים ברענגען פון דער אַפּטייק אַ ביסל סם.

איינמאָל אינדערפרי האָט מען ר׳ אַריהן אַרויסגערופן אין דער קאַנצעלאַריע, ווו עס האָט אויף אים געוואַרט דער פּראָקוראָר.

— פּאַניע יאַדלאָווקער — האָט פריינדלעך געזאָגט דער קאָלעגע פון תּפיסה־נאַטשאַלניק — ניעך פּאַן שיאַדאַ. מיר האָבן נעכטן גע־רעדט וועגן אייך אין אַ געוויס אָרט. אַלע אָנוועזנדיקע האָבן אייך זייער שטאַרק באַדויערט. איר האָט אַ סך פריינד אין שטעטל. פאַראַן מענטשן, וועלכע ווילן אייך העלפן.

— איי, איי, איי... — האָט זיך צעלאַכט דער אַרעסטאַנט — און אפשר דאַרף דער חשובער פּאַן פּראָקוראַטאָר, מען זאָל אים מאַכן אַ קאַנע? אפשר איז דער פּאַן פּראָקוראַטאָר קראַנק?

— נישט איך בין קראַנק — האָט זיך צעלאַכט דער פּראָקוראָר — נישט איך. עס האָט מיט עמעצן פּאַסירט אַן אומגליק און מען דאַרף אים העלפן.

ר׳ אַריה יאַדלאָווקער האָט שווייגנדיק געגלעט און געצופּט די פּרעכטיקע פלאַמיק־רויטע באָרד.

— איך מיין — האָט געזאָגט דער פּראָקוראָר — איך מיין, אַז איר וועט דעם דאָזיקן מענטש העלפן. אויב איר וועט אים אויסהיילן, וועט דער דאָזיקער מענטש זיך באַמיען איר זאָלט וואָס שנעלער קאָ־

נען פֿאַרלאָזן די תּפֿיסה. אויך איך וועל זיך סטאַרען פֿאַר אייך. מיר וועלן אָנשרייבן, אַז איר זענט אַ קראַנקער מענטש און אַז איר האָט זיך דאָ גוט אויפֿגעפֿירט... עס גייט וועגן אַ צעבראָכענעם פּוס.

— פּאַניע פּראָקוראַטאָזשע קאָכאַני... — האָט פּאַוואָליע געענטפֿערט דער אַרעסטאַנט — איך הייב שוין אָן עטוואָס צו פֿאַרשטיין. זאָגט מיר, כ'בעט אייך זייער, צי דער דאָזיקער אומגליקלעכער מענטש, וואָס גייט זיך אין מיין הילף, הייסט נישט צום ביישפּיל דאָקטער לאָרבערקראַנץ? ווייל אויב דאָס איז טאַקע ער, וועל איך אים גערן צוזאַמענשטעלן דעם צעבראָכענעם פּוס, און נישט נאָר איין פּוס, נאָר אַפֿילו ביידע פּיס. און קיין שום דאַנקבאַרקייט פֿאַרלאַנג איך נישט דערפֿאַר. איך וועל ערלעך אָפּזיצן אַלץ, וויפֿל עס קומט מיר ביז צו דער לעצטער מינוט. נאָר דער פֿאַן לאָרבערקראַנץ מוז קודם צעברעכן ביידע פּיס.

— ניין, פּאַניע יאַדלאָוועקער... — האָט אויפֿגעקלערט דער פּראָקוראָר — דאָס איז נישט דער דאָקטער לאָרבערקראַנץ. דאָס האָט דער נאַטשאַלניק פֿון דער תּפֿיסה צעבראָכן אַ פּוס.

— איי, איי, איי, אַזאַ גילדענער מענטש — האָט אַ קרעכץ געטאָן ר' אַריה — דער באַלעבאָס מיינער... אַזאַ בריליאַנט...

— נו? — האָט דער פּראָקוראָר געפֿאָדערט אַ תּשובֿה — היילט אים אויס דעם פּוס, וועלן מיר אייך אַהיימלאָזן.

— עעע... — האָט ר' אַריה אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און געגרייבט נאָך אַ פּאַפּיראָס צום פּראָקוראָרס פּאָרטסיגאַר — מיר איז דען דאָ שלעכט?

דער פּראָקוראָר האָט אים דערלאַנגט אַ שוועבעלע.

— פּאַניע פּראָקוראַטאָזשע — האָט געזאָגט דער ייד — איך פֿאַרלאַנג, מען זאָל מיך צוריקפֿירן אין מיין קאַמער.

— נעמט מיט אַ פּאָר פּאַפּיראָסן אויף שפּעטער — האָט פֿריינדלעך פֿאָרגעלייגט דער פּראָקוראָר.

ר' אַריה האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און איז אַרויס פֿון דער קאַנצעלאַריע.

וואָס טוט ווייטער דער רבונו־של־עולם? דעם קראַנקן נאַטשאַלניק שיט ער צו יסורים. דעם אַרעסטירטן רופֿא דערלייגט ער עקשנות. יאָ, פֿאַר דעם חשבון פֿאַן נאַטשאַלניק וואָלט ר' אַריה אַלץ געטאָן, וואָס עס

גייטיקט זיך. ער וויל אָבער נישט אַוועקנעמען די פּרנסה ביי דעם פֿאַן דאָקטער לאָרבערקראַנץ.

נאָך מיטאָג איז צו ר׳ אַריהן געקומען אַ פֿרישע דעלעגאַציע: די יידענע זיינע, ווי שטענדיק א פֿאַרוויינטע און פֿאַרכליפּעטע, לעאָן האָ־זענגאַנג מיט אַ קעסטעלע גוטע קובע־ציגאַרן און נאָך עטלעכע בית־מדרש־יידן.

אויפֿגענומען האָט זיי דער פֿאַרטרעטער פֿון נאַטשאַלניק, דער פֿאַן אַספּיראַנט, וואָס די אַרעסטאַנטן פֿלעגן אים רופֿן „פֿאַן יעזוסעק“, ווייל ער איז געווען אַ שעמעוודיקער און האָט שטענדיק גערדאַוונט און געצלמט זיך. ער האָט די יידישע געסט אַריינגעפֿירט אין דעם אמטלעכן קאַבינעט, און ווען עס האָט זיך געיאַוועט דער אַרעסטאַנט, איז דעם נאַטשאַלניקס פֿאַרטרעטער אַרויס פֿון צימער, בכדי די יידן זאָלן זיך קאָנען דורכרעדן נישט געשטערט.

— שטעל אים צוזאַמען דעם דאָזיקן פֿאַרשטונקענעם פּוס — האָט געזאָגט ר׳ אַריהס יידענע — זאָל זיך דיר דאכטן, אַז דו פֿאַר־ריכטסט א פֿערדס פּוס אָדער א פּוס פֿון אַ חזיר. אַ גרויסע זאַך א פּוס. איך וויל דיך שוין האָבן אינדערהיים אין א מזלדיקער שעה, און זאָלן די מענטשן אויפֿהערן צו טייטלען אויף מיר מיט די פֿינגער, אַז דאָס איז די האָזיקע, וואָס איר מאַן פֿילט אין טורמע.

— ר׳ אַריה — האָט געזאָגט לעאָן האָזענגאַנג און האָט אים מכבד געווען מיט דעם קעסטעלע קובע־ציגאַרן — מען דאַרף טאָן דאָס, וואָס די וועלט פֿאַרלאַנגט פֿון אייך. דעם דאָקטער לאָרבערקראַנץ אויף צעפּיקעניש. האָ?

נאָך דעם זעלבן טאָג אין אָוונט האָט ר׳ אריה יאָדלאָווקער פֿאַר־לאָזט די תפיסה.

דעם נאַטשאַלניקס פּוס האָט ער געמוזט אויפֿסניי ברעכן, ווייל דער ביין איז געוואָרן שלעכט צוזאַמענגעשטעלט. בשעת דער אָפּעראַציע האָט דער חולה דריי מאָל געחלשט. יאָדלאָווקער האָט אים געמינטערט מיט טראָפּנס און אויך מיט פּעטש ווי ברעטער.

נאָך דריי חדשים האָט דער ביין אויפֿגעהערט ווייִ צו טאָן, אַלץ האָט זיך פֿיין צוזאַמענגעוואָקסן. און כאָטש דער פּוס איז איצט געווען עטוואָס קלענער, האָט דאָך דער נאַטשאַלניק זיך באַנוצט מיט אים ווי לאַנג ער האָט געלעבט.

און דער דאָקטער לאָרבערקראַנץ? די גאַנצע מעשה מיטן רופא און מיט דעם נאַטשאַלניקס פּוס האָט אים פאַרשאַפט פיל עגמת נפש. ער איז דאַר און טריב געוואָרן, און האָט אויסגעזען ווי א שאָטן פון א מענטש. און אין א געוויסן טאָג איז קראַנק געוואָרן זיין באַליבט הינטל, וואָס דער דאָקטער פלעגט צו אים רעדן דייטש. דאָס הינטל איז געפּגרט און דעמלט האָט דער דאָקטער לאָרבערקראַנץ פאַרלאָזט דאָס שטעטל.

ער איז אַוועק אין אן אומבאַקאַנטער ריכטונג און מער האָט מען וועגן אים נישט געהערט.

קאַפּיטל 18

ר׳ אליעזר מאַנדלבוים האָט חתונה געמאַכט די טאָכטער און האָט פריי אָפּגעאָטעמט. איין שטיין איז אים אראָפּ פון האַרץ. בלימעלע איז שוין אויף דער אייגענערווירטשאַפט. איצט וועט ר׳ אליעזר מיט א רואיק געמיט און מיט א לייכטן קאָפּ ווידער זיך קאָנען נעמען צו כלל־ענינים. דער ערשטער ענין, וואָס האָט דערוואַרט א לעזונג, איז געווען פאַרבונדן מיטן כסא־הרבנות. נישט געווען קיין רב אין שטעטל. און וואָס איז ווערט א שטאָט אָן א רב? וואָס איז ווערט א פּאַלאַץ אָן אַ דאַך? אַ מענטש אָן אַ קאָפּ? אַ קאַץ אָן א ווייְדל?...

ר׳אליעזר האָט פון גאַנצן האַרץ געוואָלט זיך נעמען צום דאָזיקן ענין און צואיילן דעם אויסוואַל פון א רב. אָבער וועלכן רב האָט מען געדאַרפט אונטערשטיצן? וועלכער וועט זיין דער בעסטער און פּאַסיקסטער? נישט קיין לייכטע זאַך אויסצוקלייבן א רב, עס איז כמעט פּונקט אַזוי שווער, ווי אויסצוקלייבן א מלך, אַ קיסר.

דערווייל האָט מען זיך אין שטעטל אַן עצה געגעבן אָן א רב.

דאָס בית־דין אונטער ר׳ אליעזרס פאָרזיץ האָט געפּראַוועט דין־תורות, און עס איז געווען וואָס צו פּראַווען. דאָס שטעטל האָט זיך געענדערט פון יאָר צו יאָר און פון חודש צו חודש, געענדערט האָבן זיך די זיטן, עס איז שוין נישט געווען דאָס זעלבע קליינע און פרומע שטעטעלע פון אַמאָל, עס איז שוין היינט געווען אַ שטיק פּאַריז, אַ שטיק סדום איז עס געווען, אַ שטיק ניו־יאָרק.

ווייל אַפילו אין פּאַריז און ניו־יאָרק האָט קיינער, קיין שום ריכטער און קיין שום פילאָזאָף, נישט געהאַט אַזעלכע שווערע און פאַרפּלאָנטער־

טע ספּראַוועס, ווי זיי האָבן דאָ געהאַט. א ביישפּיל? אָט האָט איר א ביישפּיל:

יוכבד, די טאָכטער פון יידישן באַגראָבער און די שנור פון רוסישן גלח, איז צוריקגעקומען צו איר אַלטער היים אויפן בית־עולם. הערש־לייב, דער נייער באַגראָבער האָט זי דאָרט ארייגעפירט און זיי לעבן ביידע ווי מאַן און ווייב, און יוכבד איז שוין שוואַנגער. יוכבד טראָגט זיך אַרום מיט איר בויך, און דאָס גאַנצע שטעטל קאָכט, דאָס שטעטל גייט ווי אויף רעדער, אַלע פרומע יידן קראַפּירן פון פאַרדרוס, און זי מאַכט זיך גאָרנישט דערפון. פרייטיק אינאָוונט בענטשט זי ליכט, און שבת גייט זי שפּאַצירן מיט איר הערש־לייבן. יוכבד איז גליקלעך, איר געלעכטער הערט זיך אויפן גאַנצן הייליקן אָרט, און דורך דעם דאָזיקן אויסגעלאַסע־נעם געלעכטער דרייען זיך איבער די פרומע יידן אין די קברים.

און הערש־לייב פאָרעט זיך לעבן איר און דערלויבט איר נישט אַריינצושטעקן די האַנט אין קאַלטן וואַסער, אַזוי איז ער אין איר פאַר־ליבט.

אַזאַ הערש־לייב. מיט קיינעם אין שטעטל רעדט ער נישט. אין בית־מדרש זעט מען אים נישט. א מאָדנער פאַרשוין. פאַרטרייבן פון בית־עולם קאָן מען אים נישט, ווייל אָן א קברן קאָן זיך די שטאָט נישט באַ־גיין. אַ שטאָט אָן א קברן איז ענלעך צו אַ גאָרטן אָן אַ גערטנער. אָן אַ קברן איז אַפילו דאָס שטאַרבן געפערלעך.

און איצט דערגייען מיר צום סאַמע תוך פון דעם דאָזיקן פאַרפּלאָנ־טערטן ענין. זאָל ווער זאָגן מיט וועמען לעבט הערש־לייב און וועמען האָט ער געמאַכט א ממזר. מיט א יידישער טאָכטער ווינט ער, צי מיט דעם ווייב פון גלחס זון? ווער איז די דאָזיקע פרוי, וואָס וואַלגערט זיך מיט אים אין זנות? א יידישע איז זי צי אַ קריסטין? און דאָס קינד, ווען עס וועט געבוירן ווערן — ווער וועט רעכט האָבן צו דעם? דער מוהל צי דער גלח?

צוערשט האָט זיך גערעכט, אַז עס איז אַ לייכטער פּסק: אַרויס־טרייבן די משומדת און צו דער זינד וועט נעמען א סוף. וואָס וועט אָבער דעמלט געשען? זי וועט צוריקגיין צו איר גלח — פּאַסט עס, אַז יידן זאָלן פאַרטרייבן אַ זינדיקע נשמה גלייך אין דער צערקווע אַריין? אויף וועמען וועט דעמלט פאַלן די דאָזיקע עבירה?

ר׳ אליעזר מאַנדלבוים לייגט אַוועק דעם ענין אויף א צייט: ס׳וועט

קומען א נייער רב, וועט ער זיך האָבן מיט וואָס צו פאַרנעמען. דער נייער רב — קיין לייכט לעבן וועט ער דאָ נישט האָבן.

דורך טיר און פענצטער שטופט זיך דער נישטגוטער. אין לאָקאַל פון די שניידערס קומען זיך יעדן אָוונט צוזאַמען יונגע מענטשן, יונגען און מיידן, מיידן אין קורצע קליידלעך, מען רעדט וועגן פּאָליטיק. יעדן שבתצונאַכטס שפּילן דאָרט מוזיקאַנטן, די פּאָרלעך טאַנצן נישט ערגער ווי אין וואַרשע און פּאַריז. די תאווה זיגט.

און אפשר איז עס אייך ווייניק? טאָ נאַט אייך נאָך. די שיקלדיקע דינסט־שיקסע פון גרשון דעם קאַפּעליושמאַכער האָט געבוירן אַ קינד. און קיינער האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין: אַזאַ פרומער ייד, מיט אַ ווייב און מיט פיר דערוואַקסענע טעכטער, און עס האָט זיך אים פאַרגלוסט אויף דער עלטער צו זינדיקן מיט א שיקסע, דערצו מיט אַ שיקלדיקער.

און דער משוגענער מאַקס איז אומעטום געווען פול, אומעטום האָט ער אַריינגעשטעקט זיין לאַנגע נאָז, אומעטום האָט ער צוגעלייגט אַן אויער, שטענדיק האָט ער וועגן יעדער זאַך געוווסט דער ערשטער.

— געלויבט איז גאָט! — האָט ער געשריגן, אויפהייבנדיק די הענט ווי אַ נביא — דער טאָג איז שוין נאָענט. משיח איז שוין אין זשמיגראָד!

דאָס האָט טאַקע מאַקס דער ערשטער אויסגעפאָרשט און פאַנאַנדערגעבלאָזן די מיאוסע מעשה פון בעניע דעם פאַריקמאַכער מיט זיינע צוויי נקבות.

ווער איז ער געווען, דער דאָזיקער בעניע? ער איז געווען א יתום. מיט יאָרן צוריק האָט מען אים געפונען אויף דער שוועל פון מרחץ, עמעץ האָט אים דאָרט איבערגעלאָזט, אונטערגעוואָרפן, ער איז דעמלט אַלט געווען נישט מער ווי צוויי יאָר, אפשר עטוואָס מערער, און וועגן זיין אָפּשטאַמונג האָט ער גאָרנישט געקאָנט זאָגן. מסתמא האָט ער געשטאַמט פון אן אַנדערער שטאָט, מען האָט קיין זאך וועגן אים נישט געוווסט. מען האָט נאָר געזען, אַז ער איז געמאַלעט, און טאַקע דערפאַר האָט זיך די קהילה מיט אים פאַרנומען, גוטע מענטשן האָבן אים דערצויגן און אויסגעלערנט אויף אַ פאַריקמאַכער. פאַרוואָס גראָד אויף אַ פאַריקמאַכער? ווייל יידל דער פריזירער האָט נישט געהאַט קיין קינדער מיט זיין יידענע, דערפאר האָבן זיי אים גענומען פאַר אַן אייגענעם. אָבער קיין גרויס נחת האָבן זיי פון אים נישט געהאַט.

עטלעכע יאָר האָט ער שוין ראַזירט און געשווירן אין דעם אַזוי גע־רופענעם סאַלאָן פון זיין אַפּוטרופּות, אין דעם שענסטן פריזירער־סאַלאָן אין דער שטאָט. און אין די פרייע שעהן נאָך דער אַרבעט איז בעניע אַרומגעלאָפן זוכן דאַמען־געזעלשאַפט. אויב עס איז נישט געווען קיין דאַמען, האָט ער זיך צופרידנגעשטעלט מיט א פּשוטער דינסט־מויד, אויב זי איז נאָך נישט געווען קיין זקנה און אויב זי איז נישט געגאַנגען אויף שטאָלצן.

און איינמאָל האָט בעניע אויפגעהערט צו גיין ראַזירן און שערן פרעמדע בערד. ער האָט אויסגעקויפט א בילעט און איז אַוועקגעפאָרן קיין לעמבעריק. קיינער האָט נישט געוווסט ווו ער איז אַהינגעקומען, אַפילו דער באַלעבאָס זיינער, יידל פאַבריקמאַכער.

ערשט אין אַ וואָך אַרום איז בעניע צוריקגעקומען און האָט מיט זיך מיטגעבראַכט צוויי נקבות, געראָטענע און גרויסע ווי צוויי שיינע קליאַ־טשעס. דריי טעג און דריי נעכט האָט ער מיט זיי פארבראַכט ביי זיך אין צימער. דעם פערטן טאָג, און געווען איז עס גראָד שבת, האָט ער זיך מיט זיי אויסגעקליבן אויף אַ שפּאַציר.ביידע פרויען זענען געווען שיין, זיי האָבן פיין געשמעקט מיט איידעלע זיסע פּאַרפומען און האָבן גרויס־שטעטיש געדרייט מיטן זייט־מיר־מוחל. זיי האָבן געוויכערט פּאַפּיראָסן און פאַרפירעריש געלאַכט צו די מענער.

עטלעכע וואָכן זענען שוין פאַרביי און יעדן אָוונט גייען בעניעס ווייבער אַרוים אין גאַס און פאַרפירן יונגע בחורים צו זינד.

דער משוגענער מאַקס ניובעט בסדר, וועלכע מענער עס באַזוכן בע־ניעס צימער. אָפּט זענען עס בחורים פון די שענסטע און פרומסטע משפּחות.

— פונקט ווי אין סדום — טראַכט ר' אליעזר מאַנדלבוים און עס ווערט אים שווער אויפן האַרץ.

קאַפּיטל 19

אַ נייער בעזים קערט גוט. דער נייער סטאַראָסטע האָט איבערגע־נומען די מאַכט און האָט גענומען דאָס גאַנצע שטעטל אויף פאַרהער. די אַלטע ביוראָקראַטישע שקאַפע האָט אָנגעהויבן הירזשען מיט אַ יונגער ענערגישער שטימע.

קיינער האָט נאָך נישט געוווסט, מיט וואָס פֿאַרא דרכים מען קאָן דערגרייכן צום סטאַראָסטעס האַרץ. דערווייל האָט נאָך קיינער נישט געוואַגט אַריינצוטראָגן אים א מתנה. מען האָט נאָך נישט געוווסט, צי ער וועט נעמען און וו י פֿ ל ער וועט נעמען. מען האָט געוואַרט אויף א צייכן און דער צייכן איז נאָך נישט געגעבן געוואָרן.

און דערווייל האָט דער שטייער־אַמט אַרויסגעשיקט סעקוועסטראַטאָרן, וועלכע האָבן זיך געוואָרפֿן ווי די וועלף אויף די יידישע סוחרים און באַלמעלאָכעס. אויך אין די פּאָליציאַנטן איז אַריין א ניי לעבן, א נייע נשמה. אומעטום זענען זיי געווען פֿול, זיי האָבן פֿאַרשריבן געלט־שטראָפֿן פֿאַר טויטע און פֿאַר לעבעדיקע, פֿאַר קרומע פּלויטן אַרום די הייזער, פֿאַר נישט געמאָלטע אבאָרטן, פֿאַר שמוציקע ברונעמס, פֿאַר עפּענען דאָס קרעמל צו פֿרי און פֿאַר עפּענען דאָס קרעמל צו שפּעט.

און אויפֿדערנאַכט — אויפֿדערנאַכט האָט דער ראַדיאָהילכער געשפּילט שיינע מוזיק אין די פֿענצטער פֿון פּאָליציי־בנין. און דעמלט האָט מען געוווסט, אַז מען שלאָגט דאָרט א קאָמוניסט און די מוזיק שפּילט אים צו, בכדי מען זאָל נישט הערן זיין געשריי. דער ראַדיאָהילכער האָט געשפּילט יעדן אָוונט ביז שפּעט אין דער נאַכט אריין. איז געווען קלאָר, אַז עס פֿעלט נישט קיין אַרעסטאַנטן. און אויב עס האָט יאָ געפֿעלט, האָט מען זיי געבראַכט צו פֿירן פֿון אַן אנדער שטעטל. דער סטאַרשי פּשאָדאָווניק פּאַן ראָמאַנאָוויטש האָט געהאַט וואָס צו טאָן און מיט וועמען צו רעדן בשעת די לאַנגע ווינטערדיקע נעכט.

מענדל מאַנדלבוים איז נאָך אַלץ אַרומגעגאַנגען אויף דער פֿרייהייט און האָט זיך פֿאַרנומען מיט זיינע סודותפֿולע ספּראַוועס. אויף דער פֿרייהייט איז אויך געווען דער סטודענט פּאָפּאָוויטש און אייזיק דער סעקרעטאַר פֿון פּראָפֿעסיאָנעלן פֿאַריין, און נאָך עטלעכע יונגע לייט פֿון דער באַוועגונג. אָבער א סך זענען שוין געזעסן, און לויט דעם, וואָס מען האָט געהערט, און אויך לויט דעם, וואָס דער פּשאָדאָווניק ראָמאַנאָוויטש האָט אויסגעפּלאַפּלט, ווען ער האָט זיך אָנגעשיכורט אין באַרימטן רעסטאָראַן פֿון הערשעלע רעב עליעס אייניקלעך — לויט אַלע סימנים האָט מענדל פֿאַרשטאַנען, אַז צווישן די געטרייע פּראָלעטאַריער פֿון שטעטל איז פֿאַראַן מיינדעסטנס איין פֿאַרעטער, איין פּראָוואָקאַטאָר.

און דער דאָזיקער חשד איז געווען באַרעכטיקט.

דער שוסטער־געזעלן איציק ווײַן איז געקומען שפּעט ביינאַכט צו

זיין חבר אברהמל קראָכמאַל, ער האָט מיט זיך מיטגעבראַכט א קריגעלע רויטע פאַרב און א גיי בערשטל אויס חזיר־האָר און האָט געזאָגט:

— וועסט גיין און וועסט אויסמאָלן אַן אַנטירעליגיעזן לאָזונג אויף דער וואַנט פון בית־מדרש און אויף דער וואַנט פון דער קירכע. דו האָסט א שיינעם כתב און ביסט א געלערנטער יאַט, דו וועסט עס גוט מאַכן.

— פאַר וועמען זאָל איך מאָלן דעם דאָזיקן לאָזונג? — האָט גע־פרעגט אברהמל — פאַר דעם שמש און פאַר די חסידים? צי פאַר דעם גלח? ס'אַרא פעולה וועט זיין דערפון?

— דאַפסט טאָן, וואָס מען הייסט דיר — האָט געענטפערט אי־ציק — ס'איז א באַפעל פון דער פאַרטיי. זאָל די וועלט וויסן, אַז מיר זענען דאָ.

איז אברהמל געגאַנגען אין דער פינצטערער נאַכט און אויפגעמאָלט א לאָזונג אויף דער וואַנט פון בית־מדרש און קיינער האָט אים נישט גע־שטערט. דערנאָך האָט ער זיך גענומען צו דער צערקווע און אויך דאָרט האָט אים קיינער נישט געשטערט. ערשט ווען ער איז צוגעקומען צום קאַטוילישן קלויסטער, האָט די לבנה אַרויסגערוקט איר פרצוף פון הינ־טער אַ וואָלקן, און אברהמל, וועלכער האָט געהאַט א צאַרטע נשמה און פלעגט טיילמאָל אין דער פאַרבאָרגעניש שרייבן לירישע לידער — אברהמל האָט אַ טראַכט געטאָן, אַז די דאָזיקע לבנה איז קיילעכדיק און שמעקעוודיק ווי אַ ראָד ששווייצערקעז אין קאָלאָניאַל־געשעפט פון חיים עפּשטיין.

ביי דער וואַנט פון קאַטוילישן קלויסטער האָט אברהמל אָנגעהויבן צו אַרבעטן, אָבער ווי נאָר ער האָט אויפגעצייכנט איין וואָרט, האָט ער זיך געכאַפּט, אַז עס פעלט אים פאַרב. שוין האָט ער זיך געוואָלט לאָזן אהיים, אָבער ער האָט נישט באַוויזן. פון אַלע אַרומיקע הייזער זענען אים געגאַנגען אנטקעגן פּאָליציאַנטן, זיי האָבן אים ארומגערינגלט, און אברהמל האָט געריבן די אויגן און געציפּט זיך אין די באַקן — עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז די פּאָליציאַנטן זענען נישט קיין פּאָליציאַנטן, נאָר געשטאַלטן פון א שלעכטן חלום.

און באַלד האָט זיך די לבנה ווידער באַהאַלטן הינטער א וואָלקן און אברהמלען איז געוואָרן פינצטער און ביטער, ווייל ער האָט פאַרשטאַנען, אַז נישט דער שוסטער־געזעלן איציק וויין האָט אים געהייסן מאָלן די לאָזונגען, דאָס האָט די פּאָליציי געערדט דורך איציקס מויל. נישט די

פּאַרטיי האָט דאָ געוואָלט ווייזן, אַז זי איז דאָ. דאָס האָט די פּאָליציי געוואָלט פאַרדינען א גוט וואָרט פון נייעם סטאַראָסטע. אפשר האָט דער קאָמענדאַנט געוואָלט געבן נאָך איין באַווייז, אַז ער שטייט און וואַכט בייטאָג און ביינאַכט און היט אָפּ די גאַנצקייט פון מלכות, קעמפט גע־טריי און מיט דערפאָלג קעגן דער זשידאָ־קאָמונע.

אברהמלען האָט מען זאָרגעוודיק אַוועקגעפירט אויף דער פּאָליציי. דאָרט האָט מען געלאָזט שפּילן א שיינעם קאָנצערט אין ראַדיאָהילכער און דער אויספאָרשער ראָמאַנאָוויטש האָט גענומען ציילן די צוואַנציק גומענע פּאַלקעס אויף אברהמלס זיצפלייש.

דעם אמת געזאָגט, איז דער גאַנצער ראַדיאָ־קאָנצערט בכלל נישט געווען נייטיק, ווייל דער אַרעסטאַנט האָט נישט געשריגן, ער האָט צו־געמאַכט די אויגן און פאַרביסן די ציין, און קיין קרעכץ האָט מען פון אים נישט געהערט.

דערנאָך האָבן זיי אים אריינגעפירט אין קאַבינעט פון דעם פּאַן ראָמאַנאָוויטש. דער פּאָליציאַנט איז געזעסןביים שרייבטיש, ער איז געזעסן אין שאָטן, און אברהמל האָט זיך געפרעגלט אין קרייז פון צוויי עלעקטרישע יופּיטער־לאָמפּן, זייער היץ האָט אַרויסגעצויגן פון אים די לעצטע טראָפּנס שוויים. די דאָזיקע לאָמפּן האָבן געלויכטן פּונקט אַזוי העל ווי די אין יענעם וונדערלעכן טאָג, ווען די יידן האָבן איינגענומען די באַרימטע שטאָט יריחו.

צומאָרגנס אינדערפרי האָט מען אים אַריבערגעפירט אין דער תפיסה.

אין דריי וואָכן אַרום איז אין איינעם א פרייטיקצונאַכטס דער שומ־טער איציק ווין געגאַנגען שפּאַצירן. אינדרויסן האָט זיך שוין געפילט דער סוף פון ווינטער און דער אָנהייב פון ערב פרילינג. דער הימל האָט געשמעקט מיט פאַלנדיקע שטערן און מיט צימרינג, און אין גאַנצן שטעטל האָט זיך געפילט דער פיינער געבענטשטער ריח פון פיש, פון לאָקשן מיט יויך און פון זיסן קאָמפּאָט אויס געטרוקנטע אונגאַרישע פלוימען. אין די פענצטער האָבן זיך געגילדעט די שבתדיקע ליכט, יידן האָבן געגעסן און געטרונקען, מען האָט געזונגען זמירות און געבענטשט מזומן. קליינע קינדער האָבן אין אַזעלכע אָוונטן געזען אין פענצטער א גילדענע פּאַווע אָדער די שבת־מלכה מיט א גילדענער קרוין אויפן קאָפּ.

איציק ווין האָט זיך אַריינגעלאָזט אין שפּאַצירגאָרטן, אויף איינער

פֿון די טונקעלע סטעזשקעס האָט דאָרט געוואַרט אויף אים בעניעס נקבֿה.

אָבער איציק האָט נישט באַוויזן צו באַגעגענען זיך מיט דער שייגער גאַסנמויד, ווייל פּלוצים האָט זיך פֿון דער טונקעלער נאַכט אָפּגעריסן אַ לעבעדיקער שאָטן, געווען איז עס מסתמא אַ שאָטן פֿון אַ מאַנצביל, און דער דאָזיקער שאָטן איז צוגעגאַנגען צו איציקן גאַנץ נאָענט און האָט אים עפּעס געזאָגט.

שפּעטער, ווען עס איז שוין געווען נאָך אַלעמען, האָבן זיך געפֿונען עדות, וועלכע האָבן דאָס געזען, כאָטש קיינער האָט דעם דאָזיקן שאָטן נישט געקאָנט דערקענען און קיינער האָט נישט געהערט זיינע ווערטער.

איידער דער דאָזיקער שאָטן האָט אָנגעהויבן צו רעדן, האָט שוין איציק פֿאַרשטאַנען, וואָס איצט וועט פֿאָרקומען, און אַזוי איז עס טאַקע געווען, דאָס, וואָס האָט געמוזט געשען, איז מקוים געוואָרן.

דער שטאָטישער גאָרטן איז נישט געווען אַזוי גרויס, די נאַכט איז גאָר נישט געווען אַזוי טונקל, און מענטשן זענען געווען נישט וויט, און דאָך האָט קיינער נישט דערקענט יענעם געהיימניספֿולן מענטשן. נאָר איציק האָט אים געקענט, נאָר דער שוסטער־געזעלן איציק וויין האָט גע־הערט יענעמס ווערטער, נאָר איציק האָט געוווסט, ווער עס איז יענער יונגער בלאַסער מענטש מיט די פֿלאַמיק־שוואַרצע אויגן, יענער יונגער מענטש, וואָס איז אַוועקגעגאַנגען אין דער פֿינצטערניש און וואָס די נאַכט האָט הינטער אים פֿאַנאַנדערגעשפּרייט איר טונקעלן שלייער.

איציק וויין האָט געוווסט, ער האָט אָבער קיינעם נישט געקאָנט מגלה זיין דעם סוד. זיין קערפּער איז געלעגן אומבאַוועגלעך אויף דער בלאָטע. זיינע אויגן האָבן געקוקט אין דעם שוואַרצן אין־סוף פֿון טויט. און זיין נשמה? דער ווינט האָט געטראָגן זיין אָרעמע נשמה אַזוי ווי אַ פֿאַראַיאָריקן טרוקענעם בלאַט פֿון בלעטערפֿאַל.

קאַפּיטל 20

דעם זעלבן אָוונט האָט מענדל מאַנדלבוים אָנגעקלאַפּט אין דער טיר אויפֿן צווייטן שטאָק. געווען איז שוין געגנוג שפּעט און רעגינע האָט זיך דערשראָקן, ווען זי האָט פֿאַר אים געעפֿנט די טיר. ער האָט אויף

איר געמאַכט דעם איינדרוק פון א מענטשן, וועלכער האָט נאָר־וואָס אי־בערגעלעבט שווערע מינוטן. ער האָט געציטערט.

— וואָס איז דיר? — האָט זי געפרעגט, אָננעמענדיק אים ביי דער האַנט — וואָס איז געשען?

ער האָט צוגעדריקט דאָס צעפלאַמטע פנים צו אירע האַנטפלאַכן און ער האָט זיך צעוויינט.

זי האָט ביי אים קיין שום זאַך נישט געפרעגט. זי האָט געטראַכט, אַז גוט איז, וואָס ער איז געקומען, כאָטש עס איז שוין אַזוי שפעט און דער פאָטער וועט אפשר נישט זיין צופרידן פון אַזאַ שפעטן וויזיט. גוט, וואָס ער איז צו איר געקומען, ער האָט דאָך נישט קיין נאָענטן אַחוץ איר. זי איז זיין איינציקער פריינד און זיין איינציקע ליבע.

זיינע שיך זענען געווען פאַרבלאָטיקט, ווי ער וואָלט ארומגעקלעטערט ערגעץ אויף א פריש פאַראַקערט פעלד. די שטאָלצע טאָכטער פון לעאָן האזענגאַנג האָט געקניט פאַר דעם יונגן מענטש, אראָפּגענומען די נאַסע שיך פון זיינע פיס — זי וועט זיי ארומוואַשן און אויספוצן.

זי האָט אראָפּגענומען פון אים דאָס מאַנטל און אריינגעפירט אין וואַשצימער, אָפּגעוואַשן זיין פנים און אָפּגעפרישט זיינע האָר.

דערנאָך איז מענדל געזעסן ביים טיש און רעגינע האָט אים גע־בראַכט עסן, שבתדיק עסן, וואָס איז מסתמא געווען זייער געשמאַק, אָבער ווי נאָר ער האָט דערפילט דעם גערוך פון די מאַכלים, איז אים פלוצים שלעכט געוואָרן, אפשר טאַקע דערפאַר וויל ער איז געווען זייער הונגעריק, א גאַנצן טאָג האָט ער נישט גענומען קיין ביסן אין מויל אַריין.

צום עסן האָט ער זיך נישט צוגערירט, און איידער זי האָט באַוויזן די שבתדיקע פיש און לאָקשן מיט יויך אַוועקצונעמען פון טיש, האָט מענדל געמוזט צוויי מאָל אַרויסלויפן פון צימער מיט אַ פולן מויל סלינע.

זי האָט אים אָנגענומען ביי דער האַנט און צוגעפירט צום בעט. ער האָט זיך אַנידערגעלייגט און צוגעמאַכט די אויגן, עס האָט זיך גע־קאָנט דאַכטן, אַז ער שלאָפט, אָבער ער איז נישט געשלאָפן, ער האָט אַפילו נישט געדרימלט. זי האָט צוגעלייגט די האַנט צו זיין שטערן און עס האָט זיך איר געדאַכט, אַז פאַוואָליע באַרואיקט ער זיך.

דערנאָך איז אַריינגעקומען לעאָן האזענגאַנג, דער פאָטער. ער האָט לייכט אָנגעקלאַפּט, וויל ער האָט געוווסט, אַז זי איז נישט אַליין. ער

האָט אָנגעקלאַפּט און אויסגעוואָרט אַ ווײַלע הינטער דער טיר. און ווען ער איז אַרײַנגעקומען, איז שוין מענדל געזעסן בײַם טיש, ער האָט שוין נישט געוויינט און נישט געציטערט.

רעגינעס פּאָטער איז געווען אין אַ געמיטלעכער שטימונג און האָט פֿרײַנדלעך גערעדט מיטן גאַסט. און געטראַכט האָט ער דערבײַ: זײ האָבן זיך מסתּמא ליב אַזוי, ווי איך האָב אין זייערע יאָרן ליב געהאַט רעגי־נעס מוטער, זײ האָבן זיך ליב און אויך איך האָב זײ בײדע ליב, אָבער זאָל מיר ווער זאָגן, וואָס פֿאַר אַ צוקונפֿט מײַן טאָכטער קאָן האָבן לעבן דעם דאָזיקן יונגן מענטש, פֿאַר וועלכן עס איז שוין וואַרשײַנלעך צוגע־גרײט אַ האַרט געלעגער אין אײנער פֿון די קאַמערן אין דער היגער תּפֿי־סה אויפֿן בערגל.

מענדל איז געזעסן שווײַגנדיק און באַהערשט. זײַנע געדאַנקען האָבן געשוועבט אין אַן אַנדער ריכטונג. ער האָט געטראַכט און זיך געחידושט: אַזוי גיך איז עס פֿאַרבײַ, דאָס דאָזיקע שרעקלעכע געפֿיל, אַזוי גיך? און אפֿשר וועט עס נאָך צוריקקומען — דער דאָזיקער פּחד און דער עקל, דער אינערלעכער טיפֿער פּראָטעסט קעגן זיך אַלײן, קעגן דעם אײגענעם ווילן, און דער פּראָטעסט קעגן דער גאַנצער וועלט, קעגן דער דאָזיקער וועלט, אויף וועלכער עס קומען פֿאָר אַזעלכע גרויזאַמע און נײטיקע זאַכן. דאָס וועט זיכער נאָך קומען; טראַכט מענדל. דאָס וועט זיך איבערחזרן, דאָס עקלדיקע ווידערגעפֿיל, די דאָזיקע טיפֿע דערמאָנונג פֿון יענער אײנציקער מינוט, וואָס ער וואָלט זי נישט אימשטאַנד געווען איבערצוחזרן און דורכצולעבן נאָך אײן מאָל.

רעגינע איז געזעסן אַנטקעגן זײ בײדע, אַ צעשטראַלטע און כּמעט גליקלעכע. ווען אַזאַ אָוונט האָט זי געטרוימט: זי האָט זײ איצט גע־האַט בײדע צוזאַמען, דעם פֿאָטער און דעם חתן, און אַלע דרײַ האָבן זײ שוין געבילדעט כּמעט אײן משפּחה.

זי האָט געוואָלט אַוועקזעצן זיך צום פֿאָרטעפּיאַן, אָבער דער פֿאָ־טער האָט געבעטן, זי זאָל עס נישט טאָן. עס איז שוין צו שפּעט און עס איז שבת, מען דאַרף נישט, אַז מענטשן זאָלן רעדן שלעכטס וועגן לעאָן האַזענגאַנגס טאָכטער.

מענדל האָט צוגעמאַכט די אויגן און לעאָן האַזענגאַנגס ווערטער זענען צו אים געשוואומען ווי פֿון דער ווײַט.

דער שניט־סוחר האָט דערציילט, אַז דעם פֿאַרגאַנגענעם מיטוואָך זענען

געקומען פּיקעטניקעס פון קראָקע, דאָס מאָל זענען עס נישט געווען סטו־
דענטן, דאָס מאָל זענען עס געווען ארבעטסלאָזע — פאַר דעם פּיקעטירן
יידישע קראָמען האָט מען זיי געצאָלט דריי זלאָטעס טעגלעך. לעאָן האַ־
זעננאַנג האָט זיך מיט זיי צונויפגערעדט — יעדן איינציקן פון זיי האָט
ער צוגעזאָגט נאָך דריי זלאָטעס און דערפאַר האָבן זיי אויפגעהערט צו
פּיקעטירן, זיי זענען ווייטער געשטאַנען ביי די יידישע געוועלבן, אָבער
געשטאַנען ווי ליימענע גולמס, זיי האָבן קיינעם נישט געשטערט קויפן ביי
א יידישן געוועלבער.

רעגינע האָט געלאַכט, געקוואָלן פון פאָטערס חכמה.

— וואָס לאַכסטו? — האָט ערנסט געזאָגט לעאָן האזענגאַנג —
דאָס איז נישט צום לאַכן. דאָס איז טראַגיש.

— נאָר די רעוואָלוציע קאָן אונדז מציל זיין — האָט זיך אָנגערופן
מענדל — נאָר די רעוואָלוציע.

— די רעוואָלוציע? — האָט זיך צעלאַכט רעגינעס פאָטער — ווען?

— איך ווייס נישט ווען — האָט אומגעדולדיק געענטפערט
מענדל — אין א געוויסן טאָג. אפשר מאָרגן.

— נאָכן טויט וועט זיין א פּראָסט — טראַכט דער ערשטער שניט־
סוחר און עס ווערט אים אומעטיק אויפן הארצן, ווייל ער ווייסט נישט,
וואָס קאָן אים פּערזענלעך העלפן די רעוואָלוציע.

— ס'זאָל נאָר נישט זיין צו שפּעט — זאָגט רעגינע.

— דאָס איז מעגלעך — איז מסכים דער צוקונפטיקער איידעם.

— וואָס איז מעגלעך? — האָט זיך האזענגאַנג אויפגעכאַפּט פון
דער פאַרטראַכטונג.

— מעגלעך, אַז פאַר אונדז וועט עס זיין צו שפּעט. אָבער עס וועט
נאָך זיין באַצייטנס פאַר דער גאַנצער וועלט.

— שטענדיק איז פאַראַן עפּעס, וואָס פאַר איינעם קומט עס באַ־
צייטנס און פאַר דעם צווייטן איז עס צו שפּעט — האָט געזאָגט לעאָן —
אַנדערש וואָלטן מיר געמוזט לעבן אייביק.

— דעמלט ווען איך בין גליקלעך, וויל איך לעבן אייביק — לאַכט
רעגינע.

— מענדל — האָט איבער דעם שמועס לעאָן האזענגאַנג — עס
איז שוין שפּעט. רעגינע וועט דיר צוגרייטן א געלעגער אין צווייטן צי־
מער. א גוטע נאַכט, קינדער.

איז מענדל געשלאָפֿן אין צווייטן צימער און דריי מאָל האָט ער אין משך פֿון דער דאָזיקער נאַכט אימהדיק געשריגן פֿון חלום. און יעדעס מאָל, ווען ער האָט זיך אויפֿגעוועקט, האָט זיין האַרץ געשלאָגן אומרואיק.

קאַפּיטל 21

קיווע דרעקש? קיינער האָט אים נישט געקענט. דאָס הייסט, געקענט האָט מען אים יאָ, מען האָט געוווסט, אַז ער איז דאָ, מען האָט געוווסט אַז ער לעבט, אָבער מען האָט נישט געוווסט פֿון וואָס ער לעבט און פֿאַר וואָס.

וויאַזוי ער האָט אויסגעזען? ער איז ענלעך געווען צו אַ קעמל, כאָטש קיין הויקער אויפֿן רוקן האָט ער נישט געהאַט. די אויגן זיינע זע־נען שטענדיק געווען אומעטיק ווי א האַרבסטיקער רעגן. זיין פּנים איז געווען געל ווי אַ לימענע, און א באָרד האָט ער געהאַט א גרינע. א גרינע באָרד? אוממעגלעך. עס איז טאַקע אוממעגלעך, אָבער אַזוי איז עס געווען. אַזוי האָט אויסגעזען קיווע דערעש, אן איינזאַמער ייד, וואָס קיי־נער האָט נישט געוווסט, פֿון וואָס ער האָט געלעבט און אויף וואָס ער איז געשטאָרבן.

און ווען ער איז שוין געשטאָרבן, האָט קיינער דורך דריי טעג און דורך דריי נעכט נישט באַמערקט זיין טויט. דער בר־מנן איז געלעגן איינ־זאַם אין דער טונקלער שטוב און ערשט אויפֿן פֿערטן טאָג איז איינער פֿון די שכנים אריינגעקומען באָרגן א שוועבעלע און, זעענדיק דעם מת, האָט ער געמאַכט א געשריי. ערשט דעמלט האָט מען געבראַכט צו קבר דעם דאָזיקן אומעטיקן ייד, וועלכער איז ענלעך געווען צו א קעמל און האָט געהאַט א גרינע באָרד.

קיווע דערעש האָט געוווסט ווען צו שטאַרבן. ער איז געשטאָרבן פּונקט צו דער עכטער צייט, מער ווייניקער דעמלט, ווען בלימעלע מאַנדל־בוים האָט חתונה געהאַט. דאָס פֿרישע פּאָרפֿאָלק האָט זיך געגייטיקט טאַקע אין אַזאַ דירה ווי קיווע האָט איבערגעלאָזט. צוויי קליינע צימער־לעך, אויפֿן פּאַרטער און ביי דער הויפֿט־גאַס.

צוויי וואָכן האָט דאָס פּאָרפֿאָלק זיך פֿאַרהאַלטן אין דער וווינונג פֿון דער משפּחה מאַנדלבוים און דערווייל האָט מען גערייניקט, געוואַשן

און געקאָלעכט די טוכלע פאַרשימלטע צימערלעך, ווו עס איז אַמאָל גע־
בוירן געוואָרן, ווו עס האָט געלעבט און ווו עס איז געשטאָרבן ר׳ קיווע.

און ווען אַלץ איז שוין געווען פאַרטיק, האָט זיך איבער דער טיר פון דער וווינונג באַוויזן אַ גלאַנציקער שילד מיט אַן אויפשריפט, אַז דאָ נעמט מען אָן צו פאַרריכטן זייגערס, האַנט־זייגערלעך און טאַשן־זייגערס און אויך גרויסע זייגערס, וואָס הענגען אויף דער וואַנט. די אַרבעט ווערט אויסגעפירט צו דער צייט און מיט אַ גאַראַנטיע.

אין העלער שיין פון גרויסן עלפּער־נאַפטלאָמפּ איז געזעסן שימשל דער זייגערמאַכער אין דער יאַרמלקע אויפן קאָפּ, מיט דעם פאַרגרעסע־רונגס־שפּאַקטיוו אונטער דער ברעם און האָט געאַרבעט.

אין דער צווייטער שטוב האָט זיך בלימעלע געפּאָרעט ביים צוגרייטן וועטשערע. עס איז געווען שטיל, בלויז פון דרויסן האָט זיך געהערט דאָס וואָיען פון ווינט.

זיי האָבן ביידע געשוויגן — שימשל איז נישט געווען קיין גרויסער רעדער; ס׳פלעגן פאַרבייגיין גאַנצע טעג און צווישן מאַן און ווייב האָט זיך קוים געהערט אַ וואָרט. פונקט ווי כמעט אַלע זייגערמאַכערס אויף דער וועלט, איז שימשל געווען אַ שווייגער און זיין יונג ווייב איז אים דאַנקבאַר געווען דערפאַר. זי האָט אַפילו נישט געדענקט דעם קלאַנג פון זיין שטי־מע. זי האָט גאָרנישט געוווּסט וועגן זיינע געפילן צו איר און זי האָט וועגן זיי נישט געוואָלט וויסן.

זי האָט אָבער נישט געקאָנט לייקענען, אַז ער איז געווען אַ גוטער מענטש, אַ באַשיידענער און שטילער מענטש. ער האָט פאַרשטאַנען אירע שטימונגען און איר אנטוישונג — געווים האָט זי נישט געפונען קיין גליק אין דאָזיקן שידוך, געווים האָט זי נישט וועגן אַזאַ מאַן געחלומט אין אירע מיידישע חלומות. שימשל האָט דאָס אַלץ פאַרשטאַנען און האָט זיך באַמיט צו פאַרנעמען וואָס ווייניקער אָרט אין איר לעבן. ס׳האָט אַזוי אויסגעזען, ווי ער וואָלט זיך געפילט שולדיק, וואָס דווקא אים האָט דער גורל צוזאַמענגעפּאָרט מיט דער שיינער טאָכטער פון ר׳ אליעזר מאַנדלבוים.

בלימעלע האָט געזוכט אין האַרץ אַ סיבה, צו קאָנען אים פיינט האָבן, זי האָט ג ע וו אָ ל ט אים פיינט האָבן, האַסן אים. אָבער זי האָט די דאָזיקע סיבה נישט געפונען. פיינט האָבן די נאַכט ווייל זי איז שוואַרץ? פיינט האָבן דעם טאָג דערפאַר ווייל ער איז נעפּלדיק? די וועלט

איז נישט קיין פורים=באַל. נישט יעדער קאָן זיין גליקלעך. מען דאַרף אָנ=דרייען די זייגערס, זיי זאָלן זיך באַוועגן, זיי זאָלן ווייזן די מינוטן און שעהן, זיי זאָלן אויסקלינגען די פּאַרבייגייענדיקע צייט. אָבער מען דאַרף נישט פאַרלאַנגען צו פיל, טראַכט בלימעלע, מען דאַרף נישט פרעגן, וואָס עס טראַכטן די זייגערס, מען דאַרף נישט פרעגן וואָס פאַר א צוועק זיי האָבן און וואָס פאַר אַ צוועק עס האָט דאָס גאַנצע לעבן.

פרייטיק פאַרנאַכט האָט שימשל אויפגערוימט זיין אַרבעטס=טיש, באַהאַלטן די זייגערלעך און די קליינינקע טרייבלעך און שרייפעלעך, פאַר=מאַכט דאָס קרעמל און אין דער שבתדיקער בעקעשע געגאַנגען אין בית מדרש אַריין.

אַזוי איז געווען יעדן פרייטיק. ווען עס פלעגט זיך פאַרמאַכן די טיר נאָך דעם אַרויסגייענדיקן מאַן און ווען זיינע דריבנע טריט האָבן זיך דערווייטערט, איז בלימעלע געווען גליקלעך, אַזוי גליקלעך, ווי זי וואָלט א גאַנצע וואָך וועגן קיין שום אַנדערער זאַך נישט געטראַכט, נאָר וועגן דער דאָזיקער שעה פון איינזאַמקייט.

זי איז צוגעגאַנגען צום שפיגל און באַטראַכט דאָס אייגענע געזיכט — אָפט פלעגט זי עס טאָן אין די לעצטע צייטן, און נישט געזוכט האָט זי אין שפיגל די אייגענע שיינקייט, ניין, עפּעס אַנדערש האָט זי דאָ גע=וואָלט געפינען: די ענלעכקייט צו דער אייגענער מוטער. ווען זי האָט צום ערשטן מאָל פעסטגעשטעלט, אַז זייט אַ געוויסער צייט ווערט די דאָזיקע ענלעכקייט אַלץ אויסדריקלעכער, האָט זי דערביי דערפילט א מאָדנע פאַרגעניגן. פון וואָס האָט זיך די דאָזיקע ענלעכקייט גענומען? בלויז אַ ביאָלאָגישע ירושה איז עס געווען? אפשר האָט דאָ געהאַט עפּעס צו זאָגן די ענלעכקייט פון זייערע גורלות? אפשר האָט אויך שרה מאַנדל=בוים געהאַט הינטער זיך די זעלבע יוגנט, ווי איר טאָכטער בלימעלע? אָבער וועגן עבר פון דער מוטער ווייסט בלימעלע גאָרנישט. פונקט ווי שרה מאַנדלבוים וואָלט בכלל קיין עבר נישט געהאַט. צי איז זי אַמאָל געווען יונג? צי האָט זי וועמען געליבט? צי איז זי געווען געליבט און גליקלעך?

די יונגע פרוי פון שימשל זייגערמאַכער איז נישט איבערגעצייגט, צי גליק און ליבע זענען צומיטלעך פאַר יעדן בשר=ודם. וויאַזוי דאַרף דער מענטש לעבן — פרעגט זיך דעם זייגערמאַכערס ווייב — און וואָס פאַרא שטייגער דאַרף מען דורכגיין דורך דער וועלט?

און זי ענטפֿערט זיך אַליין: מען האַרף זיך קאָנען אָפּזאָגן פֿון דעם, וואָס איז נישט צוטריטלעך. מען דאַרף נישט האָבן קיין פֿאַרלאַנגען, מען דאַרף אויף גאָרנישט וואַרטן, מען דאַרף זיין ווי א שטיין, ווי דער רעגן. ווי א טרוקענער בוים. מען דאַרף לעבן אַזוי ווי שרה מאַנדלבוים. אַזוי ווי עס האָט געלעבט קיווע דערעש.

אָט אַזוי האָט געטראַכט בלימעלע מאַנדלבוים אין יענעם אָוונט, ווען אינדרויסן, אויף די טרעפּלעך ביי דער טיר האָבן זיך דערהערט עמעצנס טריט. און נאָך איידער די טיר האָט זיך געעפֿנט, האָט זי די דאָזיקע טריט דערקענט און זי האָט שוין געוווּסט, ווער עס קומט אָן — נישט לויט דעם הילוך האָט זי דערקענט, נאָר לויט יענעם ווונדערבאַרן חוש, מיט וועלכן מענטשן דערקענען זיך, מיט וועלכן מענטשן פֿילן זיך פֿונ־דערווייטן, נאָך איידער זיי הערן זיך און זעען זיך — מענטשן, וועלכע זע־נען פֿאַרבונדן מיט שטאַרקע ליידנשאַפֿטן און געפֿילן — מיט ליבע אָדער מיט האַס, מיט בענקשאַפֿט אָדער מיט עקל.

דיאָגיזי פּאָפּאָוויטש איז געשטאַנען אויף דער שוועל, ער האָט גע־שוויגן, נישט געקאָנט אַרויסבאַקומען פֿון האַלדז קיין וואָרט, אַזוי איז ער געווען גערירט. ביידע האָבן געקוקט אויף זיך שווייגנדיק. דיאָגיזי האָט געטראַכט: אויב זי הערשט איבער זיך, אויב זי הערשט איבער אירע געפֿילן, מוז אויך ער הערשן איבער זיך. און אָט דער דאָזיקער געדאַנק האָט אים געהאָלפֿן באַהערשן זיך און נישט זיין סענטימענטאַל.

ער האָט פֿאַרמאַכט הינטער זיך די טיר און איז צו איר צוגעגאַנגען גאַנץ נאָענט, אַזוי נאָענט, אז ער האָט דערפֿילט דעם אָטעם אירן און דעם גערוך פֿון איר לייב.

בלימעלע האָט זיך נישט גערירט פֿון אָרט, זי האָט זיך נישט אָפּגע־רוקט פֿון אים און נישט געפּרוווט אַנטלויפֿן. זי האָט אים אָבער נישט באַגריסט, נישט מיט קיין איינציק וואָרט און נישט מיט קיין שמייכל. און ער, וואָס ער האָט זי זייט פֿיל וואָכן נישט געזען, ער האָט צוערשט נישט געוווּסט, צי איר שווייגן איז א סימן פֿון פֿרעמדקייט, צי עס איז אַן אויסערלעכע פּאָזע, אַ מאַסקע.

דאָס האַרץ פֿון דיאָגיזי פּאָפּאָוויטש איז איצט געווען ווי אַן אָנגע־פֿילטער בעכער מיט ווייַן, א בעכער, צו וועלכן עמעץ האָט צוגעשיט סם. א בעכער פֿול מיט פֿאַרביטערונג און פֿול מיט ליידנשאַפֿט.

די שטאָט און די רעאַלע וועלט זענען פּלוצים אַוועקגעשווומען פֿון

אים ווי א שלעכטער חלום, פאַרבליבן איז בלויז די פלאַמענדיקע ליבע, בלויז די ליבשאַפט זיינע צו בלימעלען איז געווען רעאַל — עס האָט זיך אים געדאַכט, אז ער הערט דאָס קלאַפּן פון בלימעלעס האַרץ, אָבער דאָס איז געווען זיין אייגן האַרץ.

ער האָט זי גענומען אויף די הענט, ער האָט זי אויפגעהויבן לייכט, אַזוי ווי מען הייבט אויף אַ קינד. זי האָט זיך נישט געוועהרט, זי איז נישט אימשטאַנד געווען אנטקעגנצושטעלן זיך זיין ווילן. ווייל אויך פאַר איר איז עס געווען אַ נס, אויף וועלכן זי האָט לאַנג געוואַרט.

מיט אַ גילדענער שיין האָבן געלויכטן די שבתדיקע ליכט און די מלכה שבת האָט פאַרדעקט איר געטלעך געזיכט, ווען עס איז געשען דאָס, וואָס עס האָט געמוזט געשען: מלאכים האָבן געוויינט, דער שטן האָט גע־לאַכט, און נישט איין פרומער ייד האָט זיך געקראַצט אין קאָפּ, ליגנדיק אין זיין קבר, ווען די טאָכטער פון ר׳ אליעזר מאַנדלבוים האָט געזינדיקט מיט אַן ערל.

בלימע מאַנדלבוים האָט געזען איבער זיך דאָס געשטופּלטע און שיינע געזיכט פון איר געליבטן. און עטוואָס ווייטער, הינטער דעם גע־זיכט און געשטאַלט פון דיאַניזי פּאָפּאָוויטש האָט זי פּלוצים דערזען די זון און דעם בלויען הימל, אייביקער זומער האָט געהערשט אין יענעם לאַנד, וואָס זי האָט פּלוצים דערזען אין איר דמיון, אייביקע פרייד, און אַ ליד האָט זי געהערט זינגען, וואָס ענלעך איז עס געווען צו שיר השירים, זי האָט געהערט דאָס זינגען מיט די אויערן פון איר נשמה, און זי האָט געטראַכט, אַז עס איז גוט צו לעבן, פּרעכטיק איז דאָס לעבן אַפילו דעמלט, ווען די מענטשלעכע פרייד דויערט נישט מער ווי איין קורציגקע ווײַלע צווישן דורשט און פאַרלאַנג, צווישן גליק און אומגליק.

און דערנאָך, דערנאָך זענען זיי ביידע ניכטער געוואָרן. ער האָט זיך אויפגעוועקט דער ערשטער, ער האָט דער ערשטער דערפילט יענעם טיפן אומעט, וואָס יעדעס לעבעדיק באַשעפעניש פילט, ווען די כוואַליע פון לייד־שאַפט און ליבע גייט פאַרביי און עס פאַרבלייבט די איינזאַמקייט.

ער האָט אָפּגעווענדט דעם בליק פון איר פּנים. אויף דער וואַנט, אין שיין פון די שבתדיקע ליכט האָט ער דערזען צוויי שאָטנס — זיין אייגע־נעם שאָטן און דעם שאָטן פון דער פרוי. ביידע האָבן זיך אים אויסגע־וויזן פרעמד.

און ווען ער האָט ווידער אַ קוק געגעבן אויף בלימעלען, האָט ער זי

דערזען אַז אָרעמע און פֿאַרלוירענע צווישן צוויי וועלטן. וועלכע וועלט איז איר אייגענע וועלט? ער האָט דערפֿילט אַ גרויס רחמנות אויף בלי־מעלען און אויך אויף זיך אַליין.

אין דער ארומיקער שטילקייט האָבן זיך ווידער געלאָזט הערן די קלאַנגען פֿון עטלעכע זייגערס, וועלכע האָבן גענומען אויפֿקלינגען די שעה. און ס׳האָט אויך געלאָזט זיך הערן דאָס וואָיען פֿון ווינט אינדרויסן און די טריט פֿון מענטשן, וועלכע זענען געלאָפֿן פֿון בית־מדרש צו דער שבתדיקער סעודה.

דיאָגיזי איז שווייגנדיק צוגעגאַנגען צו דער טיר. נאָך איין מאָל האָט ער זיך אומגעקערט, געוואָלט מיט אַ שמייכל אָפּדאַנקען איר פֿאַר אַלץ, וואָס איז צווישן זיי פֿאָרגעקומען, פֿאַר איר ליבע און פֿאַר די לײַדן, פֿאַר דער דערוואַרטונג און פֿאַר דער האָפֿענונג, פֿאַר דער בענקשאַפֿט און אויך פֿאַר דעם, וואָס איז דאָ היינט צווישן זיי פֿאָרגעקומען.

בלימעלע איז געשטאַנען ביים שפּיגל און האָט זיך פֿאַרראַכטן דאָס שייטל. זי האָט נישט געקוקט אויף דיאָגיזין. זי האָט געוווסט, אַז דאָס, וואָס איז דאָ אָקאָרשט פֿאָרגעקומען, וועט זיך שוין קיינמאָל נישט אי־בערחזרן.

קאַפּיטל 22

שרה מאַנדלבוים האָט אַ גאַנצן טאָג געטאָן דאָס זעלבע, וואָס זי פֿלעגט טאָן אין אַלע וואָכעדיקע טעג פֿון איר אַרבעטזאַם לעבן. זי האָט געראַמט און געוואַשן און צוגעגרייט די מאָלצייטן פֿאַר איר מאַן. זי האָט זיך נישט געקלאָגט, אַז זי איז מיד אָדער קראַנק. אפשר האָט זי געוווסט, אַז קיינער נעמט זיך נישט איבער מיט איר גורל, נישט מיט איר מידקייט און נישט מיט איר געזונט. קיינער פֿון צווישן די פֿרעמדע און קיינער פֿון די אייגענע. איבעריקנס: שרה מאַנדלבוים איז געווען אַ קלוגע יידענע, זי האָט געוווסט, אַז קלאָגן זיך אויף דעם אייגענעם לעבן איז פּונקט אַזוי ווירקזאַם, ווי זינגען אַ ליד פֿאַר אַ טויבן.

אויפֿדערנאַכט האָט זי אָפּגעוואַרט ביז ר׳ אליעזר וועט קומען פֿון בית־מדרש, און ווען ער איז געקומען, האָט זי אים געגעבן וועטשערע און זי איז געזעסן לעבן אים ווען ער האָט מליאַסקנדיק און מיט אַפּעטיט געגעסן זיין באַליבט מאכל — קאַרטאָפֿל־זופּ מיט אַ שמעקעוודיקן איינברען.

און עס איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז קוקנדיק אויף אים, האָט זי דעמלט געטראַכט, ווי זייער נישט געלונגען עס איז געווען איר לעבן און ווי ווייניק זי האָט אויף דער דאָזיקער וועלט אויפגעטאָן: דורך אַזויפיל יאָרן האָט זי אַפילו נישט באַוויזן אויסצופּלערגן דעם אייגענעם מאַן שיין עסן, אַזוי ווי עס עסן אַלע גוט דערצויגענע מענטשן אויף דער וועלט.

ר׳ אליעזר האָט געזעטיקט דעם הונגער, מיט דער האַנטפלאַך האָט ער אָפּגעווישט די ליפּן און די פייכטע קיסרשע באָרד. שרה האָט אים דערלאַנגט וואַסער צו די הענט. דרימלענדיק האָט ער געבענטשט נאָך דעם עסן, געדאַנקט גאָט פאַר דער געליבטער זופּ מיטן איינברען.

שרה האָט אָפּגעוואַשן דאָס געשיר, אַריינגעגאַנגען אין אלקער, געלייגט זיך אויפן בעט און געשטאָרבן.

וויפל מענטשן ס׳זענען געווען אין שטעטל, זענען אַלע נאָכגעגאַנגען נאָך שרהס לוויה.

דאָס הייליקע אָרט איז געלעגן הינטער דער שטאָט אויף אַ בערגל, דער וועג איז געווען אַ בלאָטיקער און גליטשיק איז געווען, ווי געוויינלעך ערבּ־פרילינג. אויף די פעלדער איז נאָך געלעגן דער שניי, לאַטעס שניי זענען עס געווען ערטערווייז, שמוציקער גרויער שניי, אויף וועלכן עס האָבן ארומגעשפּאַצירט ברוגזע וואָרנעס. מינוטנווייז פלעגט זיך באַווייזן די זון און דעמלט האָט זיך געפילט, אַז דער ווינט, וואָס בלאָזט גלייך אין פּנים אַריין, איז שוין אַ פרילינגדיקער ווינט, אַז אַפילו די כלבים פון שכנות־דיקן דאָרף בילן שוין היינט פרילינגדיק, פרייליכער ווי אין ווינטער. ערטערווייז האָט זיך די ערד געריררט, קרעטעס האָבן צו ויסן געטאָן וועגן דעם אָנקומענדיקן פרילינג. עמעץ האָט געזאָגט, אַז מען האָט שוין געזען הייזיאָר ווייסע און געלע בלומען, אָבער דאָס איז געווען אַ ליגנט, דער אַלטער ייד מיט רויטע קאַפּרעווע אויגן, וועלכער האָט מכלומרשט געזען די דאָזיקע בלומען, האָט מסתמא אויסגעמישט די יוצרות, די בלומען האָט ער געזען פאַראַיאָרן, הייזיאָר איז נאָך קיין בלומען נישט געווען.

דער עולם האָט זיך גערוקט פאָרויס, די מענער האָבן זיך געטוישט ביי דער מטה, וואָסאַמאָל האָבן אַנדערע אונטערגערוקט דעם אַקסל. ווייבער דאַקעגן האָבן געוויינט און אויסגערעכנט די מעלות פון דער פאַר־שטאָרבענער.

בעטלערס האָבן איינגעריסן וועלטן, די שטאָט האָט געשמט אויף דער וועלט מיט איר גרויסער צאָל שנאָרערס, אין אַלע שטעט פון פוילן

און אויך כמעט אין אַלע שטעט פון דער וועלט האָט מען תמיד געקאָנט טרעפן עטלעכע שנאָרערס אָדער מינדעסטנס איין שנאָרער פון אונדזער שטעטל.

און איצט האָבן זיי זיך אַרומגעפּאָרעט צווישן עולם, מיט אָפענע פאַרפרוירענע הענט, אין וועלכע עס האָבן געקלינגען די מטבעות. דער טאָג פון דער לוויה איז אויך געווען ז יי ע ר טאָג. דאָס איז געווען דער טאָג פון דער ערנסטער וואָרענונג: צדקה תציל ממות. יעדער שמייכל פון אַן אָרעמאַן איז אויסן געווען צו זאָגן: עד, איר לעבעדיקע, אַ רוח אין אייער טאַטנס טאַטן אַריין, איר שטאָלצע און זאַטע, אַ כאָליערע זאָל וואָס שנעלער אַרויסרייסן די פאַרשטינקענע געדערים פון אייך, קרענקען זאָלט איר, זאָלן די לייז אויסזייגן אייער בלוט צוזאַמען מיט אייער קמצ־נות, אַלע וועט איר דאַרפן אין אַ געווויסן טאָג אויסגרון, אַלע וועט איר גיין דאָרטן, ווו עס גייט הייגט שרה מאַנדלבוים, אַזאַ צדקות געווען, גיט, מענטשן, אַ נדבה, אפשר וועט אייך אַמאָל דער דאָזיקער גראָשן צונוצ־קומען אויף יענער וועלט, איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר — גיט אַ נדבה, א נדבה!

האָט מען געגעבן נדבות, יעדער האָט זיך געוואָלט איינקויפן פאַר א גראָשן עולם הבא, פאַר אַ גראָשן ניצול ווערן פון טויט. און מיט דעם דאָ־זיקן גראָשן האָט מען גלייכצייטיק אָפגעגעבן כבוד דער פאַרשטאָרבענער.

און אויך דער משוגענער מאָקס איז ארומגעלאָפן מיט א בלעכענער פושקע און געריסן שטיקער, מען זאָל אים געבן אויף מאיר'ל בעל הנס.

אויפן בית־עולם האָט שוין הערש־לייב דאָבקיעס פאַרענדיקט די אַרבעט ביים אויסגראָבן די קרקע. ווייסע נישט געהובלעוועטע ברעטער האָבן געשמעקט מיט סאָסנע־זאַפט. די ווייבער און די ייִדן פון דער חברא קדישה האָבן זיך גענומען פאָרען ביים מת. דער עולם האָט גע־זאָגט ויהי נועם.

און דעמלט איז געשען דאָס, פאַר וואָס א סך מענטשן האָבן דאָ מורא געהאַט, און קודם כל האָט דערפאַר מורא געהאַט ר' אליעזר מאַנדל־בוים. עס האָט אויך פאַר דער דאָזיקער מינוט מורא געהאַט מענדל מאַנדלבוים, דער זון פון דער פאַרשטאָרבענער. יעדער איינציקער פון אומרו צוליב דער זעלבער סיבה, נאָר אויף אַן אַנדערן אופן.

דאָס לייב פון דער פאַרשטאָרבענער איז שוין געלעגן אין קבר, עס איז געווען שטיל, אַזוי שטיל, אַז מען האָט געהערט נישט מער, ווי דעם

שווערן אָטעם פון פאַרמאַטערטן באַגרעבער, וועלכער האָט מיטן אַרבל פון העמד געווישט דעם שווייס פון שטערן.

מענדל מאַנדלבוים איז געשטאַנען מיט אן אראָפּגעלאָזטן קאָפּ, ער האָט געהאַט היץ און נישט געקאָנט באַהערשן דאָס ציטערן אין גאַנצן לייב. ער האָט געפילט אויף זיך די נייגעריקע בליקן פון די מענטשן און אויך דעם פאָטערס דערוואַרטנדיקן בליק און ער האָט זיך געפילט זייער איינזאַם, זייער אַליין אנטקעגן דער גאַנצער שטאָט, און דער פּחד פאַר דער דאָזיקער מינוט, וועלכע דערנעענטערט זיך, איז געווען אַזוי גרויס, אַז זי האָט אין אים פאַרטויבט דעם גאַנצן ווייטיק פון דער מוטערס טויט.

ער האָט געזוכט לעבן זיך רעגינען, געוואָלט זי זאָל דאָ זיין, איר אָנוועזנהייט וואָלט אים אפשר געהאָלפן; אָבער רעגינען האָט ער נישט געזען, ווייל זי איז געשטאַנען הינטער דעם קרייז פון זיין בליק.

איז מענדל געווען אַליין צווישן פרעמדע, ווייל אין דער דאָזיקער מי־נוט זענען אַלע געווען פאַר אים פרעמד, אַלע זענען געווען פאַר אים כמעט שונאים, אַלע האָבן פון אים דערוואַרט ער זאָל טאָן דאָס, וואָס ער האָט נישט געוואָלט טאָן און נישט געקאָנט טאָן — ווייל אין לעבן פון יעדן מענטש פּאַסירן דאָך אַזעלכע זאַכן, אַז מען קאָן עפּעס נישט טאָן, כאָטש די גאַנצע וועלט וויל עס נישט פאַרשטיין.

ר' אליעזר מאַנדלבוים איז צוגעגאַנגען צום זון און אַוועקגעלייגט די האַנט אויף זיין אַקסל.

— קדיש...— האָט ער געזאָגט שטיל, אָבער באַפעלעריש — זאָג קדיש.

און ערשט איצט ווען ער האָט אַרויסגעזאָגט די דאָזיקע ווערטער, האָט ר' אליעזר מאַנדלבוים זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון, וועמען ער האָט פאַר־לוירן. צום ערשטן מאָל אין לעבן האָט ער זיך דערפילט אַלט און איינזאַם. אַ פאַרשפּילטער מענטש איז ער איצט געווען, און זיין רו און דער גאַנצער כבוד זיינער איז איצט אָפּהענגיק געווען פון די עטלעכע ווערטער, וועלכע מענדל וועט איצט זאָגן. אויב דאָס הארץ פון זון וועט אָבער נישט ווייך ווערן, וועט שרהס נשמה קיינמאָל נישט געפינען קיין רו אויף יענער וועלט און דאָס הארץ פון ר' אליעזר מאַנדלבוים וועט אויף אייביק פאַר־שעמט זיין אויף ד ע ר וועלט.

און ר' אליעזר מאַנדלבוים האָט זיך צעוויינט.

מענדל מאַנדלבוים האָט דערפילט אַ גרויס רחמנות אויף דעם אַלטן

פֿאָטער זיינעם. ניין, האָט געטראַכט דער זון, אליעזר מאַנדלבוים איז נישט קיין מענטש אָן אַ האַרץ — קיין שום מאַנדלבוים איז נישט אָן אַ האַרץ, די מאַנדלבוימס זענען בלויז געטריי זייערע אידעאַלן, און די האָזיקע עקשנותדיקע געטריישאַפֿט שאַפֿט דעם איינדרוק פֿון האַרצלאָזי־קייט. אליעזר מאַנדלבוים האָט זיך זיין דרכים און זיין אני מאמין, און מענדל האָט אויך זיין אייגן גלויבן — ביידע, דער פֿאָטער און דער זון, דינען צו אַנדערע געטער, ביידע ווילן נישט אַוועק פֿון זייערע גלויבנס. אַ מענטש דאַרף ווייסן, וואָס ער פֿאַרלאַנגט, אַ מענטש דאַרף ווייסן וווהין ער גייט און אין וואָס ער גלייבט.

— מיין קינד — דערמאָנט אים ווידער דער פֿאָטער — זאָג קדיש. דיין מאַמע וואַרט אויף דעם קדיש.

דער זון האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן. אין דער טיפֿעניש פֿון קבר איז דאָס געזיכט פֿון דער מוטער געוועזן כמעט לויטער.

לעאָן האזענגאַנג איז צוגעגאַנגען צו מענדלען און אָנגענומען אים ביי דער האַנט.

— טו עס — האָט ער שטיל געזאָגט — רעגינע בעט דיך, זאָלסט זאָגן קדיש. זיי נישט אַזוי איינגעשפּאַרט.

מענדל האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ: ניין, ער וועט נישט זאָגן קיין קדיש.

ר' אליעזר מאַנדלבוים האָט זיך אָנגעבויגן איבערן קבר:

— יתגדל ויתקדש שמי רבא...

דער זון האָט נישט דערפֿילט דעם פֿאָטערס בקשה. דער זון האָט נישט אָפּגעגעבן כבוד דער פֿאַרשטאָרבענער מוטער. דער זון, וואָס גלייבט נישט אין גאָט. דער זון, וואָס איז אַ כופֿר בעיקר.

פֿון בית־עולם איז מענדל געגאַנגען אַליין. אַליין אנטקעגן גאָט און אנטקעגן דער גאַנצער וועלט.

אַפֿילו רעגינע איז נישט געווען לעבן אים.

קאַפּיטל 28

זיבן מעת לעת האָט אליעזר מאַנדלבוים נישט פֿאַרלאָזט די שטוב. ער איז געזעסן אויף אַ קליין בענקעלע און האָט געזאָגט תהילים אָדער ער איז געלעגן אייפֿן בעט אין דער בעקעשע און אין די שטיבלעטן און האָט געדרימלט.

אינדערפרי און פאַרנאַכט פלעגן צו אים אריינקומען באַלעבאַטים צום מנין.

מענדל איז געווען אויסער דער היים און זיין נאָמען האָט דאָ קיינער נישט דערמאָנט, פונקט ווי מען דערמאָנט נישט וועגן אַ תליה־שטריק אין שטוב פון אַ געהאָנגענעם.

ר' אליעזר האָט נישט געגעסן און נישט געטרונקען, ער האָט זיך אויפגעהערט צו וואַשן, און ווען מען האָט צו אים גערעדט, האָט ער נישט געענטפערט.

גוטע פריינד האָבן געפרווט אים אריינציען אין די וועלטלעכע עני־נים — ער האָט געהאָרכט מיט איין אויער, אָבער קיין אינטערעס האָט ביי אים קיין שום זאַך נישט אַרויסגערופן.

מען האָט צו אים גערעדט וועגן פּאָליטיק, עמעץ האָט געבראַכט אַ ידיעה, אַז אין וואַרשע איז שוין באַשטעטיקט געוואָרן אַ נייער רב פאַרן שטעטל. ער איז נאָך נישט געקומען, אָבער ער איז שוין באַשטעטיקט, דאָס מיניסטעריום האָט אים באַשטעטיקט, מען האָט גאָר ביי דער קהילה קיין דעה נישט געפרעגט. קיין גרויסער למדן איז ער נישט, דער נייער רב, אַ רוסיש־פּוילישער איז ער, פונקט ווי אַלע רוסיש־פּוילישע. מען זאָגט, אַז די רביצין פאָרט אַרום אין זאַקאָפּאַנע אויף נאַרטעס, זי טראָגט אַ קאַפעליוש אָנשטאָט אַ שטערן־טיכל — נו, וואָס דאַרף מען מער? ווייַ איז צו אַזאַ וועלט, אויף וועלכער אַ רביצין פאָרט אויף נאַרטעס און טראָגט אַ קאַפעליוש אָנשטאָט אַ שייטל. אַזאַ וועלט איז נישט מער ווערט, ווי נאָר זי זאָל איינגעזונקען און אויסגעברענט ווערן, ווי די שטאָט סדום.

ר' אליעזר האָט געהאָרכט און געטראַכט האָט ער דערביי נישט וועגן רב פון רוסיש־פּוילן, געטראַכט האָט ער וועגן זיך אַליין. ער איז געווען אַן אַלטער מענטש, וואָס האָט זיך אויפגעכאַפּט אין מיטן נאַכט פון אַ לאַנגן שלאָף. ער האָט שוין נישט געהאַט קיין פרוי. דער זון האָט אים פאַרלאָזט און איז אַוועק פון שטוב, און די טאָכטער — יאָ, די טאָכ־טער, בלימעלע איז טאַקע אהיימגעקומען, בכדי צוזאַמען מיטן פאָטער באַוויינען דער מומערס טויט.

— טאָכטער — האָט ער צו איר געזאָגט אין דריטן טאָג פון דער שבעה, ווען זיי זענען געווען אַליין אין צימער — וואָס איז פון אונדז געבליבן? וואָס איז געשען מיט אונדזער היים?

און ווען זי האָט אים נישט געענטפערט, ווייל וואָס איז דאָ געווען צו ענטפערן, האָט ער ווייטער געצויגן מיט ווייטיק און חרטה:

— דאָס האָב איך אומגליקלעך געמאַכט דיין לעבן. מיט די אייגענע הענט האָב איך עס געטאָן, און דערפאַר האָט מיך גאָט באַשטראָפט און איך וועל איצט בלייבן איינער אַליין אין די דאָזיקע פיר ווענט. אויך אין דער שעה פון שטאַרבן וועל איך זיין אַליין און עס וועט מיר אַפילו נישט האָבן ווער די אויגן צו פאַרמאַכן.

— אין שעה פון שטאַרבן איז יעדער מענטש איינזאַם — האָט קאַלט געזאָגט די טאָכטער. — די מאַמע איז אויך געווען אַליין.

— איך האָב שווער געזינדיקט — האָט געזאָגט ר' אליעזר — איך האָב געזינדיקט קעגן דיר און קעגן דיין מאַמען. איצט וועל איך נעמען א שטעקן אין דער האַנט אריין און מיט א בעטלער-זאַק אויף דער פלייצע וועל איך גיין ווו די אויגן וועלן טראָגן.

און ער האָט זיך צעוויינט.

קוקנדיק אויף זיין אומבאַהאָלפנקייט, האָט בלימעלע דערפילט, אַז אין אָט דער רגע פון שוואַכקייט איז ער איר זייער נאָענט און טייער.

— וועסט נישט זיין אַליין, טאַטע — האָט זי געזאָגט און מיטאַמאָל האָט זי זיך דערשראָקן פאַר דעם אייגענעם באַשלוס, וועלכער איז אין דער דאָזיקער רגע רייף געוואָרן. — וועסט נישט זיין אַליין, מיר וועלן זיין צוזאַמען. איך וועל בלייבן ביי דיר.

ער האָט אויפגעהויבן אויף איר די פאַרוויינטע אויגן.

— ביי מיר? ניין. דיין אָרט איז לעבן דיין מאַן.

און פּלוצים האָט ער זיך צעלאַכט מיט אַ ביטער געלעכטער פון א מענטש, וועלכער לאַכט אויס זיך אַליין, אויס זיך און זיין אייגן אומגליק.

— כ'האָב דאָך דיר געגעבן א מאַן! — האָט ער גענומען שרייען — און אפשר האָסטו גאָר וועגן אַן אַנדערן בן-מלך געחלומט, מיין שיינע טאָכטער. די טאָכטער פון ר' אליעזר מאַנדלבוים, זאָג! האַ?

— באַרויאיק זיך — האָט זי גענומען גלעטן זיין גרויען קאָפּ — דאָ וועל איך בלייבן. די משפּחה מאַנדלבוים וועט נאָך נישט אונטערגיין. נאָך נישט איצט.

זי איז געבליבן און מער האָבן זיי וועגן דעם נישט גערעדט.

ווען ס'זענען פאַרביי די טעג פון שבעה, האָט בלימעלע איבערגענומען

דיווירטשאַפט, זי האָט איבערגענומען די באַלעבאַטישקייט און האָט איצט געטאָן דאָס אַלץ, וואָס עס פלעגט שטענדיק טאָן די מוטער.

ר׳ אליעזר פלעגט ווידער לויפן בעלות השחר אין בית־מדרש אַריין, בכדי צו דערכאַפּן ס׳האַרץ מיט אַ בלאַט גמרא. ער האָט ווידער געפירט דעם אייביקן ויכוח וועגן שמיר, וואָס האָט געשטויסן אַ קו, אָדער וועגן יענעם באַרימטן אייעלע, וואָס איז געבוירן געוואָרן שבת, און פרומע יידן וויסן ביז היינט נישט, צי דאָס דאָזיקע אייעלע מעג מען עסן, צי מען טאָר עס נישט עסן.

ר׳ אַליעזר האָט ווידער געהאַט אַ פול מויל מיט תורה, אָבער וועך עס האָט אים געקענט פריער, זינט לאַנגע יאָרן, דער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ און געהאַלטן, אַז דאָס איז שוין נישט דאָס, דאָס איז שוין נישט דער זעלבער רב אליעזר וואָס אַמאָל.

איינמאָל האָט בלימעלע באַגעגנט דעם ברודער. ער איז געווען אין דער געזעלשאַפט פון דער שטאָלצער רעגינע האזענגאַנג. קוקנדיק אויף זיי, האָט בלימעלע דערפילט אַ ווייטיק אין האַרץ, זי איז געווען אייפער־זיכטיק: רעגינע איז געווען גליקלעך, רעגינע האָט געהאַט איר ליבע, איר ראָמאַן, און אויך מענדל האָט געהאַט זיין ראָמאַן, און קיינער האָט זיי נישט געשטערט, זייער ליבע איז נישט געווען פאַרבאָטן, זיי איז דאָס גליק דערלויבט געוואָרן.

רעגינע האָט צו איר אויסגעצויגן די האַנט און זי באַגריסט מיט אַ שמייכל. אָבער בלימעלע האָט זיך דאָך נישט געלאָזט פאַנגען אויף דעם דאָזיקן שמייכל, בלימעלע האָט נאָך דערוויל נישט געהאַט קיין צוטרוי צו דער שיינער טאָכטער פון שניט־סוחר.

רעגינע האַזענגאַנג האָט זיך באַמיט צו געפעלן בלימעלען. זי האָט זיך באַצויגן צו איר מיט וואַרעמקייט און מיט טאַקטפולער באַשיידנקייט. און די דאָזיקע באַשיידנקייט האָט טאַקע געווירקט. רעגינע איז איר געפאַלן.

— איך בין צוריק ביים טאַטן — האָט געזאָגט בלימעלע — איך מיין, אַז דו וואָלסט אויך געקאָנט אהיימקומען.

— דו מיינסט — האָט זיך צעלאַכט מענדל — און וואָס מיינט אונ־דזער טאַטע? וואָס מיינט ר׳ אליעזר מאַנדלבוים?

— פאָלג מיך און קום אהיים — האָט געזאָגט די שוועסטער.

— זי ווייסט, וואָס זי זאָגט — האָט זיך אָנגערופֿן רעגינע — מענטש האָבן צוטרוי צו דיין איינציקער שוועסטער.

און מענדל האָט געהאַט צוטרוי צו זיין שוועסטער. ער איז אַהיימ־געקומען איינאָוונט און האָט געטראָפֿן דעם פֿאָטער ביים טיש. דער אַלטער תּלמיד־חכם איז געזעסן אַ פֿאַרטראַכטער און האָט געפֿויקט מיט די פֿינגער. זייערע בליקן האָבן זיך אויף א ווײַלע באַגעגנט, דער פֿאָטער האָט געשוויגן, אָבער ער איז געווען צופֿרידן, אפֿשר איז ער געווען גליק־לעך, ווידער האָבנדיק ביידע קינדער אונטער דעם היימישן דאַך.

אין איינעם א פֿרימאָרגן איז אריינגעקומען שימשל, בלימעלעס מאַן. זי האָט אים מכבד געווען מיט פֿרישטיק און געוואַרט, ביז ער וועט אַרויס־ברענגען די סיבה פֿון זיין באַזוך.

— בלימעלע — האָט ער ענדלעך געזאָגט, און זיין בלאַס און דאַר געזיכט איז געווען פֿאַרזאָרגט און אומעטיק — ביי מיר אין שטוב איז פּוסט אָן דיר. פּוסט און קאַלט.

— שימשל — האָט געענטפֿערט זיין פֿרוי — איך קאָן דיר גאָרנישט העלפֿן. איין מענטש קאָן זייער ווייניק אויפֿטאָן פֿאַר דעם צווייטן.

— איין מענטש קאָן דעם צווייטן מענטשן צונייגן א שטיק הימל און עפֿענען די טויערן פֿון גן־עדן. אָבער איך בין, זעט אויס, נישט ווערט געווען אַזאַ גליק. איך וויל שוין גאָרנישט. כ'וויל נאָר, דו זאָלסט זיין גליקלעך.

— כ'וועל זיך אריינכאַפּן, שימשל, און אויפֿרוימען אין דער דירה. אויב דו ווילסט, קאָן איך קומען מאָרגן אינדערפֿרי. כ'וועל אויסוואַשן די וועש.

— מען דאַרף נישט — האָט געזאָגט דער זייגערמאַכער — איך פֿאָר אַוועק. כ'וועל דיר איבערלאָזן מיין אַדרעס. א מענטש ווייסט קיינמאָל נישט, וואָס עס קאָן מיט אים פּאַסירן. אפֿשר וועסטו עפּעס דאַרפֿן, בלי־מעלע, וועסטו מיך דאַרט געפֿינען.

ער האָט אַוועקגעלייגט אויפֿן טיש א שטיקל פּאַפּיר מיטן אַדרעס. און ווען ער האָט זיך אָפּגעזעגנט און איז אַרויס פֿון דער שטוב, האָט בלי־מעלע גענומען דאָס שטיקל פּאַפּיר און געוואָלט עס באַהאַלטן. אונטערן פּאַפּיר זענען געלעגן עטלעכע באַנקנאָטן און א שנורל פּערל מיט דער בראָש, וואָס בלימעלע האָט באַקומען דרשה־געשאַנק פֿון שימשלס פֿאָטער.

אין א וואָך אַרום האָט שימשל פאַרלאָזט דאָס שטעטל. ער איז אַרויסגעפאָרן ביינאַכט. קיינער האָט אים נישט באַגלייט, קיינער האָט זיך מיט אים נישט געזעגנט.

און קיינער האָט אַפילו נישט באַמערקט, אַז ער איז אַרויסגעפאָרן.

קאַפּיטל 24

לעאָן האזענגאַנג האָט באַנקראָטירט. וואָס הייסט באַנקראָטירט? ווו זענען לעאָן האזענגאַנגס מיליאָנען? אפשר האָט ער זיי פארשיכורט? אין קאָרטן פאַרשפּילט? דורכגעלאָזט מיט זינדיקע נקבות? ניין. לעאָן האַזענגאַנג איז קיינמאָל נישט געווען קיין שיכור און נישט קיין קאָרטנ־שפּילער. מיט נקבות האָט ער אויך נישט געהאַט צו טאָן. און אפשר האָט ער די מיליאָנען אויפגעפרעסן? דאָס איז שוין גיכער מעגלעך.

עמעץ האָט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט אַמאָל געזען וויאַזוי לעאָן האָט געגעסן פרישטיק. עס איז געווען נישט שבת און נישט יום־טוב, נאָר א גאַנץ פּשוטער וואָכעדיקער דאָנערשטיק, און לעאָן האזענגאַנג האָט געגעסן נישט סתם אַן אָנבייסן, ווי עס עסט יעדער געוויינלעכער בשר־ודם. דאָס, וואָס ער האָט געגעסן, איז געווען אַ קיסרישע סעודה. ער האָט אויפגעגעסן פיר געפּרעגלטע אייער אין א ים פון פּוטער, צוגעביסן מיט פרישע זעמעלעך און צוגעטרינקען ווייסע שמעקעוודיקע קאַווע — א מענטש, וואָס פרעסט אויף פיר אייער צום פרישטיק, קאָן נישט זיין קיין ערלעכער מאַן.

די געשעעניש האָט אַרויסגערופן הייסע וויכוחים.

— לעאָן האזענגאַנג א גנב? לעאָן האָט ביי קיינעם גאָרנישט אַוועק־געגנבעט. ער האָט באַנקראָטירט.

— א שיינער חילוק... נישט דערמאָרדעט, נאָר דערהרגעט. איך זע האָ נישט קיין שום אונטערשיד.

— עס איז פאַראַן אַ גרויסער אונטערשיד.

— ניין.

— יאָ!

— ניין!

מענטשן האָבן געקרעכצט, מענטשן האָבן געוויינט און האָבן זיך איבערגעגעבן די טרויעריקע ידיעה וועגן שניט־סוחר. און דאָס, וואָס מען

האָט וועגן אים גערעדט, און אויך דער טאָן, מיט וועלכן מען האָט גערעדט, האָט געקלונגען אַזוי, ווי עס וואָלט אין יענע צייטן געקאָנט קלינגען א ידיעה וועגן אן עהדציטערניש אין קאַלאַמיי, וועגן א נייעם פּאָגראָם אין קישעניעוו אָדער וועגן אן אויסברוך פון מלחמה אין אייראָפּע.

וואָלט עס באַנקראָטירט אַן אַנדערער ייִד, וואָלט די איבערראַשונג נישט געווען אַזוי גרויס. אָבער צו דער פירמע „ל. האזענגאַנג“ האָט מען געהאַט אַזאַ צוטרוי, ווי צום סאַמע רבוני־של־עולם.

צו האזענגאַנגען האָבן אַלטע ייִדענעס אַריינגעטראָגן זייערע אָפּגעשפּאָרטע גראָשנס אויף תכריכים אָדער אויף א מצבה. יתומות, דינסט־מיידן אָדער מיידלעך, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט שניידעריי, האָבן אין לעאָנס געשעפט אריינגעלייגט אַלץ, וואָס זיי האָבן אָפּגעשפּאָרט פון מויל — זיי האָבן געהאָפט, אַז נאָך אַ פּאָר יאָר וועלן זיי האָבן א נדן. לאַנג פלעגן זיי שפּאָרן די גראָשנס און יעדן חודש אַריינטראָגן צו לעאָן האזענגאַנג. דער נדן איז פּאַוואָליע געוואָקסן, אָבער ווען ער איז שוין געווען גענוג גרויס צו קאָנען טאָן א שידוך, דעמלט זענען שוין די מיידלעך געווען אַלט און גרוי, זיי האָבן שוין באַקומען קנייטשן אויפן פּנים און פאַרלוירן די ציין פון מויל, און קיין שום נדן האָט שוין דעמלט נישט געקאָנט צוציען וועלכן ס'איז לייטישן חתן.

דער סוביעקט און בוכהאַלטער גאַלעס, וועלכער איז געווען האזענגאַנגס רעכטע האַנט, האָט תמיד אויפגעקלערט, אַז אויב א מענטש קאָן אָפּשפּאָרן א פּאָר גילדן, איז בעסער ער זאָל זיי באַהאַלטן אין דער מלוכה־שער שפּאָר־קאַסע, דאָרט ווערן יעדעס יאָר צוגערעכנט פּראָצענטער און דאָס קאַפּיטאַל פאַרגרעסערט זיך. אָבער די ווייבער האָבן בעסער געוווּסט: די מלוכהשע קאַסע קאָן פאַרברענט ווערן, די מלוכהשע קאַסע קאָן דער קאַסירער* באַרויבן, אָבער דאָס שניט־געשעפט פון לעאָן האזענגאַנג איז ווי אַ פעסטונג, און זיין מיסטקאַסטן איז מער ווערט, ווי אונדזער אַלעמענס פאַרמעגן.

און אַזוי האָט זיך געפירט זייט פיל יאָרן. ערשט מיט א פּאָר חדשים צוריק איז האזענגאַנג געפאַלן אויף א המצאה און האָט באַפוילן גאַלעסן, ער זאָל אַלע ווייבערישע געלטער פאַרשרייבן אין אַ בוך און יעדעס יאָר אויסצאָלן פונקט אַזעלכע פּראָצענטער, ווי עס ווערן צוגערעכנט אין דער מלוכהשער באַנק.

און איצט איז די פעסטונג געפאַלן.

לעאָן האזענגאַנג איז געזעסן אין שטוב ביי אַ פאַרמאַכטער טיר, ער האָט נישט געגעסן און נישט געטרונקען און אַפילו נישט געקעמט זיין שיין צוגעשוירן בערדל. מיט קיינעם האָט ער נישט געוואָלט רעדן, כאָטש אַ סך מענטשן זענען געשטאַנען ביי דער טיר און געקלאַפּט מיט די פויסטן און אויסגעריסן זיך די האָר פון קאָפּ און געוואָלט אים זאָגן, דעם דאָזיקן נידערטרעכטיקן אָנזעצער, געוואָלט אים זאָגן דאָס, אויף וואָס ער האָט זיך פאַרדינט.

לעאָן האזענגאַנג האָט זיך נישט געקאָנט קיין אָרט געפינען אין דער אייגענער שטוב און אַרויסגיין פון דער שטוב האָט ער אויך נישט געקאָנט, אַרויסגיין פון דער שטוב האָט ער מורא געהאַט. ער איז געווען אומגליקלעך און פאַרלוירן. די געביידע, וואָס ער האָט זיין גאַנץ לעבן געבויט, איז מיט איין מאָל הרוב געוואָרן. און אונטער די חורבות איז געלעגן די צוקונפט פון זיין טאָכטער רעגינע און אויך די צוקונפט פון פיל אַנדערע טעכטער, פון אָרעמע מיידלעך, וואָס זייערע נדנים זענען צונישט געוואָרן. אונטער די חורבות זענען געלעגן די תכריכים און די שטיינערנע מצבות פון די אַלטע פרומע ווייבער, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין צוטרוי צו באַנק פּאָלסקי, נאָר דווקא צו האזענגאַנגס קאַסע.

אָן אויפהער האָט ווער געקלאַפּט אין דער פאַרשלאָסענער טיר. איינע זענען אַוועקגעגאַנגען, אַנדערע זענען געקומען — רעגינע האָט געהערט זייערע געשרייען און ס׳האַרץ האָט אין איר געגליווערט פאַר שרעק. קיינער איז נישט געקומען ברענגען איר פאָטער א וואָרט פון טרייסט, יעדער איז געקומען דראָען, יעדער האָט געבראַכט געוויין און זידלערייען. ווו איז אַהינגעקומען די אָנערקענונג פאַר לעאָן האזענגאַנג, ווו איז אַהינגעקומען דער כבוד פאַר דעם דאָזיקן גוטן מענטש, וואָס האָט שטענדיק געהאַט אַן אָפן אויער פאַר מענטשלעכע ליידן און אַן אָפענע האַנט פאַר מענטשלעכער אָרעמקייט?

ווי אַ שלעכטער גייסט, האָט זיך געיאַוועט ברוך קאַטאָליק, דער באַרימטער שדכן; אַרום אים האָט זיך געטראָגן דער געשטאַנק פון חשתנה און פון שמעק־טאַבאַק. רעגינע האָט אים אריינגעלאָזט, ווייל ער האָט פאַרזיכערט, אַז ער קומט נישט מאָנען קיין געלט, ער וויל זיך בלויז זען מיטן הער האזענגאַנג, ווייל ער איז זיין פריינד און האָט פאַר אים א גוטע בשורה, אַ הילף אין דער עת צרה.

— הער האזענגאַנג! — האָט געזאָגט דער שדכן — נאָר איין גאָט

אין הימל קאָן איך העלפֿן אין אייערע געשעפֿטן. און אוי מענטש אויף דער ערד, איין מענטש אויף דער גאַנצער וועלט קאָן אייך העלפֿן, און דער דאָזיקער מענטש שטייט איצט פֿאַר אייך, דער דאָזיקער מענטש האָט שוין נישט איינעם געהאָלפֿן און נישט איינעם געראַטעוועט דאָס לעבן. דער דאָזיקער מענטש שטייט פֿאַר אייך, פֿאַניע האזענגאַנג, דאָס בין איך דער דאָזיקער מענטש, ברוך קאַטאָליק. דאָס בין איך געקומען אייך זאָגן, איר זאָלט אייך נישט זאָרגן, מיר וועלן שוין אַלץ דורכפֿירן ווי עס האַרף זיין. אז איך בין דאָ, דאַרפֿט איר זיך שוין וועגן קיין שום זאַך נישט זאָרגן.

לעאָן האזענגאַנג האָט געקוקט אין די רויטע קראַנקע אויגן פֿון אַלטן ייד און האָט נאָך דערווייל גאָרנישט פֿאַרשטאַנען.

— מיר וועלן מיט גאָטס הילף התונה מאַכן אייער טאָכטער, מיר וועלן אויסזוכן א גוטן שידוך און פּטור ווערן פֿון אַלע צרות.

ר' ברוך האָט זיך פֿריינדלעך צעלאַכט צו לעאָנס טאָכטער. דעם שוואַרצן פֿאַראַסאָל האָט ער אַוועקגעלייגט אויפֿן טיש און צוגערוקט צו זיך א בענקל, געוואָלט זיך אַוועקזעצן.

— ר' ברוך — האָט געזאָגט דער אָנזעצער — אין לעבן פֿון יעדן מענטש זענען פֿאַראַן חלומות, גוטע און שלעכטע חלומות. איר, ר' ברוך, זענט אַ שלעכטער חלום, וואָס וועט באַלד נעלם ווערן.

— פֿאַניע האזענגאַנג — האָט געזאָגט דער אַלטער ייד — איך בין געקומען, בכדי צו ברענגען פֿאַר אייער טאָכטער דאָס גרויסע געווינס.

— רעגינע! — האָט אויסגעשריגן האזענגאַנג — וואַרף אים אַרויס פֿון שטוב! גיכער, איך וויל אים דאָ נישט זען!

רעגינע האָט אָנגענומען דעם פֿאַרשעמטן אַלטן ייד ביי דער האַנט און האָט אים אַרויסגעפֿירט פֿון צימער. זי איז ווידער געווען שטאָלץ פֿון איר פֿאָטער.

און דערווייל איז דאָס געוועלב געווען פֿאַרמאַכט, דער בלעכערנער שילד מיט האזענגאַנגס נאָמען איז געלעגן אין דער בלאָטע. אינעווייניק, ביי די פֿאַרמאַכטע טירן, האָט דער בוכהאַלטער גאַלעס געהאַט פֿולע הענט מיט אַרבעט, און פֿון די שווערע ענינים האָט זיך אים דער קאָפּ געדרייט ווי א מילשטיין.

זענען געקומען די געריכט-אָנגעשטעלטע מיטן קאָמאָרניק, האָט זיך גאַלעס געקריגט מיטן קאָמאָרניק. איז געקומען אַ פֿאָרשטייער פֿון דעם

לאָדזשער פאַבריקאַנט, ביי וועלכן האַזענגאַנג פלעגט האַנדלען, האָט אים גאַלעם געמוזט ווייזן די ביכער. געקומען זענען צענדליקער מענטשן, כלה־מיידלעך און זקנות, טייכן טרערן האָבן זיך געגאָסן, און דער בוכהאַלטער גאַלעם האָט יעדן באַזונדער געטרייסט, יעדן איינציקן באַזונדער האָט ער פאַרזיכערט, אַז לעאָן האַזענגאַנג וועט קיינעם נישט שולדיק בלייבן, יעדנפאַלס זיי — די אָרעמע יתומות און די אַלטע ווייבער וועלן קיין איינציקן גראָשן נישט פאַרלירן, זאָל נאָר די שלעכטע צייט פאַרבייגיין, דאָס וועט לאַנג נישט דויערן, די וועלט גייט נאָך נישט אונטער, לעאָן האַזענגאַנג וועט ווידער זיין לעאָן האַזענגאַנג.

דער פראָקורענט פון דער לאָדזשער פאַבריק איז געווען א ספּעציאַליסט פון אַזעלכע ספראַוועס, א זאכקענער פון באַנקראָטירטע סוחרים איז ער געווען. ער האָט געוווסט, אַז באַנקראָטירן איז פונקט אַזוי ווי פאַרלירן א שלאַכט, ווי פאַרלירן א מלחמה. אַרמייען פאַלן, אימפעריעס גייען אונטער, אָבער לעבן דאַרף מען ווייטער, לעבן מוז מען ווייטער, און אויב מען וויל מיט א געפאַלענער נקבה האָבן אַ פאַרגעניגן, מוז מען איר צוערשט געבן די האַנט און העלפן אויפשטיין פון דער בלאָטע.

דער פאָרשטייער פון דער פאַבריק האָט צוגעזאָגט ווייטער צו געבן קרעדיט, מיט דעם באַדינג, אַז האַזענגאַנג וועט מיט דער צייט אָפּצאָלן אַ העלפט פון חוב. כאָטש גאַלעם האָט נישט געהאַט קיין פולמאַכטן פון זיין באַלעבאָס, אָבער ער האָט נישט געוואָלט געבן מער ווי א פערטל. דער פאָרשטייער פון דער פאַבריק איז געווען ווייך ווי פוטער. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז אויב ער וועט נישט נעמען אַ פערטל, וועט ער פאַרלירן אַלץ.

גאַלעם און יענער פון לאָדזש האָבן לאַנג געהשבונט און געשריבן, און ווידער אָנגעהויבן אַלץ אויפסניי — זיי האָבן געפירט א הייסן וויכוח וועגן געלטער, וואָס האָבן נישט געהערט צו זיי. וועגן געלטער, וואָס האָבן אין דער דאָזיקער רגע בכלל נישט עקזיסטירט.

ווען זיי זענען שוין געווען פאַרטיק מיט די אונטערהאַנדלונגען, האָט דער פאָרשטייער פון דער לאָדזשער פאַבריק אויפגעקלערט דעם קאָמפּליצירטן מעכאַניזם פון היינטצייטיקן מסחר. לעאָן האַזענגאַנג האָט באַנקראָטירט, אָבער נישט לעאָן איז שולדיק. שולדיק איז דער סיסטעם. האַזענגאַנג האָט געהאַנדלט מיט ראַפּאָפּאָרטן, ראַפּאָפּאָרט האָט געהאַנדלט

מיט מאָשקאָוויטשן. אַלע דריי זייער ווילע ייִדן. מאָשקאָוויטש האָט גע־האַנדלט אויף דער בערזע און האָט אַלץ פאַרלוירן, ווייל אין דרום־אַפ־ריקע איז היי־יאָר געווען א רעגנדיק וועטער, גרויסע גערעטעניש פון ביינוול זענען דאָרט געווען, די פרייזן זענען געפאַלן, דעריבער איז געקו־מען צו אַ קראַך. און לעאָן האַזענגאַנג? ווער איז ער? ווער קען אים? ווער האָט וועגן אים געהערט? לעאָן האַזענגאַנג איז נישט מער ווי אַ קליין רינגעלע, אַ קליין שרייפעלע אין גרויסן סיסטעם פון וועלט־מסחר. נישט האַזענגאַנג האָט באַנקראָטירט און נישט ראַפּאָפּאָרט. באַנקראָ־טירט האָט דער סיסטעם, און דעריבער מוזן מיר ראַטעווען אַלע באַנק־ראָטירטע סוחרים. מען טאָר נישט דערלאָזן, זיי זאָלן אומקומען, ווייל ווען זיי וועלן אומקומען, וועט אונטערגיין דער גאַנצער סיסטעם.

דער בוכהאַלטער גאַלעס האָט באַשטעלט א נייעם שילד מיט דעם נאָמען פון רעגינע האַזענגאַנג.

און אָט אויף אַזאַ אופן איז אין משך פון א קורצער צייט צו־נישט געוואָרן דער גוטער שם וועגן לעאָן האַזענגאַנג. ער האָט אויפגעהערט צו זיין אַ נגיד און א וואַזשנע פערזאָן אין שטאָט. אין זיין שרייבטישל איז געלעגן אַ גאַנצער פּאַקעט בערזע־פּאַפּירן, מיט וועלכע ער האָט געוואָלט רייך ווערן. פּאַפּירן, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין שום ווערט.

רעגינע האָט שווער געליטן צוליב דעם פאָטערס מפּלה. זי האָט זיך געשעמט צו גיין דורך דער שטאָט מיט אַ געהויבענעם קאָפּ. זי האָט מורא געהאַט פאַר מענטשלעכן האַס, כאָטש נישט אין זיך און נישט אין די שלימות־מזלדיקע געשעפטן פון איר פאָטער האָט זי קיין שלעכטן ווילן פון דער משפחה האַזענגאַנג נישט געפונען.

באַלד האָבן ווידער אָנגעהויבן צו קומען פון דער פאַבריק גאַנצע קאַסטנס מיט סחורה. ווידער האָבן קונים יעדן טאָג באַזוכט דאָס גע־שעפט, און לעאָן האַזענגאַנג איז ווידער געזעסן ביי זיין שרייבטיש און געלייענט דעם „נאַש פשעגלאָנד“, נאָר זיין פּנים איז עטוואָס אומעטיקער געווען ווי פריער, און אפשר האָט ער איצט געהאַט א ביסל מער גרויע האָר אויפן קאָפּ.

און דער בוכהאַלטער גאַלעס האָט איראָניש געשמייכלט, ווען דער באַלעבאָס האָט אים מיט טרערן אין די אויגן געדאַנקט פאַר דער הילף און פאַר דער פריינדלעכקייט אין יענע שווערע טעג, ווען עס האָט זיך געדאַכט, אַז די שיף גייט שוין אונטער. דער בוכהאַלטער גאַלעס האָט

איראָניש געשמייכלט, ווייל נישט פאַר לעאָן האַזענגאַנג האָט ער געוואָלט אײנגעמען וועלטן, נאָר פאַר זיין שיינער טאָכטער, און וועלכער ער איז געווען שטיל און געטריי פאַרליבט, און די גאַנצע וועלט האָט וועגן דער דאָזיקער ליבע נישט געוווּסט, ווייל דאָס איז געווען דער גרויסער לעבנס־סוד פון דעם בוכהאַלטער.

אין דער דאָזיקער שווערער צייט האָט מענדל קוים צוויי מאָל באַזוכט רעגינען, כאָטש זי האָט אויף אים געוואַרט יעדן טאָג, יעדן אָוונט. זי האָט געהאַט דאָס רעכט צו ריכטן זיך, צו דערוואַרטן, אַז ער וועט קומען און זאָגן איר אַ גוט וואָרט, אַז ער וועט פּרוּוון באַווייזן איר, אַז זי איז נישט איינזאַם אין דער צייט פון אומגליק. אָבער ער איז געקומען ערשט דעמאָלט, ווען עס איז שוין געווען נאָך אַלעמען. זעט אויס, אַז ער האָט נישט געהאַט קיין צייט פריער צו קומען, קיין צייט אָדער קיין גוטן ווילן, און ווען ער איז שוין יאָ אין אַ מזלדיקער שעה געקומען, האָט ער רעגינען אַנטוישט. וועגן דעם, וואָס זי האָט דאָ צוזאַמען מיטן פאָטער דורכגעמאַכט, האָט מענדל אַפילו נישט דערמאָנט, עס האָט אים בכלל נישט אינטערעסירט, עס איז אים געווען גלייכגילטיק. ער האָט זיך אָוועקגעזעצט לייענען אַ צייטונג, פּונקט ווי ער וואָלט נישט געקאָנט לייענען די זעלבע צייטונג אין אַן אַנדערער צייט און אויף אַן אַנדער אָרט.

און ווען זי אַליין האָט אָנגעהויבן צו רעדן וועגן דעם פאָטערס אינטערעסן, ווייל זי האָט געמוזט וועגן דעם רעדן, זי האָט זיך געמוזט אָפּרעדן פון האַרץ די גאַנצע פאַרביטערונג — האָט מענדל געזאָגט, אַז דאָס איז אַ פּשוטע זאַך, אַזוי גייט אונטער נאָך איין געזעלשאַפטלעכע פאַרמאַציע, אַזוי גייט אונטער דאָס רייכע קליינבירגערטום.

רעגינע איז געווען איבערראַשט פון דעם דאָזיקן ענטפער. מער האָט ער איר גאָרנישט געהאַט וואָס צו זאָגן?

און דערנאָך, אין עטלעכע טעג אַרום, איז מענדל ווידער געקומען, גראָד איז דעמאָלט געווען אין דער היים רעגינעס ברודער, דער סטודענט פון קראָקע. אין אוניווערסיטעט האָט מען זיך ווידער געשלאָגן און דער יונגער האַזענגאַנג האָט מיטגעבראַכט באַווייזן פון די דאָזיקע קאַמפן — אַ געשוואָלן אויג, אַ געשוואָלן אונטערגעהאַקט אויג, וואָס האָט געהאַט אַלע קאָלירן פון רעגנבויגן.

לעאָן האַזענגאַנג האָט געקוקט אויף דעם צעבלוטיקטן פּנים פון זון און ס׳האַרץ האָט אין אים געווייטיקט.

— מיר דאַכט זיך, מײַן זון — האָט ער געזאָגט — מיר דאַכט זיך, אַז דאָס מאָל װעלן מיר מאַכן אַ סוף צו דײַנע אוניװערסיטעטן.

דער זון האָט געשװיגן.

— נעם זיך נישט איבער — האָט אים געטרייסט דער פֿאָטער — עפּעס װעלן מיר צוטראַכטן, װאָס װײַטער צו טאָן. דערװײַל רו זיך אָפּ און לאָז דיר װױל גײן. איך האָב נישט מער װי אײַך, אײן זון און אײן טאָכטער.

געקומען איז מענדל, און רעגינע האָט זיך געפּאָרעט אינמיטן צװישן זײ, צװישן דעם ברודער און צװישן דעם חתן. זי האָט געװאָלט, זײ זאָלן זיך באַפֿרײַנדן און דערנענטערן. אָבער דער סטודענט פֿון קראָקע האָט קרום געקוקט אויף דעם קלײנשטעטלדיקן יונגן מענטש, ער האָט אים געמאָסטן מיט שטאָלצע און גאָר נישט פֿרײַנדלעכע בליקן, און עס האָט זיך מענדלען געדאַכט, אַז דער יונגער האַזענגאַנג װינטשט זיך נישט צו פֿאַרברענגען דעם אָװנט מיט אים.

דער קעגנזײַטיקער אומחן צװישן די צװײ יונגעלײַט האָט זיך איבערגעטראָגן אויף דעם מײדל. מענדל האָט אַ טראַכט געטאָן, אַז אײגנטלעך איז ער דאָ אַ פֿרעמדער, װעמען זוכט ער דאָ, אין דער קלײנבירגערלעכער נעסט? ער האָט זיך קיל אָפּגעזעגנט און איז אַרױס פֿון צימער.

אין רעגינען האָט זיך באַלד דערװעקט דער פֿאָרגעפֿיל פֿון צעשײדונג. און זי האָט טאַקע נישט געהאַט קײן טעות. מענדל האָט אויפֿגעהערט צו באַזוכן די װוינונג אויפֿן צװײטן שטאָק. רעגינע פֿלעגט אומזיסט װאַרטן אויף אים יעדן טאָג, יעדן אָװנט. װידער איז זי געװען אומגליקלעך, אָבער די שטאָלצקײט און דער אײגענער כּבֿוד האָבן איר נישט דערלויבט צו גײן אים אַנטקעגן, צו זוכן אים ערגעץ אין דעם יידישן געסל, װוּ ער האָט געאַרבעט צי װוּ ער האָט געװוינט.

רעגינעס ברודער איז, פֿאַרשטײט זיך, געבליבן אין שטעטל. ער האָט דאָ געלעבט אויף אַ מאָדנע שטײגער. נישט געלײענט קײן ביכער און אַפֿילו נישט קײן צײַטונגען. ער האָט אויסגעמיטן צו באַגעגענען מענטשן, נישט גערעדט מיט קײנעם, ער האָט געשװיגן. גאַנצע טעג פֿלעגט ער אָפּזיצן אין שטוב. ער האָט געגעסן אַ סך, ער האָט ליב געהאַט גוט צו עסן און אַ סך צו שלאָפֿן. פּונקט װי עס װאָלט שוין פֿאַר אים מער קײן שום זאַך נישט פֿאַרבליבן.

קאַפּיטל 25

זיין היים־שטאָט האָט וואָלאָדיאַ פּאָליאַנסקי קיינמאָל נישט ליב געהאַט. אָבער צוממערסטן האָט ער זי געהאַסט פּרייטיקצונאַכטס.

וואָלאָדיאַ איז אין דאָזיקן שטעטל קיינמאָל נישט געווען גליקלעך, אָבער פּרייטיקצונאַכטס זענען זיינע לײדן געווען באַזונדערס טיף.

ווייל פּרייטיקצונאַכטס האָט דאָס שטעטל געהערט נישט צו מענטשן, נאָר צו גאָט, און דערצו נאָך נישט צום רוסישן גאָט, נאָר צום יידישן.

פּרייטיקצונאַכטס איז דאָס גאַנצע שטעטל געווען פאַרנומען מיט גאָט, און דער באַרימטער רעסטאָראַן פון הערשעלע־רעב־עליעס איי־ניקלעך איז געווען פאַרמאַכט אויף זיבן שלעסער. אַ גלעזל בראָנפן האָט מען נאָך געקאָנט באַקומען אין דאַמפּס קאַפע־הויז, אָבער דאָרט איז וואָלאָדיאַ נישט גערן אריינגעקומען, צופיל באַקאַנטע האָט ער דאָרט גע־קאָנט באַגעגענען פון צווישן דעם פאָטערס פריינד, צופיל באַקאַנטע דאַ־מען זענען דאָרט געזעסן און געטריבן רכילות.

וואָלאָדיאַ פּאָליאַנסקי, דער זון פון רוסישן גלח, איז געגאַנגען מיט די שטילע פּוסטע געסלעך, טײלמאָל האָט ער זיך ערגעצוו פאַרהאַלטן, אריינגעקוקט אין די געל־באַלויכטענע יידישע פענצטער און האָט דאָרט געזען גאָלדענע חלות אויף די טישן, שבת־ליכט אין מעשענע לייכטערס, ווייבער אין צוגעקעמטע פּאַריקן און אין ריינע פאַרטעכער האָבן זיך גע־שאָקלט איבער דיקע סידורים, און אין וואָלאָדיעס נאָזלעכער האָט גע־שלאָגן דער איידעלער גערוך פון הינער־יויך מיט לאָקשן און פון יידי־שע פיש.

וואָלאָדיאַ האָט זיך דערמאָנט אין זיין אייגענער פרוי, וועלכע האָט אים פאַרלאָזט און צוריקגעגאַנגען אויף דעם יידישן צמענטער. ער האָט זי נאָך היינט ליב געהאַט, ער האָט זי געליבט און געהאַסט גלייכצייטיק, די דאָזיקע וווּנדערבאַרע זשידאָווקע, וואָס ערשט נישט לאַנג פלעגט ער אין איין טאָג פאַר איר קניען, און צומאָרגנס פלעגט ער זי שלאָגן מיט אַ בייטש און מיט אַ זעלנערשן רימען.

וואָלאָדיאַ פּאָליאַנסקי האָט געליטן און לײדנדיק איז ער געגאַנגען אין דער פינצטערער נאַכט. געמאַטערט האָט אים אַ שרעקלעכער דורשט און אין זיין אָרעם האַרץ האָבן זיך געראָיעט סטראָפן פון לידער, פון

לידער און פּאָעמעס־וואונדערלעכע, וואָס ער האָט נאָך פאַר זיי קיין פּאַסיקע ווערטער נישט געפונען, ווייל א צו גרויסער מהלך, אַ צו גרויסער אונ־טערשיד איז געווען צווישן זיין נשמה, וועלכע האָט שטענדיק געבושעוועט ווי דער ים הגדול בשעת א שטורעם, און צווישן די ווערטער, וועלכע זע־נען געווען פּשוט און האַרט ווי שטיינער און שווער ווי בליי.

וואָלאָדיעס האַרץ איז געווען אָנגעפילט מיט דיכטונג, ווי א שבתדיקע קישקע פון טשאָלנט איז אָנגעפּילט מיט מעל און מיט גריוון. און דאָך האָט וואָלאָדיאַ נישט געשריבן קיין לידער, ער האָט געלעבט אין א וועלט פון אַבסאָלוטער פּאָעזיע, וועלכע האָט נישט קיין ווערטער און וועלכע דאַרף גאָר נישט קיין ווערטער און נישט קיין רעאַלע פאָרמען.

זעקס הדשים און זיבן טעג האָט ער געלעבט מיט זיין יידיש ווייב, און דעמלט איז זי געווען פאַר אים די ריינסטע דיכטונג. זי האָט געהייסן יוכבד און ביים שמד האָט מען איר אַ נאָמען געגעבן מאַריאַ. זיי זע־נען צוערשט געווען זייער גליקלעך, שפּעטער איז צווישן זיי עפּעס קאַליע געוואָרן, פון דער ראָמאַנטישער ליבע איז פאַרבליבן בלויז אַ דערמאָנונג.

דער ריינסטער גייסט פון דער דערהויבנסטער דיכטונג פלעגט זיך פאַר דעם באַגייסטערטן בליק פון גלחם זון אנטפּלעקן בלויז אין דער פליאשקע מיט בראָנפן. ווען וואָלאָדיע איז געווען שיכור, פלעגט זיך דאָס שטעטל שטעלן אויפן קאָפּ, נסים פלעגן געשען אין יעדן ווינקעלע, גאַנצע כמאַרעס שמעטערלינגען און מלאכים האָבן אַרומגעשוועבט איבער די געסלעך און געזונגען שענער ווי דער כאָר פון די גריכיש־קאַטוילישע מייד־לעך אין דער צערקווע פון זיין פאָטער.

און פיל שענער פון אַלע מלאכים איז געווען מאַריאַ, די פרוי זיינע, די אויסגעלאַסענע און אומשולדיקע מאַריאַ, וואָס ער האָט נישט געקאָנט לעבן אָן איר און האָט נישט געקאָנט לעבן מיט איר.

ווען וואָלאָדיאַ איז געווען שיכור, איז זיין נשמה געווען צאַרט ווי א שמעקעוודיקע בלום, ווען ס׳פינקלט אויף איר דער טוי פון פרימאָרגן. ער איז געווען ווי דער ביבלישער דאָרן, וואָס ברענט און ברענט און קאָן נישט פאַרברענט ווערן.

אין דער לינקער לונג זיינער איז געווען אַן אָפענע וווּנד — וואָלאָ־דיאַ איז געווען קראַנק אויף אַן אָפּצערונג, אויף טובערקולאָז, און אויב ער האָט וועגן זיין גרויזאַמער קראַנקהייט געוואָלט פאַרגעסן אויף א שעה,

צווײ, האָט אים באַלד װעגן דעם דערמאָנט דער שרעקלעכער קאָפּ־װײטיק, און דעמלט איז גאָר אײן רפואה געװען: א גלעזל בראָנפֿן.

װאָס האָט װאָלאָדיאַ פּאָליאַנסקי געטאָן אין שטעטל? װעלכע בײז־װיליקע קראַפֿט האָט אים דאָ געהאַלטן? בײזע גײסטער, דערמאָנען האָבן געזשלאָקיעט דאָס פֿאַרסמטע בלוט פֿון זײן קראַנקן האַרץ. ייִדן האָבן אין אים נקמה געהאַט, װען די פּרוי איז פֿון אים אַנטלאָפֿן.

ער איז אַרומגעגאַנגען, אַרומגעבלאָנקעט זיך, אַ פֿאַרלוירענער, זעלטן װען א ניכטערער, געלײענט די אומעטיקע לידער פֿון באַדלער און רעמבאָ, געװײנט מיט ביטערע טרערן אויף די עלעגיעס פֿון ר. מ. רילקע און פֿון צײט צו צײט האָט ער געגומען פּאַקן זײנע רענצלעך און צו־גרײטן זיך צו דער װײטער רײזע, װײל מיט א גרויסער און געהײמער קראַפֿט האָט אים גערופֿן די גרויסע װעלט. װײטע שטעט האָבן אים גע־רופֿן, פּײזאַזשן אָריענטאַלע, אומבאַקאַנטע שײנע פֿרויען, װאָס האָבן זיך שטענדיק געפּלאָנטערט אין זײנע חלומות, ימען האָבן אים גערופֿן, בלויע ימען מיט גרינע בלומיקע אינדזלען אינמיטן.

אָבער די דאָזיקע רײזעס זענען קײנמאָל נישט מקוים געװאָרן, װײל שטענדיק איז צו דער צײט געקומען די מוטער, די שטאָלצע דאַמע, װאָס האָט געשטאַמט פֿון אַלטן קלײנרוסישן אדל, איר עלטער־עלטער־זײדע איז געװען א נאָענטער פֿרײנד פֿון רוסישן צאַר און פֿון טערקישן סולטאַן. און די שײנע ליכטיקע מוטער פֿון װאָלאָדיאַ פּאָליאַנסקי פֿלעגט נעמען אין אירע ברײטע אָרעמס דעם נישטגעלונגענעם זון און צודריקן אים צום האַרץ, און װאָלאָדיאַ פֿלעגט_אײנזאַפּן דעם פֿײנעם גערוך פֿון פּאַריזער פּאַרפֿום, מיט װעלכער די מוטער האָט געשמעקט װי אַ רויז. זי האָט גע־לאָזט דעם בן־יחיד זיך אויסװײנען, דעם דאָזיקן בן־יחיד, װאָס טײלמאָל איז ער ענלעך געװען צו א זשעני, און טײלמאָל צו אַן אידיאָט. דערנאָך האָט זי גערופֿן די דינסטמויד, די ראָזעװע און געשמאַקע מאַרושיע, און געהײסן איר אויספּאַקן די באַגאַזשן. די מוטער פֿלעגט אװעקשװימען צו אירע װעלטלעכע און געזעלשאַפֿטלעכע פֿליכטן אָדער צו אירע תּפֿילות, איבערלאָזנדיק דעם זון אונטער דער השגחה פֿון דער שײנער דינסט. ער איז געװען אין גוטע הענט, מאַרושיע האָט געטאָן אַלץ, װאָס זי האָט געקאָנט, אַלץ װאָס עס האָט פֿון איר פֿאַרלאַנגט דער משוגענער ליב־האָבער.

און דער פּאָטער? דער גלח פּאָליאַנסקי? דער גלח האָט געקוקט אויף

דער וועלט דורך די אויגנגלעזער פון זיין חכמה און פון זיין דערפאַרונג. ער האָט אַלץ געזען, אָבער קיין שום זאַך האָט אים נישט געקאָנט פאַרחידושן, קיין שום זאַך אין זיין אייגענער שטוב און קיין שום זאַך אויף דער גאָרער וועלט. קיינער האָט אים נישט געקאָנט אַרויסברענגען פון גלייכגעוויכט. ער איז געווען א רואיקער מענטש, געגלייבט אין גאָט אויף א פּראָפּעסיאָנעלן אופן, דאָס הייסט: נישט געווען צו פרום, געטאָן דאָס, וואָס זיין באַרוף האָט פון אים פאַרלאַנגט. צו מענטשן האָט ער זיך באַצויגן פריינדלעך, אָבער אָן גוזמא. ער האָט אויך ליב געהאַט זיין גאָרטן, דעם שיינעם סאָד ארום דער פּלעבאַניע; אין דאָזיקן סאָד האָט ער פאַרבראַכט אַ האַלב לעבן, שטענדיק געפלאַנצט און געפלעגט נייע מינים יונגע ביימלעך און באַדויערט, וואָס בלויז איין מאָל אין יאָר בליען די ביימער. און אַזוי, צווישן די אַלטע איקאָנעס פון די באַבערדלטע גריכיש-קאַטוילישע היילקע און צווישן די ברייטצווייגיקע עפּלביימער האָט געלעבט דער אַלטער פּאָליאַנסקי, וואָלאָדיעס פאָטער.

אין יענעם פּריימיקצונאַכטס איז וואָלאָדיע געגאַנגען דורך דער שטאָט איינזאַם ווי אַ יתום אין מדבר. זיינע שמאָלע פּלייצעס האָבן זיך געבויגן אונטער דער איינזאַמקייט, פּונקט ווי ער וואָלט געטראָגן א זאַק מיט פאַרזשאַווערט אייזן. טרערן, צווייַ הייסע ריטשקעלעך טרערן זענען געשוומען אויף זיינע באַקן און קיינער האָט די דאָזיקע טרערן נישט געזען, קיינער, אַחוץ דער לבנה, וועלכע איז געווען געל ווי זאַפראַן און קיילעכדיק ווי אַ פאַלשע מטבעה.

מינוטנווייז איז וואָלאָדיאַ געבליבן שטיין, אַריינגעקוקט דורך די פענצטער, געזען פנימער, וועלכע האָבן זיך אים אויסגעוויזן באַקאַנט, און אויך אַזעלכע, וואָס ער האָט זיי פריער קיינמאָל נישט געזען. יידן זענען געזעסן ביי געדעקטע טישן, געגעסן און געטרונקען און געזונגען זייערע אויסטערלישע געזאַנגען. משפחות גאַנצע זענען געזעסן אַרום די טישן, פנימער האָבן יום-טובדיק געשטראַלט, ווייל די יידן האָבן זיך מסתמא איינגערעדט, אַז ביי יעדן טיש נעמט אָנטייל אין דער דאָזיקער סעודה דער יידישער גאָט, ער זיצט צווישן זיי און עסט יידישע פיש און עסט יויך מיט לאָקשן און דערכאַפּט זיך דאָס האַרץ מיט א טרונק משקה.

אַזוי טראַכט וואָלאָדיאַ פּאָליאַנסקי און עס באַפאַלט אים פּלוצים אַ פחד, ווען ער דערקענט אין די פנימער סימנים פון גליק. יאָ, זיי זענען כמעט גליקלעך, זיי לעבן מיט איין פּוס אין שטעטל און מיט דעם צווייטן

שטייען זיי אויף דער שוועל פֿון גן־עדן, זיי גלייבן אין די אייביקע כּוחות, אויף וועלכע עס איז אָנגעשפּאַרט די וועלט. גאָט איז זייער גלויבן און זייער פֿעסטונג און עס דאַכט זיך זיי, אַז די וועלט איז דויערהאַפֿט און אייביק, און אַז אויך זייער אָרעמע עקזיסטענץ איז דויערהאַפֿט און אייביק אַזוי לאַנג, ווי עס פֿעלט נישט קיין פֿיש אויף שבת און קיין יויך מיט מאַקאַראָן.

וואָלאָדיע פּאָליאַנסקי שטייט אינמיטן דער נאַכט און אינמיטן פֿון שטעטל און ציטערט. אַן אויסטערלישער פּחד נעמט אים אַרום און עפֿנט אים ברייט די אויגן. ער זעט: די וועלט שטייט ביים ברעג פֿון אַן אָפּגרונט. קונצנמאַכערס פֿאַרווילן זיך, וואַרפֿן זיך אַרום מיט דעם ערד־קײַלעך אַזוי ווי מיט אַ באַלעם. משוגעים טאַנצן אויף אַ דראָט, וועלכער הענגט איבער אַ גיהנום. די וועלט, דאָס לעבן, דער הימל און די ערד — אַלץ איז אין דער גרעסטער סכּנה. און אין דער גרעסטער געפֿאַר זענען זיי דאָ, די ליבהאָבער פֿון כּשרע פֿיש, די קרובֿים פֿון יעזוס קריסטוס, די זין פֿון דעם אויסדערוויילטן פֿאָלק.

וואָלאָדיע ווייסט, וואָס עס דראָט זיי. דעם פֿאָטערס פֿרײַנד, וועלכע באַזוכן די פּלעבאַניע, די פּראָפּעסיאָנעלע קאָלעגן און פֿרײַנד פֿון דער משפּחה פּאָליאַנסקי האָבן שטענדיק פֿרישע און זיכערע ידיעות. דאָס זענען מענטשן, וואָס האָבן נאָך געקענט דעם אומפֿאַרגעסלעכן אַטאַמאַן פּעטלוראַ, איידער דער ייִד האָט אים דערשאָסן אויפֿן פּאַריזער בולוואַר. די דאָזיקע פֿרײַנד האָבן לאַנג געחלומט וועגן אַ גרויסער און פֿרייער אוקראַינע, און איצט, ווען אין דײַטשלאַנד האָט געזיגט דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם, האָבן זיי באַצייטנס אָנגעהויבן צו פֿירן אונטערהאַנדלונגען. זייערע מענטשן אין בערלין זענען געווען איבערצייגט, אַז פֿאַר דער אוקראַינער נאַציאָנאַלער באַוועגונג וועט זיך עפֿענען אַ גרויסע און וויכטיקע תּקופֿה מיט גרויסע מעגלעכקייטן. און זיי האָבן טאַקע נישט געהאַט קיין טעות. צווישן די אוקראַינישע פּאָליטיקער און צווישן דעם דריטן רייך איז באַלד געקומען צו אַ פֿאַרשטענדיקונג. אַדאָלף היטלער און זײַנע נאָענטע מיטאַרבעטער האָבן געזוכט שותּפֿים קעגן דער פּוילישער שטאַטס־פּאָליטיק. זיי האָבן געגעבן געהיימע, אָבער אָפֿיציעלע פֿאַרזיכערונגען און זיי האָבן, פֿאַרשטייט זיך, פֿאַרלאַנגט פֿאַרפּליכטונגען און מיטאַרבעט פֿון צווייטן צד. עס איז נישט געווען קיין שום וועזנטלעכע חילוקי־דעות און קיין שום אונטערשידן אין זייערע צילן. אַנדערש געזאָגט — זיי האָבן

געהאַט די זעלבע שונאים צו באַקעמפן. פּאָליאַקן און קודם כל יידן, דאָס פּוילישע יידנטום און אויך דאָס אינטערנאַציאָנאַלע יידנטום, דעם שורש פון קאָמוניזם.

זיי פלעגן קומען פון בערלין און פאַרהאַלטן זיך ביי דער מאַדאַם פּאָליאַנסקי, ביי וואָלאָדיעס מוטער — שלוחים פון פאַרשידענע שטעט אין גאַליציע, פאַרמיטלער און סתם געזעלשאַפטלעכע עסקנים און פלעגן מיט גרויס ענטוזיאַזם דערציילן וועגן דעם, וואָס קומט פאָר אין דייטשלאַנד — מאָרגן וועט דאָס זעלבע פאָרקומען דאָ, אין פוילן, אין דער „גאַליטשינאַ“, די מלחמה ווערט זאָרגעוודיק צוגעגרייט, די גרויסע צייט קומט אָן, די צייט פון העלדישקייט און רום.

וואָלאָדיאַ פּאָליאַנסקי, דער אינדיווידואַליסט און טרוימער, איז ווייט געווען פון פאַשיזם און ווייט פון נאַציאָנאַליזם, ער איז גיכער געווען א ליבעראַל, אַ וועלט-בירגער, און מעגלעך, אַז ווען ער וואָלט געלעבט אין אַנדערע צייטן, וואָלט ער גאָר געווען אַן אַנאַרכיסט.

דערווייל איז ער אָבער א דיכטער אָן לידער, אַ קיסר אָן אַ מלכות, און מינוטנווייז כאַפּט אים אָן ביי די גערעדעריס א מאָדנע בענקעניש צו זיין ווייב מאַריאַ, כאָטש נעם און קראַפּיר! זיין האַרץ איז פול מיט גוטע געפילן צו אַלע קרובים פון דעם גרעבערס טאָכטער. איר פאָלק איז אויך זיין פאָלק. וואָלאָדיאַ וויל דעם דאָזיקן יידישן פאָלק וואָרענען, אויפשטעלן אַלע יידן אויף די פיס און אויפעפענען זייערע אויגן, אַז זיי זאָלן דערזען: שלעכטע מענטשן האָבן אונטערגעלייגט אונטער זייער היים אַ פעסל מיט דינאַמיט, זיי דאַרפן דעריבער זיין וואַך, אויפהערן צו זינגען זייער מה-יפית, אויפשטיין אינמיטן דער נאַכט פון זייערע בעטן און שרייען אנטקעגן מענטשן און אנטקעגן גאָט, שרייען אנטקעגן דער וועלט, ווייל זיי זענען אין א געפאַר, שרייען, אפשר וועט ווער דערהערן!

וואָלאָדיאַ אָטעמט שווער, ער איז טיף גערירט פון זיין גוטן ווילן, פון זיינע געדאַנקען. ער איז איבערראַשט פון דער געפאַר, וואָס שטייט ביי די יידישע טירן. עס דאַכט זיך אים, אַז עס איז גענוג צו שרייען, עס דאַכט זיך אים, אַז אויב זיי וועלן אויפשטיין פון זייערע געדעקטע טישן און וועלן אַרויסגיין פון זייערע וואַרעמע שטובן און וועלן שרייען — וועט שוין זיין גענוג און דער פסק וועט פון זיי ווערן אָפגעקערט און די געשיכטע וועט ענדערן איר גאַנג.

וואָלאָדיאַ שטייט מיט אן אראָפגעלאָזטן קאָפ: ער ווייסט נישט צו

ווען זיי דאַרפֿן שרייען, ער ווייסט נישט ווער עס וועט זיי אויסהאָרכן אַזוי שפּעט אינאָוונט, דאָ, אַזוי ווייט פֿון דער וועלט, דאָ, אין דעם פֿאַרבישופֿטן און פֿאַרשאָלטענעם שטעטעלע, וואָס איז קליין ווי אַ גענעץ פֿון אַ ניי־געבוירענער מויז און גרויס ווי אַ נאַכטגעשיר פֿון אַ רייכן ייִד.

וואָלאָדיאַ האָט אַ גוטן ווילן. ער וויל זיין דאָס קול, וואָס וועקט, דער גלאָק, וואָס קלינגט, ווען עס ברעכט אויס אַ שׂרפֿה. עס ברויזט אין אים אַ ווילד משוגעת, פּונקט ווי דעמלט, ווען ער קושט די שיינע מאַרושיע אָדער ווען ער שלאָגט זי מיט אַ ווערבענעם קאַנטשיק.

ער בייגט זיך אַראָפּ און הייבט אויף פֿון דער ערד אַ שטיין, אַ סך שטיינער, ער פֿילט מיט זיי אָן די טאַשן פֿון מאַנטל און די הויזן־טאַשן, דערנאָך לאָזט ער זיך לויפֿן אינמיטן וועג און מיט אימפּעט זאַמאַכעוועט ער זיך און וואַרפֿט די שטיינער אין די פֿענצטער, אין די געל באַלויכטענע ייִדישע פֿענצטער, ער ברעכט די שויבן. אַזאַ איז זיין אַליאַרם, אַזאַ איז זיין וואָרענונג, זיין קול קורא במדבר. ער לויפֿט און הערט, ווי עס פּלאַצן די שויבן, גלאָז שיט זיך פֿון די פֿענצטער, מענטשן עפֿענען די טירן, מענטשן שרייען, מענטשן, וואָס פֿאַרשטייען גאָרנישט — מאָרגן וועלן זיי זאָגן, אַז דאָס האָבן די יונגע פֿאַשיסטן ווידער געוואָלט מאַכן אַ פּאָגראָם, קיינער וועט אַפֿילו נישט וויסן, אַז דאָס האָט געטאָן עמעץ, וואָס איז געגאַנגען דורך דער שטאָט אַליין ווי דער געקרייציקטער קריסטוס, וואָס האָט געגאָסן טרערן, ווייל ער האָט פֿאָרויסגעזען דעם ביטערן גורל פֿון דער וועלט.

וואָלאָדיאַ איז געלאָפֿן געשווינד, דער פּחד האָט אים צוגעגעבן פֿליגל, ער האָט מורא געהאַט מען זאָל אים נישט כאַפּן. און ווען ער האָט שוין נישט געהאַט קיין שטיינער אין די טאַשן, האָט ער זיך פֿאַרהאַלטן און אָפּגעווישט דעם שווייס פֿון געזיכט. ער האָט זיך אומגעקוקט — קיינער האָט אים נישט געיאָגט. עס איז ווידער געווען שטיל, נאָר ערגעץ ווייט הינטער דער שטאָט האָט געבילט אַ הונט, און אין אַן אַנדערער ריכטונג, אויך אויסער דער שטאָט, האָט עמעץ געזונגען אַן אוקראַיִניש לידל וועגן אַ פֿאַרליבטן קאָזאַק און וועגן אַן אומשולדיקער יונגפֿרוי.

וואָלאָדיאַ האָט זיך געוואַקלט אויף די פֿיס ווי אַ שיכור, כאָטש גראָד היינט איז ער געווען ניכטער, שוין לאַנג איז ער נישט געווען אַזוי ניכטער ווי היינט.

ענדלעך האָט ער זיך דערשלעפּט צום קליינעם הייזל, וווּ עס האָט גע־

ווינט בעניע ממזר. דאָס הייזל איז שוין געווען זייער אַלט, מען האָט עס מסתמא געבויט נאָך אין אדם הראשונס צייטן, די פענצטערלעך האָבן דאָ אַרויסגעקוקט ווי פון א קעלער.

וואָלאָדיא האָט זיך אָנגעבויגן, כדי נישט צעקלאַפּן זיך דעם קאָפּ, און האָט געעפנט די טיר.

בעניע איז געזעסן ביים טיש, לעבן אַ פלעשל ווייַן. ער האָט געטרונ־קען פון א טיי־גלעזל און פּאַסמאַקעוועט יעדן טרונק. ביי זיין רעכטער און לינקער האַנט זענען געזעסן די צוויי נקבות זיינע.

— מערדער! — האָט געזאָגט וואָלאָדיאַ, שטייענדיק אין דער אָפּע־נער טיר; הינטער אים האָט זיך געשוואַרצלט דער טונקעלער רויקן פון דער נאַכט. — מערדער! דו האָסט געקרייציקט אונדזער גאָט!

— איך ווייס גאָרנישט דערפון — האָט געזאָגט בעניע — כ׳ווייס נישט און כ׳בין נישט געווען דערביי. און דו, וואָלאָדיאַ, זעץ זיך און טרינק. און זאָל זיין געלויבט גאָטס נאָמען אין דאָזיקן הייליקן שבתדיקן אָוונט.

— אָמן — האָט זיך וואָלאָדיאַ באַרואיקט און איבערגעצלמט — האָספּאָדי פּאָמילוי...

איינע פון די צוויי מיידן איז אויפגעשטאַנען און פאַרנומען זיך מיטן גאַסט. וואָלאָדיאַ האָט זיך אַנידערגעזעצט און גענומען די מויד אויף די קני.

און בעניע ממזר האָט אים דערלאַנגט דעם ערשטן כוס.

קאַפּיטל 26

אין בית־מדרש ביים וואַרעמען אויוון פלעגט זיצן אַן אַלטער אָרעמער ייִד, וואָס איז געווען בלינד אויף איין אויג; דער דאָזיקער דערפאַרענער און קלוגער שנאָרער פלעגט פאַרגלייכן די וועלט צו אַ הזיר־פּלאָץ: מענטשן קומען און מענטשן גייען אַוועק, און תמיד טרעפט זיך ווער, וואָס טוט דעם מענטשן א שווייַנערייַ.

גערעכט איז ער געווען, דער אַלטער אָרעמער ייִד. דאָס מענטשלעכע לעבן איז טאַקע שווער און מען קאָן עס נישט פאַרגלייכן צו אַ שפּאַציר אויף פערסישע טעפּיכער. יענקל טרעגער וואָלט אייך עפּעס געקאָנט וועגן דעם זאָגן, ווען עס וואָלט אים ווער געפרעגט וועגן אַזאַ צאַרטן ענין.

יענקל איז אהיימגעקומען פון דער תפיסה בלאָס און אויסגעצערט.

בלויז ביין איז פון אים פאַרבליבן, קיין לויט פלייש האָט מען אויף אים נישט געזען, כאָטש דאָס פּרצוף איז ביי אים געווען געשוואָלן. ווען די מוטער האָט אים דערזען, איז איר געוואָרן פינצטער פאַר די אויגן, כאָטש געווען איז עס אינמיטן העלן טאָג — שענערע פון יענקלען פלעגט הערש־לייב דער קברן באַגראָבן אויפן הייליקן אָרט.

זי האָט אים געקושט און געהאלדזט, געוויינט מיט יענע ספּעציעלע טרערן, וואָס יעדער מענטש טראָגט זיי אין זיך ספּעציעל אויף פריי־לעכע געשעענישן. זי האָט געשאָלטן יענע בייזע מזיקים, וואָס האָבן גע־פייניקט איר אומשולדיק קינד, און ווידער האָט זי אים געקושט און גע־וויינט פון אָנהייב אָן.

— מאַמע — האָט געזאָגט דער זון, באַפרייענדיק זיך פון אירע אָרעמס, ווייל ער האָט מורא געהאַט, אַז אָט־אָט וועט ער אַליין אויך זיך צעוויינען — לאָז מיך, מאַמע, צו אַלדע שוואַרצע כאָליערעס, כ'וויל זען וואָס די קאָבילע טוט...

און שוין איז ער אַרויסגעלאָפן אין שטאַל, און די מוטער האָט באַלד דערהערט זיין טרעגעריש געלעכטער און דאָס פרייילעכע הירזשען פון דער קליאַטשע.

דערנאָך איז יענקל געגאַנגען דורך דער שטאָט, מענטשן זענען אים געלאָפן אנטקעגן און אריינגעשטעקט אים אין דער האַנט אַריין דעם פריינטלעכן שלום־עליכם. קינדער האָבן אים אַרומגערינגלט, דערוואַקסענע האָבן דערציילט נייעס און געקרעכצט אויף די שווערע צייטן.

יענקל איז געווען ערנסט און האָט זיך געהאַלטן בכבודיק, געשאָלטן א סך ווייניקער ווי אַמאָל, און שוין נישט מיט אַזעלכע גראָבע ווערטער. ווען ער האָט געהערט, אַז פּריוויטיק איגאָוונט האָט מען ווידער געהאַקט שויבן אין די יידישע פענצטער, האָט ער פאַרביסן די ציינער און אויפן שטערן איז אים אָנגעלאָפן א בייזער אָדער, וואָס איז געווען דיק ווי אַ שטריק.

פּלוצים האָט ער זיך אין עפּעס דערמאָנט: ער האָט פון דער הויזן־טאַש אַרויסגעצויגן א צייטונג און גענומען לייענען נייעס פון דער וועלט. וויכטיקע פּאָליטישע געשעענישן זענען געשוומען פון יענקלס מויל ווי וואַסער. ער האָט געלייענט וועגן סאָוויעטישן קאָמיסאַר ליטווינאָוו, און וואָס דער דאָזיקער ליטווינאָוו האָט געזאָגט אין דער פעלקער־ליגע. יענקל טרעגער האָט געלייענט פליסיק ווי א פּראָפעסאָר און די אַרומיקע מענטשן

האָבן פאַרשטאַנען, אַז דאָס האָט ער זיך אויסגעלערנט לייענען אין דער תפיסה. נישט איינער האָט דערביי געטראַכט, אַז פאַר יעדן איינציקן מענטש אויף דער וועלט זענען באַשאַפן אַנדערע אוניווערסיטעטן. איינער דערגייט צו חכמה און צו וויסן דורך רייכקייט, אַן אַנדערער דורך אָרעמ־קייט. איינער דורך פרייהייט און דער צווייטער דורך תפיסה.

מער ווייניקער אין דער זעלבער צייט, ווען עס איז צוריקגעקומען יענקל טרעגער, האָט מען באַמערקט, אַז עס איז נעלם געוואָרן פון שטעטל אַן אַנדערער יונגער מענטש.

אין א געווינן טאָג, אין אַ געוויסן פרימאָרגן האָט אין האַזענהאַנגס טיר אָנגעקלאַפט בלימעלע מאַנדלבוים. געעפנט האָט איר רעגינעס ברו־דער, א טריבער באַוואָקסענער בחור מיט רויטע פאַרשלאָפענע אויגן. שווייגנדיק האָט ער זי אריינגעפירט אין רעגינעס צימער.

דאָס איז געווען די צווייטע באַגעגעניש פון בלימעלען מיט רעגינען. צום ערשטן מאָל האָבן זיי זיך געזען אין מענדלס געזעלשאַפט, איצט איז בלימעלע געקומען אַליין, און רעגינע האָט זיך דערשראָקן פאַר דעם דאָזיקן באַזוך, ווייל זי האָט פאַרשטאַנען, אַז עפּעס איז געשען, עפּעס האָט גע־מוזט פּאַרקומען, עפּעס וויכטיקס. אָן אַ וויכטיקער סיבה וואָלט בלימעלע דאָ נישט געקומען אין אַזאַ פריער שעה.

— וואָס האָט פּאַסירט? — האָט געפרעגט רעגינע האַזענהאַנג — איז עפּעס געשען מיט א י ם?

— יאָ — האָט געענטפערט מאַנדלבוימס שוועסטער — זיי זוכן אים. אָבער זייט רואיק. זיי וועלן אים נישט געפינען.

— איך האָב עס פאָרגעפילט — האָט שטיל געזאָגט רעגינע און מיטן גאַנצן כוח פון איר ווילן האָט זי זיך באַמיט צו באַהערשן — איך האָב געוווסט, אַז ווידער וועט עפּעס צעשטערן מיין רו. איך האָב בלויז נישט געוווסט, פון וועלכער זייט און ווען עס וועט קומען.

— רעגינע, ער איז אַוועקגעפאָרן.

רעגינע איז געשטאַנען ווי פאַרגליווערט, בלימעלע איז צו איר צו־געגאַנגען און ארומגענומען זי.

— איר האָט אים ליב — האָט געזאָגט מיט פאַרשטענדעניש מאַנדלבוימס שוועסטער — איר האָט אים זייער ליב.

— און איך? — האָט שטיל געפרעגט רעגינע — וועל איך קאָנען פאָרן צו אים?

און שוין איז זי גרייט געווען לויפן צו אים, טיילן מיט אים זיין גורל און טיילן מיט אים די געפאַר, וואָס דראָט אים.

— איר קאָנט צו אים נישט פאָרן — האָט געזאָגט די שוועסטער — נישט איר און נישט איך.

— ווו איז ער? — האָט געפרעגט רעגינע און איר שטימע איז מיטאַמאָל קאַלט געוואָרן, ווייל אַ פאַרדאַכט האָט זיך אין איר דער־וועקט — איר ווייסט, ווו ער איז. איר מוזט דאָך עס וויסן.

— איך ווייס נישט. אפשר איז ער שוין אין אויסלאַנד.

רעגינע האָט אויף איר געקוקט מיט אומבאַהאָלפנקייט און אויך מיט א שטומען פאָרוואורף.

— אין די לעצטע צייטן האָבן מיר זיך שוין כמעט נישט געזען — האָט זי שטיל געזאָגט — איר ווייסט נישט דערפון.

— ער האָט אייך זייער ליב געהאַט — האָט געזאָגט בלימעלע — איר זענט אַזאַ שיינע. אַזאַ גוטע.

— איצט בין איך ווידער אַליין.

— יעדער מענטש איז אַליין — האָט געזאָגט די טאָכטער פון ר' אליעזר מאַנדלבוים און זי האָט זיך דערמאָנט וועגן א סך מענטשן, וועל־כע זענען שוין פאַרביי דורך איר יונג לעבן.

— איר וועט מיך באַזוכן... — האָט געבעטן רעגינע.

— גערן... — האָט צוגעזאָגט בלימעלע, און ערשט איצט, ביים געזעגע־נען זיך, האָט זי זיך צעוויינט.

אָבער צו רעגינען איז זי מער נישט געגאַנגען.

ביי דער איינציקער טאָכטער פון לעאָן האַזענגאַנג האָבן זיך איצט אָנגעהויבן לאַנגע און אומרואיקע טעג פון דערוואַרטונג — זי האָט גע־וואַרט אויף אַ ידיעה, אָבער עס זענען פאַרביי טעג און וואָכן און זי האָט נישט באַקומען קיין שום צייכן, קיין שום בריוו, אַפילו קיין גרוס נישט.

איינמאָל איז צו איר געקומען א פאָליציאַנט אין ציווילע מלבושים; איראָניש שמייכלענדיק, האָט ער געפרעגט, צי רעגינע ווייסט נישט, ווו עס געפינט זיך דער יונגער פאַן מאַנדלבוים.

— איר ווייסט נישט, איך גלייב, אַז איר ווייסט נישט — האָט ער געזאָגט — מיר ווייסן אויך נישט. אָבער איך בין איבערצייגט, אַז ער איז שוין אין רוסלאַנד. אין באָלשעוויסטישן גן־עדן.

און מיט אַ פאַלשן שמייכל האָט ער זיך אָפּגעזעגנט.

רעגינע האָט ווייטער געוואַרט. גאַנצע טעג האָט זי פאַרבראַכט ביים פענצטער, אַרויסגעקוקט אויף דעם בריווטרעגער.

אין אַ געוויסער נאַכט האָט זי זיך אויפגעוועקט פון שלאָף און עס זענען פון איר אָפּגעפאַלן אַלע האָפענונגען און אַלע אילוזיעס. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז מענדל מאַנדלבוים וועט זיך שוין קיינמאָל נישט באַווייזן אין איר לעבן.

קאַפּיטל 27

געקומען איז צו פאָרן אַ יידיש טעאַטער. גרויסע פּלאַקאַטן האָבן גע־מאָלדן מיט אַ וואָך פריער, אַז עס וועלן שפּילן באַרימטע אַקטיאָרן פון ביאַליסטאָק אין שלום־עליכמס אַ קאָמעדיע מיט מוזיק, מיט טענץ און מיט לידער.

זענען ווידער שטאָלץ געווען די שניידער־יונגען, פּונקט ווי דאָס וואָלט געווען זייער טעאַטער, מיט זייערע אַקטיאָרן און מיט זייער שלום־עליכם. ווידער האָט מען גערעדט וועגן יידישער קולטור, וועגן יידישיזם. וועגן פּראָלעטאַרישער קולטור און וועגן פּראָלעטאַרישער קונסט. די שניידער־יונגען האָבן פיין אויפגעפּוצט דעם זאַל און פאַרקויפט בילעטן אויף דער פאָרשטעלונג.

אין טאָג פון דער פאָרשטעלונג זענען צו רעגינע האַזענגאַנג געקומען צוויי מאָדנע יידן, איין ייד טאַקע פון דאָזיקן טעאַטער, און דער צווייטער — דער צווייטער איז געווען אייזיק דער סעקרעטאַר פון פּראָפעסיאָ־נעלן פאַרבאַנד. זיי זענען געקומען מיט אַ דרינגענדיקער בקשה — אייגנט־לעך איז עס לויטן טאָן פון זייערע רייד נישט געווען קיין בקשה, נאָר אַ פאַרלאַנג, אַ באַפעל: דער פּאַרטעפּיאַנע־שפּילער פון טעאַטער איז פּלו־צעם קראַנק געוואָרן און גוססט אין שפּיטאָל אין פּשעמישל, דעריבער מוז רעגינע אים פאַרטרעטן, רעגינע מוז צושפּילן צו דער פאָרשטעלונג, עס ווערט געשפּילט אַ מוזיקאַלישע קאָמעדיע מיט געזאַנגען, און געזאַנג אָן אַ פּאַרטעפּיאַן איז ווי אַ חתונה אָן בראָנפן, בקיצור, זיבן אַזייגער אינ־אָוונט זאָל זי זיין גרייט.

דער מענטש פון טעאַטער האָט גערעדט און נישט דערלאָזט רעגי־נען קומען צום וואָרט. ווען ער האָט געענדיקט, האָט ער גענומען דעם קאַפּעליוש און איז אַרויס פון צימער. עס איז אים גאָר נישט איינגעפאַלן,

אַז רעגינע וואָלט געקאָנט אָפּזאָגן. רעדנדיק האָט ער געקוקט אויפן זייגער און געאײַלט זיך, אָבער ווען ער איז שוין געווען אויף די טרעפּ, האָט ער זיך נאָך מישב געווען און נאָך איין מאָל אָנגעקלונגען, בכדי צו זאָגן, אַז זי זאָל זיך צואײַלן, ווײַל עס איז שוין נישט פאַרבליבן מער ווי א שעה צו דער פאָרשטעלונג. יענקל טרעגער איז שוין געפאָרן צו דער באַן נאָך די רעקוויזיטן און דעקאָראַציעס, און כאָטש די ערשטע אַקטריסע, די פּרי־מאַדאָנע פון אַנסאַמבל האָט היינט אכטאונדרייסיק פיבער, וועט זיך אם ירצה השם ידי פאָרשטעלונג אָנהייבן פּינקטלעך צו דער מינוט.

רעגינע האָט זיך שנעל אָנגעטאָן און צוגעלאָפן צום טעאַטער־זאַל. זי האָט געוואָלט מינדעסטנס דורכבלעטערן די נאָטן און אויספּרוון דעם פּאָרטעפּיאַן. זי האָט דאָך נישט געוווסט, וואָס זי דאַרף שפּילן, זי האָט נישט געוויסט ווען אָנצוהייבן און ווען צו ענדיקן.

עס האָט זי ארומגענומען א שרעק און זי איז שוין גרייט געווען צו אַנטלויפן, געוואָלט זיך אַרויסרוקן, אַז קיינער זאָל זי נישט באַמערקן, אָבער דער רעזשיסער פון טעאַטער, אַן אלטער ייד מיט א לאַנגער נאָז, האָט זי אָנגעכאַפּט ביים אָרעם.

— דאָס איז א יידיש טעאַטער — האָט ער געזאָגט — פון דאַנעט אַנטלויפט מען נישט. פון דאַנעט טראָגט מען אַרויס, ווען עס קומט די צייט.

און רעגינע איז געבליבן.

אויף דער בינע האָט מען זיך געפּאָרעט, מענטשן זענען אַרומגע־לאָפן אַהין און אהער, אַרויס און אַריין און עס האָט זיך געקאָנט דאכטן, אַז קיין שום סדר איז נישט פאַראַן אין דאָזיקן געלויף, עס האָט זיך גע־קאָנט דאכטן, אַז איינער שטערט דאָ דעם צווייטן. אָבער אַזוי האָט עס אויסגעזען בלויז אין די אויגן פון אַ פרעמדן, וועלכער איז נישט געווען באַקאַנט מיט דער אַרבעט פון טעאַטער. ווען עס האָט אויסגעשלאָגן די שעה, זענען אויף דער בינע פאַרבליבן בלויז צוויי אַקטיאָרן, וועלכע האָבן אָנגעהויבן דעם ספּעקטאַקל. און אַלץ איז געווען גרייט, בלויז אויפצוהייבן דעם פאָרהאַנג און אָנהייבן שפּילן. די אַקטיאָרן זענען געווען רואיק, און זייער גלייכגעוויכט האָט אויך אָנגעשטעקט רעגינען.

דער פּאָרטעפּיאַן איז געשטאַנען אין דער זייט, צווישן די זייטיקע קוליסן, דער רעזשיסער איז געזעסן לעבן רעגינען און פון צייט צו צייט

האָט ער געכאַפּט אַ שלונג פון פלאַטשיקן פלעשל, וואָס האָט געשטעקט ביי אים אין בוזים־טאַש.

דער זאַל איז געווען פול אָנגעפּאַקט מיט מענטשן. רעגינע האָט דער־זען דעם פאָטער אין דער ערשטער ריי בענקלעך, ער איז געזעסן לעבן די פאַרגעשריטענע פּראָמינענטן, צווישן דעם העברעישן לערער פון איין זייט, און דעם אַפּטייקער אַטלאַס פון דער צווייטער זייט. און אין די ווייטערדיקע רייען איז געזעסן דער פשוטער עולם — דריבנע סוחרים און באַלמעלאָכעס, וואָס זענען דאָ געקומען גלייך פון דער אַרבעט, אפילו נישט באַוויזן אַרומצוואַשן זיך און צו עסן וועטשערע. סוביעקטן זענען געקומען צו לויפן גלייך פון די גאַר וואָס פאַרמאַכטע קראָמען, אין דער איילעניש האָבן זיי אַרויסגענומען פון דער טאַש אַ שטיקל ברויט מיט אַ געקאָכט איי און בחפזון געשטילט דעם הונגער.

מאַמעס זענען געקומען מיט קליינע קינדער. עטלעכע זויג־קינדער האָבן געשריגן און די מוטערס האָבן זיי געפּרווט פאַרשטעקן די פּיסק־לעך מיט די ברוסטן.

ווען די פאָרשטעלונג האָט זיך אָנגעהויבן, איז שוין רעגינע געווען גאַנץ באַהערשט. פון צייט צו צייט — דעמלט ווען זי האָט נישט געהאַט וואָס צו שפּילן — האָט זי געכאַפּט אַ בליק אויפן זאַל: דער עולם איז געווען אַנטציקט, דערוואַקסענע מענטשן האָבן געוויינט און געלאַכט, גע־לאַכט האָבן זיי דורך טרערן און געוויינט האָבן זיי פון געלעכטער.

אַזעלכע זענען די וועגן פון מענטשלעכע שטימונגען — האָט גע־טראַכט רעגינע. יידן קומען אין יידישן טעאַטער, בכדי צו אַנטלויפן פון דער וואָכעדיקער עקזיסטענץ. זיי געפינען דאָ אַ ביסל מוזיק, אַ ביסל לי־טעראַטור, אַ ביסל מאָלערישקייט. זיי קומען, בכדי צו אַנטלויפן פון זיך אַליין. אָבער ווען זיי דערזעען זיך אויף דער בינע, זיך און ענלעכע צו זיך, דעמלט פרייען זיי זיך ווי קליינע קינדער.

ווען די פאָרשטעלונג האָט זיך פאַרענדיקט, האָט דער אַלטער רע־זשיסער אָנגענומען רעגינען ביי דער האַנט און געזאָגט:

— בלייב מיט אונדז, מיין קינד. אַרבעט מיט אונדז.

— איך? — האָט נאָך רעגינע נישט פאַרשטאַנען זיין פאָרשלאָג — איך מיט אייך?

— פאַרוואָס דען נישט?

זי האָט געוואָלט זאָגן, אַז זי קאָן דאָך נישט אַזוי פשוט אַוועק פון דער היים, זי קאָן נישט איבערלאָזן דעם פאָטער. אָבער זי האָט עס

נישט באַוויזן צו זאָגן, ווייל ער האָט, זעט אויס, שלעכט פאַרשטאַנען איר וואַקלעניש, און זיין אַלט פּנים האָט זיך פאַרקרימט אין אַ בייזער גרימאַסע.

— געלט? וועגן געלט גייט עס דיר? מיר אַרבעטן נישט פאַר געלט!

— איך האָב נישט געפרעגט וועגן געלט! — האָט זיך רעגינע דער־פילט געטראָפן.

— נו, יאָ — האָט ער זיך צעלאַכט — האָסט טאַקע נישט גע־פרעגט. אָבער האָסט עס אפשר געטראַכט. און דעריבער מוז איך דיר אויפקלערן. מיר אַרבעטן שווער. מיר מאַכן יידיש טעאַטער. מיר ווערן פאַרשוואַרצט. מיר פלאָגן זיך אין שטעט און שטעטלעך, בכדי ז יי, אונדזערע יידעלעך, זאָלן קאָנען לאַכן. אָבער זיי האַלטן אין איין וויינען. שפילן מיר טראַגעדיע, וויינען זיי. שפילן מיר אַ קאָמעדיע, וויינען זיי אויך. און דו... גרייט זיך צו דער רייזע. מאָרגן פאָרן מיר אָפּ.

און נישט וואַרטנדיק אויף איר ענטפער, האָט ער אָנגעכאַפּט אַ דורכ־גייענדיקן אַקטיאָר און מער האָט ער שוין מיט רעגינען נישט גערעדט.

צומאָרגנס האָט רעגינע פאַרלאָזט די היים.

לעאָן האַזענגאַנג האָט נישט געמאַכט קיין שווער האַרץ זיין איינ־ציקער טאָכטער. ער האָט איר באַשלום אויפגענומען מיט אַ שמייכל, ער איז געווען באַהערשט און רואיק — יעדנפאַלס זי, רעגינע, האָט נישט געהערט פון אים קיין איין שלעכט וואָרט.

אין אָוונט, ערב דער געזעגענונג, האָבן זיי גערעדט ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין. זיי האָבן זיך ביידע געפּרוווט איבערצייגן, אַז אַזאַ אַר־בעט אין טעאַטער איז אַ וויכטיקע און שיינע זאַך. רעגינע וועט באַזוכן אַ שטיק וועלט, דאָס וועט איר באַשטימט גוט מאַכן. זי וועט ווערן זעלבשטענדיק און וועט זיך מאַכן אַ שם אַלס קינסטלערין — נישט איין מוזיקער וואָלט געוועז גליקלעך, האָבנדיק די מעגלעכקייט צו שפּילן טע־אַטער. און אַזוי האָבן זיי זיך ביידע, טאַטע און טאָכטער, צוגעגעבן מוט פאַר דער שווערער מינוט פון צעשיידונג.

צומאָרגנס האָט לעאָן האַזענגאַנג באַגלייט די טאָכטער צום צוג. ערשט ווען ער איז צוריק אַהיימגעקומען, האָבן אים נאָכגעלאָזט די כוחות.

ער האָט פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר און צעוויינט זיך ווי אַ קליין קינד, ווען מען האָט איבערגעלאָזט אַליין.

קאַפּיטל 28

אין אַ געוויסן טאָג האָט זיך האַזענגאַנגס זון אויפגעוועקט פון הינערפּלעט, אָפּגעוואַשן זיך און אָפּראַזירט, אָנגעטאָן אַ ווייס העמד מיט אַ שטייפן קראַגן און אַ זיידענעם שנופּס; ער האָט אָנגעטאָן דעם שענסטן אָנצוג, פאַרפּאַקט דאָס רענצל, וואָס ער פלעגט שטענדיק מיטנעמען קיין קראָקע, דערנאָך איז ער אַראָפּגעגאַנגען צום פאָטער, וועלכער איז געזעסן אין קראָם און געלייענט דעם „נאַש פעשגלאָנד".

— לייג אַוועק דיין געליבטע צייטונג. איך וויל זיך מיט דיר געזעגענען — האָט געזאָגט דער זון.

— וווהין ווילסטו פאָרן? — האָט געפרעגט לעאָן האַזענגאַנג, און אין דער ערשטער מינוט איז אים געווען אָנגענעם ווידער צו זען דעם זון אין שיינע מלבושים און ער איז געווען איבערצייגט, אַז דער זון האָט ענדלעך באַשלאָסן ווידער זיך נעמען צו זיינע סטודיעס. — פאָרסט צוריק אויפן אוניווערסיטעט?

— איך ווייס נישט, צי איך וועל צוריקפאָרן אויפן אוניווערסיטעט — האָט געענטפערט דער זון — מיך וויל מען דאָרט נישט. אָבער דאָ זיצן קאָן איך שוין נישט, איך קאָן נישט אָנקוקן דאָס פאַרשטונקענע שטעטל מיט די פאַרדריפּעטע ייִדן.

— איך פאַרשטיי — האָט שטיל געזאָגט דער פאָטער און פון זיין שטימע איז נישט געווען קענטיק, צי ער איז צופרידן פון זונס נישט־קלאָרן באַשלוס, צי ער איז באַליידיקט פון דעם זונס ווערטער.

— ביסט אויף מיר בייז? — האָט געפרעגט לעאָנס נאָכפאָלגער.

— ביסט מיין זון — האָט געענטפערט לעאָן — ביסט מיין קינד. פאַרגעדענק עס דיר אויף אַלעמאָל: קיינמאָל בין איך נישט בייז אויף מיינע קינדער, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס זיי קלערן און טוען.

און ער האָט זיך ווידער גענומען צו דער צייטונג. און לייענענדיק, האָט ער באַפוילן דעם בוכהאַלטער, ער זאָל פאַרזאָרגן דעם זון מיט געלט אויף הוצאות.

געזעגנט האָבן זיי זיך כמעט אָן ווערטער. אויך איצט האָט קיינער נישט געזען קיין פאַרצווייפלונג אויף לעאָנס געזיכט. ער האָט באַגלייט דעם זון צום וואָקזאַל, באַזאָרגט אים מיט צייטונגען, גוטע ציגאַרעטן און צוקערלעך אויף דער רייזע, און ווען דער צוג איז אַוועק, האָט ער זיך פּאַוואָליע געלאָזט גיין אַהיים — פּאַוואָליע, ווייל איצט האָט ער

שוין נישט געהאַט צו וועמען זיך צו אײַלן, קיינער האָט שוין אויף אים אין דער פּוסטער וווינונג נישט געוואַרט.

די אָוונטן האָט ער איצט פאַרבראַכט אַליין אין דער גרויסער דירה, צווישן די שווערע אַלטמאָדישע מעבל מיט דעם שווייגנדיקן פּאָרטעפּיאַן אין רעגינעס צימער. ער האָט אַרומשפּאַצירט פון איין צימער אין צווייטן. אומעטום איבערגעלאָזט דעם ריח פון דיקע קובע־ציגאַרן. פאַר דעם שלאָף פלעגט ער אויסטרינקען אַ גלעזל ווײַן און אַוועקזעצן זיך לייענען די קורצע לאַקאָנישע פּאָסט־קאַרטלעך פון רעגינען. זי האָט גע־שריבן ווייניק און צווישן די שורות פון איר קיילעכדיקן פּערלדיקן כתב האָט דער פאָטער געלייענט, אַז זײַן בת־יחידה איז נאָך דערווײַל נישט באַגליקט געוואָרן אין יידישן טעאַטער און אַז זי איז נאָך פון איר אומעט נישט פּטור געוואָרן.

פלעגט לעאָן האַזענגאַנג יעדן אָוונט אַוועקזעצן זיך בײַם שרײַבטיש און שרײַבן לאַנגע בריוו צו דער טאָכטער, און ער האָט זיך באַמיט, אַז די בריוו זאָלן זײַן מיט הומאָר, ער האָט פון זכרון אַרויסגעצויגן מעשה־לעך געוועזענע און נישט געוועזענע, אויסגעטראַכטע, אַלץ מיטן געדאַנק, אַז אפשר וועט זײַן שרײַבן אויף אַ שעה, צוויי אַרויסרופן אַ גוטע שטימונג בײַ זײַן קינד.

און דאָס לעבן איז זיך דערווײַל געגאַנגען מיט זײַן געוויינלעכן וועג און לויטן געוויינלעכן סדר. האַזענגאַנגס שניט־קראָם איז ווידער געווען אין פולן פאַנאַנדערבלי. דער סוביעקט גאַלעס האָט געצאָלט די חובות, וועלכע האַזענגאַנג איז שולדיק געווען די אָרעמע ווײַבער און אַלטע כלה־מיידן. דער נאָמען האַזענגאַנג האָט ווידער באַקומען דעם קלאַנג פון איידל גאָלד. אָבער לעאָן האָט שוין נישט געהאַט מיט וועמען צו טיילן די פרייד פון גוטע געשעפטן.

ווען ער איז נישט געווען אין געוועלב, האָבן אים געמאַטערט די קליינע טעטיקייטן, וואָס ער האָט געמוזט אַליין טאָן אין שטוב און אַרום זיך, דאָס, וואָס עס האָט אַמאָל געטאָן די אָרעמע קרובה. אין דער צײַט, ווען לעאָן איז געוואָרן באַנקראָט, איז די קרובה אַנטלאָפן ווי פון אַ טרינקענדיקער שיף. איצט האָט זיך אַלץ אין דער וווינונג באַדעקט מיט שטויב, און לעאָן האָט זיך איבערצייגט, אַז אַ סך לײַכטער איז צו זײַן אַ פּעדאַנט, ווען מען האָט אויף יעדן באַפעל אַ דינסט, מעג זײַן כאָטש אַן אַלטע און טויבע קרובה.

ווען ער פלעגט אַרײַנגיין אין רעגינעס צימער, ווען ער פלעגט זען

אירע ביכער, אירע נאָמן אויף דעם פאַרמאַכטן פּאָרטעפּיאַן, האָט אים געשטיקט אין האַלדז און עס האָט זיך אים געוואָלט רעווען ווי אַ חיה, וואָס מען האָט ביי איר אַוועקגענומען די קינדער.

טייטמאַל פלעגט ער זיך אַוועקשטעלן ביים שפּיגל, גענוי באַטראַכטן דעם אויסזען זיינעם, דעם קאָליר פון דער הויט אויפן פּנים, די קנייטשן אונטער די אויגן, די גרויקייט פון די האָר. און געטראַכט האָט ער דער־ביי: אָט קוק איך אין שפּיגל ווי אַן אַלטע מויד, וועלכע זוכט די שפּורן פון איר אַמאָליקער יוגנט און פון איר אַמאָליקן געשלעכט — און אַלץ איז ביי איר שוין איין חורבה.

אָבער לעאָן האַזענגאַנג איז נאָך נישט געווען קיין חורבה. ער איז נאָך אַלץ געווען אַן עלעגאַנטער און אינטערעסאַנטער מאַן, אַ געבילדע־טער און קולטורעלער סוחר, וואָס האָט נישט איין נקבה געקאָנט באַצוי־בערן — אַזוי האָט ער אויסגעזען אויסערלעך, אַזוי האָבן אים געזען אַנדערע מענטשן. און ער אַליין האָט זיך אויך נאָך נישט געפילט אַלט — אַן אַלטער מענטש פאַרטראָגט נישט אַזוי שלעכט די איינזאַמקייט, אַן אַלטער מענטש האָט שוין נישט אַזאַ פילבאַרע נשמה...

עס איז געקומען דער פרילינג און אַלץ שווערער איז אים געווען צוגעוויינען זיך צו זיין נייעם אופן פון לעבן.

אין אָוונט האָט זיך דורך דעם אָפענעם פענצטער געטראָגן דער זי־סער ריח פון בליענדיקע ביימער, דער וואַרעמער ווינט פון די בערג האט געבראַכט מיט זיך אַן אומרו און שלאָפלאָזיקייט.

אין דער נשמה פון איינזאַמען, שוין נישט יונגן סוחר האָבן זיך געוועקט ווייטע דערמאָנונגען פון די קינדער־יאָרן און פון דער יוגנט. עס האָבן אויפגעלעבט מענטשן, וועלכע ער האָט געקענט און וועלכע זענען שוין אַוועק אין דער אייביקייט. און עס איז אים געווען שווער אויפן האַרצן, ווייל וואָס עלטער ער איז געווען, וואָס ווייטער ער האָט זיך גערוקט פאָרויס אין די יאָרן, אַלץ מער האָט ער געפילט די טיפע איי־ניקייט מיט דער לעבעדיקער ווונדערלעכער וועלט און אַלץ מערער האָט ער באַדויערט, וואָס איר שיינקייט איז אַזוי פאַרבייגייענדיק.

איינמאָל, אַרויסגייענדיק פון געוועלב, האָט ער באַגעגנט די פרוי פון ר׳ אריה יאָדלאָווקער — אַ יידענע, וואָס האָט געהאַט אַ שם פון דער גרעסטער רכילות־טרייבערין אין דער שטאָט. זי האָט געפירט ביי דער האַנט אַ יונגע נקבה אין דאָרפישע קליידער. זי איז נישט געווען קיין גרויסע שיינקייט די דאָזיקע דאָרפס־מויד, זי האָט אָבער געהאַט

יענעם הן, וואָס ציט צו דעם מענערשן בליק און די מענערשע חושים, איר פּנים איז געווען טונקל און לייכט געשפּרענקלט פון דער זון, אויגן האָט זי געהאַט שוואַרצע און גרויסע, ווי זי וואָלט מיט זיי געקאָנט די גאַנצע וועלט אַרומנעמען, די גאַנצע אומבאַקאַנטע פרעמדע וועלט, אין וועלכער זי האָט זיך געפונען, און די פרעמדע מענטשן, מיט וועלכע דער גורל האָט זי צוזאַמענגעטראָפן. שוואַרצע לאַנגע האָר האָבן זיך געשיט אויף אירע ברוינע אַקסלען — זי האָט אויסגעזען ווילד מיט די דאָזיקע האָר, עס האָט זיך געדאַכט, אַז קיין שער פון פאַריקמאַכער האָט נאָך קיינמאָל די דאָזיקע שיינע האָר נישט אָנגערירט. און געווען איז זי באָרוועס, אירע טונקעלע פיס זענען געווען אין מאָזאָליעס — זעט אויס, אַז זי איז ערשט אָנגעקומען פון דאָרף, זי האָט געמוזט מאַכן אַ ווייטן וועג דורך די פּראָכיקע, שטיינערדיקע באַרג־סטעזשקעס, און איצט איז זי מסתמא געווען מיד און הונגעריק.

— פאַניע האַזענגאַנג — האָט געזאָגט דעם רופאס יידענע — איר זאָלט מיר געזונט און שטאַרק זיין, קוקט אייך אָן די דאָזיקע שיקסע. זי איז געזונט ווי אַ דעמב. אַ יתומה איז זי. פאָלגט מיך, פאַניע האַזענגאַנג, נעמט זי צו פאַר אַ דינסט. איר דאַרפט דאָך וועמען, וואָס זאָל אויפראַמען און אויסוואַשן. דאָס וועט זיין פאַר אייך אַ ברכה.

האַזענגאַנג האָט געהאָרכט, ער האָט אָבער נישט געקוקט אויף דער מויד — ער האָט נישט געקאָנט גלייכגילטיק אויסהאַלטן די קראַפט פון אירע טיפע שוואַרצע אויגן ער האָט נישט פאַרשטאַנען דעם אינהאַלט פון אירע בליקן: וואָס איז אין זיי געווען? אַ הייסע בקשה צי אַ פחד און אַן אומזיכערקייט? אַן אומרו? אפשר האָט זי געקוקט אויף אים מיט שפּאָט?

ניין, עס האָט נישט געהאַט קיין שום זין אַריינצולאָזן די דאָזיקע קראַסאַוויצע אין דער אייגענער שטוב, בפרט איצט, ווען די קינדער זענען נישט געווען אין הער היים. וואָס וועט די שטאָט זאָגן? וואָס וועלן זאָגן מענטשן?

ער איז שוין נישט געווען אַזוי יונג און איז נאָך נישט געווען אַזוי אַלט, בכדי צו דערלויבן זיך אויף אַזאַ געפאַר. וואָס וואָלטן דערויף געזאָגט די קינדער? און וויפיל איז זי אייגנטלעך אַלט, די דאָזיקע יונגע קריסטין? מסתמא איז זי אין רעגינעס עלטער.

ער האָט אַרויסגענומען פון דער הויזן־טאַש עטלעכע מטבעות און געגעבן דער יידענע.

— ר׳ אריהס ווייב, נעמט און קויפט פאַר דער דאָזיקער מויד עט־וואָס אָנצוטאָן אויף די פיס. זאָל זי נישט אַרומגיין באָרוועס.

ער האָט זיי צוגעוואָרפן אַ פריינדלעכן שמייכל און איז אַוועק צו זיינע ענינים.

אַ גאַנצן טאָג האָט ער נישט געטראַכט וועגן יאָדלאָווקערס ווייב און נישט וועגן דער שיינער יתומה. ער האָט אין דאָזיקן טאָג געהאַט אַ סך אַרבעט אין קראָם, גראָד זענען אָנגעקומען פון לאָדזש עטלעכע קאַסטנס סחורה. אַהיימגעקומען איז ער שפּעטער, ווי ער פלעגט געוויינלעך קומען; ער האָט אויסגעטרונקען זיין טעגלעך גלעזעלע וויין און געלייגט זיך שלאָפן.

אויפגעוועקט האָט ער זיך פרי, אינדרויסן איז נאָך געווען גרוי און שטיל, ווי געוויינלעך פאַרטאָג. ער איז געלעגן מיט צוגעמאַכטע אויגן און אויף די וויעס האָט זיך אים געיאַוועט די שיינע שלאַנקע געשטאַלט פון דער יונגער דינסט־מויד, וואָס ר׳ אריהס יידענע האָט געפירט ביי דער האַנט. ער האָט זי איצט געזען מיט די אויגן פון זיין תאווה און פון זיין איינזאַמקייט. אין די אָדערן האָט ער ווידער דערפילט יונגע שטראָמען פון לײדנשאַפט. ער האָט זיך אויפגעכאַפּט פון געלעגער — ער האָט זיך געפילט שטאַרק און נאָך ווייט נישט אַלט.

לעאָן האַזענגאַנג וואַשט זיך אין קאַלטן וואַסער און טראַכט וועגן דער באָרוועסער מויד. ער טוט אָן אַ רײן העמד און טראַכט וועגן דער באָרוועסער מויד. ער טרינקט אַ גלאָז מילך און טראַכט וועגן דער מויד, און ער הערט נישט אויף וועגן איר צו טראַכטן אויך דעמלט, ווען ער טוט אָן דעם שטייפן קראַגן און ווען ער פאַרבינדט דעם שיינעם זיידענעם שנופּס.

ווען דאָס ערשטע דאָרפישע פורל האָט זיך געלאָזט הערן אויף דער גאַס, איז לעאָן אַרויס פון שטוב, פּאַוואָליע געלאָזט זיך אין דער ריב־טונג פון יידישן געסל, באַגעגנט עטלעכע יידן, וואָס זענען געלאָפן אין בית־מדרש אַריין צום ערשטן מנין, געענטפערט אויף זייערע גוט־מאָרגנס, און אַרײנגעלאָזט זיך אין געסל, וו עס האָט געוווינט ר׳ אריה דער רופא.

ווען ער איז אַרײנגעקומען אין דער קיך אַריין, האָט ער צוערשט דערזען די שוואַרצע מויד, און ערשט דערנאָך די איבעריקע בני בית.

לעאָן האַזענגאַנג איז אַ ווילע געשטאַנען שווייגנדיק, איבערראַשט פון די אייגענע געפילן, וועלכע האָבן אים אַרומגענומען ווי אַ שרפה.

די מויד האָט דערשפּירט אויף זיך זיין לײדנשאַפטלעכן בליק און זי האָט אַראָפּגעלאָזט די פאַרשעמטע אויגן.

פון דער צווייטער, האַלב־טונקעלער שטוב האָט זיך באַוויזן יאָדלאָווקערס ווייב.

— אַ גוט מאָרגן, פּאַניע האַזענגאַנג — האָט זי זיך דערפרייט — איך האָב געוווסט, אַז איר וועט קומען. אַזאַ שיקסע איז ווערט אַ מיליאָן. עס גייט נישט אין מיין מעקלעריי, וואָס איר וועט מיר באַצאָלן. כ׳וויל איר זאָלט האָבן אַ גוטע און געטרייע דינסט.

ער האָט איר געגעבן דעם שליסל פון דער וווינונג. די פרוי יאָדלאָווקער האָט צוגעזאָגט צו וויזן דער נייער דינסט אַל״ן, וואָס זי וועט דאַרט דאַרפן טאָן.

האַזענגאַנג האָט פאַרלאָזט דעם רופאס שטוב לייכט ווי אַ פויגל. אויף דער גאַס האָט ער באַגעגנט דעם סובייעקט און געגעבן אים דעם שליסל פון געשעפט. אַליין האָט ער זיך דערלויבט אויף אַ שפּאַציר אין שטאָטישן גאָרטן. ער איז געגאַנגען פּאַוואָליע, טיף איינגעאָטעמט די אַראָמאַטישע לופט פון פרילינגדיקן פרימאָרגן, געוואָרפן אַ שמייכל דעם שטיינערנעם מאָנומענט פון אַדאַם מיצקעוויטש, און איז ווייטער געגאַנגען צווישן צוויי רייען בליענדיקע קאַשטאַן־ביימער, אַ גליקלעכער און לייכטזיניקער.

לעאָן האַזענגאַנג כאַפּט זיך ביים געדאַנק: לייכטזיניקייט. מיין גאָט, טראַכט ער, פאַרוואָס טאָר איך טאַקע נישט זיין אַ ביסעלע לייכטזיניק? און שוין זענען זיי ווידער דאָ, די זאָרגן און די שלעכטע ידיעות, די אומזיכערקייט און די שוואַרצע געדאַנקען. אויפן קראָקעווער אוניווערסיטעט שלאָגט מען יידישע קינדער. וואָס וועט זיין, אַז די פּיקעטניקעס וועלן מאָרגן ווידער באַזוכן די שטאָט? דייטשלאַנד פאַרלאַנגט דאַנציג. היטלער דראָט דער וועלט. דער גלח טשעטשאַק לערנט גמרא אין די אַנטיסעמיטישע צייטונגען. דער גלח טשעטשאַק אַנטדעקט די סודות פון חכמי ציון. וווהין אַנטלויפן פון דעם אַלעם? צו שפּעט צו אַנטלויפן. אָבער אַ ביסעלע לייכטזיניק צו זיין איז נישט צו שפּעט?

אויפדערנאַכט איז ער געגאַנגען מיט די טרעפּ אויף דעם צווייטן שטאָק, און דאָס האַרץ האָט אין אים געפלאַטערט פון דערוואַרטונג און פרייד. אין קאָרידאָר און אין די צימערן איז געווען טונקל, בלויז די קיך איז געווען באַלויכטן. די דינסט־מויד האָט שוין באַוויזן צו ענדערן דעם

אויסזען פון יעדן ווינקעלע. עס איז איצט געווען ריין און שמעקעוודיק. דער טיש איז געווען געדעקט צום אָונטבּרויט.

די מויד איז געזעסן אָנגעלענט ביים טיש. זי איז געווען פאַרזונקען אין אַ געזונטן טיפן שלאָף, צו וועלכן עס זענען פעיק בלויז מענטשן יונגע אָדער זייער מידע.

האַזענגאַנג האָט פאַרגורעט די האַנט אין אירע געדיכטע שוואַרצע האָר. זי האָט עס נישט דערפילט, נישט אויפגעוועקט זיך.

פאָרזיכטיק האָט ער געגלעט אירע באַקן און אירע אָרעמס, דער־נאָך האָט ער זי גענומען אויף די הענט און אַריינגעטראָגן אין צווייטן צימער, וווּ עס איז געשטאַנען זיין בעט. זי איז געווען לייכט; אפשר האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז זי איז לייכט, ווייל ער האָט דערפילט אין זיך אַ פרישן קוואַל פון כוח.

זי האָט זיך צוגעדריקט צו אים, און ער האָט פאַרשטאַנען, אַז זי שלאָפט שוין נישט, כאָטש זי האָט צוגעמאַכטע אויגן. ער האָט דער־פילט איר אָטעם און אירע הייסע ליפּן, און עס האָט זיך אים געדאַכט אַז ער איז איצט בכוח צו גיין מיט דער דאָזיקער יונגער פרוי אַנטקעגן דער גאַנצער וועלט, אַנטקעגן גאָט און אַנטקעגן מענטשן.

און ער האָט באַדויערט, וואָס ער איז שוין נישט אַלט קיין אַכצן יאָר.

קאַפּיטל 29

דער לעצטער טאָג פון חודש אַפּריל איז אויסגעפאַלן שבת. און שבת געהערט צו גאָט. שבת איבּערפרי פאַרברענגען יידן ביים דאַווע־נען. ערשט נאָכמיטאָג, ווען גאָט ברוך הוא כאַפּט אַ דרימל נאָך דער געשמאַקער סעודה, ערשט דעמלט לאָזן זיך יידן וווילגיין.

שבת נאָכמיטאָג פלעגט מען אין שטעטל געשמאַק שלאָפן. די שויבן האָבן געציטערט פון שנאָרכן. און דערנאָך, ווען מען האָט זיך שוין אויסגעשלאָפן, פלעגט מען זיך אַוועקזעצן אויף דער שוועל, אויף דער פריזבע, אָדער אַרויסטראָגן פון שטוב אַ באַנק צי אַ פּאָר בענקלעך און אַוועקזעצן זיך אונטער דער וואַנט, צו דער פרילינגדיקער זון, וואָס פלעגט שוין וואַרעמען די מענטשלעכע ביינער און קיצלען די נשמה, אַז זי זאָל אַ שמייכל טאָן צו דעם בלויען הימל, צו די בליענדיקע ווייגשל און צו דעם שבת קודש, וואָס איז אַזוי זיס און אַזוי זאָרגלאָז.

פרומע יידן פלעגן שבת נאָך מיטאָג זאָגן פּרקי־אבות, זקנות פלעגן דערמאָנען די אומפאַרגעסלעכע כלה־יאָרן, ווען די וועלט איז נאָך געווען אַ וועלט און ווען די מענטשן זענען נאָך געווען מענטשן, דער קיסר האָט געוווינט אין ווין, אָבער געוווּסט האָט ער גענוי, וואָס עס טוט זיך אין יעדער איינציקער שטוב, אין יעדן קלענסטן שטעטל.

שבת נאָכמיטאָג פלעגן די ווייבער מאָלן מיט די צונגען, ווי אין אַ טייוולאָנישער מיל. זיי, די מילנערינס, האָבן אַלץ געוווּסט, גאָטס וועכטערינס זענען זיי געווען, זייער בליק האָט באַוויזן אַריינצודרינגען דורך די הילצערנע ווענט פון די הייזער, זייער נייגעריקער בליק האָט געזען, וואָס עס טוט זיך ביי יעדן איינציקן ייד אין בוזים און וואָס ביי יעדן פאַרפאָלק אין שלאָפצימער, זיי האָבן געוווּסט וועמענס פערינע איז אָנגעשטאָפּט מיט גילדענע רענדלעך. זיי האָבן אויך געוווּסט, וואָס עס קאָכט זיך אין יעדן איינציקן טאָפּ אין שטעטל. זיי האָבן געוווּסט ווער עס זינדיקט בפרהסיה און ווער עס קאָן שוין נישט זינדיקן, וועלכע מויד איז נאָך אַ בתולה און וועלכע יידענע איז קיינמאָל קיין בתולה נישט געווען. זיי האָבן געדענקט וועלכע יידישע טאָכטער קומט נישט אין דער מקווה אַריין און וועלכעס פאָרפאָלק עס קאָן נישט האָבן קיין קינדער.

שבת נאָכמיטאָג פלעגט יענקל טרעגער אָנטאָן דעם יום־טובדיקן אנצוג און פירן זיין געטרייע קליאַטשע אויף דער לאָנקע ביים טייך — דאָס גראָז איז דאָרט געווען זיס און פריש און דאָס וואַסער אין קוועלכל איז געווען מלא טעם, בעסער ווי סעלצער־וואַסער.

שבת נאָכמיטאָג פלעגט די יידישע טאָכטער בלימעלע מאַנדלבוים לייענען די פאַרבאָטענע ליבעס־בריוועלעך, וואָס עס האָט אַמאָל צו איר געשריבן אַ קריסטלעכער סטודענט, וועלכער איז אין איר געווען פאַרליבט אויף טויט און לעבן.

און דער קריסטלעכער שוסטער קוזשידלאָ פלעגט שבת נאָכמיטאָג אַוועקלייגן די קאָפּיטע און דאָס העמערל און פלעגט לויפן דורך די פעלדער ווייט הינטער דער שטאָט, צום בערעזעווע וועלדל, וווּ עס האָט אויף אים געוואַרט אַ יידישע מויד, די שיינע טאָכטער פון ביילטשע פליאַק, וועלכע האָט געלעבט פון פליקן פעדערן. אַ געזונטע מויד איז זי געווען, מיט שניי־ווייסע אָרעמס און מיט אַ פּערלדיקן געלעכטער. אין די אויערן פון פאַרליבטן שוסטער האָט דאָס דאָזיקע געלעכטער געקלונגען ווי די שענסטע מוזיק.

די שיינע רחל, זיסע דעם ציצע־מאַכערס טאָכטער, פלעגט שבת

נאָכמיטאָג שפּאַצירן מיט איר געליבטער חברטע בלימעלע פּעפּער — און הינטער דער שטאָט האָט געוואַרט אויף זיי דער פידל־שפּילער שמואליק ריף, אַן אינטעלעקטואַליסט און אַ תּלמיד חכם, לאַטייניש האָט ער געקענט רעדן ווי להבדיל דער גלח, און יידישע לידער האָט ער גע־שריבן, וואָס זענען געווען פול מיט אומפאַרמיידלעכן אומעט. און קיינער האָט נישט געוווּסט אין וועלכער פון די דאָזיקע צוויי שיינע מיידלעך שמואליק איז פאַרליבט און צו וועלכער ער פלעגט דעקלאַמירן זיינע דיכ־טונגען וועגן דער שיינער בלום... „וואָס שמעקט ווי פאַרפום, נאָר איך אײנער ווייס נישט דערפון"...

אין איינעם אַ שבתדיקן נאָכמיטאָג האָט שמואליק פאַרפאַסט אַ ליד, וואָס דאָס גאַנצע שטעטל האָט חדשים־לאַנג געזונגען, און געווען איז עס אַ ליד וועגן אַ טורעמניק, וועגן אַן אומגליקלעכן אַרעסטאַנט, וואָס האָט זיך געקלאָגט פאַר דער וועלט מיט אַזעלכע ווערטער:

די זון האָט פאַר מיר קיינמאָל נישט געשיינט,
די לבנה באַהאַלט זיך, ס'ווערט טונקל
און די שטערן
קאָן איך אייך שווערן,
אַז פאַרלאָשן וועט ווערן זייער פינקל...

שבת נאָכמיטאָג פלעגן יונגע שניידערס, שוסטער־יונגען און סו־ביעקטן באַגעגענען זיך ווייט הינטער דער שטאָט, אין דער סאַמע מיט פון טיפן וואַלד, און דאָרט פלעגן זיי לייענען לינקע גאַזעטן און אויך דעם קאָמוניסטישן מאַניפעסט. זיי פלעגן פירן אַ וויכוח מיט די טעאָריעס פון קאַרל קויטסקי און וועגן אַנדערע וויכטיקע ענינים פון קלאַסן־קאַמף.

שבת נאָכמיטאָג זענען אין בית מדרש ביי אַ לאַנגן טיש געזעסן עטלעכע זקנים און האָבן געפירט אַ פאַרהער. קליינע יינגלעך האָבן גע־לערנט אַ פּרשה חומש מיט רש"י. עלטערע בחורים האָבן געמוזט ענט־פערן אויף שווערע קשיות, צו וועלכע מען האָט געדאַרפט האָבן אַ קאָפּ ווי אַ מילשטיין.

שבת נאָכמיטאָג האָט די וועלט געאָטעמט מיט גליק, מיט זיסקייט פון אָפּרו, מיט בטחון.

הערש־לייב דאָבקעס, דער שטעטלשער קברן, פלעגט גיין מיט זיין שיינער פרוי יוכבד אויף אַ ווייטן שפּאַציר ביז צו די בערגלעך הינטער דער שטאָט. דאָרט, וווּ עס וואַקסט דער געדיכטער שמעקעוודיקער קום־טאַרניק, פלעגט ער זיך אַוועקזעצן און אָנשפּאַרן דעם מידן רוקן אין

אַ ווייסן בערעזעווע שטאַם, יוכבד פּלעגט אָנלענען דעם קאָפּ אויף זיינע קני און שווייגנדיק זענען זיי אַזוי געזעסן, פאַרטראַכט און פאַרהאַרכט אין דעם אָטעם פון דער וועלט, און אַרום זיי האָט זיך דאָס גראָז גע־בויגן אונטער די באַוועגונגען פון די אַרבעטזאַמע מוראַשקעס. די גרילן האָבן געשפּילט, און געשוועבט און געטאַנצט האָבן די שמעטערלינגען. אַ פויגל האָט זיך אָנגערופן אין דער געדיכטעניש פון וועלדל און אַ צווייַ־טער פויגל האָט אים געענטפערט.

הערש־לייב האָט געשוויגן, בכדי די שיינע פרוי זיינע זאָל קאָנען כאַפּן אַ דרימל. אָבער זי איז נישט געשלאָפן — זי האָט צוגעזשמורעט די לאַנגע שוואַרצע וויעס, און געטראַכט האָט זי, אַז עס איז איר זייער גוט, גליקלעך איז זי, די וועלט איז שיין, די ליבע איז שיין, הערש־לייבס ליבע — הערש־לייב האָט אָרעמס שטאַרקע ווי שמשון הגבור, אָ, ער ווייסט וויאַזוי מען דאַרף ליבן אַ פרוי.

און ער, הערש־לייב, קוקנדיק אויף איר, האָט געטראַכט אויף אַן ענלעכן אופן און וועגן ענלעכע זאַכן, און אין זיינע געדאַנקען איז נאָר אפשר געווען אַ פראַגע: וואָס איז דאָס אַזוינס, דאָס לעבן אונדזערס? און ער האָט געפּרוווט זיך ענטפערן: לעבן איז אַ פּשוטע זאַך, עס גייט בלויז וועגן אַ שטיקל ברויט, וועגן אַ ביסל ליבשאַפט, וועגן אַ ביסל זון — אָט דאָס איז לעבן. אַזוי טראַכטנדיק האָט הערש־לייב געטאָן גלעטן און צערטלען די אָרעמס פון זיין יונגער פרוי — אין איר קער־פּער לעבט און אַנטוויקלט זיך זייער צוקונפט. זייער קינד.

און אָט אַזוי, צווישן הימל און ערד, און אפשר אויך צווישן פרומ־קייט און זינד האָבן די מענטשן אין שטעטל זיך פאַרווײַלט יעדן שבת־דיקן נאָכמיטאָג, בפרט דעמלט, ווען די זון האָט געשיינט, ווען עס איז געווען פרילינג אָדער זומער.

נאָך הוקא דער דאָזיקער לעצטער שבת פון חודש אפּריל איז גע־ווען אַנדערש פון אַנדערע שבתים, ווייל דאָס מאָל איז פאַרשטערט גע־וואָרן די גאַנצע זיסקייט פון זיבעטן טאָג פון דער וואָך.

מיטאָג־צייט, ווען יידן זענען געזעסן ביי דער שבתדיקער סעודה און די גאַס האָט געשמעקט מיט לאָקשן־קוגל און מיט ראָזשינקע־וויין, האָבן זיך אויף דער גאַס באַוויזן פּאָליציאַנטן. זיי האָבן מאַרשירט פאָרנוויז, מיט שאַרפע טריט און צווישן זיי זענען בכבודיק געגאַנגען די אַרעס־טירטע — צווישן צוויי פּאָליציאַנטן איין אַרעסטאַנט.

און באַלד האָט זיך די פֿינצטערע ידיעה געלאָזט הערן אין גאַנצן שטעטל: יענקל טרעגערס מוטער האָט ברייט געעפֿנט דאָס פֿענצטער אויפֿן געסל און האָט זיך געריסן הויפֿנס האָר פֿון שייטל און געשריגן, געוויינט און געשאָלטן יענע אַלע מענטשן, וועלכע האָבן איר נאַרישן זון אויסגעלערנט לייענען און שרייבן און מישן זיך אין פּאָליטיק. ווי לאַנג יענקל האָט זיך נישט געמישט, איז דאָס לעבן געווען אַ לעבן, און איצט איז איר איינציקער מפֿרנס געוואָרן איר מערדער, אויסגעריסן האָט עס אים פֿון דער שטוב, אַ כאָליערע זאָל אים אומברענגען, דעם דאָזיקן טרעגערישן הונטישן זון, צוזאַמען מיט דער גאַנצער פּוילישער פּאָליציי — וואָס האָבן זיי פֿון אים געוואָלט, פֿון איר איינציקן אומשולדיקן קינד, פֿון איר אָרעמען יתום, נעבעך?

אַזוי האָט געוויינט און געשריגן יענקל טרעגערס מוטער, און דורך דעם אָפֿענעם פֿענצטער זענען געפֿלויגן אויף דער גאַס פֿעדערן פֿון דער אויפֿגעטרענטער פּערינע, אין וועלכער די פּאָליציאַנטן האָבן געזוכט רע־וואָלוציאָנערע מאַטעריאַלן.

איז יענקל, הייסט עס, געווען דער ערשטער אַרעסטירטער אין יע־נעם אומפֿאַרגעסלעכן שבת, ערב דעם אַרבעטער־יום־טוב פֿון ערשטן מאַי.

און צוזאַמען מיט יענקלען האָט מען אויך אַרעסטירט פֿיל אַנדערע יונגע מענטשן פֿון אָנשטענדיקע משפּחות און פֿון פֿרומע יידישע היימען. און אַ סך מאַמעס האָבן אין דאָזיקן שבת געוויינט און זיך געריסן די האָר פֿון קאָפּ.

מען האָט איינגעזעצט ליפֿע גאַלעס, דעם באַרימטן סוביעקט, וואָס דאָס גאַנצע שטעטל האָט אים געהאַלטן פֿאַר דעם גרעסטן שבת־גוי, און אייזיק קאַמאַשניק, דעם סעקרעטאַר פֿון פּראָפֿעסיאָנעלן פֿאַריין, און אברהמעלע הויקער, וואָס איז געווען אַ שיפֿער אויפֿן טייך און זיצנדיק גאַנצע טעג אויפֿן שיפֿל, האָט ער געהאַט אַ סך צייט אַריינצוטראַכטן אין דער צוקונפֿט פֿון דער וועלט און צו לייענען אַ סך דיקע ביכער, וואָס יעדעס בוך איז געווען שווער ווי דער יידישער גלות.

פֿון זאַסלאַוו האָט מען געבראַכט צו טרייבן דודל נאָדלשטעכער, אַ פֿיין בחורל, וואָס האָט אויסנווייניק געקאָנט דעקלאַמירן מאַיאַקאָווס־קיס לידער, און ווען ער האָט די דאָזיקע לידער געזאָגט, האָט זיך גע־קאָנט דאַכטן, אַז ער זאָגט אויסנווייניק אַ קאַפּיטל תהילים, אַזאַ ברען און אַזאַ פֿרומקייט איז געווען אין זיינע ווערטער.

די פּאָליציאַנטן האָבן שווער געאַרבעט כמעט אַ גאַנצן טאָג.

וואָלף־הערש טאַנדעטניקס פּלימעניק האָט מען איינגעזעצט, כאָטש דאָס גאַנצע שניידערל איז אַלט געווען נישט מער ווי אַ יאָר פופצן, זעכצן. אַ קינד איז ער נאָך געווען און שוין האָט עס אים געצויגן צו די ביכער, מען פלעגט אים שטענדיק זען מיט אַ ספרל אין דער האַנט, איז דעריבער געווען קלאָר, אַז עס איז שוין צייט ער זאָל זיך באַקענען מיט דער תפיסה־קאַמער, מיט דער האַרטער נאַרע און מיטן געריך פון דער „פּאַראַשע".

ערגעץ פון אונטער די יהרי חושך האָט מען געבראַכט צו פירן עט־לעכע קליינרוסישע פויערים. זיי זענען געלאָפן באָרוועס און די פּאָלי־ציאַנטן זענען געפאָרן לעבן זיי אויף וועלאָסיפּעדן.

און ווען דער קעלער אונטער דעם ראַטהויז און אונטער דעם פּאָ־ליציי־בנין איז שוין געווען פול, האָט מען נאָך געבראַכט צו פירן יענעם קריסטלעכן סטודענט, וועלכער האָט געפירט אַ ראָמאַן און געשריבן אויסגעלאַסענע בריוולעך צו בלימעלען, צו דער שייגער טאָכטער פון ר' אליעזר מאַנדלבוים, וועלכער איז געווען דער ערשטער תלמיד חכם אין שטעטל.

און ווען מען האָט אין יענעם שבתדיקן נאָכמיטאָג געפירט דעם סטודענט דיאָניזי פּאָפּאָווימש אין אַרעסט אַריין, האָט זיך פונקט דעמלט געזאַמלט אַן עולם ביים בית מדרש, ווייל געווען איז עס שוין די צייט פון דאַווענען מנחה, און אַלע יידן, וואָס זענען געשטאַנען אויף דער גאַס אָדער אויף דעם בית־מדרש־הויף, האָבן געזען און געהערט, ווי דער סטו־דענט פירט זיך אויף גאַנץ אַנדערש ווי די איבעריקע יונגע קאָמוניסטן. און דאָס דאָזיקע אויפפירן זיינס האָט געוועקט חידוש. אייניקע האָבן געהאַלטן, אַז ער איז אַ העלד און אַנדערע האָבן געזאָגט, אַז ווי אַ העלד האָט זיך אויפגעפירט נישט פּאָפּאָווימש, נאָר דווקא אברהמלע הויקער און אַלע אַנדערע יידישע בחורים — זיי זענען געגאַנגען שווייגנדיק און שטאָלץ, ווי אמתע זעלנער פון דער אַלוועלטלעכער רעוואָלוציע. מען האָט געדאַרפט זען אַזאַ אברהמלע הויקער — ווען ער איז געגאַנגען לעבן דעם הויכן ברייט־פּלייציקן פּאָליציאַנט, האָבן זיי ביידע אויסגעזען ווי אַ לאָקש מיט אַ באָבעלע, אָבער מען האָט געדאַרפט זען אברהמלעס בליק — פאַר אַזאַ בליק בייגן זיך די העכסטע ביימער.

און וויאַזוי האָט זיך אויפגעפירט דער קריסטלעכער סטודענט פּאָ־פּאָווימש? ער איז געווען פאַרקאָוועט, די הענט האָבן זיי אים פאַרקלאָ־

מערט אין אַן אייזערן בראַנזלעטל; האָט ער געמוזט האַלטן די הענט פאַר זיך, און דאָס קייטעלע פון דער בראַנזלעט האָט געהאַלטן איינער פון די צוויי פּאָליציאַנטן, איינער פון די צוויי באַגלייטערס. דער צווייטער פּאָליציאַנט איז געגאַנגען פון הינטן און מיט די פויסטן האָט ער צוגעאיילט, פּאָפּאָוויטש זאָל גיין גיכער. אָבער דער אַרעסטאַנט איז געווען אַן עקשן, דער דאָזיקער מאָדנער פאַרשוין האָט בכלל נישט געוואָלט גיין אָן ווידערשטאַנד, צוערשט האָט ער געפּרווט אַנטלויפן, און דערפאַר האָבן זיי אים פאַרקאָוועט. איז ער איצט געגאַנגען און האָט געשריגן, צוזאַמענגערופן דעם עולם און עס האָט זיך געקאָנט דאַכטן, אַז ער רופט צוזאַמען די גאַנצע וועלט, בכדי מבשר צו זיין, אַז מאָרגן איז יום־טוב פון אַלע אַרבעטנדיקע אויף דער וועלט, מאָרגן איז אַ פּראָלעטאַרישער יום־טוב און אויך דער טאָג פון קאַמף מיט אַלע בייזע כוחות פון דער וועלט. אַזוי איז ער געגאַנגען און געשריגן, און זיי, די צוויי פּאָליציאַנטן, וואָס האָבן אים באַגלייט, זיי האָבן נישט געוווסט וואָס צו טאָן, ווייל שלאָגן אים דאָ, אינמיטן גאַס, דאָס גאַנצע שטעטל זאָל זען, האָבן זיי נישט געוואָלט, זיי האָבן דערצו נישט געהאַט קיין קלאָרן באַפעל.

און פּאָפּאָוויטש איז געווען באַגייסטערט ווי אַ יונגער נביא, און באַגייסטערט האָט אים דער דאָזיקער שיינער פרילינגדיקער טאָג — פון די בערג האָט זיך געטראָגן דער גערוך פון פרילינג, דעם פרילינג האָט מען היינט געזען און געפילט אומעטום: אין טאָל פון דעם שיינעם טייך און אויך אויף די שווערע רוקנס פון די קאַרפּאַטן. דער פרילינג האָט אַרויסגעשפּראָצט פון דער גאַליציאַנישער שוואַרצערד, ער איז געווען אומעטום, אין גערוך פון די בלומען, אין דער גרינקייט פון פעלדער, וואָס האָבן זיך געצויגן אַרום דעם שטעטל, אין דער וואַרעמקייט פון דער זון און אין דער ווייסקייט פון די בליענדיקע ביימער.

דער ווינט האָט געצערטלט און געקושט די טונקעלע הויט פון דעם יונגן סטודענט, דער ווינט האָט זיך געשפּילט מיט זיינע צעשויבערטע האָר, דער זעלבער פרילינגדיקער ווינט, וואָס האָט זיך משמח געווען אין דאָזיקן שבתדיקן וואַרעמען נאָכמיטאָג און אַראָפּגעריסן פון די ווענט די געדרוקטע פּאָרטרעטן פון אַ בכבודיקן זקן, וועלכער איז געווען דער פּרעזידענט פון דער פּוילישער רעפּובליק.

און אָט אין אַזאַ פרילינגדיקער שטימונג איז דער קאָמוניסט פּאָפּאָוויטש געגאַנגען דורך דעם שטעטל און מיט אַ הייזעריקער שרייענ=

דיקער שטימע האָט ער געזאָגט דער וועלט דאָס, וואָס ער האָט איר געהאַט צו זאָגן.

און ווען ער האָט זיך שוין געפונען ביים טויער פון פּאָליציי־בנין, האָט ער זיך נאָך אומגעקוקט און אויפגעהויבן דעם בליק צום הימל, פּונקט ווי עס וואָלט זיך אים געוואָלט פאַרגעדענקען די בלויקייט, די ליכטיקע זון, וואָס האָט שוין געהאַלטן ביים אונטערגיין, די ווייסינקע וואָלקנדלעך, וואָס האָבן געשוועבט איבערן שטעטל.

און באַלד איז צוגעפאַלן דער פאַרנאַכט. פון די בוידעמער זענען אַרויסגעשוווּמען די פלעדערמייז און גענומען שוועבן איבער די נידעריקע דעכער פון די הייזער.

אין בית־מדרש האָט מען זיך געזאַמלט צום דאַווענען מעריב. ביים פּאָליציי־בנין האָבן זיך אַרומגעדרייט עטלעכע פאַרוויינטע מאַמעס. זיי האָבן עפּעס געפּרוּווט געוויסער ווערן וועגן זייערע אַרעסטירטע קינדער.

דער שוואַרצער סופר, אַן אַלטער איינזאַמער ייד, וואָס איז זינט יאָרן געווען אַן אַלמן און וואָס די טאָכטער האָט אים פאַרלאָזט און איז אַוועק קיין פּאַלעסטינע קעמפן מיט די ענגלענדער און אַראַבער — דער אַלטער שוואַרצער סופר איז געגאַנגען אינמיטן פון דער גאַס און האָט געקוקט אויף דעם פאַרנאַכטיקן הימל, געזוכט שטערן, וועלכע זאָגן אָן, אַז עס איז שוין אויס שבת קודש און אַז גאָט האָט שוין ווידער געעפנט זיין קאַנצעלאַריע און איז שוין גרייט אויסצוהערן די וואָכנטיקע תפילות.

אָבער קיין שטערן האָט ער נאָך נישט געזען, עס איז נאָך צו פרי געווען צו דאַווענען מעריב. איז ער פּאַוואָליע געגאַנגען, דער אַלטער סופר, דורך די געסלעך און האָט געטראַכט מיט פאַרביטערונג, אַז דאָס דאָזיקע שטעטל איז אַמאָל געווען אַ פעסטונג פון יידישקייט און היינט קרישלען זיך זיינע יסודות, עס גייען אונטער אַלע אַלטע מנהגים, אַלע גוטע מידות, אַלע גוטע זיטן. אַלץ צעשיט זיך און ברעכט זיך, ווי אַ שטיקל גוט אויסגעבאַקענע מצה. יונגע מענטשן זענען ווידערשפּעניקער און דינען צו אַנדערע געטער.

דער אַלטער ייד האָט געשאָקלט אומעטיק מיטן קאָפּ.

און דער אָוונט איז געוואָרן אַלץ טונקעלער און געדיכטער. פון טייך האָט זיך געטראָגן דאָס געשריי פון זשאַבעס. און פון גאַנץ נאָענט, פון איינעם פון די איינגעהויקערטע הייזלעך האָט זיך געהערט אַ מיידלשע

שטימע, וואָס האָט געזונגען אַ לידל וועגן אַ יידישער וויג, וועגן אַ גאָל־דענער פּאַווע און וועגן ראָזשינקעס מיט מאַנדלען.

ראָזשינקעס מיט מאַנדלען? וואָס באַדייט דאָס אַלץ? — פרעגט זיך דער פרומער סופר.

דאָס אַלץ באַדייט, אַז דאָס לעבן איז נישט מער ווי אַ חלום. אייביק איז נאָר די וועלט: דער גלייכגילטיקער עדות פון מענטשלעכן גורל...

צווישן לעבן און טויט

אַ גאַנצע נאַכט האָט גערעגנט און אינדערפרי איז די וועלט פאַרהילט געווען אין אַ געדיכטן נעפל. עס איז געווען קאַלט — דאָס זענען שוין געווען די לעצטע שעהן פון האַרבסט, אָט־אָט וועט אַרויספאַלן אַ שניי און דער פראָסט וועט צודריקן די איינוווינער פון לאַגער. דער פראָסט — נאָך איין ביטערער שונא... אָבער דערווייל איז נאָך די ערד אונטער די פיס געווען אַ צעווייקטע, דער הימל איז געהאָנגען איבערן לאַגער נידעריק, ווי אַ שמוציקע גרויע שמאַטע.

גרשון איז געלעגן אין דער בלאָטע, האָט זיך אויפגעהויבן און געפאַלן, געטאַנצט און געשפרונגען, געלאָפן אַהין און צוריק, און ווידער געפויזעט אויף דער צעווייקטער ערד. ער האָט שווער געאָטעמט, אָבער זיין בלאַס פנים איז געווען רואיק ווי אַ מאַסקע. עס האָט זיך נישט געזען אויף אים קיין אומגעדולד און נישט קיין פאַרצווייפלונג, קיין שפור פון מפלה און קיין שפור פון יסורים. גרשון האָט נישט געקוקט אויף זיינע פאַרפאָלגער, עס האָט זיך געדאַכט, אַז ער איז פאַרקוקט ערגעץ אין אַן עולם של דמיון.

און זיי, די דייטשן, האָבן געלאַכט, געהאַלטן זיך ביי די זייטן פאַר געלעכטער. דער אָפיציר, וועלכער האָט געגעבן די באַפעלן, איז געווען דער סאַמע לאַגער־קאָמענדאַנט און עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז די דאָזיקע שדים־שפיל, וואָס ער האָט אויסגעטראַכט פאַר גרשונען, איז זייער קאָמיש, און אַלע היטלעריסטן, וואָס זענען דאָרט געווען, האָבן אים געהאָרכזאַם און העפלעך צוגעהילכט מיט אַ ווילד געלעכטער.

גרשון האָט געטאָן אַלץ, וואָס מען האָט אים באַפוילן, אָבער עס איז זיי נישט געלונגען צו זען אויף זיין געזיכט דאָס, אויף וואָס זיי האָבן געוואַרט: דערשלאָגנקייט, בקשה וועגן רחמים אָדער אַן אַנדערן סימן פון זיין ירידה און פון זייער זיג. דווקא דאָס, דווקא די דאָזיקע הנאה האָט גרשון נישט געוואָלט זיי צוטיילן, און טאַקע דערפאַר האָט די דאָ=

זיקע שפּיל אַזוי לאַנג געדויערט. זיי האָבן אים געוואָלט צעברעכן און ער האָט פֿאַרשטאַנען, וועגן וואָס עס גייט זיי: נישט אין דער מפּלה פֿון נאָך איין שקלאַף האָט עס זיך געהאַנדלט. אין קאָן איז געשטאַנען עפּעס מער: גרשונס כבֿוד און דער כבֿוד פֿון אַלע מענטשן דאָ אין לאַגער, און אפֿשר דער כבֿוד פֿון מענטשן בכלל.

איינער פֿון די דייטשן האָט געהאַלטן לעבן זיך אַ הונט, איצט האָט ער אים געלאָזט אַנטקעגן גרשונען. דער כּלב איז געווען אַ בייזע בעסטיע, מען האָט אים אויסגעלערנט און אויסדרעסירט, ווי אַזוי אַריינצובייסן זיך מיט די קרומע ציין אין אַ מענטשישן קערפּער.

אין יענער מינוט פֿון שפּאַנונג, ווען עס האָט זיך געדאַכט, אַז דער הונט וועט זיך גלייך וואַרפֿן אויף גרשונען, אין יענער מינוט פֿון פּחד און פּרוּוו, זענען אַלע אויפֿן אַפּעל־פּלאַץ געבליבן נתפּעל. דאָס, וואָס איז פֿאָרגעקומען, איז געווען ענלעך צו אַ נס, כאָטש געווען איז עס אין דער אמתן נישט מער, ווי אַ באַווייז פֿון גרשונס גייסטיקן כּוח און מוט. און אפֿשר איז עס געווען נישט מער ווי אַ צופֿאַל?

גרשון האָט געפּרוּווט צו דער פֿאַרצאַמונג, צו די שטעכיקע דראָטן און דאָרט האָט אים דער הונט געזאָלט באַפֿאַלן. נאָר ווען דער כּלב איז שוין געווען נאָענט, האָט גרשון זיך אויפֿגעהויבן פֿון דער ערד, זיך אַוועקגעשטעלט אָנגעבויגן אַנטקעגן דער לויפֿנדיקער בעסטיע און גענומען קוקן אין אירע בייזע אויגן. אַלע זענען געווען איבערצייגט, אַז איצט וועט דער הונט זיך וואַרפֿן גרשונען צום האַלדז, אָבער דער הונט האָט זיך פּלוצים פֿאַרהאַלטן, אַרומגעניוכעט גרשונען פֿון אַלע זייטן, אַ ביל געטאָן, און וואָרטשענדיק, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, אַוועק פֿאַוואָליע צוריק, אין דער ריכטונג, וווּ עס זענען געשטאַנען די דייטשן.

דער קאָמענדאַנט האָט געגעבן אַ צייכן — עס איז אים פּלוצים נמאס געוואָרן צו שטיין אויפֿן רעגן און אין דער קעלט. דער אַפּעל איז געווען פֿאַרענדיקט.

גרשון איז געשטאַנען אַ צעטומלטער און מידער. ערשט איצט האָט ער דערפֿילט, אַז אַלע אבֿרים טוען אים וויי און די ערד וואַקלט זיך אונטער אים און אַרום אים, די ערד און דער הימל. ער איז געווען באַנאָסן מיט שווייס און זיינע פֿיס האָבן געציטערט, טריט האָט ער געשטעלט אומזיכערע ווי אַ שיכּור.

דעם זעלבן טאָג אין אָוונט האָט אים פֿאַרבעטן אויף וועטשערע דער גראָבער קאַפּאָ יעקבֿ, וואָס מען האָט אים גערופֿן יעקבֿ מערדער אָדער

דער גרויסער יעקב. דאָס איז געווען דער טרויעריק באַרימטער קאַפּאָ, וועלכער פלעגט מיט איין קלאַפּ פון דער פויסט הרגענען אַ מענטשן.

דער קאַפּאָ האָט אַוועקגעשטעלט אויפן טיש אַ פלעשל בראָנפן, אַ האַלב ברייטל און אַ שטיק מאַרגאַרין.

— עס — האָט ער געזאָגט — עס און טרינק, ביסט מיין גאַסט, ביסט אַ פיינער יאַט, איך מוז דיך מכבד זיין, ווייל האָסט עס דיר פאַרדינט. ביסט אַ וווילער יאַט, אפילו דער דרעסירטער הונט איז אויף דיר אַ מבין, אפילו דער הונט האָט פאַר דיר דרך ארץ.

זענען זיי ביידע געזעסן אין דעם קליינעם צימערל, ווו דער קאַפּאָ האָט געהאַט זיין געלעגער — אַ קליין קעמערל איז עס געווען, עס איז דאָרט געשטאַנען דעם גרויסן יעקבס בעט, אַ טישל, צוזאַמענגעשלאָגן פון פראָסטע נישט געהובלעוועטע ברעטער, אַ טאַבורעטקע, און אין ווינקל איז געשטאַנען אַן אייזערן אייוועלע — אין אייוועלע האָט געבוזעוועט דאָס פייער, עס איז געווען וואַרעם.

זיי האָבן געטרונקען בראָנפן און געריכערט פּאַפּיראָסן. גרשון איז געווען אָנגעשפּיקעוועט מיט קעלט, און ערשט איצט האָט אין אים אַלץ אויפגעטייעט. צוזאַמען מיטן סאַמאָגאָן האָט זיך צעגאָסן אין די אָדערן אַ ליבע וואַרעמקייט, די גלידער האָבן אויפגעהערט ווי צו טאָן. ער האָט געגעסן פון דעם האַלבן ברייטל, וואָס איז געלעגן אויפן טיש און האָט אַ ביסל געזעטיקט דעם הונגער. אין מוח האָט געוועשט — אַ ווייסער נעפּל האָט אַרומגעוויקלט אַלע ווונדן, אַלע יסורים. די געדאַנקען האָבן זיך געטומלט: לעבן, טויט, אכזריותדיקייט, רחמנות — ווער האָט דאָס אַלץ אויסגעטראַכט? ווער?

גרשון איז געזעסן אַנטקעגן דעם גרויסן יעקב. און דער גרויסער יעקב, יעקב דער מערדער, איז געוואַקסן אין זיינע אויגן, ער האָט מיט זיך אויסגעפילט דאָס קליינע קעמערל ווו זיי זענען איצט געווען, דעם גאַנצן באַראַק, דעם גאַנצן לאַגער, די גאַנצע וועלט; אומעטום איז געווען פיל אַזעלכע, ווי דער דאָזיקער מערדער, די גאַנצע וועלט איז געווען פול מיט מאָרד.

— ווער ביסטו? — האָט געפרעגט גרשון — זאָג מיר ווער דו ביסט. וואָס פאַר אַ מאַמע האָט דיך געבוירן? וואָס פאַר אַ ווילדע חיה האָט דיך גענערט מיט איר מילך?

און דער גרויסער יעקב, וועלכער איז שוין נישט געווען גאַנץ ניכטער, האָט זיך נישט באַליידיקט. און נישט באַליידיקט האָט ער זיך

אפשר דערפאַר, ווייל ער איז דאָך דאָ געווען דער באַלעבאָס און גרשון איז געווען זיין פאַרבעטענער גאַסט.

— ווילסט וויסן, ווער איך בין — האָט געענטפערט דער קאַפּאָ — מסתמא בין איך אַ מערדער. אָבער אַ מערדער ווייסט, וואָס ער טוט. אַ מערדער ווייסט, פאַרוואָס ער הרגעט. אַ מערדער פילט אַ האַס. אַ מערדער פילט אַ פּחד. און איך? איך פיל גאָרנישט. גאָרנישט.

און ער האָט זיך פאַרטראַכט, געזעסן שטיל אַ ווײַלע, אויסגעלערט דאָס גלעזל און ווידער גענומען רעדן.

— אַמאָל בין איך געווען אַן אַרטיסט. באַשעפטיקט געווען אין ציר־קוס. „צירקוס־בוש“, דער גרעסטער צירק אויף דער וועלט. אַרומגעפאָרן פון לאַנד צו לאַנד, פון איין גרויסער שטאָט צו דער צווייטער. בערלין, פּאַריז, מאַדריד, ריאָ דע זשאַנעירא, בוענאָס איירעס. אומעטום פאַר־בראַכט אַ סעזאָן. און יעדן אָוונט האָבן מיר געגעבן אַ פאָרשטעלונג. יעדן אָוונט האָט מען אַרויסגעפירט אויף דער אַרענע אַ יונגן אָקס, און מיט איין קלאַפּ פון דער פויסט האָב איך אים אַוועקגעלייגט. טויזנטער מענטשן האָבן געפּאַטשט בראַוואָ, די רעפלעקטאָרן האָבן מיך באַלויכטן, דער אָרקעסטער האָט געשפּילט אַ טוש, פרויען האָבן געוואָרפן בלומען. די צייטונגען האָבן וועגן מיר געשריבן אין אַלע שפּראַכן. מען האָט מיך גערופן שמשון הגבור פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. און הייַנט... הייַנט בין איך אַ קאַפּאָ. און דו ווילסט מסתמא וויסן פאַרוואָס... ווייס איך? איך הרגע אַ מענטשן... איך הרגע אַ פליג... נישט איך פיל דערביי קיין פרייד, נישט איך פיל אַ האַס צום דאָזיקן מענטש. אַלץ איז מיר גלייכ־גילטיק. ס'וועט קומען די צייט, וועל איך דיך אויך הרגענען. דו ביסט צו קלוג און צו שטאַרק. צוויי אַזעלכע יאַטן ווי דו און איך זענען צופיל אין איין לאַגער. דעריבער וועל איך דיך מוזן הרגענען, און דאָס מאָל, דאָס מאָל וועל איך אפשר וויסן פאַרוואָס איך טו עס. זע! מיט דער דאָזיקער פויסט וועל איך עס טאָן! אָט אַזוי!...

ער האָט אַ זעץ געטאָן מיט דער פויסט, און דער טיש האָט גע־פּלאַצט. דאָס ברעט איז צעבראָכן געוואָרן אויף צוויי שטיקער, דאָס פלעשל פון בראָנפן איז אונטערגעשפּרונגען און אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד.

— האָב נישט קיין מורא — האָט געזאָגט דער גרויסער יעקב — הייַנט וועט דיר גאָרנישט געשען. הייַנט ביסטו מיין גאַסט.

ער האָט אויסגעזען ווי אַ משוגענער.

— דו! שוטה! — האָט ער געשריגן מיט שלעכטע בליצן אין די אויגן, און זיין גרויס, אָנגעדראָלן געזיכט האָט זיך פֿאַרקרימט אין אַ בייזער גרימאַסע — מיין נישט, אַז דו וועסט גיין אין הימל אַריין און אַז אויף מיר, אויף דעם קאַפּאָ, וואַרט דאָס פֿייער פֿון גיהנום. גיין! האָס וועל איך דווקא גיין אין הימל אַריין, אויף מ י ר וואַרט דאָרט דער גן־עדן, נישט אויף דיר. איך וועל זיך דאָרט אַוועקשטעלן פֿאַר א י ם, פֿאַר דעם גרעסטן מערדער, און מיט דער פֿויסט וועל איך אַ כמאַליע טאָן אין מיין ברוסט־קאַסטן און וועל זאָגן: זע, דיין יעקב איז געקומען, דיין גרויסער יעקב, וואָס מען האָט אים גערופֿן יעקב דער מערדער. פֿרייסט זיך כאָטש אַ קאַפּעלע מיט מיר, וועל איך אים פֿרעגן. איך בין צו דיר געקומען נאָך אַ מעדאַל, נאָך אַן אָרדן בין איך געקומען, אַזוי וועל איך צו אים זאָגן. דו האָסט באַשאַפֿן די וועלט, דו האָסט באַשאַפֿן דעם לאַגער, דעם קאָמענדאַנט פֿון לאַגער, די דראָטן, דעם הונט, וואָס וואַרפֿט זיך רק אויף יידן, דו האָסט באַשאַפֿן די דייטשן. און איך בין דער ערשטער נאָך דיר און נאָך דעם לאַגער־קאָמענדאַנט, און מיט דער דאָזיקער פֿויסט האָב איך געטריי דערפֿילט דיין ווילן. עפּעס קומט דאָך מיר דערפֿאַר, האַ? גיב מיר אַ גילדענעם מעדאַל, וועל איך זאָגן, אַ מעדאַל פֿאַר מיין מי. צו וועמען איך האָב צוגעלייגט אַ האַנט, דער האָט באַלד אויסגעצויגן די פֿיס...

און יעקב דער מערדער האָט זיך צעלאַכט מיט אַ ווילד געלעכטער.

און דעמלט האָט זיך געעפֿנט די טיר און ס'איז אַריינגעקומען עלזע — די קאַפּאָ פֿון פֿרויען־באַראַק. זי איז געווען אַ יונגע און אַ שיינע. בלאָנדע האָר האָט זי געהאַט, בלויע אויגן און אַ שיינע שלאַנקע געשטאַלט. און עס איז שווער געווען צו פֿאַרשטיין, ווי אַזוי אין אַזאַ שיינעם גוף קאָן זיך געפֿינען אַזויפֿיל אוממענטשלעכקייט. ווייל עלזע איז געווען שלעכט, אַ בייזע צויג איז זי געווען. „הינטעכע“ — פֿלעגט מען זי רופֿן, און זי האָט זיך יעדן טאָג פֿאַרדינט אויף אָט דעם בייזן נאָמען.

— דאָס איז מיין עלזע — האָט געזאָגט יעקב דער מערדער. און ווען זי האָט זיך געהאָרכזאַם דערנעענטערט צו אים, האָט ער פֿאַרגנירעט די גרויסע האַנטפֿלאַכן אין אירע האָר און עטלעכע מאָל צוגעצויגן צו זיך דעם גאָלדענעם קאָפּ אירן — דערנעענטערט און אַוועקגערוקט, פּונקט ווי עס וואָלט געווען אַ קאָפּ פֿון אַ מאַנעקין, וואָס עס באַטראַכט אים אַ מענטש אַ קורציזיכטיקער.

— נו? — האָט ער אַ וואָרקע געטאָן צו גרשונען — ווי געפעלט דיר מיין כלה? אַ שטיקל סחורה, האַ?

ווידער האָט זיך געעפנט די טיר און ס'איז אַריינגעקומען אַ מענטש פון באַראַק — דער גרויסער יעקב האָט זיך מיט אים געוויינלעך באַנוצט ווי מיט אַ משרת. עפּעס האָט ער שטילערהייט איבערגעגעבן יעקבן, דער קאַפּאָ האָט אויף זיך אַרויפגעצויגן די קורטקע און די שיך און איז אַרויסגעלאָפן. אפשר איז עפּעס געשען אין די באַראַקן, און אפשר האָבן אים גערופן די דייטשן.

גרשון און עלזע זענען פאַרבליבן אַליין.

גרשון האָט זיך גישט געקאָנט צוזאַמענעמען און אַרויסגיין, פאַרמאַכן הינטער זיך די טיר. ער איז געווען מיד, און אינדרויסן איז געווען אַ קעלט, אַ גאַנצן טאָג האָט גערעגנט און איצט איז שוין געפאַלן אַ שניי, און דאָ אין דער דאָזיקער מעלינע איז געווען וואַרעם. אויפן טיש זענען געלעגן פאַפּיראָסן און ברויט, און עלזע איז דאָ געווען אין דער דאָזיקער נעסט פונעם מערדער, די שיינע גאָלדהאָריקע עלזע מיטן פּנים פון אַ ביזאַנטישער מאַדאָנע.

זי האָט אויסגעטאָן די קורטקע, אַראָפּגעוואָרפן פון די פיס די שיך, אָוועקגעזעצט זיך אויפן בעט און געקוקט אויף גרשונען.

זיי האָבן ביידע געשוויגן, און ביי גרשונען האָט זיך גענומען וועקן און דערמאָנען אַ ווידערקול פון ווייטע און כמעט פאַרגעסענע פאַרלאַנגען און באַגערן: אָט זיצט זי לעבן אים, די יונגע פרוי, אַ שיינע איז זי, מיט ליכטיקע זיידענע האָר, מיט בעקעלעך ראָזעווע — די איינציקע אין דאָזיקן פאַרשאָלטענעם גיהנום, די איינציקע, וואָס האָט נאָך אַזאַ ראָזעווע פּנים. און ברוסטן האָט זי ווי צוויי רייפע פרוכטן — און גרשון דערפילט, אַז אַ משוגעת נעמט אים אַרום, אָט־אָט וועט ער אויפהערן צו הערשן איבער זיך, ער וועט צו איר צוגיין, אָננעמען זי ביי דער האַנט און צודריקן צו זיך, און...

ער האָט זיך אָבער איינגעהאַלטן און נישט גערירט זיך פון אָרט. נאָר געקוקט האָט ער אויף איר, נישט אויפגעהערט צו באַטראַכטן זי מיט אַ מאָדנער אַנטציקונג. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער זעט זי אין דער טיפעניש פון אַן אָפּגרונט, אין אַ תהום פון חשכת, וווּ זינדיקע נשמות — ווי אין דאַנטעס דיכטערישער וויזיע — וואַרטן, אַז עמעץ זאָל זיי דערלאַנגען די האַנט.

ער האָט אויף איר געקוקט אַ פאַרחלומטער און נישטדאָיקער, און

ער האָט זיין גאַנצן ווילן און אַלע זיינע געדאַנקען אַריינגעלייגט אין דאָזיקן בליק, ער האָט זיך אָנגעשטרענגט דורכצולויכטן זי מיט דער קראַפט פון דער אייגענער ראיה, ווי מיט אַ מאַגישן כישוף־לאָמפּ, און צו געפינען אין איר יענע פאַרבאָרגענע שיכטן פון מענטשלעכער גוטסקייט, וועלכע דרימלען נאָך אין איר — ווייל ער איז געווען זיכער, אַז ער וועט זיי אַנטדעקן. ער האָט נישט געקאָנט מסכים זיין מיטן געדאַנק, אַז די שיינע עלזע מיטן לויטערן באַגייסטערטן געזיכט זאָל זיין באַשאַפן בלויז אויס איין ליים. ער האָט געוואָלט, אַז נישט געקוקט אויף די איינפלוסן פון גרויסן יעקב זאָל נאָך טליען אין איר אַ פונק פון מענטשלעכקייט. אַזאַ איז ער געווען, גרשון: ער האָט שטענדיק געגלייבט אין די גוטע מעלות פון מענטש, אפילו דעמלט, ווען ער האָט געהאַט צו טאָן מיט מענטשן געפאַלענע און נישטיקע. שטענדיק האָט ער געגלייבט אין די פּ אָ ט ע נ צ י ע ל ע ווערטן, אפילו דאָרט, וו קיינער האָט זיי נישט געזען. פאַר דער מלחמה איז גרשון געווען אַ פּעדאַגאָג, און דער דאָזיקער גלויבן איז פאַר אים געווען אַ טייל פון זיין לערערישן הומאַניסטישן פּראָגראַם. דאָס איז געווען זיין ל ע ב נ ס־פּראָגראַם, און עפּעס וואָס איז נאָך פון דעם דאָזיקן גלויבן געבליבן אפילו דאָ, אין פּאָדערהויז פון גיהנום.

— פאַרוואָס קוקסטו אַזוי אויף מיר? — האָט עלזע איבערגעריסן די שטילקייט — דו...

און עס האָט זיך פון איר מויל, פון אירע געטאָקטע ליפּעלעך, גענומען גיסן אַ שטראָם פון ווערטער העסלעכע, עקלהאַפטע, און האָרכנדיק זיי, האָט גרשון זיך דערפילט, ווי באַגאָסן מיט אַן עמער אומריינקייטן.

— קוק נישט אויף מיר — האָט זי געזאָגט — איך וויל נישט זאָלסט אַזוי אויף מיר קוקן. דו זעסט צופיל.

— באַרואיק זיך — האָט געענטפערט גרשון, און ער האָט זיך באַמיט, אַז זיין שטימע זאָל זיין ווייך און צאַרט און אויך איבערצייגעוודיק, ווייל ער האָט פלוצעם דערפילט אַ גרויס רחמנות צו דער דאָזיקער יונגער פרוי, וועלכע איז אַוועקגעריסן געוואָרן פון איר היים און פאַרפירט געוואָרן אויף די גרויזאַמע וועגן פון די היטלעריסטישע באַפעלן און פון גרויסן יעקב דעם מערדער — דו ביסט נישט שלעכט, עלזע. ביסט אָרעם, ביסט אַ פאַרבלאָנדזשעט קינד. ביסט אַ קינד, וואָס איז פאַרפירט געוואָרן דורך בייזע כוחות. ביסט אַזוי שיין, אַזוי שיין ווי

א שיינער חלום. און איך בין זיכער, אַז אויך דיין מאַמע איז געווען אַ שיינע און אַ גוטע, אַ ווייכהאַרציקע. נאָר דיינע הענט... דיינע הענט זענען שלעכט. שלעכטע נאַרישע הענט זענען עס, וואָס מען האָט זיי אַריינגעצויגן אין אַ פינצטערער שפּיל. אָבער דיין האַרץ, עלזע... שעם זיך נישט. אַ מענטש דאַרף זיך נישט שעמען, אַז ער האָט אַ האַרץ, הערסט, עלזע? נו, וויין נישט, ליבינקע... זאָלסט ווּיסן, ווי שיין דו ביסט...

ער האָט אָפּגעהאַקט, דערשראָקן זיך פאַר די אייגענע ווערטער און פאַר די אייגענע מחשבות און געפילן — שיער נישט געזאָגט, אַז ער ליבט זי. ווי אַזוי האָט ער געקאָנט טראַכטן און זאָגן איר אַזעלכע רייד — ווער איז זי? אַ שלעכטע מויד, וואָס שלעפּט ביי די האָר אַלטע שוואַכע פרויען און שלאָגט זיי, אַזוי ווי דער מערדערישער התן אירער האָט זי געלערנט, דער משוגענער גרויסער יעקב.

און עלזע האָט אויף אים געקוקט און זיך צוגעהאָרכט מיט אַן אָפן מויל, ווי עס וואָלט איר שווער געווען צו פאַרשטיין דעם זין פון זיינע ווערטער. ערשט נאָך אַ לענגערער ווײַלע האָט זי פאַרנורעט דאָס פנים אין געלעגער און גענומען שרייען.

— גיי! גיי אַרויס, איך וויל דיך מער נישט זען! איך וועל אַלץ איבערחזרן יעקבן. דו...

און ווידער: ווערטער שמוציקע, נידערטרעכטיקע.

גרשון איז צוגעגאַנגען צום בעט און אַרויפגעלייגט די הענט אויף איר אַקסל.

— איך האָס דיך — האָט זי געזאָגט מיט פאַרביטערטקייט אין דער שטימע — אַוועק פון מיר!

— ביסט אַן אומגליקלעך קינד — האָט געזאָגט גרשון און ער האָט זי אָנגעהויבן איבערצייגן, אַז אין איר לעבן איז פאַראַן מער ביטערקייט ווי שולד. אויב זי וועט אים גלייבן, וועט זי זיין געראַטעוועט, טראַכט גרשון. און צוזאַמען מיט איר וועט ניצול ווערן אויך ער, גרשון, און צוזאַמען מיט זיי ביידע אויך די אַלטע, קראַנקע, שוואַכע און הונגעריקע פרויען, וואָס עלזע הערשט איבער זיי.

— שעם זיך נישט, אַז ביסט אַ מענטש — זאָגט גרשון — מען דאַרף זיך נישט שעמען, אַז מען איז אַ מענטש.

— און אַז מען איז שוין נישט? — שרייט אויס עלזע — אַז מען

איז שוין נישט קיין מענטש? און אַז מען וויל שוין קיין מענטש נישט זיין?

— דו ביסט! דו ביסט אַ מענטש! — פאַרזיכערט גרשון — האָסט אַ האַרץ.

— הער אויף! — ווערט זיך עלזע, ווי אַ שד פאַר ווייראיך — הער אויף, דו הינטישער זון...

— דאָס האַרץ דיינס וויינט אין דיר — ציט גרשון פון איר אַרויס די נשמה — אַלץ וויינט אין דיר. אַלץ אין דיר בענקט. ווען דו קאָנסט נישט שלאָפן ביינאַכט... זעסטו זיי אין חלום. יענע פּנימער, וואָס האָסט זיי ליב געהאַט. און זעסט זיי אין די פּנימער פון יענע קראַנקע יידענעס, וואָס טרייבסט זיי פון געלעגער, אפילו אין זיי דערקענסטו...

— שווייג! — לאָזט אים עלזע ווידער נישט רעדן.

אינדרויסן ביים פענצטער הערן זיך שוין די שווערע טריט פון יעקב דעם מערדער.

— עלזע — באַווייזט נאָך צו זאָגן גרשון — יעדן אָוונט וועל איך אויף דיר וואַרטן. ביים באַראַק פון אַלטן מאַגאַזין. וועסט קומען?

יעקב איז געשטאַנען אין דער אָפענער טיר. עס האָט אַ בלאָז געטאָן מיט קעלט. גרשון האָט זיך שטיל געזעגנט און איז אַרויס פון באַראַק.

דער לאַגער־פּלאַץ איז געווען באַדעקט מיט שניי — דער ערשטער שניי היי־יאָר. עס האָט געשיינט די חצי־חודשדיקע לבנה, און קוקנדיק אויף איר קאַלטן זילבערנעם פרצוף, האָט זיך גרשונען אויף אַ ווײַלע אויסגעוויזן, אַז ער געפינט זיך ערגעץ נישט דאָ, ערגעץ אויף אַן אַנדע־דער וועלט, אין אַ גרויסער שטילקייט, וו עס זענען נישט פאַראַן קיין ליידנשאַפטן און נישט קיין יסורים, קיין לעבן און קיין טויט. זיסע, שטי־לע פאַרגעסנקייט...

צומאָרגנס...

עס האָט געבלאָזן אַ פראָסטיקער ווינט. זיי זענען געשטאַנען דער־פרוירן און דערשראָקן: ווידער אַ ווינטער... נאָך איין ווינטער — דער לעצטער? דער לעצטער אין לאַגער צי דער לעצטער אויף דער וועלט?

אינדערפרי, לויפנדיק צום אַפּעל, האָט גרשון געהערט, אַז עלזע איזדיעקוועט זיך איבער די פרויען. עלזע האָט היינט איר טאָג, זי שלאָגט און זידלט. אַזוי אַז יעקב דער מערדער איז געקומען צו לויפן, בכדי צו זען און שעפּן נחת פון זיין כלה. ער איז געשטאַנען און גע־קוקט, און געלאַכט האָט ער, געקייכט און געהוסט פאַר געלעכטער, אַזוי

לאַנג, ביז עלזע איז צו אים צוגעשפּרונגען און גענומען שלאָגן אים מיט די פויסטן איבער דער מאָרדע. ער האָט זיך נישט געוועהרט און נישט אויפגעהערט צו לאַכן.

גרשון איז געווען דער איינציקער, וואָס האָט פאַרשטאַנען: עלזע זוכט נקמה פאַר דעם נעכטיקן שמועס מיט אים, עפּעס האָט ער אין איר געוויסן גערירט. ציטשטערט איר רו...

אויפדערנאַכט האָט ער געוואַרט אויף איר, אָבער זי איז נישט געקומען. און זי איז אויך נישט געקומען דעם צווייטן אָוונט. אָבער גרשון האָט געוואַרט און איז געווען איבערצייגט, אַז ער וועט זיך דערוואַרטן. און נאָך איין זאַך האָט ער געוווסט, איצט שוין אויף זיכער: אַז ער איז פאַרליבט, כאָטש ער האָט זיך קעגן דער האַזיקער ליבע געוועהרט, געוואָלט זי אויסמיידן, אַנטלויפן פון איר ווי פאַר אַ שׂרפה, ווי פאַר אַ פאַרצווייפלונג. ווייל געוווסט האָט ער, אַז דאָס איז אַ שלעכטע ליבע. און אַז פון אַזאַ ליבע קאָן מען קיין גוטס נישט דערוואַרטן. שלעכטע ליבע פאַרניכטעט, שלעכטע ליבע פירט צו מפּלה. זי איז ווי אַ שיינע סמיקע בלום.

געקומען איז עלזע ערשט אין אַ וואָך אַרום. זיי האָבן זיך באַגעגנט אַרומגעהילטע פון טונקעלער נאַכט, עלזע האָט אים אָנגענומען ביי דער האַנט און אַריינגעצויגן אין אַ קעמערל, וואָס איז געווען אין ווינקל פון באַראַק. עס האָט זיך דאָרט געפונען אַ מאַגאַזין מיט הילצערנע טרעפּעס. דאָרט — צוגעטוליעט ווי אַ פּאָר אַלטע גוטע פריינד אָדער ווי חתן־כלה, וואָס באַהאַלטן זיך פאַר נייגעריקע אויגן, האָבן זיי צו זיך געפּליסטערט, און געווען איז עס אַ שמועס אַ גאַר אַנדערער ווי דעמלט, ביים גרויסן יעקב אין צימערל. זיי האָבן איצט גערעדט אַזוי, ווי עס פּאַסט צו רעדן פאַר צוויי יונגע געבילדעטע מענטשן — גרשון איז דאָך פאַר דער מלחמה געווען אַ לערער, און זי, עלזע, האָט אַמאָל שטודירט קונסטגעשיכטע. און איצט זענען זיי געזעסן אין דער פינצטער אויף אַ באַרג הילצערנע שיך, און עס האָט זיך זיי געדאַכט, אַז זיי זענען פּליטים, וואָס האָבן געלאַנדעט אויף אַן אינדזל, און אַז זיי ביידע זענען די איינציקע איינוווינער פון דאָזיקן אינדזל, זיי — אדם און חוה.

אינדרויסן האָבן זיך געהערט וועמענס טריט, זענען זיי אויף אַ ווייַלע שטיל געוואָרן, און דעמלט האָט גרשון דערפילט אויף זיך עלזעס אָרעמס. זי האָט אים אַרומגענומען און צוגעדריקט זיך צו אים, איר לייב איז געווען ביי זיין לייב, איר אָטעם ביי זיין אָטעם, אירע ליפּן האָבן געפונען זיינע ליפּן.

— מאָרגן... — האָט זי געזאָגט, באַפרייענדיק זיך פון זיינע גע־ריקע הענט — מאָרגן און יעדן טאָג. שטענדיק...

און זי איז אַנטלאָפן. וווהין איז זי איצט געגאַנגען? אפשר צו יעקב דעם מערדער?

גרשון האָט זיך אַריינגעשאַרט אין זיין באַראַק און איז צוגעפאַלן צו דער פּריטשע. ער האָט צוגעמאַכט די אויגן און געטראַכט וועגן על־זען. זי האָט אים ליב, זי האָט אים ליב און ער איז איר מוחל אַלץ, איר גאַנצן עבר און אויך איר היינטיקן טאָג. ער האָט זי ליב, און שווער איז צו זיין אַ גערעכטער ריכטער לגבי אַ פרוי, וועלכע מען ליבט.

ליגט גרשון אויף דער פינצטערער פּריטשע אין אַ דערהויבענער פאַרליבטער שטימונג און עס דאַכט זיך אים, אַז ער איז אימשטאַנד צו קעמפן מיט דער גאַנצער וועלט, מיט דעם גאַנצן דריטן רייך, פאַר עלזען און פאַר זיך, פאַר זייער ערשטן און אפשר אויך לעצטן אין זייער לעבן ראָמאַן.

נישט לאָזן זיך, טראַכט גרשון, נישט לאָזן זיך צעברעכן, נישט פאַלן פאַר ווייטיק, באַפעלן דעם גוף ער זאָל אויסהאַלטן, אַרויסגיין פון דאַנעט אין אַ געוויסן טאָג, ווען עס וועט אויסשלאָגן די שעה פון פריי־הייט... דעמלט וועט ער העלפן עלזען צוריקקומען צו זיך, ער וועט איר העלפן איינגלידערן זיך אין דער וועלט פון נאָרמאַלע מענטשן... אַזוי האָט ער זיך צוגעגעבן בטחון.

מיט עלזען האָט ער זיך באַגעגנט יעדן אָוונט. אין זייערע שטילע שמועסן, אין זייער שעפּטשען אין דער פינצטער האָבן זיי אויפדאָסניי אַנטדעקט די וועלט, געפּרוווט אויפסניי אויפלעבן אין זכרון יענעם הויכן, זוניקן באַרג, פון וועלכן מען האָט זיי אין אַ געוויסן טאָג אַראָפּגעוואָרפן אין דעם סאַמע אָפּגרונט פון דאָזיקן לאַגער. זיי האָבן גערעדט צו זיך, גרשון און עלזע, מיט ווערטער גיבע און כאַאָטישע, געוואָלט וואָס מער זאָגן און וואָס מער אויסהאָרכן, געוואָלט וואָס מערער וויסן איינס וועגן צווייטן... און זיי האָבן געשטילט דעם הונגער פון ליבע אין דער קאַלטער פינצטערער קאַמער, ווו עס איז געלעגן אַ באַרג מיט פאַרבלאָטיקטע הילצערנע שיך.

טיילמאָל פלעגט זיך צווישן זיי יאָוועזן דער פּחד. זיי האָבן מורא געהאַט פאַר די דייטשן, פאַר דעם מאָרגנדיקן טאָג, און אפשר נאָך מער האָבן זיי מורא געהאַט פאַר דעם גרויסן יעקב.

און אויב ער וועט געוויער ווערן, וועט ער אונדז הרגענען — האָט געזאָגט עלזע — און איך וויל נישט, ער זאָל ד י ך הרגענען.

און טיילמאָל האָט זי געטראַכט וועגן דער צוקונפט.

— וואָס וועט זיין, ווען די מלחמה וועט זיך ענדיקן? וואָס וועט זיין? וואָס וועל איך דעמלט טאָן?

— וועסט זיין מיט מיר — האָט געזאָגט גרשון.

— ניין — האָט זי געענטפערט — איך וועל דאָ בלייבן. דאָ, אויפן אַפּעל־פּלאַץ וועל איך זיצן אַזוי לאַנג, ביז עמעץ וועט זיך מרחם זיין און מיך שיסן.

— נאַרישקייטן רעדסטו — האָט זי געטרייסט גרשון, אָבער געטראַכט האָט ער דערביי, אַז דער ערשטער טאָג פון פרייהייט וועט אפשר דאָ, אין לאַגער, זיין אַ בלוטיקער און אומברחמנותדיקער, דאָס וועט זיין אַ טאָג פון גערעכטיקייט און נקמה, און ער אַליין, גרשון, וועט זיך דעמלט באַמיען מיט די אייגענע הענט צו הרגענען דעם קאָמענדאַנט פון לאַגער און אויך דעם קאַפּאָ יעקב. און וויפל מענטשן טראָגן זיך אַרום מיט די זעלבע געדאַנקען בנוגע עלזען? ווער וועט עלזען הרגענען?

אויך עלזע האָט וועגן דעם זעלבן געטראַכט. עס האָט זי באַאומרויִקט די צוקונפט, און איר פּחד איז געווען אַ צוויי־פאַכיקער — אַ פּחד פאַר דעם טויט, און אַ פּחד פאַר דעם לעבן. וויל גרשונס טרייסטנדיקע ווערטער האָבן האָד נישט געקאָנט ענדערן דיווירקלעכקייט. און די ווירקלעכקייט דאָס איז געווען: יעקב דער מערדער, דער לאַגער, דער טאָג־טעגלעכער טויטן־טאַנץ ביים אַפּעל, היטלעריסטן, און צו דער ווירקלעכקייט האָט אויך געהערט איר אייגענע, עלזעס, פונקציע — קאַפּאָ.

גרשון האָט זיך איינגערעדט, און אויך איר האָט ער געפּרוווט איינרעדן, אַז ווי לאַנג מען איז יונג, קאָן מען דאָס לעבן אָנהייבן פונסניי. אָבער עלזע האָט אויף אַזעלכע רייד שוויַיגנדיק געשמייכלט, זי האָט געוווסט, וואָס עס איז מעגלעך און ווו דאָס מעגלעכע ענדיקט זיך. און אפשר האָט זי דווקא יאָ געגלייבט אין זיינע ווערטער, נאָר אויף אַ גאָר אַנדערן אופן...

אין אַ געוויסן טאָג האָט מען אינדערפרי אויף דעם אַפּעל־פּלאַץ אויסגעשטעלט און צוגעגרייט צום טראַנספּאָרט אַ מחנה פרויען — אַלטע און קראַנקע אָדער סתם אויסגעצערטע און מאָגערע פון הונגער און פון שווערער אַרבעט. אַלע האָבן געוווסט וווהין עס וועט פירן זייער וועג, אָבער אַזוי ווי שטענדיק, אַזוי ווי ביי יעדן טראַנספּאָרט, האָט מען אויך

דאָס מאָל געהערט שטילע ווערטער פון שוואַכער האָפענונג: אַז נישט אין אויוון אַריין וועט גיין דער דאָזיקער טראַנספּאָרט, נאָר אין אַ נייעם לאַגער, ספּעציעל פאַר פרויען, עס וועט דאָרט זיין אַ לייכטע אַרבעט, מען וועט רעפּערירן וועש פאַר די דייטשן. און עמעץ האָט געזאָגט, אַז דער דאָזיקער טראַנספּאָרט וועט אָפּגיין קיין דייטשלאַנד. אַ דייטשישע פאַבריק פון מעדיקאַמענטן האָט אָפּגעקויפט צוויי הונדערט יידישע פרויען, מען וועט אויף זיי אויספּרוון די ווירקזאַמקייט פון פאַרשידענע רפואות, און אַז גאָט וועט העלפן, וועט מען זיך מיט די דאָזיקע מעדיקאַמענטן שטאַרקן און אפשר דערוואַרטן אַן אויסלייזונג. אַזוי האָט מען געשטאַרקט די דערשראָקענע הערצער מיט דעם, וואָס דער מוח האָט אויסגעטראַכט.

און געווען איז צווישן די דאָזיקע פרויען אויך אַן אַלטע יידענע, איינע צווישן פיל אַנדערע אַלטע פרויען — מעגלעך, אַז זי איז נאָך נישט געווען אַזוי אַלט, ווי זי האָט אויסגעזען, נאָר אָפּגעשוואַכט איז זי געווען זייער און זייער. זי האָט זיך געוואַקלט און עטלעכע מאָל געפאַלן פון די פיס. און דערמלט האָט עלזע, נאָך אַלץ מיט דעם קאַפּאָ-שטעקן אין דער האַנט, מיט דעם דאָזיקן טרויעריקן סימן פון איר מאַכט, דורכגעשטופּט זיך צו איר, צו דער אַלטיטשקער, און די אַלטע יידענע האָט פאַרשטעלט דאָס פנים מיטן דאַרן עלנבויגן און זי האָט געעפנט דאָס מויל צום געשריי, ווייל זי האָט שוין געקענט עלזען, זי האָט זיך שוין נישט איינמאָל באַגעגנט מיט דער שיינער און אומברחמנותדיקער קאַפּאָ און מיט איר שטעקן. אָבער דאָס מאָל האָט עלזע נישט געשלאָגן. זי האָט אָנגענומען די זקנה ביים אָרעם און אַרויסגעפירט זי פון דער ריי. עס איז פאַרבליבן אַ ליידיק אָרט.

— באַלד וועט דאָ עמעץ קומען — האָט געזאָגט עלזע און אַלע אַרום האָבן דאָס געהערט און אַלע האָבן געזען, ווי זי פירט די אַלטיטשקע און שטעלט זי אַוועק ביי אַן אַנדערער ריי פרויען, וועלכע אַרבעטן אין שאָפּ. אַלע אַרום זענען געווען נייגעריק צו וויסן, וועמען עלזע וועט איצט ברענגען אויפן אָרט פון דער אַלטער יידענע — ווייל געוווסט האָט מען דאָך, אַז דער חשבון מוז שטימען, די דייטשישע פינקטלעכקייט וועט נישט דערלויבן, אַז עמעץ זאָל אויסמיידן זיין אורטייל.

און ערשט איצט האָבן די מענטשן באַמערקט, אַז עלזעס טראָט איז היינט גאָר אַנדערש ווי שטענדיק. ערגעץ האָט זיך פלוצים פאַרלוירן די עלאַסטישקייט פון איר קערפּער, די לייכטקייט פון אירע באַוועגונגען.

זי איז געגאַנגען איינגעבויגן, כמעט איינגעהויקערט, און עס האָט זיך געקאָנט דאַכטן, אַז עס גייט אַן אַלטער, מידער מענטש, אַן אַלטע פאַרלוירענע פרוי, אַ שוואַכע און ליידנדיקע. עלזע האָט זיך אַוועקגעשטעלט אויף דעם זעלבן אָרט, ווו עס איז געשטאַנען די אַלטיטשקע און פּילנדיק, אַז אַלע מענטשן אַרום קוקן אויף איר, האָט זי אויפגעהויבן דעם קאָפּ מיט אַ זשעסט פון שטאָלציקייט, כמעט מיט גאווה, און זי איז ווידער געווען יונג און שיין. און געקוקט האָט זי ערגעץ איבער די קעפּ, אויסגעמיטן צו באַגעגענען זיך מיט וועמענס בליקן. ערגעץ צום הימל האָט זי געקוקט, צום הימל, וואָס איז גראָד דעם דאָזיקן פרימאָרגן געווען אַ בלויער, אַ ליכטיקער.

און קוקנדיק אויף עלזען האָבן ערשט די מענטשן באַמערקט, אַז זי האָט אַ קליין דרייעקיק טיכעלע אויפן קאָפּ און אַז מען זעט שוין נישט פון אונטער דעם דאָזיקן טיכעלע אירע העל־גאָלדענע זיידענע האָר.

באַלד זענען צוגעקומען די דייטשן און מען האָט פאַר זיי געעפנט דאָס טויער.

אַזוי האָט עלזע פאַרלאָזט דעם לאַגער.

דעם זעלבן טאָג אין אָוונט האָט דער גרויסער יעקב אויפגעזוכט גרשונען.

— דו... — האָט ער געזאָגט שטיל, מיט פאַרביסנקייט — דו ביסט שולדיק, וואָס זי איז אַוועק. ס'האָט דיר געשטערט, אַז זי לעבט, האַ? וועסט מיר באַצאָלן דערפאַר. כ'וועל דיך הרגענען, הערסט?

אָבער ער האָט נישט באַוויזן צו הרגענען גרשונען. אינקורצן האָבן די דייטשן אויך אים, יעקבן, איינגעגלידערט אין אַ טראַנספּאָרט. ווען ער האָט זיך שוין געפונען ביים טויער פון טויט, האָט ער זיך אַרויסגעריסן פאַרויס, געוואָלט גיין דער ערשטער, אָבער אין דער לעצטער מינוט האָט אים באַהערשט אַ פּחד. האָט ער געוואָלט גיין אויף צוריק, אָבער עס איז שוין געווען צו שפּעט, און דער גרויסער יעקב האָט גענומען וויינען און רעווען ווי אַ בער, און זיין שטימע איז געווען קענטיק צווישן אַלע אַנדערע קולות. אַזוי האָט מען דערציילט אין לאַגער — וויפל אמת עס איז פאַראַן געווען אין דעם דאָזיקן דערציילן, ווייסט קיינער נישט. די, וואָס זענען געווען ביים קאַפּאָס טויט זענען דאָך אויך אומגעקומען. קיין לעבעדיקע עדות פון דאָזיקן עפּילאָג זענען נישט פאַרבליבן.

מענטשן אונטערוועגנס

.1

די געשעעניש, וועלכע איז פֿאַרשריבן אין דער דאָזיקער דערציילונג, האָט פּאַסירט אין האַרבסט פֿון אומפֿאַרגעסלעכן 1945 יאָר.
דער טאָג איז געווען אַ נעפּלדיקער און רעגנדיקער, דער ווינט האָט פֿאַרשטעקט דעם אָטעם און געריסן די פּאָלעס פֿון די דורכגייער, וועלכע האָבן אויסגעזען ווי בעטלערס. ס'איז געווען קאַלט. אַזוי איז געווען פֿון אינדערפֿרי. נאָך דעם האַלבן טאָג האָט אָנגעהויבן צו שיטן אַ שניי.

דער וועג דורך דעם שטעטל האָט אויסגעזען געבעכדיק. פֿון דעם אַמאָליקן אַספֿאַלט זענען פֿאַרבליבן בלויז שפּורן. שווערע האַרמאַטן און הונדערטער טאַנקען האָבן צעקרישלט דעם דאָזיקן וועג בשעת די שווערע בלוטיקע קאַמפֿן מיט די פֿאַשיסטישע אַרמייען. און איצט איז געווען דער בלאָטיקער האַרבסט, דער ערשטער האַרבסט נאָך דער מלחמה.

אויפֿן וועג האָט זיך פֿאַרהאַלטן אַ לאַסט־אויטאָ. דער שאָפֿער האָט אויפֿגעהויבן די פֿאַרזשאַווערטע בלעך, אונטער וועלכער עס געפֿינט זיך דער מאָטאָר. ער האָט גענומען עפּעס גריבלען און זוכן, און ווען ער האָט פֿעסטגעשטעלט דעם חסרון, האָט ער פֿאַרלאָשן די ציטערנדיקע מאַשין. עטלעכע מענטשן האָבן זיך אַרויסגעגריבלט פֿון אונטער דעם ברעזענטענעם לייווַנט, מיט וועלכן דער קאַסטן פֿון לאַסט־אויטאָ איז געווען צוגעדעקט. די פּאַסאַזשירן האָבן געציטערט פֿון קעלט און זענען געלאָפֿן זוכן גאַסטפֿריינדלעכקייט און אַן אָרט צו דערוואַרעמען זיך.

דאָס שטעטל איז געווען קליין און האָט אויסגעזען אָרעם — עס האָט אויסגעזען ווי נאָך אַ שׂרפֿה. קליינע איינשטאָקיקע הייזלעך זענען ענלעך געווען צו אומעטיקע זקנים, אויף זייערע ווענט זענען געשטאַנען אָפּגעסמאַליעטע, פֿאַרשוואַרצטע חורבות, אויף וועלכע עס האָט זיך געוויזלט אַן אויפֿשריפֿט אין דער רוסישער שפּראַך: „מין ניעט“ — דאָס הייסט, אַז קיין באָמבעס זענען אין דער דאָזיקער מפּולת נישט פֿאַראַן.

אָבער אין פאַרגלייך מיט אַנדערע אָרטשאַפטן זענען אין דאָזיקן שטעטל קיין סך חורבות נישט געווען. פון פיל הייזער האָט זיך געטראָגן אַ רויך פון די קוימענס און די מענטשן פון דעם לאַסט־אויטאָ האָבן מקנא געווען די היגע תושבים דערפאַר, ווייל זיי האָבן אַ דאַך איבערן קאָפּ, אַ וואַרעמע שטוב, געקעכטס אין די טעפּלעך און אַ ווייך געלעגער צום שלאָפן

זיי, די מענטשן פון לאַסט־אויטאָ, האָבן זיך געשלעפּט שוין פיל טעג, פון שטאָט צו שטאָט, זוכנדיק אַן אָרט פאַר אַ נייער היים.

אַ מאַן אין די מיטעלע יאָרן, אָנגעטאָן אין אַן אויסגעריבענעם זעלנערישן מונדיר, אָבער שוין אָן דעם מיליטערישן אָדלערל אויפן היטל, ווייל ער איז שוין געווען אַ דעמאָביליזירטער — האָט אָנגעקלאַפּט אין דער טיר פון אַ נידעריקן פּאַרטער־הויז, וואָס איז געווען אַרומגערינגלט מיט אַ גערטנדל, אין וועלכן עס זענען געלעגן האַלב־לעבעדיקע האַרבסטיקע קווייטן.

ער האָט אָנגעקלאַפּט, און וואַרטנדיק, אַז פון אינעווייניק זאָל זיך ווער אָנרופן, האָט ער דערפילט, אַז עס הייבט אין אים אָן צוווירקן אַ בייזע, שלעכטע שטימונג: ער איז געווען הונגעריק, עטלעכע נעכט איז ער נישט געשלאָפן, דער ביין אין אַקסל, וואָס איז געווען פאַרלעצט בשעת דער מלחמה, האָט אים איצט ווידער אָנגעהויבן ווי צו טאָן. שטענדיק ווען עס איז געווען אַ טאָג אַזאַ רעגנדיקער ווי דער דאָזיקער היינטיקער האַרבסטיקער טאָג, האָט אים ווי געטאָן די אַלטע וווּנד. ער האָט זיך געפילט קראַנק און אומגליקלעך.

— איז דאָרט דאָ ווער? — האָט ער אויסגעשריגן, קלאַפּנדיק מיט די פויסטן אין דער טיר. — עפנט, צו אַלדע שוואַרצע יאָר!

און שוין האָט ער געוואָלט אַוועקגיין, ווייל ער האָט זיך דערפילט באַליידיקט, וואָס קיינער ענטפערט אים נישט. אָבער איצט האָט זיך עמעץ אינעווייניק אָנגערופן, אַ פרויען־שטימע האָט געזאָגט, אַז די טיר איז אָפן.

דורך אַ קליין קאָרידאָרל איז ער אַריין אין דער קיך, וווּ עס האָט אים אַרומגענומען אַ ליבע וואַרעמקייט. ער האָט שווער געאָטעמט, און נאָך איידער ער האָט זיך באַגריסט, האָט ער גענומען שעלטן די מלחמה, דאָס שלעכטע וועטער, דעם מענטשלעכן גורל און בכלל די גאַנצע וועלט.

— די טיר איז געווען אָפן — האָט געזאָגט די פרוי, די באַלעבאָסטע פון דער שטוב.

אין קיך איז געווען האַלב־טונקל, ביז־השמשותדיק, אָבער דער אָנ־געקומענער איז געווען איבערצייגט, אַז ער האָט צו טאָן מיט דער שענס־טער פרוי אין דער וועלט: שיין איז איצט געווען יעדער מענטש, וועל־כער איז גרייט געווען אים מכבד צו זיין מיט אַ גוט וואָרט.

— איך האָב גאָרנישט געוווסט, אַז עס זענען נאָך ערגעץ פאַראַן היינט אַזעלכע מירן.

— דער שלאָס איז קאַליע געוואָרן — האָט דערקלערט די פרוי — אַליין קאָן איך נישט פאַרריכטן.

— איך וועל פאַרריכטן — האָט גערן געזאָגט דער מאַן אין זעל־נערשן מונדיר — נאָר צוערשט מוז איך מיך דערוואַרעמען. כ'בין דער־פרוירן ווי אַ הונט.

— עס איז שוין זעקס חדשים נאָך דער מלחמה — האָט געזאָגט מיטפילנדיק די פרוי — און איר זענט נאָך אַלץ אין מונדיר.

ערשט איצט האָט ער זיך צעשמייכלט, עס האָט אים הנאה געטאָן, אַז זי קוקט אויף אים פריינדלעך און מיטפילנדיק. און ערשט איצט האָט ער זי געגומען באַטראַכטן אַזוי ווי אַ מאַן באַטראַכט אַ פרוי. זי האָט אויף אים געמאַכט אַ גוטן איינדרוק: אַ הויכע און כמעט אַ יונגע פרוי איז זי געווען. נישט מער ווי דרייסיק יאָר האָט זי געקאָנט אַלט זיין, אַ לויטער געזיכט האָט זי געהאַט און לאַנגע, בלאָנדע האָר, און געריידט האָט זי מיט אַן אָנגענעמער שטימע. יאָ, זי איז געווען שיין און זי האָט געקאָנט צופאַלן צום האַרצן דעם דאָזיקן איינזאַמען וואַגאַבונד, כאָטש איר לבוש איז געווען באַשיידן ווי ביי אַ גאַנע: אַ גרוי אַלט און געצי־רעוועט קליידל האָט זי אויף זיך געטראָגן, צוגעקנעפלט הויך, ביים סאַ־מע האַלדז.

— איך בין שוין נישט ביים מיליטער — האָט ער געזאָגט — איך טראָג די דאָזיקע מיליטערישע קאַפּאָטע, ווייל מיין וויזיט־אָנצוג איז נאָך נישט אויפגעגייט. כ'האָב נאָך נישט באַוויזן צו באַשטעלן. איך האָף, אַז איר וועט עס מיר אַנטשולדיקן. זייט מוחל.

— איך בין מוחל — האָט זי זיך צעלאַכט און אים האָט זיך דאָס דאָזיקע געלעכטער אויסגעוויזן איינטים און נאָענט. פונקט ווי ביי יעדן זעלנער (ווייל ער האָט זיך נאָך אַלץ געפילט ווי אַ סאָלדאַט, כאָטש ער איז שוין זינט פינף חדשים געווען דעמאָביליזירט) האָט זיך אין אים דערוועקט די בענקשאַפט און דער באַגער צו אַ פרוי.

זי האָט אים דערלאַנגט אַ האַנטעך, ער זאָל זיך אַרומוואַשן, זי האָט

אים געוויזן די טיר צום וואַש־צימער. דעם מיליטערישן מאַנטל, וואָס איז געווען שווער און אָנגעווייקט פון רעגן, האָט זי ביי אים צוגענומען און אויפגעהאָנגען צו טרוקענען לעבן אויוון.

עס איז אים געווען אָנגענעם צו זען און צו פילן, אַז עמעץ פאַרעט זיך לעבן אים — דאָס האָט אויף אַ ווײַלע דערמאָנט דעם ווייטן טעם פון אַ היימישער סביבה, פון אַ משפּחה־לעבן, ווען די געבענטשטע הענט פון אַן אַנדערער פרוי האָבן זיך באַמיט, אַז ער זאָל זיין זאַט און אַז עס זאָל אים זיין באַקוועם און גוט.

— לאַנג וועל איך אייך נישט שטערן — האָט ער זיך אַנטשולדיקט.

— איר בלייבט נישט דאָ, אין שטעטל? — האָט זי געפרעגט, דער־לאַנגענדיק אים אַ גלאָז טיי און אַ פּענעץ ברויט.

ער האָט זיך פאַרטראַכט, ווייל דעם אמת געזאָגט, האָט ער פונקט אַזוי גוט געקאָנט בלייבן אין דער דאָזיקער אָרטשאַפט, ווי פאָרן ווייטער.

— דער לאַסט־אויטאָ איז קאַליע געוואָרן. ווי נאָר מען וועט פאַר־ריכטן דעם מאָטאָר, פאָרן מיר ווייטער. און איר?

— איך?

— פון וואַנען זענט איר געקומען? אַליין וווינט איר דאָ?

— אַליין — האָט זי געענטפערט, קוקנדיק אויף אים מיט אַ לייכטן חשד, אַז עפּעס איז ער אויסן מיט זיין פראַגע — פאַרוואָס פרעגט איר?

— סתם אַזוי פרעג איך — האָט ער זיך צו איר צוגערוקט — איך פלעג זיך תמיד אינטערעסירן מיט די מענטשן, מיט וועלכע דאָס לעבן האָט מיך צוזאַמענגעטראָפן. יעדער מענטש האָט אַן אַנדערן גורל. יעדער מענטש איז ווי אַן אַנדערער ראָמאַן. פון וואַנען שטאַמט איר?

— איך בין אַ דאָיקע. אַ היגע בין איך.

— כ'פאַרשטיי נישט.

— אַ היגע — האָט זי איבערגעחזרט און דער זעלנער האָט שוין מער נישט געפרעגט, ווייל ער האָט אפשר פאַרשטאַנען, אַז טיילמאָל ווייסט דער מענטש אַליין נישט ווער ער איז.

— איר זענט זייער שיין — האָט ער געזאָגט, קוקנדיק אויף איר מיט אַנטציקונג.

— גאַנץ שנעל האָט איר עס באַמערקט — האָט זי גענומען לאַכן.

— ווו איז אייער מאַן?

— שנעל נעמט איר זיך צום אויפקלערן די וויכטיקסטע ענינים — האָט געזאָגט די פרוי — אויף אַ מיליטערישן אופן.

— אַנטשולדיקט. וואָס לענגער איך קוק אויף אייַך, אַלץ ווייניקער ווילט זיך מיר אַוועק פון דאַנען.

— אַ דאַנק — האָט זי געזאָגט איראָניש — איצט וואָלט געפּאַסט, איר זאָלט נאָך צוגעבן עטלעכע ווערטער, וויאַזוי עס פלעגט זיין אויפן פראָנט. מען איז געלעגן אין שניי. געפייפט האָבן די קוילן און די סנאַריאַדן זענען געפאַלן געדיכט ווי אַ האָגל. די קני זענען צוגעפרוירן צו דער ערד. נאַכט. דעם טונקעלן הימל פלעגט פון צייט צו צייט אַדורכשניידן אַ פלאַנדיקער שטערן און איר האָט דערביי געטראַכט, אַז עס וואָלט גוט געווען נאָך איין מאָל פאַרן טויט צו ליבן זיך מיט אַ שיינער נקבה. אַזוי איז געווען?

ער האָט געשוויגן. דאָס מאָל איז אים נישט געפעלן דער איראָנישער טאָן פון אירע ווערטער. אָבער באַלד האָט ער זיך צעלאַכט.

— יאָ, עס פלעגט טאַקע אַזוי זיין. אָבער פון וואַנען ווייסט איר דאָס?

— אַנדערע פאַר אייך האָבן מיר שוין דאָס דערציילט.

זי איז געווען פאַרביטערט, ער האָט עס פאַרשטאַנען פון אירע רייד, און ער האָט אויך פאַרשטאַנען, אַז די דאָזיקע פאַרביטערונג האָט זיך געמוזט נעמען פון אירע שלעכטע דערפאַרונגען אין די דאָזיקע אכזריותדיקע צייטן פון מלחמה, וועלכע האָט זיך ערשט נעכטן פאַרענדיקט. ווייל פלוצים האָט זי זיך אויפגערעגט און גענומען אים באַוואַרפן מיט פּרעטענזיעס, פונקט ווי ער וואָלט לגבי איר שולדיק געווען, פונקט ווי ער וואָלט זיך לגבי איר שלעכט אויפגעפירט אָדער געוואָלט זי באַליידיקן.

— פאַרוואָס קוקט איר אַזוי אויף מיר? איר וואַרט מסתמא אויף ליבע? איר פאַרלאַנגט פון מיר גאָרנישט? אפילו קיין קוש נישט?

— אפשר וואָלט איך פאַרלאַנגט — האָט געענטפערט דער זעלנער — אָבער איך וועל וואַרטן. איך האָב געדולד צו וואַרטן.

— אַנדערע ווילן נישט וואַרטן — האָט זי געזאָגט מיט בייזקייט — אַנדערע פירן זיך אויף אַזוי, ווי די גאַנצע וועלט וואָלט געווען נישט מער ווי אַ שטאַל.

זיי האָבן געשוויגן אַ ווײַלע. די פרוי האָט זיך גענומען פאָרען ביי דער קיך. דער פרעמדער האָט פאַרדרייכערט אַ פאַפּיראָס און קוקנדיק אויף דער פרוי, האָט ער געטראַכט וועגן דעם, אַז אינדרויסן איז קאַלט און עס הערט נישט אויף צו שנייען און זיינע מיליטערישע אַלטע שטיוול

לאָזן שוין אַדורך די פּייכטקייט און אין אַ שעה אַרום וועט צופאַלן דער אָוונט, די נאַכט וועט זיין אַ קאַלטע און ער וועט מוזן ווידער טרייסלען זיך אויף דעם לאַסט-אויטאָ. עס איז אים געוואָרן שווער און אומעטיק אויפן האַרץ, ער איז ביין געווען אויף זיין מענטשלעכן גורל, וואָס איז שוין אַזויפיל מאָל ענלעך געווען צום גורל פון אַ געשלאָגענעם, היימלאָזן הונט. און אַ ביסל איז ער אויך ביין געווען אויף דער דאָזיקער פרוי, אויף דער דאָזיקער שיינהייט, וואָס פירט מיט אים אַן איראָנישן דיאַ-לאָג, אָנשטאָט צו זאָגן אים, ער זאָל פאַרבלייבן נעכטיקן אָדער אַז ער זאָל בכלל דאָ פאַרבלייבן — זי איז דאָך מסתמא אַן איינזאַמע, ווי פיל אַנדערע פרויען אויף דער וועלט נאָך דער גרויסער מלחמה.

אָבער זי האָט נישט געזאָגט, ער זאָל פאַרבלייבן. עפּעס האָט זי איצטער גערעדט, אָבער נישט אַלע אירע ווערטער זענען דערגאַנגען צו זיין באַוווסטזיין, ווייל ער איז געווען שלעפעריק, און נאָר מינוטנווייז האָט ער אויפגעכאַפּט דעם זין פון אירע רייד: אַלע מענער זענען צו זיך ענ-לעך ווי טראָפּנס וואַסער, אַלע מענער זענען חזירים, און ספּעציעל אַלע זעלנער, זיי פירן זיך אויף אַזוי, ווי די פרויען וואָלטן בכלל קיין מענטשן נישט געווען.

— מיך איז שווער צו באַליידיקן — האָט געזאָגט דער זעלנער — וועז מען וועט פאַרריכטן דעם אויטאָ וועל איך מיר גיין.

— אַ סך קאָן נאָך געשען, ביז מען וועט אים פאַרריכטן — האָט זי געזאָגט, נישט קוקנדיק אויף אים.

— אויב איך שטער אייך, קאָן איך שוין איצט אַוועקגיין.

און שוין האָט ער זיך אויפגעהויבן אַ באַליידיקטער, גרייט אַוועק-צוגיין, אָבער איצט האָט זי אים גיך פאַרזיכערט, אַז ער שטערט איר נישט, פאַרקערט, זי וויל נישט ער זאָל גיין אין אַזאַ געוויטער, זאָל ער אויסוואַרטן, אפשר וועט אויפהערן צו שנייען, עס קאָן דאָך נישט זיין, ס'זאָל אַ גאַנצן טאָג אַזוי בלאָזן.

דער זעלנער האָט צוגעמאַכט די אויגן און עס האָט אים אַרומגענו-מען אַ וואַרעמע כוואַליע פון דאַנקבאַרקייט און האָפענונג. ער האָט ווי-דער געטראַכט וועגן אַ וואַרעם געלעגער, וועגן אַ נאַכט, וואָס ער וואָלט געקאָנט פאַרברענגען מיט דער דאָזיקער פרוי און וועגן אַ וואַרעמער וועטשערע, וואָס זי וואָלט געקאָנט פאַר אים אָפּקאָכן.

עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער האָט זי שוין ערגעץ געזען, די דאָזיקע שיינהייט, נאָר ער האָט זיך נישט געקאָנט דערמאָנען ווו און

ווען עס האָט געקלונגען געשען. ווען ער האָט איר וועגן דעם געזאָגט, האָט זי זיך ווידער אומגעקערט צו איר פריערדיקן איראָנישן טאָן.

— אפשר האָבן מיר זיך געזען אין חלום? — האָט זי געלאַכט.

— אפשר.

— אָדער אפשר האָט איר וועגן מיר געטראַכט דעמלט, אויפן פראָנט, ווען איר זענט געלעגן אין שניי און די קוילן האָבן געפייפט אַרום אייך. די לבנה איז געווען בלאַס ווי אַ ברומען, וואָס האָט ציין־ווייטיק...

— ...און די נאַכט האָט געשמעקט מיט דער פעלד־קיך — האָט פאַרענדיקט דער זעלנער — און אפשר האָב איך אייך פאַרט ערגעץ געזען?

— איר זענט דאָך דאָ צום ערשטן מאָל? — האָט זי געפרעגט און אין דער דאָזיקער רגע האָט זיך אים עפּעס דערמאָנט פון יענעם לאַנגן גרויזאַמען מאַרש אויף מערב, ווען צווישן פייער און טויט האָט זיין דיוויזיע נאָכגעיאָגט די רעשטלעך פון דער היטלעריסטישער אַרמיי.

— איז דאָ ערגעץ פאַראַן אַ וואַסער־מיל?

— פאַראַן אַ וואַסער־מיל — האָט געענטפערט די פרוי — זי שטייט אויף יענעם ברעג פון טייך.

די פרוי איז צוגעגאַנגען צום פענצטער, זי האָט אים געוואָלט דער־מאָנען פּרטים פון דער לאַנדשאַפט, אָבער ער איז געזעסן אומבאַוועג־לעך; ער האָט גאָרנישט פאַרגעסן. אין דער דאָזיקער וואַסער־מיל האָט ער זיך געפונען אַרומגערינגלט פון אַ דייטשישער אָפּטיילונג, ער און זיין אָטריאַד; זיי האָבן געהאַט צוויי מאַשין־געווערן און אַ האַלבן טאָג האָבן זיי פאַרטיידיקט די מיל־געביידע. דערנאָך איז אָנגעקומען אַ רוסישער פּולק, און די דייטשן זענען אַנטלאָפן.

2.

עטלעכע טריט האָבן זיך דערהערט אינדרויסן, עמעץ איז געשטאַנען ביי דער טיר.

— ווידער וועט דאָ ווער אַריינקומען. ווידער נישט געבעטענע געסט — האָט געזאָגט דער זעלנער.

— איך בין שוין דערצו צוגעוווינט — האָט געענטפערט די פרוי — מענטשן קומען דאָ אָפט אַריין, ווייל דאָס הויז שטייט ביים וועג. זיי קו־מען און ערשט ווען זיי זענען שוין אינעווייניק, פרעגן זיי, צי איך דער־

לויב. דערנאָך קוקן זיי זיך אַרום. זיי זעען, אַז איך בין אַליין, קוקן זיי וואָס מען קאָן צוגנבענען. נעבכן איז דאָ געווען איינער, עפּעס עלטער פון אייך איז ער געווען און אויפגעפירט האָט ער זיך אַזוי, ווי ביי זיך אינדערהיים. ווען איך בין אויף אַ ווײַלע אַריין אין צווייטן צימער, האָט ער געשווינד צוגעגנבעט אַ בילדל. דאָס בילד פון דער הייליקער מאַמע.

— אַ פרומע נשמה — האָט זיך צעלאַכט דער זעלנער — וואָס וועט איר איצט טאָן אָן דער הייליקער מאַמען?

פּלוצים האָט ווער געעפנט די טיר און צוזאַמען מיט דעם פראָס־טיקן ווינט איז אַריין אין שטוב אַן עלטערער פויער מיט אַ פּנים, וואָס איז געווען פאַרקנייטשט און געל ווי אַ לימענע. ביי דער האַנט האָט ער געפירט אַן אַלטע פרוי, אַ פאַרהילטע אין טראַנטעס.

— מאַזשנאַ? — האָט מיט אַ הייזעריקער שטימע געפרעגט דער אָנגעקומענער.

— מאָזשנאַ — האָט אומגערן געענטפערט די באַלעבאָסטע.

— מיר האָבן זיך געוואָלט אַ ביסל דערוואַרעמען — האָט ער זיך פאַרענטפערט — דער צוג האָט זיך פאַרהאַלטן און קיין שום סטאַציע איז דאָ נישטאָ. נישט מער ווי חורבות. מענטשן זענען זיך פאַנאַנדערגע־גאַנגען. בין איך אויך געגאַנגען.

די אַלטע פרוי, וואָס איז אַרייַנגעקומען צוזאַמען מיט דעם פויער, האָט געוואָרפן פאַרדעכטיקע בליקן, אירע הענט האָבן נערוועז געציטערט.

— זיי וועלן נאָך קומען — האָט זי געזאָגט, די אַלטיטשקע — איר וועט זען, אַז זיי וועלן קומען.

— ווער וועט קומען? — האָט געפרעגט די באַלעבאָסטע.

— זי ווייסט נישט, וואָס זי רעדט — האָט אויפגעקלערט דער פוי־ער — זי איז משוגע.

— זיי וועלן קומען ביי דער לבנה — האָט שטיל געוואָרנט די אַלטע — זיי האָבן געזאָגט, אַז זיי וועלן קומען.

— זיי שטיל, אַלטע, זיי שטיל — האָט זי באַרואיקט דער פויער — זי האַלט נאָר אין איין פאַרויסזאָגן, אַז זיי וועלן קומען און אַז זיי וועלן קומען. כ׳האָב זי געפונען אויפן וועג, זי איז געלעגן אויף איינעם אַ וואָקזאַל, אַ דורכגעפרוירענע און הונגעריקע. זי האָט קוים געזשיפּעט. האָב איך זי מיטגענומען מיט זיך און איצט האַלט זי אין איין שרעקן, אַז זיי וועלן קומען.

— אפשר איז זי איצט אויך הונגעריק — האָט זיך פאַראינטערעסירט דער זעלנער — כ'האָב דאָ אַ שטיקל ברויט. נעם, מוטערל, און עס.

— ניין — האָט פאַר איר אָפּגעזאָגט דער פויער — מע דאַרף נישט. עסן וויל זי נישט. זי עסט ווייניק.

— די לבנה האָט דעמלט געשיינט — האָט די אַלטע גענומען דערציילן און עס האָט זיך געדאַכט, אַז זי רעדט נישט צו קיינעם פערזענלעך, נאָר סתם אין דער וועלט אַריין — געל איז זי געווען, די לבנה, ווי פוטער. און קיילעכדיק ווי אַ לאָך אין הימל. און זיי זענען געקומען און האָבן עפּעס גערעדט וועגן גאָט און וועגן פאָטערלאַנד און דערנאָך האָבן זיי אים געהרגעט.

— וועמען? — האָט געפרעגט דער דעמאָביליזירטער זעלנער — ווער האָט וועמען געהרגעט?

— זיי — האָט זי זיך צעוויינט — אים.

— מען קאָן זי נישט פאַרשטיין — האָט געזאָגט דער פויער — אַ משוגענע.

די אַלטיטשקע האָט זיך אַוועקגעזעצט אין ווינקל אויפן דיל. דער פויער האָט זיך דערנעענטערט צום אויוון און גענומען וואַרעמען די הענט.

די באַלעבאָסטע האָט זיך אַרומגעפּאָרעט, צוגעשטעלט קאָכן אַ טעפּל מיט קאַרטאָפל. דער זעלנער האָט נישט אַראָפּגעלאָזט פון איר קיין אויג. אַזאַ שיינע פרוי, האָט ער געטראַכט, און זיינע וועלפישע בליקן האָבן זיך געגליטשט איבער אירע אָרעמס, זיי האָבן זיך פאַרהאַלטן אויף אירע ברוסטן, אויף אירע לענדן און פיס.

— אַ דייטשישע צי אַ פוילישע? — האָט געפרעגט דער פויער.

די פרוי האָט אַ ווײַלע געשוויגן, מעגלעך, אַז זי האָט זיך דערפילט געטראָפן און באַליידיקט פון זיינע ווערטער, פון דער דאָזיקער פראַגע.

— די דייטשן האָבן אויך שטענדיק דאָס זעלבע געפרעגט — האָט פאַוואָליע געזאָגט די פרוי — איצט פרעגט יעדער איינציקער פון אייך דאָס זעלבע. וואָלט כאָטש דאָס דאָזיקע הויז נישט געשטאַנען ביים וועג, ביים סאַמע הרובן וואָקזאַל, וואָלט איר אפשר דאָ נישט געקומען און נישט געפרעגט. פונקט ווי אין אַ קרעטשמע. זיי קומען און פרעגן. אַ פוילישע צי אַ דייטשישע? אַ דייטשישע צי אַ פוילישע?

— און אַז די דייטשן האָבן געפרעגט, האָט איר אויך זיך געפילט באַליידיקט? — האָט זיך צעלאַכט דער פויער.

— אָבער איר זענט דאָך נישט קיין דייטשן — האָט זיך אויפגעד רעגט די שיינע באַלעבאָסטע.

— פרעגן מעג מען — האָט זי געפּרוווט באַרואיקן דער זעלנער — וואָס שאַדט עס וועמען, אַז מען פרעגט?

זי האָט זיך באַרואיקט און גענומען דערציילן.

דאָס שטעטל איז פאַר דער מלחמה געלעגן אויף דער סאַמע גרע־ נעץ, אויף דער פויליש־דייטשישער גרענעץ. און צוליב דעם איז דאָ קיינ־ מאָל נישט געווען קיין רו. אָפט פלעגט מען דאָ בייגאַכט הערן אַ שי־ סעריי, אָפט פלעגן דאָ אַרומבושעווען די דייטשישע זשאַנדאַרמען און גרענעץ־פּאָליציאַנטן. אין איינער אַזאַ אומרואיקער נאַכט האָט מען גע־ בראַכט צו טראָגן איר פאָטער אַ טויטן.

די אַלטע משוגענע פרוי האָט זיך אויפגעכאַפּט פון דרימל און גע־ נומען נאָכהאָרכן.

— זיי גייען שוין — האָט זי געזאָגט און אירע אויגן זענען געווען פול מיט שרעק — זיי גייען.

— שאַ, אַלטע, שאַ... — האָט דער זעלנער געגלעט אירע גרויע האָר — קיינער גייט נישט. דער ווינט בלאָזט, נישט מער.

— מעגלעך, אַז ס׳וועט נאָך ווער דאָ קומען — האָט געזאָגט ד באַלעבאָסטע — אויב דער צוג האָט זיך דאָ פאַרהאַלטן...

.3

די טיר האָט אַ סקריפּע געטאָן און אויף דער שוועל האָט זיך באַוויזן אַ הויכער ברייטפּלייציקער פּאַרשוין מיט אַ שמייכלענדיק געזיכט און מיט אַ ווויליינגערישער מינע. אָנגעטאָן איז ער געווען אין ציווילע מלבו־ שים: געהאַט אויף זיך אַ שיין פעלצל, אויפן קאָפּ אַ וואַרעם פוטערן היטל, אויף די פיס — שטיוול מיט הויכע כאָליעוועס, נישט פּשוטע שטיוול, נאָר אָפיצירישע, זיי האָבן געגלאַנצט ווי אַ שפּיגל.

אויף די דאָזיקע פּרעכטיקע שטיוול האָבן אייפערזיכטיק געקוקט צוויי פּאָר אויגן. דער פויער און דער זעלנער האָבן זיך דערמאָנט, אַז אינדרויסן איז אַ נעץ און אַז זייערע פּאָדעשוועס זענען דין און לאָזן אַדורך דאָס וואַסער ווי אַ רעשעטע.

— פאַרוואָס קוקט איר אַזוי מאָדנע אויף מיר? — האָט געפרעגט דער אָנגעקומענער.

דער זעלנער האָט באַטראַכט דעם מענטש אין די שיינע שטיוול און דער אומחן איז אין אים געוואַקסן. ער האָט נישט ליב געהאַט קיין מענטשן אין אָפּיצערסקע שטיוול, בפרט ווען עס זענען געווען אָפּיצערסקע שטיוול אויף די פיס פון אַ ציוויליסט.

— איר האָט נישט אָנגעקלאַפּט אַריינקומענדיק — האָט געזאָגט דער זעלנער — כ'האָב נישט געהערט, איר זאָלט אָנקלאַפּן.

— ער איז פון יענע, וואָס קלאַפּן נישט אָן — האָט געזאָגט די פרוי — זיי קומען אַריין און זענען דאָ.

די משוגענע זקנה האָט זיך ווידער אויפגעכאַפּט פון אָרט און מיט אַ ווילד געשריי איז זי צוגעפאַלן צו דעם מענטש אין די שיינע שטיוול.

— דאָס איז ער! — האָט זי געבליפּעט — ער! דער נישט-גוטער. מענטשן, רוקט זיך פון אים אַוועק. דאָס איז ער. ער.

דער נישט-גוטער האָט אַוועקגעשליידערט פון זיך די שרייענדיקע פרוי. זי איז געבליבן ליגן אינמיטן שטוב. דער פויער האָט זיך אָנגעבויגן און געהאָלפן איר אויפשטיין.

— פאַניע — האָט דער פויער געזאָגט מיט אַ בייזער שטימע צו דעם איינגעטימער פון די שיינע שטיוול — דאָס איז אַן אַלטע, אָרעמע פרוי, מען דאַרף איר נישט קיין שלעכטס טאָן. איך וועל נישט דערלויבן.

זיי האָבן זיך גענומען זידלען, דער פויער און דער נישט-גוטער. זיי האָבן גערעדט אַזוי, ווי זיי וואָלטן דאָ נישט געהאַט קיין עדות, אַזוי ווי זיי וואָלטן דאָ געווען ביי זיך אין דער היים.

— ווו ביסטו געווען, ווען גאָט האָט פאַנאַנדערגעטיילט דעם פאַר-שטאַנד? — האָט ווילייגעריש געפרעגט דער מענטש אין פעלצל און אין די גלאַנציקע שטיוול.

— אויב איר ווילט, וועל איך ביי אייך קויפן די שטיוול — האָט געזאָגט דער פויער מיט אַ כיטרע שמייכל — לאָמיר מאַכן אַ טויש. איך וועל אייך געבן מיינע און איר וועט מיר געבן אייערע. כ'וועל דערלייגן אַ פוד מעל.

— דיינע שטיוול שטינקען מיט פערד-מיסט.

— פאַר דעם מיסט וועל איך דערלייגן נאָך אַ האַלבן פוד.

דער זעלנער איז איצט געזעסן אַ פאַרטראַכטער, אַ טריבער. ער האָט געקוקט אויף דעם מענטש אין פעלצל און ער האָט זיך נישט גע-קאָנט באַפרייען פון דער איבערצייגונג, אַז ערגעץ האָט ער שוין דעם דאָזיקן פאַרשוין געזען, ערגעץ האָט ער שוין געהערט זיין שטימע, און

איצט האָט ער זיך נישט געקאָנט דערמאָנען, ווו און אין וואָס פאַרא אומשטענדן דאָס איז געווען. אײנס האָט ער געוווסט אויף זיכער: קיין גוטע געשעעניש האָבן זיך מיט דעם דאָזיקן מענטש נישט געבונדן. דער זעלנער איז געווען איבערצייגט, אַז נישט אומזיסט וועקט ביי אים דער דאָזיקער מענטש אַ שלעכטע שטימונג. ער איז געווען איבערצייגט, אַז נאָך אַ ביסל און ער וועט זיך דערמאָנען. דערווייל האָט ער אים באַטראַכט און געשוויגן.

ווידער האָט זיך פון ווינקל דערהערט די שטימע פון דער זקנה.

— כ'האָב געזאָגט, אַז ער וועט קומען און ער איז געקומען.

— אפשר האָט ווער אַ טרונק בראָנפן? — האָט געפרעגט דער פויער — צו דערוואַרעמען זיך.

דער מענטש אין די שיינע שטיוול האָט אַרויסגענומען פון דער בוזים־טאַש אַ פּלאַטשיק פלעשל און מכבד געווען דעם דורשטיקן.

פון צווייטן צימער איז אַריינגעקומען די באַלעבאָסטע, און דער מענטש אין די שטיוול האָט זיך מיט איר באַגריסט ווי אַן אַלטער באַקאַנטער. אָבער זי האָט זיך באַלד פון אים אָפּגערוקט, ס'איז געווען קענטיק, אַז זיין אָנוועזנהייט איז איר נישט זייער ליב.

דער פויער האָט זיך דערכאַפּט ס'האַרץ מיט אַ טרונק. דער אייגנטימער פון די שיינע שטיוול האָט געוואָלט דערלאַנגען דאָס פלעשל דעם זעלנער. אָבער דער זעלנער האָט זיך נישט גערירט פון אָרט, אפילו נישט אויסגעשטרעקט די האַנט.

— זייט פּאָרזיכטיק — האָט געפליסטערט די זקנה — היט זיך פאַר דעם נישט־גוטן!

די באַלעבאָסטע האָט אַוועקגעשטעלט פאַר דער אַלטיטשקער אַ גלעזל טיי אָן צוקער, אַ שטיקל ברויט.

דער מענטש אין די שטיוול איז געשטאַנען ביים פענצטער און געקוקט אויף די שווערע טונקעלע וואָלקנס, וואָס דער ווינט האָט געטריבן אויף דעם פאַרנאַכטיקן הימל.

— ס'האָט אויפגעהערט צו שנייען — האָט ער געזאָגט — אויב עמעץ וויל אַוועקגיין, וועט קיינער נישט שטערן.

— קיינער וועט נישט שטערן — האָט איבערגעחזרט דער פויער — אָבער קיינער טרייבט נישט אַרויס. מיר וועלן נאָך אַ ביסל זיצן. דאָ איז וואַרעם.

— ס'זענען דאָ פאַראַן אַזעלכע, וואָס ווילן פון אונדז פּטור ווערן — האָט געזאָגט דער זעלנער.

— קיינער וויל נישט גיין דער ערשטער — האָט זיך צעלאַכט דער פויער.

— עמעץ וועט אָבער מוזן גיין דער ערשטער — האָט ערנסט געזאָגט דער זעלנער און אין זיינע ווערטער האָט זיך געקאָנט פילן, אַז דער כעס און די אויפרעגונג וואַקסן אין אים.

— נו, אויב עס מוז ווער זיין דער ערשטער, וועלן מיר זיך קלייבן אין וועג אַריין — האָט זיך מיט אַ זיפץ אויפגעהויבן פון אָרט דער פויער און אָנגענומען ביי דער האַנט די זקנה.

— בלייבט — האָט געזאָגט דער זעלנער — נישט אייך מיינט מען.

און אין דער דאָזיקער רגע האָט דער זעלנער זיך דערמאָנט פון וואַנען ער קען יענעם פאַרשוין. אַ דערמאָנונג האָט אין אים אויפגעטויכט, אין זכרון האָבן זיך דערוועקט פּרטים, ער האָט שוין איצט געהאַט די פולע זיכערקייט, מיט וועמען ער האָט צו טאָן. נאָר איין זאַך האָט ער נאָך נישט געוווסט: ווי אַזוי זיך אויפצופירן איצט, וואָס טאָן?

די באַלעבאָסטע האָט אָנגעצונדן דעם נאַפט־לאָמפּ. דער זעלנער איז צוגעגאַנגען צו יענעם אַלטן באַקאַנטן און האָט אים אַ ווײַלע געקוקט אין די אויגן אַריין.

— האָסט זיך גאָרנישט געענדערט — האָט געזאָגט דער זעלנער — די זעלבע מאָרדע, ווי אַמאָל.

— ווי אַמאָל? וועגן וואָס רעדסטו?

די באַלעבאָסטע האָט זיך דערנענטערט און איז געבליבן שטיין צווישן זיי ביידע.

— וואָס קומט דאָ פאָר? — האָט זי געפרעגט — וועגן וואָס רעדט איר?

4.

זיי זענען דאָ געווען נישט לענגער ווי איין איינציקע שעה, און דעם זעלנער האָט זיך געדאַכט, אַז דער קאַרגער שמועס מיט דער שיינער באַלעבאָסטע און מיט דעם מענטש אין די אַפּיצירישע שטיוול דויערט שוין זייער לאַנג. ער איז ווידער געווען בייז און מיד און ער האָט באַ־

דויערט, וואָס ער איז נישט אַריינגעגאַנגען אין אַן אַנדערער שטוב, נאָר דווקא דאָ.

זינט דער קראַסאַוויעץ אין די שטיוול איז אַריינגעקומען, האָט די באַלעבאָסטע כמעט נישט גענומען קיין אָנטייל אין שמועס. דעם זעלנער האָט זיך געדאַכט, אַז די האָזיקע צוויי לייט זענען שוין לאַנג באַקאַנט, און דאָס האָט אין אים דערוועקט אייפערזוכט.

דערווייל האָבן זיך ווידער דערהערט טריט אינדרויסן און דערנאָך אין קאָרידאָר, עמעץ איז געשטאַנען פאַר דער טיר, מעגלעך אַז ס'האָט אים געפעלט מוט אַריינצוגיין.

— איר הערט? — האָט זיך אָנגערופן דער פויער — ווידער טראָגט וועמען דער טייוול.

— טיילמאָל געשעט אַזוי — האָט געזאָגט די באַלעבאָסטע — אַ בלינדער זיגלאָזער צופאַל פירט צוזאַמען פאַרשידענע מענטשן פון דער גאַנצער וועלט. זיי באַגעגענען זיך אין איין אָרט, פונקט ווי זיי וואָלטן זיך אָפגעשמועסט אויף אַ באַגעגעניש. זיי קענען זיך נישט. זיי שטאַמען פון פאַרשידענע וועלטן. זיי רעדן, יעדער דערציילט עפעס אַנדערש. זיי וואַרטן אויף עפעס. זיי האָבן מורא, אַז עפעס קאָן געשען.

— דערנאָך גייען זיי זיך פאַנאַנדער — האָט דערגענצט דער פויער — און עס געשעט נישט קיין שום זאַך.

— טיילמאָל געשעט יאָ עפעס — האָט געזאָגט דער זעלנער — טיילמאָל טוט זיך ווער עפעס דערמאָנען. טיילמאָל דערקענט מען וועמען.

— דאָס פאַסירט — האָט צוגעבאָמקעט דער פויער — דער מענטש ריכט זיך אויף גאָרנישט און עפעס קאָן פאָרט געשען. דער מענטש ווייסט נישט, וואָס עס דערוואַרט אים.

— פאַר דער מלחמה איז דאָ געווען די פויליש-דייטשישע גרענעץ — האָט זיך עפעס דערמאָנט די באַלעבאָסטע — שטענדיק האָט עפעס פאַסירט. ביינאַכט פלעגט ווער אַנטלויפן און זוכן אַנטרינונג. טיילמאָל האָט מען געשאָסן. עמעץ האָט געשריגן ביינאַכט, גערופן הילף. דערנאָך האָט די פאָליציי געזוכט דעם פליט. אַ פאַרשאָלטענע גרענעץ.

— דער מענטש ביי דער טיר וועט דאָרט פאַרפרוירן ווערן — האָט געזאָגט דער זעלנער. — אפשר זאָל איך אים אַריינרופן?

— דאָ איז ענג — האָט געראַטן דער פויער — מען דאַרף אונטערשפאַרן די טיר מיט אַ שטיק האָלץ, וועט קיינער נישט אַריינקומען. וואָס איז דאָ? אַ קרעטשמע?

— אַריינלאָזן? — האָט געפֿרעגט דער זעלנער.
און נישט וואַרטנדיק אויף דער דערלויבעניש פֿון דער באַלעבאָסטע, איז ער צוגעגאַנגען צו דער טיר.
אַרייַנגעקומען איז אַ הויכער ייד מיט אַ געלער באָרד און מיט אַ קרענקלעך געל געזיכט. ער האָט אויסגעזען צו זיין אַ קראַנקער און קוקנדיק אויף אים, האָט דער זעלנער געטראַכט, אַז ווען די וועלט וואָלט געווען אַ וועלט אָן מלחמות און אָן וואונדן, וואָלטן די דאָזיקע מענטשן זיך קיינמאָל נישט געקענט און קיינמאָל זיך נישט צוזאַמענגעטראָפֿן אונטער איין דאַך.
— יונה! — האָט זיך דערפֿרייט דער אין די שטיוול — נאָך דו האָסט דאָ געפֿעלט. יאָק באָגאַ קאָכאַם! אומעטום זענט איר פֿול.
— איך הייס נישט יונה — האָט געזאָגט דער ייד.
— באמת? דו הייסט נישט יונה?
זיי זענען געשטאַנען אַנטקעגן זיך: דער אַלטער אומבאַהאָלפֿענער ייד מיט די ציטערנדיקע הענט און מיט דעם דערשראָקענעם פּנים — און דער יונגער, געזונטער פֿאַרשווין אין פּעלצל, דער שפּעטנדיקער פֿאַר־פֿאָלגער, וואָס האָט דאָ געפֿונען אַ קרבן.
— טשעפּע זיך אָפּ פֿון אים — האָט געזאָגט דער זעלנער.
— ס'איז מיר קאַלט געווען, בין איך אַרייַנגעקומען זיך דערוואַ־רעמען — האָט זיך אַנטשולדיקט דער ייד. — און אפֿשר האָט איר ערגעץ דאָ געזען אַ פֿרוי? אַ יונגע פֿרוי מיט אַ קינד. דאָס איז מיין טאָכטער. נישט געזען? מען האָט מיר געזאָגט, אַז זי איז דאָ ערגעץ געווען.
און ווען קיינער האָט אים נישט געענטפֿערט, האָט ער איבערגע־טראָגן דעם בליק פֿון איין פּנים אויף דעם צווייטן.
— נאָך איין משוגענער — האָט געזאָגט דער, וואָס האָט ליב גע־האַט חוזק צו מאַכן פֿון יידן.
— זי האָט אַ וואונד אויף דער באַק — האָט געזאָגט דער זקן, וואָס האָט נישט געוואָלט פֿאַרשטיין, אַז זיין זוכעניש מוז שוין פֿאַרבלייבן אָן דערפֿאָלג. — קיינער האָט נישט געזען קיין יונגע פֿרוי מיט אַ קינד אויף דער האַנט?
אַלע האָבן געקוקט אויף דעם ייד, אָבער קיינער האָט נישט געזאָגט קיין וואָרט. אפֿילו דער מענטש אין די שיינע שטיוול האָט אויף אַ ווײַלע זיך אויפֿגעהערט צו וויצלען. די משוגענע זקנה, וואָס איז געקומען מיט

דעם פויער, האָט אויסגענוצט די מינוט פון שטילקייט, בכדי ווידער צו וואַרפן איר וואָרענונג:

— לאָמיר אַנטלויפן — האָט זי געפּליסטערט, אָבער אירע ווערטער האָבן אַלע געהערט — לאָמיר גיך אַנטלויפן, ווייל זיי וועלן זיך אומקערן.

— ווער? — האָט געפרעגט דער ייד — איר האָט זיי געזען?

— אַלע האָבן זיי געזען.

דער ייד האָט גיריק געהאָרכט אירע ווערטער, כאָטש ער האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס זי איז אויסן.

— זי האָט מיטגעמאַכט מער, ווי זי האָט געקאָנט מיטמאַכן — האָט געזאָגט דער זעלנער.

— איך פאַרשטיי זי — האָט זיך אָנגערופן די באַלעבאָסטע.

— זיי וועלן קומען און זיי וועלן דיך זען — האָט די אַלטע געוואָרנט דעם ייד — איינער איז שוין דאָ. אַנטלויף, ווייל זיי וועלן דיך זען.

— זיי האָבן מיך שוין געזען — האָט געזאָגט דער אַלטער מענטש, וועלכער האָט געזוכט זיין טאָכטער — איך קאָן שוין נישט אַנטלויפן. כסדר אַנטלויפן. דאָס גאַנצע לעבן אַנטלויפן. כ׳וויל נישט אַנטלויפן.

— דו ווילסט נישט, אָבער ביסט אַנטלאָפן — האָט געזאָגט דער מענטש אין די שיינע שטיוול — אַנטלויפן קאָנט איר. און ווען דער מענטש מיינט, אַז איר זענט שוין נישטאָ, דעמלט וויזט זיך פּלוצים אַרויס, אַז איר זענט ווידער דאָ. ווער האָט אונדזער גאָט געקרייציקט? נישט דו?

— ניין — האָט ערנסט פאַרזיכערט דער אַלטער ייד — איך געדענק נישט. נישט איך.

— לאָזט געמאַך — האָט זיך אַריינגעמישט דער פויער — דער מאָגען אַלטע זינד... איר זעט דאָך: אַן אומגליקלעכער מענטש.

— האָסט געקרייציקט? — האָט נישט געוואָלט אָפּטרעטן דער כוליגאַן.

—ניין, פּראָשע פּאַנאָ — דער ייד האָט גענומען היגטערווייַלעכץ צוריקציען זיך צו דער טיר — איך האָב נישט געקרייציקט.

— יונה!

דער זעלנער האָט זיך שווער אויפגעהויבן פון אָרט.

— לאָז אים צו רו, ווייל כ׳וועל דיר דעם קאָפּ שפּאַלטן.

— שרייט נישט אויף אים — האָט געזאָגט דער ייד — איך בין אומשולדיק. כ׳האָב קיינעם נישט געקרייציקט. אָבער כ׳האָב געזען ווי זיי

האָבן אים געפירט. זיי האָבן געזאָגט, אַז זיי פירן אים אין באָד אַריין. און ער איז שוין פון דאָרט נישט אַרויסגעקומען.

— ווער איז נישט אַרויסגעקומען? — האָט געפרעגט דער פויער — וועגן וועמען רעדט ער?

— ער ווייסט, וואָס ער רעדט — האָט געזאָגט די באַלעבאָסטע — איך פאַרשטיי אים.

— יעדער ווייסט, וואָס ער רעדט — האָט זיך אָנגערופן דער זעלנער — אפילו די דאָזיקע אַלטיטשקע.

— און וויאַזוי האָט ער אויסגעזען, דער וואָס מען האָט אים געפירט אין באָד אַריין? — האָט געוואָלט וויסן דער פויער.

— געוויינלעך — האָט געענטפערט דער ייד — געוויינלעך האָט ער אויסגעזען. אַזוי ווי איך. אַ קינד האָט ער געטראָגן אויף דער האַנט.

— אַן אייגן קינד צי אַ פרעמד קינד?

— אַ קליין קינד — האָט אויפגעקלערט דער ייד.

ער האָט געציטערט פון קעלט. די באַלעבאָסטע האָט אים דערלאַנגט אַ שטיקל ברויט.

— ווי שמעקט דאָס ברויט? — האָט געפרעגט יענער, וואָס האָט פיינט געהאַט יידן.

— ברויט שמעקט תמיד — האָט געזאָגט דער אַלטער — גוט ברויט.

די באַלעבאָסטע האָט אָנגעצונדן דעם נאַפט־לאָמפּ. דער מאַן אין די שיינע שטיוול האָט צוגעקנעפּלט דאָס פעלצל, אָנגעטאָן דאָס פוטערנע היטל און געלאָזט זיך צו דער טיר.

— כ׳וועל קומען אַן אַנדערש מאָל — האָט ער געזאָגט צו דער באַלעבאָסטע — הייגט איז דאָ זייער ענג.

אָבער איידער ער האָט באַוויזן אַרויסצוגיין, האָט אים דער זעלנער פאַרשטעלט דעם וועג.

— כ׳וויל זאָלסט בלייבן.

— זאָל ער גיין — האָט זיך אַריינגעמישט די שיינע פרוי. — כ׳וויל אים נישט זען.

— בלייב! — האָט איבערגעחזרט דער זעלנער.

די שטימונג האָט זיך געמאַכט אַ נישט היימלעכע. עפּעס אַן אומרו איז געהאָנגען אין דער לופט. דער פויער האָט אַ ווײַלע געקוקט אויף

דעם אויפגערעגטן זעלנער און אויף דעם אייגנטימער פון די אָפּיציריש שטיוול.

— שטיי אויף! — האָט ער באַשלאָסן אויפצוּוועקן די משוגענע — לאָמיר גיין.

— און די לבנה? — האָט געפרעגט די אַלטיטשקע — די לבנה שיינט שוין?

— גייט מיט גאָט, פאַטערל — האָט געזאָגט דער אין די שטיוול — קיינער האַלט אייך דאָ נישט ביי די פּאָלעס.

— אַזוי? — האָט זיך פּלוצים מישב געווען דער פויער — נו, וועלן מיר זען, וואָס עס וועט דאָ ווייטער פאָרקומען. מיר'ן צוּוואַרטן.

דער מענטש אין די שטיוול האָט שוין געוואָלט וואָס שנעלער זיין אינדרויסן, אָבער דער זעלנער איז געשטאַנען אַ בייזער און דראָענדיקער און האָט אים פאַרשטעלט דעם וועג צו דער טיר.

— דערמאָנסט מיר עמעצן — האָט געזאָגט דער זעלנער.

— כ'קען דיך נישט און כ'וויל דיך נישט קענען — האָט געענטפערט דער פאַרהאַלטענער — ווּעמען דערמאָן איך דיר, צו אַלדע שוואַרצע יאָר? זאָג.

— כ'וועל זאָגן. זעץ זיך.

— דאָס איז זייער אינטערעסאַנט — האָט זיך צעלאַכט דער פויער און האָט ווידער אויפגעקנעפּלט די קאַפּאָטע.

— דאָס איז געווען בשעת דער מלחמה — האָט אָנגעהויבן צו דערציילן דער זעלנער. — ער איז איינמאָל געקומען שפּעט ביינאַכט...

— ווער? — האָט אים איבערגעהאַקט די רייד דער, וועגן וועלכן דער זעלנער האָט דערציילט — ווער איז געקומען?

— דער וואָס איז געווען ענלעך צו דיר. ער האָט אָנגעקלאַפּט אַזוי ווי שטענדיק, לויט אונדזער פאַראַל: דריי מאָל לייכט, איינמאָל שטאַרקער. מיר האָבן געעפנט די טיר. זעקס פאַרשוין זענען מיר דאָרט געווען, זעקס מענטשן, וואָס די געסטאַפּאָ האָט אונדז געזוכט. אַ סך וואָכן זענען מיר דאָרט געווען אין דער דאָזיקער מעלינע, אין אַ קליין שטיבל, אַ קליין קעמערל אָן פענצטער. מיר זענען געזעסן צוזאַמענגעדריקט ענג איינער לעבן צווייטן. מיר זענען געווען פילבאַר אויף יעדן קלאַנג, אויף יעדן שאָרך און אויך אויף יעדן וואָרט, אויף יעדן געדאַנק אפילו. ער, דאָס הייסט דער, וועגן וועלכן איך דערצייל, איז געווען אינפאָרמירט וועגן אונדזער פאַרבאָטענער עקזיסטענץ, דורך אים האָבן מיר געדאַרפט

באַקומען אַ באַפעל צו פאַרלאָזן די מעלינע און אָנשליסן זיך אין אַ פּאַרטיזאַנער־אָפּטיילונג. האָבן מיר, הייסט עס, געעפנט די טיר און ער איז אַריינגעקומען און...

דער זעלנער האָט פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס און אַ ווײַלע געשוויגן.

— גאָרנישט געדענקסט דו נישט? — האָט ער געפרעגט דעם מענטש אין די שטיוול — גאָרנישט?

— איך ווייס נישט, וועגן וואָס דו רעדסט. איך קען דיך נישט.

— ער האָט געזאָגט, אַז ער איז געקומען אונדז וואָרענען. איר מוזט פון דאַנען אַנטלויפן, האָט ער געזאָגט. איך וועל פאַר אייך געפינען אַן אַנדערע מעלינע, אַ בעסערע און מער זיכערע, אָבער דאָס מוז קאָסטן. איך דאַרף אַ סך געלט, האָט ער געזאָגט. אָבער דערפאַר וועט עס זיין אַ מעלינע, וווּ איר וועט קאָנען זיצן ביז משיח וועט קומען. מיר האָבן נישט געוואָלט זיצן־ביז משיח וועט קומען. מיר האָבן געוואָלט גיין צו די פּאַרטיזאַנער. און ער האָט געזאָגט, אַז ער האָט פאַרלוירן דעם קאָנטאַקט מיט דער באַוועגונג און ער דאַרף אַ סך געלט. און דו? געדענקסט נישט, האַ?

דער באַשולדיקטער האָט נישט געדענקט און ער האָט נישט געוואָלט געדענקען. ער איז געשטאַנען און געווישט דעם שווייס פון פּנים.

— איך ווייס נישט וועגן וואָס דו רעדסט — האָט ער אויסגעשטאַמלט מיט אַ שוואַכער שטימע.

— ער איז געווען מאָדנע ענלעך צו דיר.

— דאָס קאָן פּאַסירן — האָט זיך אַריינגעמישט דער פּויער — מענטשן זענען טיילמאָל ענלעך איינער צום צווייטן. ביי אונדז אין דאָרף...

— פאַרוואָס אַנטלויפט איר נישט? — האָט אויסגעשריגן די משוגענע, און אַלע האָבן זיך דערשראָקן פאַר איר אויסטערלישער שטימע.

— דערציילט ווייטער — האָט זיך פאַראינטערעסירט. דער ייד.

— כ׳וועל דערציילן. מיר האָבן דעם האָזיקן מענטש געגעבן אַן אויסמיידנדיקע תשובה, ווייל זיינע רייד האָבן ביי אונדז דערוועקט אַ חשד, כאָטש דאָס אַלץ, וואָס ער האָט געזאָגט, האָט דאָך געקאָנט זיין אמת. דער טאָן פון זיינע ווערטער איז אונדז אָבער נישט געפעלן. מיט דעם אונטערבאַוווסטזיין, מיט יענעם אומבאַגרייפלעכן חוש, וועלכער דרימלט אין יעדן איינציקן מענטשן, האָבן מיר געפילט, אַז ער זאָגט ליגן. דאָס געלט האָבן מיר אים צוגעזאָגט צו געבן מאָרגן. אַזוי איז געווען? — האָט ער זיך געווענדט צום באַשולדיקטן.

— איך ווייס נישט.

— איין זאַך האָסטו דעמלט אויך נישט געוווסט. ווען דו האָסט פאַרלאָזט די מעלינע, בין איך נאָכגעגאַנגען נאָך דיר, כ'בין דיר נאָכגעגאַנגען ווי אַ שאָטן. ביסט דעמלט אַריין אין אַ רעסטאָראַן, אין וועלכן איך האָב געקענט אַלע קעלנערס און אַלע זענען זיי אין אַ געוויסער מאָס געווען מיינע גוטע פריינד. כ'בין אַריין דורכן הויף אין דער קיך פון רעסטאָראַן, און דאָרט בין איך געוווער געוואָרן מיט וועמען דו האָסט זיך באַגעגנט, מיט וועמען דו האָסט געטרונקען. יענער מענטש, מיט וועלכן האָסט זיך געסודעט, איז געווען אַ קאָנפידענט, אַ שמאַלצאָווניק איז ער געווען, די גאַנצע שטאָט האָט אים געקענט.

— איך ווייס נישט וועגן וועמען דו רעדסט — האָט געזאָגט דער פאַרדעכטיקטער.

— ווען ביסט אַרויס פון רעסטאָראַן, האָב איך דיך ווייטער באַגלייט. ביסט געגאַנגען גלייך צו יענעם גרויען הויז, אין וועלכן עס האָט אַמטירט די געסטאַפּאָ.

— דאָס איז שרעקלעך — האָט געזאָגט די באַלעבאָסטע — שרעקלעך.

— איך בין צוריקגעלאָפן אין אונדזער מעלינע און נאָך אין דער זעלבער נאַכט זענען מיר פון דאָרט אַוועק.

— און ער — האָט געפרעגט דער פויער — וואָס איז מיט אים געשען?

— איך האָב אים מער נישט געזען — האָט געענטפערט דער זעלנער — עס איז אונדז געלונגען צו אַנטלויפן אין וואַלד אַריין. ניין טעג האָט געדויערט, ביז מיר האָבן אָנגעטראָפן אויף אַ פּאַרטיזאַנער־אָפּטיילונג. און אין צוויי חדשים אַרום זענען אָנגעקומען די רוסן. מיר האָבן פון זיי באַקומען ביי געווער און מונדירן. זעקס זענען מיר געווען און מיר האָבן זיך געהאַלטן צוזאַמען. דאָ, אין דאָזיקן שטעטל, אין דער וואַסער־מיל, איז איינער געהרגעט געוואָרן. דריי זענען אומגעקומען ביים באַפרייען וורצלאַוו. איינעם האָט פאַנאַנדערגעריסן אַ באָמבע אין בערלין, צוויי טעג פאַר דעם סוף פון דער מלחמה.

מען האָט געהערט דעם שווערן אָטעם פון צוויי מענער, וועלכע האָבן אויף זיך געקוקט מיט שנאה.

— און איר זענט זיכער, אַז דאָס איז ער? — האָט געפרעגט דער פויער — אַ מענטש קאָן האָבן אַ טעות.

— שטענדיק פלעג איך אים זען נאָר ביינאַכט — האָט זיך פאַר־טראַכט דער זעלנער — ביים קאַרגן שיין פון אַ ליכטל. אָבער ווען איך וואָלט נישט געווען איבערצייגט, וואָלט איך דאָ די דאָזיקע מעשה נישט דערציילט. דאָס איז ער, איך געדענק אפילו זיין שטימע.

— ער געדענקט זיין שטימע! — האָט זיך פאַלש צעלאַכט דער, וואָס איז געווען ענלעך.

— טיילמאָל האָט דער מענטש אַ טיפע איבערצייגונג וועגן עפּעס אַ זאַך — האָט געמאַכט אַ באַמערקונג די באַלעבאָסטע — ער האָט די פולע אינערלעכע זיכערקייט, אַז עס איז אַזוי און נישט אַנדערש. אָבער עס פעלן אים באַווייזן. ער האָט נישט קיין עדות. ער האָט נישט קיין שום מעגלעכקייט איבערצוצייגן זיך און איבערצוצייגן אַנדערע.

— אפשר האָט ווער געקענט יענעם מענטש? — האָט דער פויער זיך אָנגערופן

— איך ווייס נישט — האָט דער קטגור אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ — כ׳בין שוין מיד. כ׳וויל האָבן רו, כ׳וועל זיך געפינען אַ פּרוי. אַ הייזל מיט יונגע ביימלעך אַרום. כ׳וועל זייען און זעצן בלומען. כ׳האָב זיך אַמאָל פאַרנומען מיט גערטנעריי. דאָס איז אַ שיינע אַרבעט. מען קאָן דערביי האָדעווען עופות.

— ווערסט טאַפּן הינער — האָט זיך גראָב צעלאַכט דער אין די שיינע שטיוול.

— כ׳האָב דאָ ערגעץ נישט ווייט געזען אַ שטיקל ערד מיט אַ שטוב, וואָס וואָלט גראָד געפּאַסט פאַר מיר. ווער ווייסט, צי איך וואָלט דאָ נישט געדאַרפט בלייבן.

— נו, ווינטש איך דערפאָלג — האָט זיך געפרווט געזעגענען דער באַשולדיקטער — אַדיע!

און ער איז אַרויס פון שטוב דער ערשטער.

— אַן אינטערעסאַנטע מעשה — האָט געזאָגט דער פויער — און אפשר האָט ווער צו פאַררויכערן?

— איך האָב — האָט געזאָגט דער ייד און דערלאַנגט דעם פויער אַ זעקעלע מיט טאַבאַק.

אַלע האָבן פאַררויכערט. אַלע אחוץ דעם ייד.

— היינט איז שבת. שבת רויכער איך נישט.

— זענען זיי שוין דאָ? — האָט זיך ווידער געלאָזט הערן די משו־גענע. — זענען זיי שוין געקומען?

— קיינער איז נישט געקומען — האָט זי באַרואיקט דער פּויער. — אַלץ האָבן מיר שוין אויסגעהאָרכט, איצט לאָמיר זיך קלייבן אין וועג אַריין. דער ווינט האָט זיך געשטילט, עס בלאָזט שוין נישט אַזוי.

דער זעלנער האָט אָנגעטאָן דעם מאַנטל און האָט געוואָלט גיין זען, וואָס עס טוט זיך ביים לאַסט־אויטאָ. ער האָט דאָרט געהאַט זיין הילצערן קופערטל מיט דער גאַנצער אָרעמקייט.

די שיינע באַלעבאָסטע איז צו אים צוגעגאַנגען און גענומען עפּעס אים איבערצייגן. זי האָט נישט געוואָלט ער זאָל שוין אַוועקגיין. פאַר עפּעס האָט זי מורא געהאַט.

— גאָרנישט קאָן נישט געשען — האָט ער זיך צעלאַכט און האָט נאָך געפרעגט: — איר ווילט, כ׳זאָל דאָ בלייבן, דאָ, אין שטעטל?

— יאָ — האָט זי געזאָגט און דאָס דאָזיקע איינציקע וואָרט האָט אין זיינע אויגן געקלונגען ווי אַ גוטער אָנזאָג, ווי אַן אינטימע דערקלערונג.

— וועל איך בלייבן — האָט ער באַשלאָסן.

און געטראַכט האָט ער דערביי, אַז דאָס וואָס האָט מיט אים דאָ פּאַסירט איז זייער מאָדנע, ווייל ערשט מיט אַ שעה צוריק האָט ער דאָך די דאָזיקע שיינע פרוי בכלל נישט געקענט.

— כ׳וועל גיין צום אויטאָ נאָך מיין קופערטל — האָט ער געזאָגט און האָט פאַרלאָזט די שטוב.

— מיר גייען אויך — האָט געזאָגט דער פּויער און האָט אָנגענומען די אַלטיטשקע ביי דער האַנט.

— און איך? — האָט געפרעגט דער ייד — ווו זאָל איך איצט גיין? אומעטום פרעג איך, קיינער האָט זיי נישט געזען. וויאַזוי איז דאָס מעגלעך, אַז קיינער זאָל נישט האָבן געזען אַ פרוי מיט אַ קינד אויף דער האַנט?

— די וועלט דאַרף רחמים — האָט זיך אָנגערופן דער פּויער, כאָטש ער איז שוין געווען ביי דער טיר — אַ סך רחמים. פאַר יעדן יתום און פאַר יעדן זקן.

און גראָד דעמלט ווען זיי האָבן דאָ גערעדט וועגן רחמנות, האָט זיך אינדרויסן געלאָזט הערן אַ שאָס, אַן איינציקער שאָס פון אַ פּאַראַבעל, און אַן איינזאַם מענטשלעכער געשריי האָט אַדורכגעשניטן די שטילקייט פון אָוונט. דאָס דאָזיקע געשריי האָט זיך פּלוצעם אָפּגעהאַקט און אַ ווײַלע איז געווען גאַנץ שטיל. ערשט דערנאָך האָט זיך געלאָזט

הערן אַ געלויף און אַ געשריי פון עטלעכע שטימען, האָס זענען מסתמא געווען די שטימען פון צופעליקע עדות.

און זיי דאָ אין שטוב, דער ייד און דער פויער און אויך די צוויי פרויען, איינע אַ יונגע און איינע אַן אַלטע, זענען געשטאַנען ביי דער טיר און האָבן נאָכגעהאָרכט. זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז דער דאָזיקער שאָס איז אַ המשך צי אַן עפילאָג פון יענעם שמועס, וועלכן זיי האָבן דאָ געפירט: פון שמועס צווישן דעם זעלנער און דעם פאַרשוין אין די שיינע שטיוול. זיי האָבן אפילו נישט געקענט די נעמען פון די דאָזיקע צוויי מענטשן.

— פאַרוואָס גייען מיר נישט? — האָט געפרעגט די משוגענע — איז נאָך נישט די צייט?

— שוין גייען מיר.

— און איך וויל דאָ בלייבן — האָט פּלוצעם באַשלאָסן די אַלטע — מיר געפעלט דאָ

— נאַרישע פרוי, ווער דאַרף אונדז דאָ? — האָט זיך אומגעקוקט דער פויער.

— אויב זי וויל, זאָל זי בלייבן — האָט געזאָגט די באַלעבאָסטע.

— און איך? — האָט געפרעגט דער פויער.

— פאַר אייך וועל איך אויך מאַכן אַ געלעגער.

— וועל איך גיין צו דער באַן נאָך אונדזערע זאַכן.

דער פויער איז אַרויס פון שטוב. ווען ער האָט אויפגעמאַכט די טיר, האָט זיך אַריינגעריסן די קעלט פון דער האַרבסטיקער נאַכט.

— מען האָט דערשאָסן אַ זעלנער — האָט געזאָגט אַ דורכגייענדי־קער שכן צו דער באַלעבאָסטע.

דער ייד האָט גענומען געזעגענען זיך און דאַנקען פאַר דעם שטיקל ברויט, וואָס ער האָט דאָ געגעסן, און פאַר דער טיי, וואָס ער האָט דאָ געטרונקען.

— וווּ וועט איר איצט גיין? — האָט געפרעגט די באַלעבאָסטע.

— כ'מוז זיי זוכן. מיין טאָכטער מיט איר קינד. מען האָט געזאָגט, אַז זיי זענען דאָ ערגעץ געווען. דאָס קינד האָט זי געטראָגן אויף דער האַנט. אַ מיידעלע.

ער איז געשטאַנען אויף דער שוועל אפשר עטוואָס לענגער, ווי עס וואָלט געווען נייטיק. ס'האָט זיך געקאָנט דאַכטן, אַז ער ווייסט נישט אין וועלכער ריכטונג צו גיין.

ווען זיינע אויגן האָבן זיך צוגעוווינט צו דער פינצטערניש, האָט ער דערזען וועגענער און מענטשן, וואָס האָבן געצויגן אויף מערב. לעבן דער הרובער באַן־סטאַציע איז געשטאַנען אַ צוג, דער לאָקאָמאָטיוו האָט שווער געאָטעמט. אונטער אַ נאַקעטן בוים האָבן עטלעכע מענטשן געברענט אַ פייער.

די יונגע פרוי, וואָס איז געשטאַנען אויף דער שוועל, האָט זיך צו־ריקגעצויגן אין שטוב אַריין. זי האָט צוגעמאַכט די טיר און פאַרדעקט דאָס פנים מיט די הענט. זי האָט געוויינט ווי אַן איינזאַם קינד, וואָס האָט מורא פאַר איינזאַמקייט און פאַר דער פינצטערניש.

זי האָט באַוויינט דעם טויט פון אַ מענטש, וועלכן זי האָט נאָך מיט אַ שעה, צוויי נישט געקענט און וועמענס נאָמען זי וועט שוין קיינמאָל נישט געוויער ווערן.

פּראָפֿעסאָר טשאָבאָט

איבערגענעכטיקט אין שטעטלשן האָטעל, בין איך באַלד אינדערפֿרי געלאָפֿן אויף דער באַגעגעניש מיטן פּראָפֿעסאָר. דאָס האַרץ האָט זיך אין מיר געוואָרפֿן — איך האָב מורא געהאַט פֿאַר דער דאָזיקער באַגעגעניש, פֿון יאָר צו יאָר האָב איך זי אַלץ אָפּגערוקט פֿון זיך, אָבער אין אַ געוויסן טאָג האָט דאָך צו איר געמוזט קומען.

בין איך איצט געגאַנגען, געלאָפֿן בין איך דורך די דרימלענדיקע געסלעך פֿון דער שטאָט, נישט געקוקט אויף רעכטס און נישט געקוקט אויף לינקס, נישט געוואָלט זיך קיין זאַך דערמאָנען, נישט געוואָלט אויפֿוועקן די שאָטנס פֿון עבר. דאָס מאָל האָב איך בלויז געוואָלט זען זיך מיט יענעם מענטשן, וועלכער איז מיט דרייסיק יאָר צוריק געווען מיין לערער און וועמען איך האָב דעמלט ליב געהאַט ווי אַן אייגענעם פֿאָטער.

כ'האָב באַגעגנט אַ מיליציאַנט און האָב ביי אים געפֿרעגט, ווו עס וווינט דער פּראָפֿעסאָר טשאָבאָט. דער מיליציאַנט האָט מיך אַ ווײַלע אַרומגעטאַפּט מיט זיין נייגעריקן בליק און האָט מיר געוויזן דעם וועג. מיט אַ שמאָל געסל האָב איך זיך געלאָזט אַראָפּ אין דער ריכטונג פֿון סאָן, פֿאַרבייגעגאַנגען לעבן דער פֿאַרשלאָסענער צערקווע, אין וועלכער עס האָט אַמאָל באַלעבאַטעוועט דער רוסישער גלח פּאָליאַנסקי מיט זיין פֿרוי און מיט דעם בן־יחיד וואָלאָדיע, וואָס איז געווען דער גרעסטער שיכור אין שטעטל. און גייענדיק ווייטער האָב איך זיך דערמאָנט, אַז ערגעץ דאָ איז געווען די שול און דאָס בית־מדרש, היינט איז שוין פֿון זיי קיין שפּור נישט געבליבן.

האָב איך גענומען גיין גיכער, בכדי וואָס שנעלער צו אַנטלויפֿן פֿון די אייגענע זכרונות. און לויפֿנדיק האָב איך אַ טראַכט געטאָן, אַז דער מיליציאַנט שטייט נאָך מסתמא דאָרט אויבן, ווו דאָס געסל הייבט זיך אָן, און איך בין געווען איבערצייגט, אַז ער טראַכט אוודאי, צי מען האָט

נישט געדאַרפט פרעגן, ווער איז דער דאָזיקער פרעמדער יונגערמאַן, וואָס איז געקומען באַזוכן דעם פּראָפעסאָר טשאָבאָט.

געווינט האָט ער, דער פּראָפעסאָר טשאָבאָט, אין אַן אַלטן, איינגעהויקערטן, הילצערן הייזל, וואָס איז נאָך פאַר דער מלחמה געווען ביז די האַלבע ווענט איינגעזונקען אין דער ערד. כ׳געדענק עס, דאָס דאָזיקע הייזל. בעניע דער ממזר האָט דאָרט געווינט, בעניע מיט זיינע צוויי אויסגעלאַסענע מיידן, וואָס די גאַנצע שטאָט האָט וועגן קיין שום אַנדערער זאַך נישט גערעדט, נאָר וועגן זיי.

איך האָב אָנגעקלאַפּט און געעפנט די טיר. כ׳האָב זיך געפונען אין אַ גרויסער שטוב, געווען איז דאָ כמעט טונקל. דאָס גרויע האַרבסטיקע טאָג-ליכט האָט זיך קוים אַריינגעשאַרט דורך די קליינע, שמוציקע פענצטערלעך, די ווענט, שוין לאַנג נישט געקאַלכטע, זענען געווען גרוי פון רויך און פון שטויב.

דער פּראָפעסאָר טשאָבאָט איז געשטאַנען אינמיטן צימער, אַ גרויסער און שווערער, ווי אויסגעטעסעט מיט אַ האַק. ער איז געווען גרויס און דיק, ווי אַ העלפאַנט האָט ער אויסגעזען, און איך וואָלט אים דערקענט אין דער גרעסטער ענגעניש, כאָטש איך האָב אים נישט געזען שוין גאַנצע דרייסיק יאָר.

האָב איך אויף אים געקוקט שווייגנדיק, און אין מויל, אין האַלדז איז מיר געווען טרוקן, קיין וואָרט האָב איך נישט געקאָנט אַרויסברענגען, און דאָס האַרץ, דאָס האַרץ האָט ביי מיר געקלאַפּט ווי ביי אַ גנב.

האָב איך, הייסט עס, געשוויגן און געוואַרט: אפשר וועט ער אָנהייבן דעם דאָזיקן שמועס אונדזערן.

איך האָב געקוקט, באַמיט זיך טיף אַריינצודרינגען מיטן בליק אין זיינע אויגן, אין זיין האַרץ, אין זיין נשמה — כ׳האָב געוואָלט עפּעס פאַרשטיין. איך ווייס, עס איז געווען גאַנץ נאַיוו, קינדעריש איז עס געווען, ווייל טשאָבאָט איז דאָך אַן אַלטער, דערפאַרענער פוקס, אַן אַלטער פאַרברעכער איז ער. ווען איך וואָלט געווען אַ גלויביקער, וואָלט איך איצט גומל געבענטשט, וואָס איך האָב געהאַט דאָס גליק נישט צו באַגעגענען טשאָבאָטן מיט פינאונצוואַנציק יאָר צוריק.

זיין געזיכט: גרויס, קיילעכדיק ווי אַ פּאַטעלניע, מיט אַ לאַנגער און דיקער נאָז אינמיטן. קליינע כיטרע אייגעלעך. נישט ראַזירטע אַראָפּהענגענדיקע באַקן. ליפּן שמאָלע, צוזאַמענגעפּרעסטע, לייכט אויסגעקרימטע אין אַן איראָניש שמייכעלע.

פאַרשטייט זיך: דעמלט איז ער אַזעלכער נישט געווען, דעמלט האָט ער זיך אָנגעטאָן מיט געשמאַק, כאָטש באַשיידן, און דאָס געזונטע בלוט האָט געשפריצט פון זיין פרצוף. אַ פויעריש געזונט האָט ער געהאַט, מיר דוכט זיך, אַז ער האָט געשטאַמט ערגעץ פון אַ דאָרף נישט ווייט פון זשמערינקע.

אין יענע ווייטע צייטן, ווען ער איז געווען מיין לערער, פלעגט ער אויך שמייכלען פונקט אַזוי איראָניש ווי היינט, און דעמלט האָב איך געגלייבט, אַז דער דאָזיקער שמייכל באַדייט פאַראַכטונג צו דער וועלט, אין וועלכער עס הערשן די רייכע. אָבער איך האָב דעמלט געהאַט אַ טעות און עס איז מיר היינט נישט פאַרשטענדלעך פון וואַנען עס האָט זיך גענומען ביי מיר אַזאַ געדאַנק.

איז ער איצט געשטאַנען אַנטקעגן מיר, אין אַ צעפליקטן שלאָפראָק און אין די גאַטקעס, אינמיטן פון דער גרויסער שטוב, אין וועלכער אַלץ איז געווען שמוציק — די פעריגע אויפן בעט, ווער ווייסט ווי לאַנג שוין נישט געוואַשן; טעלער און טעפ מיט רעשטלעך פון עסן; ביכער האָבן זיך אַרומגעוואַלגערט אויף דער פאָדלאָגע, אַלטע פאַרמלחמהדיקע ביכער — דער דאָזיקער פרט האָט זיך מיר געוואָרפן אין די אויגן אַריין: עס איז דאָ נישט געווען קיין איין בוך, קיין איינציקער זשורנאַל פון נאָך דער מלחמה. דער אַלטער האָט, זעט אויס, נישט געלייענט קיין נייע זאַכן, און אויך די אַלטע פאַרשטויבטע ספרים האָבן עדות געזאָגט, אַז זיי זענען דאָ נישט צופיל געשווינט.

איך האָב זיך געפילט געטראָפן, וואָס דאָ זעט אויס ווי אין אַ חזיר-שטאַל. סוף כל סוף האָט ער דאָך געוווּסט, אַז איך וועל קומען, איך האָב אים טעלעגראַפירט מיט צוויי טעג פריער. האָט ער דאָך געקאָנט אַ ביסל איינפּרוימען, מען נעמט דאָך נישט אויף קיין געסט אין אַזאַ מיסט-קאַסטן. אָבער ער האָט עס נישט געטאָן, מסתמא אויף אַ דעמאָנסטראַטיוון אופן האָט ער עס נישט געטאָן, אפשר האָט ער מיר געוואָלט געבן צו פאַרשטיין, אַז ער פייפט אויף דער גאַנצער וועלט צוזאַמען מיט זיינע אַמאָליקע תלמידים, ער האָט מיך נישט געבעטן איך זאָל קומען און ער איז צו קיין שום זאַך נישט פאַרפליכטעט.

און אפשר האָט ער מורא געהאַט פאַר דער דאָזיקער באַגעגעניש? אפשר האָט ער בכלל מורא פאַר מענטשן? דאָס וואָלט געווען אַ נאַטירלעכע זאַך, ער האָט געהאַט רעכט מורא צו האָבן, און איך מיין, אַז ער איז אפילו מחויב געווען מורא צו האָבן. ער האָט געדאַרפט ציטערן ווי

א פיש, און נישט שטיין אזוי אומבאוועגלעך אינמיטן שטוב, ווי א ליי־מענער גולם. ער האט געדאַרפט ציטערן ווי א בלאט אויפן ווינט — פאר אים, פאר זיין געזיכט און פאר זיין בליק האבן אויך מענטשן געציטערט, זיי האבן געציטערט אפילו פאר דעם קלאנג פון זיין נאמען.

דעריבער שאַדט נישט, אז ער פילט אפשר איצט דעם דאזיקן לייכטן שוידער אין דער געגנט פון זיין פארשאלטן הארץ — עס וואלט דא אבער איצט געדאַרפט זיין אן אנדערער מענטש, נישט איך, איך בין נישט געקומען שרעקן אים, איך בין נישט דער פארשטייער פון דער גערעכטיקייט, איך בין דער, וואס האט דעם פּראָפעסאָר טשאַבאַט ליב געהאט מיט דרייסיק יאָר צוריק, איך האב אים נישט געקאנט פארגעסן און איך האב נישט געקאנט טראכטן וועגן אים גלייכגילטיק, ווייל ער איז געווען מיין לערער און איך בין געווען זיין תלמיד. ער איז געווען דער דאזיקער, וואס האט מיך געלערנט טרוימען וועגן נצחון פון מענטש־לעכן גייסט, דאס האט ער מיך באקענט מיט פרידריך ניטשע און מיט זיינע דעמאָנישע געדאַנקען וועגן איבערמענטש... און ווען דער דאזיקער פּראָפעסאָר מיינער האט גענומען לייענען און איבערזעצן א קאפיטל פון „אַלזאָ שפּראַך זאַראַטוסטראַ“ — האט זיך אוגדז, יעדן איינציקן פון זיינע שילער, אויסגעוויזן, אז עס שטייט פאר אונדז א נביא, נישט טשאַבאַט, נאר טאקע פרידריך ניטשע אָדער משה רבינו, און עס קומט פאר א נייער מתן תורה.

ניין, איך בין נישט געקומען, בכדי אים צו שרעקן. און איך בין נישט געקומען, בכדי אים אויסצודריקן מיין מיטגעפיל. ער האט עס פון מיר נישט דערוואַרט. איך האב שוין מער ווייניקער געוווסט ווער ער איז, און ער אליין האט עס נאך בעסער, נאך גענויער געוווסט, און ער האט פארשטאנען, אז היינט קאן ער שוין נישט דערוואַרטן קיין ליב־שאפט פון זיינע אמאליקע תלמידים.

ניין, איך בין נישט געקומען באזוכן און טרייסטן אן איינזאמען זקן. און אויך נישט באַרואיקן אים. אויב ער האט מורא געהאט אָדער געשעמט זיך, האב איך נישט געוואלט פארקלענערן די דאזיקע געפילן זיינע. מינדעסטנס אזויפיל גערעכטיקייט מעג דאך זיין אויף דער וועלט: א ביסל פחד פאר דעם פארברעכער, זאל ער זיך וואַרגן מיט זיין אייגע־נער שאנד און מיט זיין שרעק.

ווייל באַדויערט האט ער באַשטימט נישט זיין עבר. וואלט ער חרטה געהאט, וואלט ער דאך גענומען א שטריק און זיך אויפגעהאנגען,

אָדער ער וואָלט אָנגעקומען ערגעץ אין אַ מאָנאַסטיר און וואָלט דאָרט אַזויפיל געקניט, אַז די פיס זאָלן אים געשוואָלן ווערן.

ערשט דער דאָזיקער געדאַנק האָט מיך באַאיינפלוסט, איך זאָל אַ קוק טאָן אויף זיינע לאַפּעס, אויף די פיס זיינע — זיי זענען טאַקע געווען געשוואָלן און רויט ווי בוראַקעס. און דעמלט האָב איך אַ טראַכט געטאָן, אַז פּראָפעסאָר טשאַבאַט וועט באַלד שטאַרבן, פּגרן וועט ער, און אַזוי וועט זיין צומבעסטן.

— איך באַגריס אייך — האָט ער זיך אָנגערופן דער ערשטער, און די האַנט האָט ער צו מיר אויסגעשטרעקט, אָבער אויף אַן אומזיכערן אופן, ער האָט זי געפּרווט מיר דערלאַנגען, און בליץ־שנעל האָט ער זי צוריקגעצויגן און באַהאַלטן הינטער זיך.

— איך בין געקומען אייך באַזוכן, הער פּראָפעסאָר — האָב איך געזאָגט מיט אַ ציטערנדיקער שטימע — איך בין געקומען, בכדי מיר קלאָר צו מאַכן געוויסע ענינים. מיט צען יאָר צוריק בין איך אויך דאָ געווען, אָבער דעמלט זענט איר נישט געווען אין שטעטל.

— מעגלעך — האָט געזאָגט דער פּראָפעסאָר, נישט רירנדיק זיך פון אָרט — איר ווייסט מסתמא, אַז איך בין דעמלט געזעסן אין תפיסה.

— איך וויים, אָבער נישט אַלץ וויים איך.

— נישט אַלץ? — האָט ער זיך אומהיימלעך צעלאַכט — קיינער ווייסט נישט אַלצדינג. פאַרוואָס ווילט איר דווקא אַלץ וויסן?

— מעג איך זיך זעצן? — האָב איך געפרעגט און פּלוצעם האָב איך דערפילט, אַז איך בין זייער דורשטיק, כ'האָב געוואָלט עפּעס טרינקען. אין ווינקל איז געשטאַנען אַן עמער מיט וואַסער און אַ בלעכן טעפּל, האָב איך זיך אויפגעכאַפּט און צוגעלאָפן, בכדי אָנצושעפּן אַ טרונק, אָבער דעמלט האָט ער זיך ענדלעך געריררט פון אָרט, און ווען ער איז געגאַנגען, האָט געציטערט די אַלטע שטוב, די ברעטער האָבן זיך גע־בויגן אונטער זיין שווערן טראָט.

— זעצט אייך — האָט געזאָגט טשאַבאַט — איך האָב דאָ ערגעץ אַ פלעשל וויין. און אפשר זענט איר הונגעריק?

און ער האָט אָנגעהויבן גריבלען און זוכן אין אַ הילצערנעם קו־פערטל, וואָס איז געשטאַנען אונטער דעם בעט, אַריינגעקוקט אין דער שאַפע, געזוכט צוקאָפּנס פון געלעגער, ער האָט נישט געדענקט וווּ ער האָט עס באַהאַלטן, צום סוף האָט ער געפונען אַ פלעשל, אָבער דאָס איז נישט געווען קיין וויין, ס'איז געווען מינעראַל־וואַסער. און ווען ער האָט

זיך באַמיט עפּעס צו געפינען, בכדי מיך מכבד צו זיין, האָט זיך אין מיר דערוועקט אַ פאַרדאַכט, אַז ער טוט עס, בכדי מיר אַריינצושיטן אַ ביסל סם אין דער משקה, ער וועט מיך אָפּסמען, דער דאָזיקער מערדער, אַז איך וועל אפילו נישט באַוויזן אַ פּיפּס צו טאָן און איך וועל אפילו קיין עדות נישט האָבן אויף יענער וועלט, ווען מען וועט מיך פרעגן, וויאַזוי דאָס איז געשען. איך האָב געדאַנקט פאַר דעם מינעראַלוואַסער און ער האָט אויפגעהערט צו זוכן.

— ווען איך בין אַלט געווען פופצן יאָר, האָט איר מיר געגעבן אַ שליסל — האָב איך געזאָגט מיט אַ גערירטער שטימע, ווייל עס האָט ווידער אויפגעלעבט אין מיר דאָס גאָלדענע קאַפּיטל פון מיין לעבן — מיר האָט זיך געדוכט, אַז עס איז אַ גאָלדענער שליסל צום פאַרשטיין די פאַרבאָרגענע סודות פון דער וועלט און פון לעבן. איר האָט מיר גענעבן אין דער האַנט אַריין דאָס וווּנדערבאַרע ווערק פון אייער באַליבטן שרייבער, פון פרידריך ניטשע, וועלכער איז אויך געוואָרן מ יי ן באַליבטער שרייבער. איך האָב געלייענט און געגלייבט, אַז אין אַ געווייסן טאָג וועל איך און צוזאַמען מיט מיר וועט די גאַנצע וועלט דערגרייכן צום ריינסטן גייסט, צו דער ריינסטער עסענץ פון איידלקייט, צו דער סאַמע העכסטער מדרגה פון באַגייסטערונג.

— יונגער מענטש — האָט מיר איבערגעריסן טשאָבאָט, און ער האָט עס געזאָגט מיט דעם זעלבן טאָן ווי דעמלט, ווי מיט דרייסיק יאָר צוריק, ווען ער איז נאָך געווען מיין לערער — איר ווייסט מסתמא, אַז איך בין געווען פאַראורטיילט צום טויט. מען האָט מיך באַגנעדיקט, מכלומרשט צוליב מיין קראַנקהייט. קראַנקע מענטשן טאָר מען נישט הענגען. אין דער אמתן מיין איך, אַז זיי האָבן מיך געלאָזט לעבן, ווייל זיי דאַרפן מיך, די ריכטער און די פּראָקוראָרן. פון צייט צו צייט רופט מען מיך פאַר אַן עדות, ווען עס קומט פאָר אַ פּראָצעס. מען האָט מיך אַ יאָר צען צי עלף געהאַלטן אין תפיסה, הערנאָך האָט מען מיך באַפרייט פאַר גוט אויפפירן זיך. שטענדיק פלעג איך אייך זאָגן, אַז מען דאַרף זיך גוט אויפפירן.

— איר זענט געווען אַ באַגייסטערטער לערער — האָב איך ווייטער געצויגן מיין דערמאָנונג — מיר האָבן אייך געגלייבט.

— איך האָב קיינעם נישט געמאָרדעט — האָט געזאָגט טשאָבאָט — איך האָב נישט געמאָרדעט קיין שום פּאָליאַקן.

און נאָך אַ ווײַלע האָט ער צוגעגעבן:

— קיין יידן אויך נישט.

— מיר האָבן אייך געגלייבט. געגלייבט אין אייערע זיידענע ווער־טער. איר האָט ליב געהאַט צו רעדן וועגן ליבע און וועגן גייסט. ווען איך האָב געענדיקט אייער גימנאַזיע, בין איך נישט געווען פעיק צום פּראַק־טישן לעבן. איך בין אַרומגעגאַנגען ווי יענער ביבלישער נפתלי, וועלכער האָט געקענט די קונסט פון באַוועגן זיך אויף די שטענגלעך פון גרעזער און נישט איינצובויגן זיי מיט דעם אייגענעם געוויכט זיינעם. איך האָב געגלייבט אין אידעאַלע מענטשן, איך האָב געגלייבט אין דער אידעע פון גוטסקייט און פון רחמים, די מענטשן ברויכן רחמנות איינער פון צווייטן. אָן רחמנות וואָלט מען נישט געקאָנט לעבן. אַלע דאַרפן רחמנות. די, וואָס ווערן ערשט געבוירן, און די, וועלכע האַלטן שוין ביים שטאַרבן.

— עס איז נישט געווען קיין עדות אין דאָזיקן פּראָצעס — האָט זיך משאָבאָט צעשריגן — קיין איינציקן פון די דאָזיקע עדות האָב איך קיין שלעכטס נישט געטאָן. און דער אָפיציר האָט יעדן טאָג מיך אויס־געפּאַרשט.

— איר זענט נישט געשטאָרבן דערפון, פּראָפעסאָר — האָב איך געגומען שרייען, וויל עס איז האָך געווען קלאָר, אַז נישט די אומגע־קומענע, נישט די פאַרברעכטע אין אָשוויענטשים און נישט די אויפגע־האַנגענע אין שטעטל האָבן דאָ געקאָנט עדות זאָגן.

— איך וויל וויסן וויאַזוי דאָס האָט געקאָנט געשען, אַז דווקא איר... נישט אַבי ווער, נישט אַבי וועלכער פינצטערער פאַרברעכער, נאָר דווקא דער איידעלער אינטעלעקטואַליסט, דווקא מיין געליבטער פּראָפעסאָר משאָבאָט. איך האָב דאָך אין אייך געגלייבט ווי אין אַ גאָט. און היינט... וויפל מאָל איך רעד צו מענטשן וועגן גוטסקייט און וועגן רחמנות, וויפל מאָל איך שרייב וועגן דעם, דערמאָנט זיך מיר פּראָפעסאָר משאָבאָט און עס דאַכט זיך, אַז פון מיינע ליפּן שווימט אַראָפּ ליגן. אָבער רחמנות איז דאָך נישט קיין שקר. רחמנות איז אַן אידעע, אַדאַנק וועלכער מיר לעבן.

איך האָב זיך אויפגערעגט און שווער געאָטעמט. משאָבאָט האָט זיך שווער אויפגעהויבן פון אָרט און גענומען אָפּרוקן זיך אין פינצ־טערסטן ווינקל פון צימער.

— דו... דו ביסט אויך געקומען מיך משפּטן? — האָט ער אויס־

געזשיפּעט מיט האַס — איך בין שוין געווען געמישפּט. הערסט? שוין געווען!

— איך בין נישט געקומען אייך משפּטן — האָב איך זיך באַהערשט — איך האָב נישט קיין רעכט דערצו, איך בין נישט קיין ריכטער. פֿאַראַן ביי אונדז אַ געריכט און איך האָב נישט קיין רעכט צו שטעלן אַ פֿראַגע־צייכן ביי זיין אורטייל. איך וויל בלויז פֿאַרשטיין דאָס, וואָס איז אוממעגלעך צו פֿאַרשטיין. איר זענט געווען מיין לערער. איר זענט געווען מיין מוסטער. וואָס איז מיטן דאָזיקן מוסטער געשען? וואָס?

— וואָס ווילט איר פֿון מיר? — האָט ער זיך צעכליפּעט און פּלוצעם האָט ער זיך אָנגעכאַפּט ביים האַרץ, עס האָט אים אויסגעפֿעלט כּוח ווייטער צו שפּילן דאָס דאָזיקע טעאַטער. ער איז מיטאַמאָל גרין געוואָרן און אויפֿגעעפֿנט דאָס מויל ווי אַ פֿיש, וואָס מען וואַרפֿט אים אַרויס אויפֿן ברעג.

— לאָזט מיך צו רו — האָט ער זיך צעוויינט — איך בין שוין אַלט צוויי־און־זיבעציק יאָר. כ'וועל שוין לאַנג נישט לעבן.

ער האָט געבעטן וואַסער, האָב איך אים דערלאַנגט. ער האָט געטרונקען.

— איך בין שוין מיינס אָפּגעזעסן — האָט זיך געקלאָגט טשאָבאָט.

ער האָט שוין איצט נישט געזאָגט, אַז ער איז אומשולדיק. ער איז געוואָרן דער באַשולדיקער, מען האָט אים די מאָרדע צעקלאַפּט, דאָס האָט געטאָן אַ מענטש, וועלכער האָט אפֿשר פֿאַרלוירן דורך טשאָבאָטן אַ מוטער, אַ ברודער, אַ קינד, אַ כּלה.

איך האָב זיך אַנידערגעזעצט אויף דער באַנק, וואָס איז געשטאַנען לעבן דער טיר און האָב נישט געקאָנט פֿאַרשטיין, פֿאַרוואָס בין איך דאָ אַהער געקומען. איך האָב עפּעס געוואָלט פֿאַרשטיין, אָבער איך האָב ווייטער נישט פֿאַרשטאַנען. איך האָב אים אפֿילו קיין בייז וואָרט נישט געזאָגט. איך קען בכלל זיך נישט באַנוצן מיט בייזע ווערטער. איך בין אַ מענטש אַ ווייכער און גוט דערצויגענער, דאָס האָט ער מיך אויסגעלערנט גוטע מאַניערן.

— פֿון וואָס לעבט איר? — האָב איך געפֿרעגט.

— מיין ברודער שיקט מיר פּעקלעך פֿון דייטשלאַנד. דאָס האָט ער געמאָרדעוועט, נישט איך. ער איז דאָ געווען אַן אַטאַמאַן, געהאַט אונ=

טער זיך אַ גאַנצן פֿולק אין די היגע וועלדער. ער איז אין דייטשלאַנד, ס׳גייט אים דאָרט זייער גוט און ער פֿאַרגעסט נישט אין מיר.

דער קאָפּ האָט מיר ווי געטאָן. כ׳האָב שוין געהאַט געענוג. און כ׳האָב אויך פֿאַרשטאַנען, אַז דער באַזוך מיינער דאָ איז געווען גאַנץ אידיאָטיש. כ׳האָב געהאַט פֿאַר זיך אַ מענטש, וואָס איז אַמאָל געווען אַ פּרעכטיקער פּעדאַגאָג, און דערנאָך איז ער געוואָרן אַ מערדער. און היינט איז ער שוין נישט מער ווי אַ חורבה פֿון אייגענעם עבר, אַ חורבה אונטער וועלכער עס זענען פֿאַראַן דערמאָנונגען וועגן זיינע קרבנות...

אַ באַזוך אין שטעטל

פאַר דעם אָפּפאָרן פון שטעטל בין איך אַריינגעגאַנגען געזעגענען זיך מיט טעאָדאָרן. טעאָדאָר איז אַן אַלטער גוטער פריינד, צוזאַמען האָבן מיר זיך דערצויגן, צוזאַמען האָבן מיר אַמאָל שטודירט.

ער איז געזעסן אין זיין קליין צימערל, וווּ ער אַמטירט אַלס סעקרעטאַר פון שטאָטישן נאַציאָנאַל־ראַט. מיט צען יאָר צוריק בין איך אויך דאָ געווען אויף אַ קורצן באַזוך, אויך דעמלט איז ער געזעסן אין דאָזיקן באַשיידענעם, כמעט אָרעמען קאַבינעט. עס האָט זיך דאָ גאָרנישט געענדערט. אַן אַלט פאַרמלחמהדיק שרייבטישל, אַ שענקל מיט ביכער — נאָר די ביכער האָבן זיך יאָ געענדערט. מיט צען יאָר צוריק האָבן דאָ געגלאַנצט די באַגילדעטע רוקנס פון סטאַלינס ווערק. היינט זענען אויף דעם זעלבן אָרט געשטאַנען עטלעכע צענדליק ראָמאַנען און אויבן אָן האָב איך מיט פאַרגעניגן דערזען די ווערק פון מאַקסים גאָרקי.

— ביסט געווען ביי טשאָבאָטן? — האָט געפרעגט טעאָדאָר.

— כ'בין געווען — האָב איך געענטפערט — כאָטש איך ווייס באמת נישט, נאָך וואָס איך בין דאָרט געווען. אפשר האָב איך עפּעס געוואָלט פאַרשטיין. עפּעס אויפקלערן. כ'האָב געוואָלט אויספרוּוון דעם בילאַנס פון מיינע געפילן. איך ווייס נישט וויאַזוי דאָס האָט געקאָנט געשען. אַזאַ מענטש. אַזאַ טשאָבאָט.

— אַזאַ בריליאַנט! — האָט זיך ביטער צעלאַכט טעאָדאָר — ביסט נאַיוו. האָסט דיר געמעגט פאַרשפּאָרן דעם דאָזיקן וויזיט. ער איז דאָך אַ פאַרברעכער און דו האָסט געוואָלט, אַז דווקא ער זאָל דיר געבן צו פאַרשטיין, וויאַזוי עס איז געבוירן געוואָרן דאָס פאַרברעכן, וויאַזוי עס איז פאַרזייט געוואָרן און וויאַזוי עס איז אויפגעגאַנגען, וויאַזוי אַ מענטש איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ בעסטיע. חווקא מיט אים האָסטו געוואָלט וועגן דעם רעדן. דווקא ער האָט דיר דאָס געזאָלט געבן

צו פאַרשטײן, ער מיט זײן פאַרגאַנגענהײט, מיט זײן סקלעראָטישן מוח און מיט זײן װענערישער קראַנקהײט.

— מיט װאָסערער װענערישער קראַנקהײט?

— מען האָט אים אַרױסגעלאָזט פון תפיסה, װײל דער גאַטשאַל־ניק האָט מורא געהאַט, אַז די אַרעסטאַנטן זאָלן זיך פון אים נישט אָנ־שטעקן. קײן שום תפיסה האָט אים נישט געװאָלט. אַ צײט איז ער גע־לעגן אין שפיטאָל, איצט איז ער אינדערהײם.

איך בין געזעסן צעטומלט און דערשלאָגן. מיט דרײסיק יאָר צוריק איז טשאַבאַט געװען מײן פּראָפעסאָר, איך געדענק נאָך ביז הײנט זײנע פּרעכטיקע פילאָזאָפישע שמועסן, ער איז געװען אַ זעלטענער פּעדאַגאָג.

— אויב דו װילסט, קאָן איך דיר אַלץ אױפקלערן — האָט געזאָגט טעאָדאָר — איך האָב דורכגעלײענט כמעט אַלע זײנע געריכט־אַקטן, הונדערטער זײטלעך מאַשין־כּתב. דאָס װאָס ער אַלײן האָט געזאָגט און דאָס װאָס דער פּראָקוראָר און דער ריכטער און צענדליקער עדות. זײן מאָראַלישע ירידה האָט זיך אָנגעהױבן מיט פיל יאָרן צוריק. ער איז געװען אַ יונגער אָפיציר אין פּעטליורעס אַרמײ. נאָך דער מפּלה פון דער קאָנטר־רעװאָלוציע איז ער אַנטלאָפן קײן פּױלן.

— געדענקסט זײנע לעקציעס? — פרעג איך — געדענקסט װי באַ־גײסטערנדיק ער פלעגט אינטערפּרעטירן קאַפּיטלען פון דער ניטשעאַני־שער פילאָזאָפיע?

— ער איז געװען אַ פאַרמאַכטער אין זיך — ענטפערט טעאָ־דאָר — אַ געפערלעכער מענטש איז ער געװען תּמיד. שװײגנדיק האָט ער געטראָגן אין זיך פאַרבאָרגן פּעטליורעס גײסט. ער האָט געשװיגן און געװאַרט.

— געדענקסט דעם האָזיקן זאַץ?

Ich liebe Den, welcher lebt, damit er erkenne, und welcher erkennen will, damit einst der Uebermensch lebe.

דרײסיק יאָר זענען שױן פאַרבײ און איך קאָן עס נאָך אַלץ נישט פאַרגעסן.

— זײ האָבן אױך ציטירט ניטשעס גאָלדענע געדאַנקען — זאָגט טעאָדאָר מיט אַ בײזער שטימע.

— זײ? װער?

— די היטלעריסטן. צװישן זײ זענען אױך געװען אַ סך קענערס און ליבהאָבערס פון ניטשעס פילאָזאָפיע. גאַנצע קאַפּיטלען האָבן זײ גע־

קענט אויסנווייניק. דאָס איז געווען זייער ביבל. אַזאַ ביבל, אויף וועלכער פאַרשידענע מענטשן קאָנען זיך פאַררופן און צו יעדער געלעגנהייט קאָן מען אין איר צוזוכן עפּעס, וואָס זאָל פּאַסן.

— און אפשר איז עס אַלץ אַ ליגן? אַ מיספאַרשטענדעניש? — האָב איך געפּרוווט ראַטעווען מיינע גוטע אַלטע זכרונות.

— דאָס איז נישט געווען קיין טעאַטער־שפּיל — דערקלערט טעאָדאָר — ס׳איז געווען אַ פּראָצעס, אַ גרינטלעך צוגעגרייטער פּראָצעס. און דו ווילסט נאָך אַלץ נישט פאַרשטיין, אַז מען קאָן רעדן וועגן אַן „איבערמענטש“, דעקלאַמירן קאַפּיטלעך פון פרידריך ניטשע און גלייכצייטיק זיין אַ פאַרברעכער. עס ווייזט זיך אויס, אַז מען קאָן. די אויפפאַסונג פון אַ קונסט־ווערק איז אָפט אַ רעלאַטיווע, זי איז אָפּהענגיק פון דעם מענטשנס טבע, פון מענטשלעכן כאַראַקטער, פון זיין מענטאַליטעט און פון זיין מאָראַלישער שטופע. די געשיכטע פון אונדזער יאָרהונדערט האָט שוין דאָס דערוויזן. ניטשען קאָן יעדער ציטירן. מען קאָן שמעקן רויזן און אין אַ מינוט אַרום שיסן צו קליינע קינדער. מיר האָבן שוין דאָס געזען.

— דערציי׳ל וועגן טשאָבאָטן — האָק איך אים איבער די רייד — איך וויל וויסן.

— ווען די דייטשן זענען אַריינגעקומען, איז טשאָבאָט געוואָרן אַ מין בירגערמייסטער אין שטעטל. געריידט האָט ער שוין דעמלט נישט אַנדערש ווי דייטש. ער האָט פאַר זיך רעקווירירט עטלעכע שיינע קראָמען, לעאָן האַזענגאַנגס קראָם און נאָך צוויי אַנדערע. דעם אמת געזאָגט, איז די גאַנצע שטאָט געווען צופרידן פון דעם, אפילו לעאָן האַזענגאַנג האָט זיך געפרייט, ווייל ער איז איבערצייגט געווען, אַז אַדאַנק טשאָבאָטן וועט ער זיך אָפּראַטעווען פון גיהנום. ער האָט געגלייבט, אַז נאָך דער מלחמה וועט אים טשאָבאָט אַלץ אָפּגעבן. און ווען מען האָט די יידן געהייסן גיין אין געטאָ אַריין, האָט זיך צוערשט האַזענגאַנג געוואַקלט, אָבער אַז טשאָבאָט האָט געהייסן גיין, איז מען געגאַנגען. נו, נישט נאָר האַזענגאַנג האָט אַזוי געטראַכט, אַלע זענען דאָ געווען איבערצייגט, אַז אַזאַ געלערנטער מענטש, אַזאַ אינטעלעקטואַליסט וועט דאָך קיינעם קיין שלעכטס נישט טאָן. אָבער באַלד איז געקומען די אַנטוישונג. טשאָבאָט האָט געהאַט אַ גרויסע מאַכט אין שטעטל, אָבער קיינעם האָט ער נישט געהאָלפן. ער האָט נישט אויסגענוצט קיין שום שאַנס. פאַרשטייסט, וואָס כ׳בין אויסן?

— איך פֿאַרשטיי. ער האָט קיינעם נישט געהאָלפֿן. אָבער ער האָט נאָך קיינעם קיין שאָדן נישט געטאָן.

— ער האָט זיך געקאָנט דערלויבן פֿאַר דעם דאָזיקן שטעטל עפּעס גוטס צו טאָן. געבן אַ שטיקל ברויט. אָפּהיטן אָדער מינדערסטנס וואָרענען, אַז עמעץ וועט ווערן אַרעסטירט. ער האָט דאָך געוווּסט וועגן פֿאַרשידענע זאַכן. ער האָט געקאָנט געבן אַ שטיקל פּאַפּיר מיט דער היטלעריסטישער ווראָנע אויף דעם זיגל. ער האָט אָבער קיין שום פֿון די דאָזיקע זאַכן נישט געטאָן. דערנאָך איז אָנגעקומען זיין ברודער אין מונדיר פֿון אַ דייטשישן עס=עס=מאַיאָר, באַזילי האָט ער געהייסן. דער דאָזיקער באַזילי געפֿינט זיך היינט אין דייטשלאַנד און יעדן חודש שפּייזט ער דעם פּראָפֿעסאָר מיט פּעקלעך. טשאָבאָט פֿאַרשטעלט זיך מיטן דאָזיקן ברודער. ער האָט זיך אויפֿן פּראָצעס פֿאַרטיידיקט, אַז באַזילי האָט אים געצוווּנגען. געצוווּנגען צו שלעכטע און מיאוסע זאַכן.

— מער ווייניקער אין יענער צייט — ציט טעאָדאָר זיין גרויזאַמען מאָנאָלאָג — האָט מען אַרעסטירט מיין טאַטן. מיך האָבן זיי געזוכט נאָך פֿריער, אָבער איך בין געווען באַהאַלטן אין דער סאַמע מיט פֿון שטעטל, אויפֿן בוידעם פֿון דער צערקווע, וואָלאָדיע דעם גלחס זון האָט מיך האָרט פֿאַרשטעקט. ווען איך בין געווויער געוואָרן, אַז זיי האָבן גענומען מיין פֿאָטער, האָב איך זיך געלאָזט צום פּראָפֿעסאָר: אין דער טיפֿעניש פֿון האַרץ האָב איך נאָך געהאַט אַ קליין ביסעלע גלויבן אין אים. איך האָב דאָך אויך געהערט צו זיינע באַליבטע תּלמידים אין דער גימנאַזיע. אָבער ער האָט זיך מיט מיר נישט געצערטלט. ער האָט מיר דערלאַנגט אַ פּאַטש, ווייל איך האָב מיט אים אָנגעהויבן רעדן פּויליש. ער האָט פֿאַרלאַנגט איך זאָל מיט אים רעדן אוקראַיִניש אָדער דייטש.

— ער האָט מיר געזאָגט, אַז דו ביסט געווען דער הויפּט=עדות אין פּראָצעס.

— נישט איך בין געווען דער הויפּט=עדות — דערציילט טעאָדאָר — אָבער איך האָב גענומען אָנטייל אין דער אונטערזוכונג. כ'האָב אויפֿגעזוכט עדות. מיין נישט, אַז עס איז דעמלט געווען אַ לייכטע זאַך. מענטשן זענען געווען איבערגעשראָקן, זיי האָבן מורא געהאַט פֿאַר טשאָבאָטס נקמה, ווייל דער פּראָפֿעסאָר איז טאַקע געזעסן אין תּפֿיסה, אָבער זיין ברודער, דער עס=עס=מאַן באַזילי האָט נאָך דעמלט געהערשט אין די אַרומיקע וועלדער, געברענט הייזער און גאַנצע דערפֿער, געמאָרדעוועט. זאָל איך ווייטער דערציילן?

— דערציי‌ל — האָב איך געזאָגט.

— אין זעקסאונפערציקסטן יאָר איז געקומען פון מיליטער נאָרבערט. געדענקסט אים? נאָרבערטס פאָטער איז אויפגעהאָנגען געוואָרן באַלד אין דעם ערשטן יאָר פון דער אָקופּאַציע, דערפאַר ווייל ער האָט נישט געטראָגן קיין מגן־דוד. נאָרבערטס מוטער האָט אויך געגלייבט, אַז טשאָבאָט וועט עפּעס טאָן, אַז ער וועט נישט דערלאָזן צו דער עקזעקוציע. כ׳מיין, אַז דו געדענקסט נאָרבערטס מוטער: זי איז געווען אַ זעלטענע שיינקייט, און געבילדעט איז זי אויך געווען, איך בין איבערצייגט, אַז נישט איינמאָל האָט זי פאַר דער מלחמה דיסקוטירט מיט טשאָבאָטן וועגן פאַרשידענע מאָדערנע קונסט־פּראָבלעמען, וועגן פּרווידיזם אָדער וועגן דעם אומעט פון לעאָפּאַרדיס לידער. אָבער איצט האָט טשאָבאָט מיט איר נישט געוואָלט רעדן. נאָרבערטס פאָטער האָט מען אויפגעהאָנגען און די מוטער איז אומגעקומען שפּעטער אין זאַסלאַוו, אין יענעם וועלדל, וווּ מען האָט אויסגעשאָסן אַלע יידן און אַלע אייגוווינער פון שטעטל און פון גאַנצן פּאָוויאַט. וועגן דעם אַלעם איז נאָרבערט געוואויר געוואָרן ערשט נאָך דער באַפרייונג, ווייל די מלחמה־יאָרן האָט ער פאַרבראַכט אין ראַטנפאַרבאַנד, געווען אין דער אַרמיי. אין זעקסאונפערציקסטן יאָר האָט ער זיך דאָ באַוויזן אין מונדיר פון אַ פּוילישן קאַפּיטאַן און באַלד איז ער אויף זיין אייגענער בקשה געוואָרן שעף פון דער זיכערהייטס־דינסט אין שטעטל און אין פּאָוויאַט. און דאָס האָט ער הויפּטזעכלעך זיך פאַרנומען מיט דער אויספאָרשונג, ער האָט געאַרבעט מיט ברען, פון גאַנצן האַרץ האָט ער זיך פאַרנומען מיט טשאָבאָטן, און גלייכצייטיק מיט פיל אַנדערע ענינים. אַרום דער שטאָט האָט געוואָיעוועט דער אַטאַמאַן באַזילי מיט זיין באַנדע, און נאָך אַ רייע אַנדערע באַנדעס. עס איז שוין געווען לאַנג נאָך דער מלחמה, אָבער דאָ, אין אונדזערע וועלדער, האָט מען נאָך אַלץ געפירט אַ שיסעריי, און מענטשלעך בלוט איז גערונען ווי וואַסער. בקיצור... איך זע, אַז דו איילסט זיך... נאָרבערט האָט פאַרענדיקט די אויספאָרשונג און דערפירט צום פּראָצעס. ווען אַלץ איז שוין געווען פאַרטיק און טשאָבאָט האָט באַקומען זיין גערעכטן פסק, איז נאָרבערט אַריינגעקומען צו מיר, אָט דאָ, אין דעם זעלבן צימער זענען מיר געזעסן, און ער האָט געזאָגט: „נו, איצט האָב איך שוין מער ווייניקער דורכגעפירט דאָס, וואָס כ׳האָב געוואָלט דורכפירן“. ער האָט זיך מיט מיר האַרציק געזעגנט און איז אַוועק קיין וראָצלאַוו. דאָרט אין האָטעל „מאָנאָפּאָל“ איז ער באַגאַנגען זעלבסט,

מאָרד. קיינער האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין, פאַרוואָס ער האָט גראָד געמוזט פאָרן קיין ווראָצלאַוו. פאַרוואָס דווקא דאָרט האָט ער געוואָלט שטאַרבן?

— עס איז דאָרט פאַראַן אַ שיין בית עולם — איז מיר גראָד איינגעפאַלן צו זאָגן — לאָסאַל איז דאָרט באַגראָבן, דער פון דער פאַריזער קאָמונע.

— עס איז דאָ פאַראַן געווען פאַר דער מלחמה אַ פאָרזיצער פון געריכט, פריד האָט ער געהייסן. אַ שטיק הזיר איז ער געווען. אין זעקסאונדרייסיקסטן האָב איך פון אים באַקומען דריי יאָר תפיסה...

איך האָב געדענקט פרידן. ער איז געווען אַ געלער, געהאַט אַ יידיש פנים, אָבער קיין ייד איז ער שוין נישט געווען, ער איז געווען אַ משומד, אַדאַנק דעם שמד האָט ער מיטן בישאָפס כוח באַקומען די שטעלע פון געריכטס-פאָרזיצער. געוווינט האָט ער הינטער דער שטאָט, אין אַ שיינער ווילע, ביי יענעם קיסר-וועג, וווּ יידן פלעגן שבת נאָכמיטאָג גיין שפּאַצירן. פרידס זון איז אַלט געווען אַ יאָר פופצן. ווען ער האָט געזען אַ ייד מיט אַ באָרד און פאות, פלעגט ער אים באַוואַרפן מיט שטיינער.

— ...דער דאָזיקער בן יחיד פון געריכטס-פרעזעס איז אויך געווען טשאַבאָטס שילער — דערציילט טעאָדאָר. — ווען די געסטאַפּאָ-לייט זענען געקומען אַרעסטירן פרידן, איז דער יאַט געלאָפן צו טשאַבאָטן. טשאַבאָט האָט אים מיט זיידלעריי אַרויסגעטריבן פון שטוב.

— עפעס שטימט מיר דאָ נישט — האָב איך געזאָגט — אַלע האָט מען אומגעבראַכט, קיינער פון זיי לעבט נישט און דו ווייסט אַלץ וויאַזוי דאָס איז פאָרגעקומען.

— טשאַבאָט האָט דעמלט געהאַט אַ דינסטמויד, פּראַקסעדיוויע הייסט זי, מען פלעגט זי רופן פאַראַניע. זי האָט זיך דערצויגן ביים רוסישן גלח און איז געווען וואָלאָדיע פּאָליאַנסקיס געליבטע. זי האָט אים אַלץ דערציילט און טאַקע זי איז געווען אַ וויכטיקער עדות אין דאָזיקן פּראָצעס.

— און וואָלאָדיע? — פרעג איך און איך דערמאָן זיך דעם נערוועזן קראַנקן בחור, וועלכער האָט שטענדיק געלעבט לייכטזיניק ווי אין אַ חלום, שטענדיק גערעדט וועגן דיכטונג, געטרונקען בראָנפן און געהאַט פיל שטורמישע און ראָמאַנטישע דערפאַרונגען מיט פרויען. — וויאַזוי האָט ער זיך אויפגעפירט אין יענע צייטן? און היינט? לעבט ער?

— איך האָב אים אַ סך צו פאַרדאַנקען — ענטפערט טעאָדאָר —

איך און די גאַנצע שטאָט. נאָך דער מלחמה האָט ער זיך אויסגעהיילט פון טובערקולאָז, אָבער ער שיכורט פונקט ווי אַמאָל.

נו, האָב איך שוין געוווסט אַלץ. אין אַ שעה אַרום האָב איך געהאַט אַ צוג קיין וואַרשע, איך האָב זיך געאײַלט און דאָ איז מיר אײַנגעפאַלן, אַז וועגן אַלעם האָבן מיר שוין גערעדט, נאָר נישט וועגן טעאָדאָרן.

— און דו? — פרעג איך — וואָס מאַכסט דו? זעסט שלעכט אויס. לעבסט ווײַטער אײַנזאַם? אָן פרויען?

טעאָדאָר האָט אַ ווײַלע געשוויגן, געקוקט ערגעץ אין אַ זײַט.

— איך בין שוין נישט אַזוי יונג — האָט ער שטיל געזאָגט — אונדזער דור קרישלט זיך, ער גייט פּאַוואָליע אַוועק. און פרויען... איך לעב אָן פרויען. עמעץ מוז דאָך בלײַבן געטריי...

איך האָב זיך דערמאָנט וועגן אַ יידיש מיידל, וואָס האָט יאָרן־לאַנג געפירט אַ ראָמאַן מיט טעאָדאָרן, פרומע ווײַבער האָבן עס דעמלט נישט געקאָנט פאַרטראָגן, די יידישע גאַס איז געגאַנגען אויף רעדער. ווו איז זי, די שוואַרצאויגיקע שיינקייט? ווו זענען אירע אַשן?

— קום מיט מיר אויפן וואָקזאַל — זאָג איך, און מיר גייען ביידע אַרויס אויף דער גאַס. עס נעמט מיך אַרום די האַרבסטיקע זון, דער גע־רוד פון בלעטערפאַל. אַן אומעטיקע פאַרטראַכטונג נעמט מיך אַרום. זכרונות.

— דזשענדאָברי, טעאָדאָר — רופט זיך אָן אַ פאַרבײַגייענדיקע פרוי. איך קוק אויף איר דיק געשטאַלט, אויף איר פאַרקנייטשט פנים.

— ווער איז זי? — פרעג איך — איך קאָן זיך נישט דערמאָנען.

— האָסט זי געקענט דעמלט, ווען זי איז געווען יונג און שיין — שמייכלט אומעטיק טעאָדאָר — דאָס איז רויזע, די טאָכטער פון פלאָ־ווינצער קרעטשמער. דער קאַטוילישער קסיאָנדז האָט זי אָפּגעראַטעוועט און פאַר דאַנקבאַרקייט האָט זי זיך געלאָזט אָפּשמדן. זי פירט דעם גלחס באַלעבאַטישקייט אויף דער פלעבאַניע. גלייכצײַטיק פאַרנעמט זי זיך מיט טשאָבאָטן, זי באַמיט זיך ער זאָל נישט פגרן פאַר דער צײַט.

— זי פאַרנעמט זיך מיט טשאָבאָטן? — האָב איך עס נישט גע־קאָנט פאַרשטיין — פאַרוואָס גראָד זי?

— איך האָב עס אויך נישט געקאָנט פאַרשטיין. איך האָב מיט איר גערעדט. זי זאָגט, אַז דער גלח האָט זי געלערנט ליבן די שונאים. כרים־טום האָט אויך געליבט זײַנע שונאים. איך מיין, אַז עפּעס שטעקט דערין. כ'האָב לאַנג אַרײַנגעטראַכט. כ'ווייס נישט וואָס זי פילט דערבײַ. דאָס

איז אַ פּשוטע פֿרוי, נישט זייער קיין קלוגע. מעגלעך, אַז דעמלט, ווען זי טראָגט אים איר הילף, פֿילט זי די אייגענע גרויסקייט. ווער ווייסט עס? און אפֿשר קומט זי צו אים יעדן טאָג, בכדי צו דערפֿרייען די אויגן מיט זיין מפּלה?

— נו, דאָס זענען שוין ליטעראַריש־פּסיכאָלאָגישע היפּאָטעזן — ענטפֿער איך — ווייסט, ווען איך גיי מיט דיר דורך די גאַסן פֿון שטעטל, גליוועט אין מיר דאָס האַרץ, די נשמה. איך קאָן זיך נאָך אַלץ נישט צוגעוווינען צום געדאַנק, אַז פֿון די צען טויזנט היגע יידן איז פֿאַרבליבן איין רויזע, די באַלעבאָסטע פֿון קאַטוילישן גלח.

— פֿאַראַן דאָ נאָך איין יידישע — קלערט אויף טעאָדאָר — די פֿרוי פֿון קלאַודיושן.

— ווער איז ער?

— ווערסט זיך מיט אים באַקענען, ווען דו ווערסט אונדז נאָך ווען באַזוכן.

— ווען איך וועל אייך באַזוכן — שמייכל איך מיט אומעט, ווייל איך ווייס דאָך, אַז איך וועל שוין אַהער מער נישט קומען.

— קלאַודיוש איז געווען אַ מאָנאַך אין פֿראַנציסקאַנער קלויסטער און דעמלט האָסטו אים, פֿאַרשטייט זיך, נישט געקענט. אויך איך האָב אים דעמלט נישט געקענט. אין אַ געוויסן טאָג איז ער געוואָרן, אַז אין זאַסלאַוו האָט מען אויסגעהרגעט אַלע יידן און אַלע ציגיינער פֿון פּאָוויאַט. ווען מען האָט פֿאַרשיט די יאַמע מיט די טויטע און פֿאַרוווּנדעטע קערפּערס, האָט זיך די ערד גערירט איבער זיי, מענטשן האָבן דערציילט, אַז עס האָט אויסגעזען ווי אַן ערד־ציטערניש. קלאַודיוש איז אַרויס פֿון זיין מאָנאַסטיר און האָט זיך פֿאַמעלעך געלאָזט אין יענער ריכטונג, ער האָט עס געוואָלט זען אויף די אייגענע אויגן. און ער האָט געזען, אַז דאָס גראָז אין דאָזיקן וועלדל איז געווען ווי פֿאַרזשאַווערט פֿון בלוט. מער איז ער שוין נישט צוריקגעקומען אין זיין מאָנאַסטיר. ער איז אַוועק אין וואַלד אַריין, געווען דאָרט אין אַ פּאַרטיזאַנער־גרופּע. נאָך דער מלחמה איז ער געוואָרן, אַז אין זשמיגראָד לעבט אַ יידישע פֿרוי, אַן אלמנה. איז ער אַוועק קיין זשמיגראָד און האָט מיט איר חתונה געהאַט. איך האָב אים פֿאַרזאָרגט מיט אַ וווינונג און מיט אַרבעט. ער גלייבט נישט אין גאָט, אָבער זי, די פֿרוי זיינע, צינדט יעדן פֿרייטיק ליכט.

— לאָמיר גיין גיכער — האָב איך געזאָגט — איך וויל נישט פאַרשפּעטיקן דעם צוג.

זענען מיר געגאַנגען גיכער און אויפן וואָקזאַל האָב איך נאָך געמוזט וואַרטן אַ פערטל שעה, ווייל דער צוג איז געווען פאַרשפּעטיקט. מיר זענען אַריין אין רעסטאָראַן, געוואָלט טרינקען אַ גלעזל וואַסער.

ביים בופעט, אַרומגערינגלט פון אַ חברה שיכורים איז געשטאַנען אַ מאַן, אפשר פון אַ יאָר פופציק, אַ הויכער און דאַרער, מיט טיף איינגעפאַלענע, ברענענדיקע אויגן. ער האָט עפּעס דערציילט און מכבד געווען די גאַנצע געזעלשאַפט מיט ביר.

— דערקענסט אים? — פרעגט טעאָדאָר.

איך דערקען אים. עס איז וואָלאָדיע פּאָליאַנסקי, וועלכער האָט דאָ אַמאָל פאַרפירט דעם קבצנס טאָכטער.

אָבער היינט וויל איך מיט אים נישט רעדן, ווייל ער איז שיכור.

— ער איז זייער ענלעך צו זיין פאָטער — זאָג איך און איך רוק זיך אָפּ אין אַ זייט, ער זאָל מיך נישט זען און נישט דערקענען.

— ווען דער אַלטער גלח פּאָליאַנסקי האָט געהאַלטן ביים שטאַרבן, האָט ער צוגערופן וואָלאָדיען, געבענטשט אים אויף דעם צערקאָווגע אופן, און דערנאָך האָט ער געזאָגט: „סינו, פּראָסחאַלי מי נאַשו פּאַראַפיו...“ נאָך די דאָזיקע ווערטער האָט ער צוגעמאַכט די אויגן און אויסגעהויכט די נשמה.

עס האָט זיך צעקלונגען דער גלאָק אויף דער וואַנט פון סטאַציעבנין — אויפן פּעראָן האָט זיך צוגעקייקלט דער צוג.

— זיי געזונט, טעאָדאָר...

— זיי געזונט...

מיר האָבן זיך געזעגנט קורץ, פּונקט ווי איך וואָלט מאָרגן ווידער געדאַרפט דאָ אַהער קומען.

און אפשר?... אפשר וועל איך טאַקע ווידער קומען?

שלאָפלאָזיקייט

פרעגט נישט ווער איך בין. פרעגט נישט, ווייל איך בין נישט אימשטאנד צו ענטפערן אייך אויף א פארשטענדלעכן אופן. איך האָב נישט קיין מאטעריעלע געשטאלט. איך בין אויך נישט קיין גייסט. איך בין בכלל נישט. איך בין א רעיון, וואָס איז דורך קיינעם נישט באַשאַפן געוואָרן, און דאָך עקזיסטירט ער און באַאומרואיקט. איך בין א שפור, וואָס לאָזט זיך קוים באמערקן, א שפור פון געשעענישן, פון מעשים, פון ווערטער, שמייכלען, טרערן און געשרייען, א דערמאָנונג פון גלאָקן, וואָס האָבן ערגעץ געקלינגען אין א פרימאָרגן, א בת־קול פון ווינט, וואָס האָט אין א פינצטערער נאכט ערגעץ ווען געוואָיעט. איך בין א זכר פון דעם, וואָס לויפט פארביי ווי א בליץ דורך דעם הימל פון אייער לעבן.

איך בין נישט מער ווי א שטומער שאָטן, וואָס שטעלט זיך טיילמאָל אוועק ביי עמעצנס פענצטער — א שאָטן, וואָס דערמאנט און וועקט אומרו.

טייlמאָל קום איך אריין אין א שטוב, ווו עס וואַרטן אויף מיר מענטשן מיט גרויע פנימער — קיין שום שלעסער, קיין שום טירן און טויערן זענען פאר מיר נישט פאַראַן. איך קום אזוי ווי עס קומט א שלעכטער חלום און — איך וועק זיי, די פארטריבענע זכרונות. איך וועק און איך מאָן. איך דערמאָן.

קומט מיט מיר. זעט:

אַ גרויסע ווינונג, כמעט א רייכע. אויף די ווענט הענגען סענטימענטאלע בילדער, באנאלע לאַנדשאַפטן. אויף די בעטן א סך פערינעס. פאָרצעלייענע פרינצעסינס אויף די שענקלעך — בירגערלעכע רעקוויזיטן. בירגערלעך רייכטום.

אַ פאָרפאָלק. ער — א בכבודיקער עלטערער פארשוין. זיין אויסזען וועקט צוטרוי. לאָזט אייך נישט פארפירן: דער אויסזען איז אָפט א ליגנער.

זי — זי האָט בכלל נישט קיין אויסזען, זי האָט בכלל נישט קיין פּנים. זי איז א מענטש מיט פּוסטע וואַסערדיקע אויגן, דורך וועלכע עס קוקט ארויס דער פּחד.

ביידע זענען זיי שוין געגוג אלט. די לאַנדשאַפט, וואָס שפּרייט זיך ארום זיי, איז נאַקעט און טויט. אָבער זיי קוקן נישט אויף דעם ארום, זיי קוקן זיך קעגנזייטיק אין די אויגן — פרעגנדיק און אומרואיק. וואָס מאַטערט זיי?

— ביסט זיכער, אז דאָס איז זי געווען? — פרעגט דער אַלטער מענטש, און מיט דער ציטערנדיקער האַנט פּרוווט ער צו פאררויכערן א ציגאַר.

— יאָ, איך בין זיכער — ענטפערט די זקנה און זי פארהוסט זיך מיטן רויך פון זיין פּאַפּיראָס. זי וויקלט זיך ארום מיט א שווארצער וואָלענער שאַל, ווייל עס איז איר זייער קאַלט, כאָטש אין צימער איז באמת הייס ווי אין א באָד.

זיי שווייגן לאנג און זיי טראכטן וועגן דעם זעלבן און זיי פילן דאָס זעלבע, פּונקט ווי זיי וואָלטן געווען פון איין לייב מיט איין נשמה.

— וויאזוי איז דאָס געשען, אז זי לעבט? — פרעגט ענדלעך דער אַלטער מאַן און אין מויל איז אים זייער טרוקן, אזוי אז די ווערטער זיינע זענען קוים פארשטענדלעך.

— איך האָב דיר נישט געוואָלט זאָגן דעם אמת — פּליסטערט די אַלטע פרוי — זי איז צו מיר צוגעקומען. זי איז צוגעקומען און...

— און וואָס?

— און זי האָט זיך באַגריסט מיט מיר.

דער מאַן זיצט אָנמעכטיק אין טיפן ווייכן פאָטעל. ער פארמאכט די אויגן, אויף אזא אופן וויל ער פארגעסן וועגן דער ווירקלעכקייט.

— פאַרוואָס האָסטו מיר נישט געזאָגט, אז זי האָט מיט דיר גערעדט? — בייזערט ער זיך. — וועגן וואָס האָט זי גערעדט? וואָס האָט זי דיר דערציילט?

— זי האָט נישט געזאָגט קיין שום זאך, וואָס וואָלט געקאָנט זיין פאַרדעכטיק. מעגלעך, אז זי ווייסט פון גאָרנישט.

— זי איז אַ ביטרע יידענע — זאָגט דער אַלטער מיט האַס — אַלע זענען זיי אזעלכע. אלע זענען זיי ביטרע.

אין צימער איז שטיל. אן אומרו וועבט זיך ארום די צוויי אלטע לייט. דער וואנטזייגער נעמט פּלוצים אויסקלינגען די שעה.

— יעזוס מאַריאַ! — די זקנה דערשרעקט זיך און צלמט זיך איבער.

— וואָס־זשע האָט זי פאָרט גערעדט?

— זי האָט געפרעגט ווו מיר וווינען.

— פארוואָס האָט זי געפרעגט? — טראכט דער אלטער, און ער וויל, אז די פרוי זיינע זאָל אים בארואיקן — אונדז קאָן מען דאָך גאָרנישט באוויזן.

— פארשטייט זיך — כאפּט אונטער די זקנה — שוין אזויפיל יאָרן זענען פארביי.

אינדרויסן שווארצלט זיך די נאכט. דורך דער פינצטערניש לויפט אדורך א בליץ.

— ביסט שוין לאַנג נישט געווען אין קלויסטער — זאָגט די פרוי און אירע אומעטיקע אויגן פילן זיך אָן מיט עטלעכע טרערן און מיט א שיטערער וואסערדיקער האָפענונג — אפשר וועלן מיר גיין צום גלח? צו ודוי...

— גיי אַליין — וואָרקעט דער אַלטער — דער דאָזיקער קסיאָנדז דיינער... כ'האָב אים פיינט. וויפל מאָל איך באגעגן אים, מאכט ער זיך נישט־זעענדיק. ער ענטפערט מיר נישט אויף מיין גוט־מאָרגן. און טייל־מאָל קוקט ער אויף מיר אזוי מאָדנע...

— מיינסט, אז ער געדענקט?

— איך ווייס נישט. און איצט לאָז מיך צו רו. איך גיי שלאָפן.

ער זאָגט ליגנט, דער אַלטער. ער וועט נישט שלאָפן. און אויב ער וועט יאָ אנטשלאָפן ווערן, איז ערשט שפּעט, שפּעט אין דער נאכט, גאָר פאר־טאָג, און זיינע חלומות וועלן זיין פונקט אזוי אימהדיק, ווי נעכטן און אייערנעכטן.

און מיר וועלן גיין ווייטער, צו אנדערע מענטשן, וואָס ליידן אויף ווייטע דערמאָנונגען, אויף חלומות שלעכטע און שלאָפלאָזיקייט. קומט, זיי ווארטן אויף מיר, איך בין דאָך דער וועכטער פון זייערע געדאנקען.

די יסורים פון דער פרוי, צו וועלכער איך וועל אייך איצט פירן, זע־נען גאנץ אנדערע. קיין שום ריכטער וואָלט נישט געקאָנט ארויסגעבן קיין אורטייל אין דעם דאָזיקן וויכוח, וואָס קומט פאָר אין איר הארץ. צי הייסט דאָס, אז זי איז אומשולדיק? פארלאנגט נישט פון מיר קיין תשובה.

דער פסק געהערט צו אַנדערע, אפשר גאָר צו אייך — איך בין נישט מער ווי אַ גערעכעניש, וואָס שטייט צווישן דעם מענטש און דער דערמאָנונג פון זיין עבר.

די דאָזיקע פרוי, אָט איז זי. איר קאָנט זי באַטראַכטן. זי איז ערשט אין די מיטעלע יאָרן, זי איז נאָך נישט דערגאַנגען צו דער צייט פון וועלקונג, עס וועט נישט זיין קיין ליגן, אויב איך וועל זאָגן, אַז זי איז אַ רייצנדיקע פרוי. בפרט אין דער דאָזיקער אָוונט־שעה: אין אַ נאַכט־העמדל אויס דינעם דורכזיכטיקן נאַילאָן, ביים ראָזעווע ליכט פון נאַפט־לעמפל, ביי די טענער פון מענדעלסאָנס מוזיק, וואָס לאָזט זיך הערן פון ראַדיאָ. די שיינע פרוי וואַרט אויף איר מאַן, וועלכן זי ליבט מסתמא מיט אַ קענגזייטיקער ליבע.

דער מאַן איז אין וואַשצימער. ער איז נישט דער ערשטער אין איר לעבן.

דער מאַן ראַזירט זיך. ער וואַשט דאָס פנים; מיט קעלניש וואַסער באַנעצט ער די האָר.

דערנאָך קומט ער אַריין אין שלאָפצימער און מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן פאַרנעמט ער זיין אָרט לעבן דער שיינער פרוי. ער פאַרלעשט דאָס ליכט. ער נעמט אַרום זיין געליבטע, ער זוכט אירע ליפּן. קילע ליפּן, וואָס וועקן גיריקייט. קיל איז אויך איר לייב.

דער מאַן פילט דאָס זעלבע, וואָס נעכטן און אייערנעכטן אין דער זעלבער שעה. ער באַגערט.

און זי?

אַן אומזעבאַרע און אומבאַגרייפלעכע פרעמדקייט גנבעט זיך אַריין צווישן זיי גראָד אין יענער רגע, ווען ער דערוואַרט פון איר ליידנשאַפט און ליבע. דער מאַן פילט די ווייטקייט פון אירע געדאַנקען. ער זעט דורך דער געדיכטער פינצטערניש: זי אַנטלויפט פון אים, זי אַנטלויפט צו יענעם אומבאַקאַנטן אומזעבאַרן אורח, וועלכער געפינט זיך צווישן דעם שלאָפצימער און דער אייביקייט. ווער איז ער?

די פרוי ווייסט שוין, וואָס איצט וועט פאָרקומען: דער מאַן וועט זיין אין כעס. ווייל זי שטילן זיין צאָרן, זי וויל קלענער מאַכן זיין אַנטוישונג. מיט פאַרמאַכטע אויגן רופט זי אַרויס אין דמיון דאָס ווייטע בילד פון אַן אַנדערן מאַן, וועלכער איז שוין לאַנג צעשוווימען אין עבר. ליגט זי איצט צווישן צוויי מענער, איינעם אַ נאָענטן און איינעם אַ ווייטן,

און זי ווייסט נישט וועלכער פון זיי איז נאָענט, און וועלכער איז ווייט. אירע ליפּן קושן — וועמען קושן זיי?

— פאַרוואָס ביסטו אַזוי קאַלט? — פרעגט דער מאַן.

— האָסט גאָרנישט קיין חרטה? — פרעגט דער צווייטער, דער אָפּ־וועזנדיקער.

— פאַרוואָס מאַטערט איר מיך? — בעט זיך ביי זיי די פרוי. — איך ליב דיך. און דיך ליב איך אויך.

— איך גלייב, אַז דו ליבסט מיך — ענטפערט דער לעבעדיקער מאַן — ביסט אָבער ווייט פון מיר, ווייט...

— זאָג מיר צו, אַז וועסט וועגן מיר טראַכטן — פליסטערט די פאַר־שניטענע פאַרגאַנגענהייט.

— איך זאָג דיר צו — פאַרזיכערט די פרוי.

און פון דער פינצטערניש, וועלכע איז ווי אַן אייביקער שוואַרצער טייך, שווימט אַרויס אַן אומרואיקער שאָטן און בייגט זיך איבער דעם געלעגער פון פּאָרפּאָלק און הערט ווי עס אָטעמט דער מאַן, וועלכער איז אַנט־שלאָפן געוואָרן אין די אָרעמס פון זיין שיינער פרוי.

— ער שלאָפט אַזוי רואיק — וואונדערט זיך דאָס געשפּענסט — און איך קאָן נישט שלאָפן, איך קאָן מיר נישט קיין אָרט געפינען, כאָטש עס איז שוין אַזויפיל צייט פאַרביי, און כאָטש איך בין שוין אַזוי מיד...

— פאַרוואָס פאַרפאָלגסטו מיך? — פליסטערט די פרוי. — צי איז דיר ווייניק, אַז איך טראַכט וועגן דיר?

— איך קום, ווייל מיר איז אומעטיק — ענטפערט דער שאָטן — זינט יענעם טאָג בין איך שרעקלעך פאַראיינזאַמט.

— מאַטער מיך נישט — וויינט די שיינע פרוי — איך האָב שוין אַזויפיל דורך דיר געליטן.

— איך ווייס, איך ווייס.

— איך בין נישט שולדיק — פּרוּווט זי זיך פאַרענטפערן — דאָס זע־נען די צייטן געווען אַזוי גרויזאַם.

— פאַרשטייט זיך — באַרואיקט זי דער אומרו. — איך ווייס, אַז נישט דו ביסט געווען שולדיק. ביסט דעמאָלט געווען אַזוי יונג. יונג און שוואַך. כ׳געדענק יענעם טאָג, ווען... ביסט געשטאַנען ביים אָפענעם פענצטער פון זיין צימער, ווען מיך האָט מען געטריבן ווי אַן אָקס צו דער שחיטה, מיך און פיל אַנדערע. ביסט געשטאַנען ביים פענצטער און ער

איז געווען לעבן דיר. ביידע זענט איר געווען נאָך א פרישטיק, ביי וועלכן איר האָט געטרינקען ווייַן. און קוקנדיק אויף דעם געטריבענעם המון, האָט ער זיך צעלאַכט און געזאָגט: „זעסט? דאָס טרייבט מען זיי אויף מיין באַפעל. ווען דו וואָלסט צווישן זיי דערקענט אן אייגענעם, א געליבטן אָדער א חתן, וואָלסטו מיך געבעטן, איך זאָל אים באַפרייען?“ אזוי האָט ער דיך געפרעגט, און דו ביסט נישט געווען זיכער, וואָס ער איז אויסן, האָסט מורא געהאַט פאַר אים און פאַר זיינע פאַלשע רייד און האָסט זיך צעלאַכט, כאָטש איך וויים, אז אינעווייניק האָט אין דיר יעדער גליד געבלוטיקט און געוויינט. און ער האָט ווידער געטריבן קאַטאָוועס: „אויב דאָרט איז דיין מאַן אָדער דיין חתן, וועל איך אים דיר אָפּגעבן, ווילסט?“ אזוי איז עס געווען? אפשר האָסטו פארגעסן?

— ווי לאַנג ועסטו מיך נאָך פּייניקן? — בונטעוועט זיך די פרוי — ווי לאַנג?

— וואָלסט היינט געקאָנט זיין צוזאַמען מיט מיר. צוזאַמען.

— איך וויל נישט זיין צוזאַמען מיט דיר — שרייט זי — איך וויל לעבן. איך בין נאָך יונג! הערסט? איך בין יונג!

דער מאַן דערוואַכט פון שלאָף און פרעגט:

— ווידער האָט זיך דיר עפּעס געחלומט?

דאָס געשפּענסט לאָזט זיך נישט פארטרייבן, עס איז דאָ, עס פּליםטערט, עס רעדט, עס שרייט:

— אויך איך בין דעמלט געווען יונג.

— גיי אוועק — בעט די פרוי — אלע געשטאָרבענע גייען אוועק. ווילסט, כ'זאָל מיט דיר מיטגיין?

— שלאָף. מאָרגן וועל איך דיך ווידער באַזוכן.

— גוט — זאָגט די פרוי און באַהאַלטנדיק דאָס פארוויינטע געזיכט אין די אָרעמס פון דעם לעבעדיקן שלאָפנדיקן מאַן, בעט זי ביי ביידע מענער מחליה און צערטלט אין זיך די פארשניטענע ליידנשאַפט פון איר יוגנט.

און מיר — מיר, וואָס זענען נישט מערי ווי עדות פון פרעמדע דמיונות, מיר גייען ווייטער, דורך נאַכט און דורך נעפּל. אונדזערע טריט הילכן טויב אין די איינזאַמע געסלעך. און אפשר הילכן עס נישט די טריט אונדזערע, נאָר עמעצנס האַרץ קלאַפּט אזוי טריב, אזוי אומהיימלעך?

ווען מען וועלן מיר איצט באזוכן?

אַן אַלטער הער, אַן איינזאַמער זקן, וואָס אַלע באַקאַנטע און פריינד האָבן אים פאַרלאָזט. אַן אַלטער פאַרשטייער פון פאַרגאַנגענעם דור און פון דער פאַרגאַנגענער וועלט. אַ רעקוויזיט. ער פירט נישט קיין שמועסן מיט קיינעם, ער האָט נישט קיין פאַרטנער צו אַ דיאַלאָג. טיילמאָל פּליםּ־טערט ער עפּעס וואָס — דאָס רעדט ער מיט מיר. איך איינער בין דער עדות פון זיין מפּלה און פון זיין משוגעת. אונדזער שמועס איז דעריבער אַן אינטימער, כּמעט שטענדיק דער זעלבער.

— גוט'נאָוונט — זאָג איך. און ווען ער דערהערט מיין שטימע, שפּרינגט ער אויף און ציטערט, ער ציטערט ווי אַ פיש.

אייך וועט ער זיך אויסווייזן מאָדנע: אַ פּאַרשוין, וואָס זיצט אין אַ פינצטער ווינקל פון צימער, אָנגעטאָן אין אַ מאַנטל און אין אַ קאַפּעליוש, פּונקט ווי ער וואָלט זיך געקליבן ערגעץ אין אַ וועג אַריין.

— איר זענט שוין געקומען — זאָגט ער מיט פאָרוואורף — ווידער וועט איר מיר זאָגן מוסר, ווידער פאָרשן און שטעלן די זעלבע פראַגן.

— ניין — וויל איך אים באַרואיקן — איך וועל גאָרנישט פרעגן. איך וועל קיין שום מוסר נישט זאָגן.

— אַלע קומען זיי מיך באַזוכן — קלאָגט ער זיך פאַר מיר — וואָס ווילן זיי פון מיר?

— ניין, נישט אַלע קומען — קלער איך אים אויף. — דאָס קום איך בלויז, איך איינער קום צו אייך. שטענדיק דער זעלבער.

דער אַלטער דרייט מיטן קאָפּ. ער גלייבט נישט.

— אינטערעסאַנט. שטענדיק דער זעלבער, און יעדן טאָג האָט איר אַן אַנדער פּנים.

— ווער זענען זיי? — פרעג איך, בכדי איר אַלע, וואָס וועט לייענען די דאָזיקע מעשה, זאָלט קאָנען הערן זיין תשובה.

— אין יענע צייטן, ווען איך בין געווען אַ ריכטער, זענען זיי געווען די אָנגעקלאָגטע. זיי זענען געשטאַנען פאַר מיר און האָבן געוואַרט אויף מיין פּסק. אויף מיינע ליפּן איז געהאָנגען זייער צוקונפט.

— און טויט? — פרעג איך — טויט איז געווען?

— געווען — ענטפערט דער אַמאָליקער שטרענגער ריכטער, וועלכער האָט נישט איינעם פאַרמשפּט צו דער תליה.

— און אייער געוויסן?

— מיין געוויסן איז געווען פֿארמאכט אין דעם שווערן בוך פֿון פּאַ־ראגראפֿן. וויכטיק איז דאָך די יוסטיץ, און נישט דאָס געוויסן. אָבער מענטשן ווילן דאָס נישט פֿארשטיין. מענטשן ווילן נישט הערן, אז גערעכטיקייט איז רעלאטיוו. נעכטן איז געווען אן אנדערע גערעכטיקייט, היינט איז אן אַנדערע, מאָרגן וועט ווידער זיין אַן אַנדערע. ווייל גערעכטיקייט איז אן אידעע. ווידער א זאַך, וואָס קיינער וויל עס נישט פֿארשטיין: דאָס פֿייער איז הייליק, אָבער קיינער וועט דאָך נישט זאָגן, אז דער הייצער איז א הייליקער מענטש, א כהן־גדול. פֿאָעטן זאָגן, אז הייליק איז דאָס לעבן, אָבער די הייבאַם איז דאָך נישט מער ווי אַ פּראָסטע פֿרוי, און איך... איך בין דאָך נישט מער ווי א מענטש.

— איך באשולדיק אייך נישט — האק איך אים איבער די רייד — פֿאַרוואָס טראַכט איר וועגן אַזעלכע טריבע פֿאַרגאַנגענע געשעענישן? געווען און פֿארביי...

— זיי, די באשולדיקטע און פֿאראורטיילטע, זיי צווינגען מיך צו טראכטן. זיי קומען און פֿארלאנגען ביי מיר די פֿארלוירענע יאָרן. זיי זאָגן, אז זיי האָבן געקעמפֿט פֿאר א נייער עפּאָכע, זיי זאָגן, אז זיי האָבן געקעמפֿט פֿאר דעם גליק פֿון דער וועלט. און איך בין געווען איינער פֿון יענע, וועלכע האָבן פֿארטיידיקט די אלטע עפּאָכע, ווייל יעדע עפּאָכע פֿארטיידיקט זיך פֿאר די קומענדיקע צייטן. אנדערע פֿון מיינע פֿאראורטיילטע מאָנען ביי מיר דאָס לעבן. היינט ווילן זיי לעבן! און צווישן זיי און מיר שטייט דאָך א תהום פֿון צייט און פֿון טויט. וואָס ווילן זיי? זיי רעדן מיט מיר אזוי, ווי איך וואָלט געווען א תלין אָדער א מערדער, און נישט א ריכטער. זיי זוכן נקמה. און איך בין דאָך אומשולדיק. איך בין געווען נישט מער ווי א טרוקענער פֿאראגראף.

— ריכטיק — ענטפֿער איך און מיר געזעגענען זיך ווי צוויי אלטע גוטע באַקאַנטע, מיר געזעגענען זיך נישט אויף לאנג, ווייל מאָרגן וועל איך דאָך ווידער קומען און ווידער וועלן מיר רעדן וועגן דעם זעלבן, ווי־דער וועגן זעלבן; שטענדיק וועגן דעם זעלבן.

איך פֿארלאָז אים, דעם זקן, בכדי צו גיין ווייטער, אויף ווייטערע באַ־זוכן, צו מענטשן, וואָס וואַרטן אויף מיר יעדע נאכט, שלאָפֿלאָזע מענטשן, וואָס וועלן קיינמאָל נישט געפֿינען קיין רו.

ווער זענען זיי?

א מענטש, וואָס האָט פאַרמאַכט די טיר פאַר א גערודפטן. א זאַ־טער, וואָס האָט אָפּגעזאָגט צו געבן א שטיקל ברויט. א מענטש, וואָס האָט פאַרקויפט זיין חבר. א מענטש, וואָס האָט פאַלש געשווירן. א מענטש, וואָס האָט געהרגעט במזיד און אפילו בשוגג. און פיל, פיל אנדערע, וואָס לעבן אין מיין רשות און שרעקן זיך פאַר מיר אין וואָר און אין חלום, כאָטש איך — איך בין דאָך נישט קיין שום מאַטעריעלע געשטאַלט, ווייל איך בין דאָך בלויז דער דמיון זייערער, וואָס קומט שטיל ווי א געשפּענסט און לאָזט נישט פאַרגעסן דעם עבר...

אַ באַזוך

זיי זענען געשטאַנען אַנטקעגן זיך: זי — אַ גרויע עלטערע פרוי, מיט אַ שיין אינטערעסאַנט געזיכט, אין אַן אַלטמאָדיש קלייד, אויף וועלכן עס האָבן געגלאַנצט און געמיניעט זיך דינינקע גלעזערנע קרעלן; און ער — אַ גאַסט, אַ נאָר־וואָס אָנגעקומענער פון דער ווייט. ער האָט נאָך נישט באַוויזן צו געפינען די געהעריקע ווערטער, בכדי איבערצוגעבן דאָס, וואָס ער האָט געדאַרפט איבערגעבן.

— ביטע, זעצט זיך — האָט געזאָגט די אַלטע פרוי. — און זאָל איך נישט ערגערן, וואָס איך שטיי ביים פענצטער. איך קוק, איך וואַרט.

דער מאַן האָט זיך נישט אַנידערגעזעצט, ער איז צוגעגאַנגען צום אָפענעם פענצטער: עס האָט זיך געזען פונדאַנען אַ שטיל געסל מיט צוויי רייען פרעכטיקע קאַשטאַן־ביימער, וועלכע זענען געווען אין פולן בלי. דאָס איז געווען איינע פון די זעלטענע אַלטע גאַסן נישט ווייט פון בראָדוויי — גרויע מויערן, סאָלידע געביידעס פון די ערשטע יאָרן פון אונדזער יאָרהונדערט. עס האָט דאָ געהערשט אַ גאַנץ אַנדערע שטימונג, ווי מיט הונדערט טריט ווייטער אין דער ריכטונג פון די צענטראַלע גאַסן. דאָרט האָט שוין גערוישט און געקאָכט דאָס גיהנום פון דער היינטצייטיקייט מיט איר גאַנצער טעכניק.

— אַזאַ שיינע גאַס — האָט געזאָגט די פרוי — אמת? איך געדענק, ווען מען האָט פאַרפלאַנצט די דאָזיקע ביימער. זיי דערמאָנען מיר די אַלטע היים.

— מאַדאַם — האָט געזאָגט דער פרעמדער מאַן — אייער ברודער איז מיין גוטער פריינד. ווען איך האָב זיך מיט אים געזעגנט פאַר מיין אַרויספאָרן, האָט ער מיך געבעטן, איך זאָל אייך באַזוכן.

זי האָט אַ ציטער געטאָן. אויך אירע ליפּן האָבן געציטערט, און אירע

געלע געקנייטשטע האַנטפלאַכן האָבן זיך צונויפגעפרעסט אין צוויי ביי־נערדיקע פויסטן.

— עס איז מיר זייער פיינלעך, וואָס איך האָב אייך אַנטוישט און וואָס איך בין געקומען, און נישט אייער ברודער. אָבער איך פריי זיך, אז איך וועל אים קאָנען איבערגעבן א גרוס פון אייך. איך וועל אים אליין געניי איבערחזרן.

— איך האָב געוואָלט, ער אליין זאָל קומען — האָט זי געזאָגט שטאָלץ — ווי אזוי פילט ער זיך?

— גאנץ גוט. ער איז זייער פארנומען.

— איי סי — האָט זי געזאָגט און מיט פארשטענדעניש געשאָקלט מיטן קאָפּ — הי איז ביזי...

געגנוג לאנג האָבן זיי ביידע געשוויגן. פאר דעם גאסט איז דער דאָזי־קער וויזיט מיט יעדער מינוט געוואָרן אַלץ שווערער. די פרוי האָט ווידער געקוקט דורך דעם פענצטער, כאָטש אונטן אין געסל איז גאָרנישט פאָר־געקומען. עס האָט זיך געקאָנט דאַכטן, אַז קיין שום זאַך איז נישט אימשטאַנד אוועקצורייסן איר בליק פון די צוויי רייען ביימער, וואָס האָבן זיך געצויגן פּאַראַלעל צו דער שטילער גאַס.

— דאָרט איז געווען אזא הייזל ביים טייך—האָט זי געזאָגט שטיל.— שטייט עס נאָך דאָרט צי נישט? אך, איר ווייסט נישט...

ניין, ער האָט נישט געוווסט. ווי אזוי האָט ער געקאָנט וויסן, אז קיינ־מאָל איז ער נישט געווען אין יענעם דערפל, פון וואנען זי שטאמט און איר ברודער.

— אַ קליין טייכל איז עס געווען — האָט זי אויפגעקלערט מיט אזא טאָן, ווי עס וואָלט זיך דאָ געהאנדלט וועגן א זייער וויכטיקן ענין — שוין עטלעכע יאָר פרווו איך זיך צו דערמאַנען, ווי אזוי דאָס טייכל האָט גע־הייסן, עס האָט דאָך געמוזט האָבן עפּעס א נאָמען, און בשום אופן קאָן איך זיך נישט דערמאָנען. א שיינער טייך איז עס געווען, ער האָט אזוי שיין גערוישט, נאָך הייַנט הער איך דאָס דאָזיקע רוישן. נישט איצט, נישט בייטאָג. ביינאכט הער איך עס. בייטאָג הער איך נישט. בייטאָג קוק איך אויפן געסל. איך וואַרט. אפשר וועט ווער קומען.

— איר האָט מסתמא א סך באַקאַנטע — האָט ער געזאָגט — א סך פריינד.

— ניין. איך האָב נישט ווען איך בין געווען יונג, האָב איך געהאַט.

איצט האָב איך קיינעם נישט. איך וואַרט אויף מיין ברודער. ער וועט קומען.

— אָ, געוויס — האָט געזאָגט דעם ברודערס חבר — ער האָט אייך זייער ליב. ער בענקט. ער וויל אייך זען. ער וויל וווינען צוזאַמען מיט אייך.

— אוודאי. איך וואַרט דאָך אויף אים.

דער גאַסט האָט פאַררויכערט א פאַפּיראָס. ער האָט זיך געפילט פאַרשעמט. ער האָט באַטראַכט די עטלעכע בילדער, וואָס זענען געהאָנגען אויף דער וואַנט — ליליענקראַנס צייכענונגען, שוואַרץ־ווייסע סימבאָלישע האַלצשניטן אויף ביבלישע טעמעס, אָבער געטראַכט האָט ער נישט וועגן די בילדער. געטראַכט האָט ער וועגן זיין פריינד, וועלכער האָט אין דער אמתן קיינמאָל גאָר אַזוי שטאַרק נישט געבענקט צו זיין ווייטער און כמעט אומבאַקאַנטער שוועסטער. ער האָט זייער ווייניק געוווּסט וועגן איר, און די בריוו, וועלכע ער האָט צו איר געשריבן, זענען געווען לויטן אַלטן שאַבלאָן פון יידישן בריוונשטעלער. עס האָט זיך אין אַזעלכע בריוו געשריבן א סך און — גאָרנישט.

— איר געדענקט אייער ברודער?

— געוויס! — האָט זי אויסגעשריגן — אָט דאָס איז זיין פּיקטשער. און זי האָט אים געוויזן א פאָטאָגראַפיש בילד, וואָס איז געשטאַנען אויף א בכבודיק אָרט אויפן קרעדענס. עס האָט זיך אויפן דאָזיקן בילד געזען דאָס יונגע געזיכט פון א בחור'ל מיט יאָרן צוריק.

— ווי שיין ער איז — האָט זי געזאָגט טרוימעריש. — יונג און שיין.

און דער גאַסט האָט דערווייל געטראַכט, אז זיין חבר און איר ברודער איז בכלל שוין נישט יונג און נישט שיין. ער איז גרוי און האָט א גלאַנציקן פּליך, ער איז שוין אַ ביסל געבויגן, איינגעהויקערט פון די עולן און מפּלות, וועלכע ער האָט אין לעבן געליטן. אָפט איז ער קראַנק, ער ליידט אויף א שווער חולאת. פאַרשטייט זיך, אז וועגן די דאָזיקע זאַכן האָט ער נישט גערעדט מיט דער אַלטער פרוי.

און זי האָט ווייטער געצויגן אירע פאַרליבטע חלומות.

— ער איז נישט געקומען פריער. צוערשט איז ער געווען קליין, א קליין יינגעלע... דערנאָך איז אונדזער מאַמע קראַנק געוואָרן און ער האָט נישט געקאָנט אוועק פון דער היים. דערנאָך איז געווען די מלחמה. און שפּעטער איז ער אליין קראַנק געוואָרן... אָבער איצט וועט ער שוין באַלד קומען. מיר וועלן זיין צוזאַמען. איך וועל זיך באַמיען, עס זאָל אים זיין

באַקוועם און ער זאָל זיין גליקלעך. און איך וועל שוין נישט מוזן שטיין ביים פענצטער און אַרויסקוקן.

— איר וואָלט דאָך געקאָנט פאָרן באזוכן אים — האָט פאָרגעלייגט דעם ברודערס קאָלעגע — אין דריי חדשים ארום וועל איך זיך אומקערן אהיים. איך וואָלט אייך גערן צוגעהאָלפן אין דער רייזע.

— ניין! ניין! — האָט זי זיך דערשראָקן — דאָס וויל איך נישט. קוים מיט לעבן בין איך פון דאָרט אנטלאָפן, און איר ווילט, איך זאָל צוריקפאָרן? אָ, ניין. איך פארשטיי נישט, ווי אזוי איר קאָנט מיר אזא זאך עצהן...

דער גאסט פון יוראָפ איז שוין געווען פארצווייפלט. גאנץ אנדערש האָט ער זיך פאָרגעשטעלט דעם דאָזיקן באזוך. צופיל צייט האָט ער נישט געהאט. ער האָט שוין געוואָלט געזעגענען זיך און ארויסגיין, ער האָט אָבער נישט געוווסט, ווי אזוי צו באפרייען זיך פון דעם דאָזיקן אומעטיקן דיאַלאָג מיט דער אַלטער פרוי.

— פארוואָס קוקט איר אזוי אומגעדולדיק אויפן זייגער? — האָט זי געזאָגט מיט פאָרוורף און מיט פרעטענזיע. — איר באטראכט די מיר מיט אַזאַ בענקעניש... איך האָב אייך נישט פארבעטן צו קומען און איך האָב נישט בדעה אייך צו פארהאַלטן מיט כוח...

דעם ברודערס פריינד האָט זיך פארשעמט. ס'איז שווער געווען אויסצוהאַלטן איר שטאַלצן בליק — זי האָט אויף אים געקוקט קאַלט און בייז. אָבער איר כעס האָט איר נישט געשטערט אריינצוציען אים אין אירע טראגישע זכרונות.

— פארוואָס זאָל איך אהין פאָרן? איך בין דאָך פון דאָרט אנטלאָפן. איר האָט נישט געהערט דערפון? ווי אזוי איז עס מעגלעך, איר זאָלט נישט וויסן? איך האָב געהאט געבוירן א קינד, א קליינינק קינדערלע האָב איך געבוירן, און קיין מאן האָב איך נישט געהאט. עס איז געשטאָרבן מיין קינדעלע, מיין זונעלע... און איך בין שוין געווען פאראורטיילט אויף שטענדיק. אזא חרפה: געבראכט אויף דער וועלט א קינדעלע. זיך פאר־הורט, דעם טאטנס כבוד אומגעבראכט. און נאָך פריער... ווען דער טאטע איז געוויער געוואָרן, אז איך בין אין יענע אומשטענדן, האָט ער מיך גע־שלאָגן מיט דער בייטש, אזוי ווי מען שלאָגט א פערד, און דאָס גאנצע דאָרף האָט געקוקט אויף מיינע צרות, אלע יידן און אלע קריסטן... און איר ווילט איך זאָל אהין פאָרן. און דאָס ערגסטע איז געווען, וואָס איך

האָב דאָך מיין טאַטן ליב געהאַט, אַזוי ליב געהאַט... און ער האָט מיך געשלאָגן מיט דער בייטש, און דאָס גאַנצע דאָרף האָט געקוקט, דאָס גאַנצע פֿאַרשאָלטענע דאָרף דאָרט ביי דעם טייכל... ווען איך זאָל מיר כאָטש קאָנען דערמאַנען, וויאַזוי דאָס טייכל האָט געהייסן...

ווידער האָט זי זיך פֿאַרטראַכט. אפֿשר האָט זי זיך דערמאָנט יענע איינוווינער פֿון דאָרף, יענע ווייטע מענטשן, וואָס זענען שוין מסתמא לאַנג אויסגעשטאָרבן.

— איך בין אַנטלאָפֿן. געקומען דאָ אַהער. דעמלט האָט נאָך דאָ אויסגעזען גאַנץ אַנדערש, ווי עס זעט אויס היינט. דאָ נישט־ווייט זענען נאָך געווען פֿעלדער מיט ווייץ און מיט קאָרן. שיינע צייטן זענען עס געווען. ווען איך בין אַהער געקומען, איז געווען אַ מאָדע אויף קליידער מיט גלעזערנע קרעלן. איך האָב געאַרבעט אין אַ שאָפּ, טאַקע ביי די דאָזיקע פֿאַטשערקעס... צוגענייט מיליאָנען קרעלן, מיליאָנען קליינינקע קרעלעכלעך צו די קליידער, אויסגענייט בלומען פֿון קרעלן, פֿייגל און חיות און גאַנצע לאַנדשאַפֿטן. איך האָב געוואָלט חתונה האָבן, האָב איך נישט געהאַט קיין צייט. וואָס לאַכט איר? אַזוי איז עס געווען. די קרעלן האָבן נישט דערלויבט. אַרבעט, אַרבעט, אַרבעט. איך האָב אויך נישט געהאַט קיין נדן. טיילמאָל בין איך געווען אַרבעטסלאָז — נישט געהאַט קיין דזשאָב... איר ווייסט מסתמא: מיט אַ יאָר צוריק איז דאָ ביי אונדז געווען אַ גרויסער קריזיס. שפּעטער האָב איך שוין יאָ געהאַט נדן, אָבער דעמלט בין איך שוין נישט געווען יונג.

— פֿיינלעך... — האָט צוגעבאָמקעקט דער גאַסט מעבר לים — זייער פֿיינלעך.

— איך דאַרף נישט קיין מאַן — האָט זי אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט — ווען ער וועט קומען, וועלן מיר זיין צוזאַמען. מיין ברודער...

און זי האָט צוגעגעבן מיט פֿאַרביטערונג:

— קאָלומבוס... פֿאַרשאָלטן זאָל ווערן זיין אָנדענק..

זי האָט ווידער באַמערקט, אַז איר צוהערער איילט זיך און זי האָט עס אים נישט געקאָנט מוחל זיין. אין אַ געוויסן מאָמענט האָט ער דערפֿילט, אַז זי האַסט אים. און ער האָט עס איר נישט געהאַט פֿאַראיבל, ער האָט זי זייער גוט פֿאַרשטאַנען, ער האָט פֿאַרשטאַנען איר אַנטוישונג. נישט אויף אים האָט זי געוואַרט אַזוי פֿיל יאָרן.

— זייער קראנק איז ער? — האָט זי פּלוצים א פרעג געטאָן — איך וויל וויסן דעם אמת, איר הערט? דעם אמת!

— ע, נישט זייער — האָט ער געענטפערט — ער האָט ארום זיך א פריינדלעכע סביבה. גוטע דאָקטוירים. זיי באמיען זיך.

— איך פארשטיי — האָט זי געזאָגט שטיל, מיט א הייזעריקער שטי־מע — איך וויים, אז ער איז זייער קראנק. איך ווארט אומזיסט. און איר?

ער האָט נישט פארשטאנען, וואָס זי פרעגט ביים אים.

— איר זענט געזונט?

— יאָ, אַ דאַנק.

זי האָט זיך צעלאכט, און ער האָט פארשטאנען, וואָס עס שטעקט אין דעם דאָזיקן בייזן געלעכטער אירן. ער האָט דערקענט איר אויפרעגונג און עס האָט זיך אים געדאכט, אז ער לייענט אין אירע געדאנקען: איר זענט געזונט, און ער, מיין ברודער, איז קראנק, קראנק, קראנק. און ווו איז דאָ גערעכטיקייט, אויף אייך האָט דאָך קיינער נישט געווארט, און איר זענט געקומען, און ער, ער...

— איך בין שוין אזוי מיד. און איך בין אליין. איינע אליין אין דער דאָזיקער שטאָט. איר ווייסט? ווען מיין זיידע איז שוין געווען זייער אַלט און האָט דערפילט, אז ער גייט שטארבן, האָבן זיך ארום זיין בעט פאר־זאמלט אלע זין און אלע טעכטער, און די איידעמס און שנירן מיט די אייניקלעך — דאָס איז געווען טאקע אין יענער שטוב ביי דעם טייכל... אלע האָבן זיי אים ארומגערינגלט. און דער זיידע איז געווען א קליינינקער, א נידעריקער און דארער, און די זין און איידעמס זענען געווען יונגען ווי די בערן. האָט פון זיי קיינער נישט געקאָנט אָנטאָן דעם זיידנס הויזן אָדער די קאפּאָטע, אָדער די שטיוול זיינע... דעריבער האָט דער זיידע געהייסן עפענען די שאַנק און ארויסנעמען זיינע זאכן, די מלבושים זיינע. „דאָס אלץ זאָלט איר מיר פארקויפן, ס'וועט סטייען אויף א מצבה" — האָט ער געזאָגט. האָבן זיי ארויסגענומען זיינע העמדער און זיינע שטיוול, און די שבתדיקע בעקעשע, און דאָס שטריימל, און נאָך אנדערע זאכן, און ער האָט אויף יעדער זאך באזונדער אָנגעזאָגט א פּרייז: „דאָס וועט איר פאר־קויפן פאר צוויי גילדן, און דאָס פאר פיר זעקסערלעך, און דאָס פאר א גילדן, קיין איין פּרוטה ווייניקער, איר הערט? און וועמען וועל איך איבערלאָזן מ יי נ ע מלבושים? וועמען?"

באלד האָט זי ווידער געענדערט דעם שמועס, דעם טאָן, די זכרונות.

— דער דאָזיקער טייך, דאָרט, פלעגט יעדן פרילינג אויסגיסן. און איינמאָל איז אין אים דערטרונקען געוואָרן דער פעטער שמואל פון טרעפּטשע. איך געדענק אים נאָך איצט, ער איז געווען א גוטער, א לאבנדיקער. טיילמאָל פלעגט ער מיר ברענגען פון שטעטל מענטע־צוקערלעך אָדער מאַנדל־ברייטלעך. זיי זענען געווען מלא טעם.

זי האָט צוגעמאכט דאָס פענצטער און איז צוגעגאנגען צו דער טיר. אין אירע אויגן האָט זיך באַוויזן א פאַרדעכטיק פייערל.

— און איצט וויל איך, איר זאָלט גיין. גייט גיך, גיך... איך וויל אייך נישט. איר שטערט מיר מיט אייער אָנוועזנהייט. איך וואַרט אויף מיין ברודער. איר הערט?

און זי האָט אים אַרויסגעשטופּט פון שטוב. מיט א פאַרקלעמט האַרץ איז ער א ווײַלע געשטאַנען אויפן קאָרידאָר. דערנאָך האָט ער דערנענטערט דאָס אויער צו דער טיר און האָט דערהערט א יאָמערלעך געוויין.

ער האָט פאַרשטאַנען, אז דאָס וויינט אזוי די איינזאַמקייט פון אן אלטן מענטש, וואָס האָט פאַרשפּילט זיין לעבן.

בין־השמשות

פארנאכט איז ער צוריקגעקומען פון דער ארבעט, עטוואָס מידער ווי יעדן אנדערן טאָג. עטוואָס מער אויפגערעגט ווי תמיד.

אריינגעקומען אין צימער, האָט ער זיך אוועקגעזעצט ביים שרייבטיש און צוגעמאכט די אויגן. פון דער קיך האָט זיך דערטראָגן די שטימע פון זיין פרוי — א רוגזדיקע שטימע פון אן עלטערער פרוי, וועלכע איז נישט זייער צופרידן פון דער וועלט און נישט זייער צופרידן פון איר אייגענעם גורל.

און באלד האָבן זיך געלאָזט הערן לייכטע באקאנטע טריט און אין דער אָפענער טיר האָט זיך באוויזן דאָס שלאַנקע געשטאַלט פון דער טאָכטער. זי האָט אים צוגעטראָגן איר שמייכל, און דער עלטערער מידער מענטש ביים שרייבטישל האָט א טראכט געטאָן, אז זיין שיינע בת־יחידה האָט שוין לאנג אויפגעהערט צו זיין א קינד, זי איז אויסגעוואַקסן אויף א פרעכטיק כלה־מיידל.

— גוט, וואָס איך זע דיך.

ער האָט געוואָלט מיט איר אדורכרעדן זיך צווישן פיר אויגן, אָבער שוין האָט זיך אריינגערוקט די פרוי זיינע, און פלוצים איז אים געוואָרן שווער אויפן הארץ. ער האָט זיך אָפגעגעבן א חשבון, אַז דאָס, וואָס ער האָט צו זאָגן זיין טאָכטער, איז נישט קיין לייכטע זאַך.

— היינט איז ביי מיר געווען די פרוי פון יענעם... ווייסט שוין...

די טאָכטער האָט אראָפגעלאָזט דעם קאָפּ.

— זי האָט מיר אָפּגעשפּילט א שרעקלעך טעאטער — האָט געזאָגט דער פאָטער. — כ'האָב געמיינט, אז כ'וועל איינגעזינקען ווערן פאר שאנד.

די טאָכטער האָט געשוויגן, זי האָט זיך געבויגן אונטער די שווערע רייד זיינע.

— די דאָזיקע פרוי — האָט ווייטער געצויגן דער פאָטער — די דאָ־זיקע פרוי וואָלט געקאָנט זיין דיין מוטער.

— אזא חרפּה — האָט זיך דאָ צעוויינט זיין פרוי און איר מוטער — נעמסט אוועק א מאַן, וואָס האָט אָפּגעלעבט מיט זיין פרוי גאנצע צוואנציק יאָר. צוואנציק יאָר איז זי געווען גליקלעך מיט אים און דו האָסט אין איין טאָג חרוב געמאכט זייער גליק.

די טאָכטער האָט אין זיך צוזאמענגענומען אלע כוחות, בכדי צו ענט־פערן אויף דעם אָנגריף.

— צוואנציק יאָר איז זי געווען מיט אים גליקלעך — האָט זי געזאָגט מיט א ציטערנדיקער שטימע — און איצט וועל איך מיט אים גליקלעך זיין.

— האָסט נישט קיין שאנד — האָט געכליפּעט די מוטער — ביסט פּונקט אזוי געמיין, ווי דיין פאָטער.

— יעדער מענטש האָט רעכט צו זיין גליקלעך — האָט זיך פאַרענט־פערט די בת־יחידה. — נאָר נאראָנים זאָגן זיך אָפּ פון גליק.

זי האָט געוואָרפן א בליק אויף דעם וואנטזייגער און האָט זיך גענו־מען גרייטן צום ארויסגיין.

— די דאָזיקע פרוי — האָט געפּרוווט וואָרענען דער פאָטער — זי האָט געדראָט, אז זי וועט דיך שלאָגן.

די מוטער האָט זיך ווידער צעוויינט און ארומגענומען די טאָכטער, ווי זי וואָלט זי געוואָלט אָפּהיטן און אָפּווערן פון אלע קלעפּ, וואָס קאָנען אויף איר פאלן.

— מיין אָרעם קינד... — און דאָ האָט זי זיך געוואָנדן צום מאַן, וועל־כער איז געזעסן ביי זיין שרייבטישל, ווי הינטער א פעסטונג, און ווען זי האָט צו אים גערעדט, איז זי ווידער געווען אן עלטערע מיאוסע פרוי מיט א הייזעריקער בייזער שטימע.

— דו ביסט שולדיק! — האָט זי געשריגן צום מאַן — אלץ איז דיין שולד. קיינמאָל גייט דיך נישט אָן, וואָס עס טוט זיך אין דער היים. א סך קומערט דיך, ווען וואָס עס טראכט דיין טאָכטער, מיט וועמען זי פאר־ברענגט גאנצע טעג? קיין זאך גייט דיך נישט אָן.

— הער אויף! — האָט זיך אויפגערעגט דער מאַן — משוגענע.

— קיין זאך גייט דיך נישט אָן — וויינט די פרוי — ווען איך זאָל דאָ אפילו פּגרן, וועט עס דיך נישט אינטערעסירן.

— אזא גיהנום. אזא גיהנום... — חזרט איבער דער מאַן, און זיין בליק וואַרפט פלאַמען פייער.

— שטענדיק מוזט איר זיך קריגן! — רופט אויס די טאָכטער. — שטענדיק!

— מיר קריגן זיך נישט — פאַרענטפערט זיך די מוטער און פרוווט צו פאַרדעקן דאָס געזיכט מיט א ביטערן געקינצלטן שמייכל — סתם, עס רעדט זיך אזוי.

די טאָכטער קוקט ווידער אומרואיק אויף דעם זייגער. זי איז שוין א פערטל שעה פאַרשפּעטיקט. אין קאָפּע־הויז וואַרט אויף איר דער פאַרבאַ־טענער געליבטער.

— איך וויל זאָלסט זיך מער נישט באַגעגענען מיטן דאָזיקן פאַרשוין — פאַרלאַנגט דער פאָטער — ער איז צוויי מאָל עלטער פון דיר.

— איך האָב אים ליב, טאַטע.

— זיין פרוי וועט דיך פאַרשעלטן — וואָרנט די מוטער.

— איך בין נישט אַבערגלויביק — צעלאַכט זיך די שיינע מויד און שאָקלט קינדעריש מיט אירע פּרעכטיקע שוואַרצע האָר — איך האָב נישט קיין מורא פאַר אירע קללות.

א ווײַלע שווייגן זיי. די טאָכטער איז בלאַס, זי איז גרייט מיט לייב און לעבן צו פאַרטיידיקן איר גרויסע ליידנשאַפט, וועלכע געפינט זיך אין א געפאַר.

— יענע פרוי האָט צו אים רעכט — זאָגט די מוטער — זי האָט מיט אים חתונה געהאַט. זי האָט אים דערצויגן קינדער. זיין טאָכטער איז שוין אין דיינע יאָרן.

— וואָס הייסט דאָס האָבן רעכט אויף א מענטשן? — פרעגט די פאַרליבטע בת־יחידה. — איז דאָס אזוי, ווי האָבן רעכט אויף א בהמה אָדער אויף א טויטער זאַך? דאָס רעכט פון א געזעצלעכער פרוי... דאָס רעכט פון א בית־עולם, אויף וועלכן זיי ביידע האָבן באַגראָבן צוואַנציק יאָר לעבן און צוואַנציק יאָר ליידן. ער האָט מיר אַלץ דערציילט. זיי האַסן זיך. וואָס פאַר א רעכט קאָן זי אויף אים האָבן? אז זינט יאָרן וואַרטן זיי אויף אן ערדציטערניש אָדער אויפן טויט...

— דאָס האָסט דו זיי פאַנאַנדערגעטיילט — זאָגט קאַלט די מוטער — ביסט אריין צווישן זיי ווי א געוויטער. האָסט חרוב געמאַכט זייער לעבן.

די טאָכטער האָט געציטערט ווי אין פיבער. זי האָט זיך איצט גע־

פילט ארומגעריבגלט פון די מנהגים און געזעצן פון דער גאנצער פיינטלע־
כער וועלט. אלע זענען געווען אנטקעגן איר. אלע, אפילו דער פאָטער, אפילו
די מוטער.

— איך האָב אים ליב — וויל זי שרייען, אָבער עס באקומט זיך ביי
איר קוים א שטילער פליסטער. — ווען ער וועט זיך גטן, וועלן מיר חתונה
האָבן.

— קיינמאָל וועל איך נישט דערלאָזן דערצו—זאָגט דער פאָטער, און
זיינע ווערטער קלינגען ווי א שטרענגער אורטייל.

— און וואָס וואָלסטו געזאָגט, ווען דיין טאַטע וואָלט פון מיר אוועק־
געגאנגען צו אן אנדערער פרוי? — פרעגט די מוטער — קאָנסט דיר דאָס
פאַרשטעלן?

— איך וואָלט זיך נישט געהידושט — ענטפערט די טאָכטער, און
זי צעלאכט זיך פלוצים, פארגעסנדיק, אז ערשט מיט עטלעכע מינוט צו־
ריק איז זי געווען פארוויינט און פארצווייפלט.

— הערט אויף — בייזערט זיך דער פאָטער — איך גיי נישט אינער־
נעץ אוועק.

— דאָס אלץ איז שרעקלעך, שרעקלעך, שרעקלעך... — צעוויינט זי
זיך ווידער, די שיינע טאָכטער...

— מיין קינד — רופט זיך ווידער אָן דאָס מוטערלעכע צארטע הארץ
— איך פארזיכער דיך, אז אין א געוויסער מאָס איז דיין טאַטע זייער צו־
געבונדן צו מיר.

— אין א געוויסער מאָס — חזרט איבער די טאָכטער, און איר שטי־
מע קלינגט איראָניש — אין א געוויסער מאָס האָרכט ער אוים דיין טאָג־
טעגלעך געוויין, דיינע טאָגטעגלעכע גיפטיקע שטעכווערטער, וואָס מיר
קענען זיי שוין אויסנווייניק: אז האָסט איבערפירט דיינע שענסטע יאָרן,
אז האָסט פארלוירן דיין יוגנט און אז איצט האָסטו דערפאר גאָרנישט.
יעדן טאָג הערט ער פון דיר דאָס זעלבע: ווער עס מאכט גוטע געשעפטן,
ווער עס איז רייך, ווער עס האָט א גוטן מאן, אלע פרויען זענען גליקלעך.
נאָר דו איינע האָסט נישט געהאט קיין מזל...

— שווייג! — באליידיקט זיך די מוטער — אזוי רעדט מען נישט צו
א מאמען.

— דו טאָרסט זיך נישט באַגעגענען מיט אים — דערמאָנט זאכלעך

דער פּאָטער. — קאָנסט נישט זיין גליקלעך מיט אים. וואָס פאר א גליק וואָלט עס געווען, ווען עמעץ זאָל מוזן דורך דיר ליידן.

— האָב איך דען דאס אויסגעטראכט, אז שטענדיק מוז ווער ליידן?

— בונטעוועט זיך די פארליבטע לייכטזיניקע יוגנט.

דער פּאָטער האָט פארדרייכערט א פּאפּיראָס און געקוקט אומעטיק דורך דעם פענצטער, אין וועלכן ס'איז געהאָנגען דער טריבער בין-השמשות.

— טיילמאָל מוז מען קאָנען פארציכטן — זאָגט דער פּאָטער — דו דארפסט עס פארשטיין.

— איך פארשטיי — זאָגט די טאָכטער, און איר שטימע קלינגט איצט הארט, איצט פארנעמט זי די שטעלונג פון א ריכטער. — איך פארשטיי, אז שטענדיק האָט איר מורא געהאט, פאר א סקאַנדאַל האָט איר מורא געהאט, ס'זאָל ווער חלילה וועגן אייך נישט שלעכט טראכטן, מען זאָל וועגן אייך נישט רעדן קיין שלעכט וואָרט. דער דאָזיקער פּחד האָט אייך שטענדיק געהאלטן צוזאמען, כאָטש שטענדיק האָט איר געלעבט אין האס. ווי ווייט איך געדענק, האָבן מיך תמיד געוועקט בייטאכט אייערע מחלוקות.

— האָסט א טעות — פארענטפערט זיך דער פּאָטער — דיין מאמע און איך... נישט דער האס האלט אונדז צוזאמען, נאָר דער עול. די פליכטן, וואָס מיר האָבן אויף זיך גענומען. מיר ווילן דו זאָלסט זיין גליקלעך, כאָטש דאָס איז נישט אינגאנצן פון אונדז אָפּהענגיק. מיר האָבן אויך אַנדערע, קעגנזייטיקע פארפליכטונגען. אין א געוויסן טאָג, ווען איינער פון אונדז וועט קראנק ווערן, וועט דער צווייטער אים זיין בייהילפיק. אָט דאָס הייסט אַ משפחה און צעשטערן א משפחה הייסט חרוב מאַכן אָט די אַלע פאר-פליכטונגען. ווען מענטשן וואָלטן עס געטאָן מאסנווייז, וואָלט די וועלט געווען פול מיט קללות און פול מיט צייטקריצעניש. מיליאָנען קינדער וואָלטן זיך ארומגעבלאָנקעט היימלאָז און הונגעריק.

— עס גייט מיך נישט אָן דער גורל פון מיליאָנען קינדער — האָט אויסגעשריגן די מויד — עס גייט מיך אָן מיין אייגענער גורל. איך האָב אים ליב.

— באַטראַכט זיך נאָר... — פּרוווט ווידער איבערצייגן די מוטער — ווען ער וועט שוין זיין א זקן, וועסט דו ערשט זיין א פרוי אין די מיטעלע יאָרן. דאָס איז קעגן דער נאטור.

—אָ, דעמלט וועל איך אים ערשט זיין נייטיק — צעשטראלט זיך דאָס געזיכט פון דער פארליבטער מויד — איך וועל דעמלט ארבעטן. איך וועל אים אויפהאלטן און באדינען.

— ביסט א נאריש קינד. פארשטייסט גאָרנישט.

— אין מענטשנס לעבן איז נאָר איין זאך וויכטיק — זאָגט די שלעכ־טע טאָכטער, וואָס וויל נישט אויסהאָרכן קיין שום גוטע עצה — וויכטיק איז נאָר די ליבע.

— עס איז פאראַן נאָך איין זאך, וואָס רעכנט זיך—זאָגט דער פאָטער, און ער טראַכט דערביי נישט בלויז וועגן גורל פון זיין איינציקער טאָכ־טער, נאָר אויך וועגן זיינע אייגענע ביטערע דערפארונגען, וועגן זיינע איי־גענע ליידנשאפטן און אנטוישונגען.

— וואָס פאר א זאך?

— אַרבעט. דאָס, וואָס מיר טוען. דאָס, וואָס מיר שאפן.

— יאָ, דו האָסט דיין אַרבעט — ענטפערט די טאָכטער — ביסט אַ באַרימטער פראָפעסאָר. האָסט דיינע סטודענטן, וועלכע דו לערנסט. אָבער מיך האָסטו קיין שום זאך נישט אויסגעלערנט. איך קען בלויז לייענען ראָ־מאַנען און א ביסל צימבלען אויף דער פיאַנע.

— וואָלסט נאָך היינט געקאָנט שטודירן — די שטימע פון פאָטער לעבט אויף מיט האָפענונג — ליבע און ליידנשאפטן פארפירן אונדז טייל־מאָל. דעמלט בלייבט אונדז א טרייסט אין דעם, וואָס מיר טוען. די פרייד פון שאפן.

— איך מוז שוין גיין — האָט זי זיך אויפגעכאפט פון אָרט, ווען דער זייגער האָט גענומען אויסקלינגען די שעה — ער וואַרט אויף מיר.

אַ ווײַלע האָבן זיך נאָך געהערט אירע טריט, דערנאָך איז אין צימער פארבליבן א גערדיכטע שווייגעניש, א שטילקייט.

— שיין וועלן מיר אויסזען, ווען יענע פרוי וועט זי באפאלן אויף דער גאס — האָט זיך אָנגערופן די מוטער פון דער בת־יחידה.—אזעלכע זענט איר אלע, מענער. אין א געוויסן טאָג וועל איך געוויער ווערן, אז אויך דו האָסט א פילגש. כ'בין שוין צו אלט פאר דיר. כ'בין מיאוס, אָפגעהאָרע־וועט. איבעריקנס, דו האָסט מיך קיינמאָל נישט געליבט.

דער מאן האָט געשוויגן.

— אפשר בין איך נישט גערעכט?

— יאָ, ביסט גערעכט — האָט ער זיך ענדלעך אָנגערופן — און יענע פרוי איז אויך גערעכט. און דער מאַן פון יענער פרוי איז אויך גערעכט. און מיין טאָכטער איז אויך גערעכט. אַלע זענען גערעכט. די גאנצע וועלט איז פול מיט גערעכטיקייט.

— דו מאכסט חוזק אויס מיר — האָט אויסגעשריגן די איינזאמע און פארשפּילטע פרוי, וואָס איז אַמאָל מסתמא געווען יונג און שיין.

— און אפשר בין איך אויך גערעכט? — האָט ער זיך פארטראכט — ווי מיינסטו?

— איך פארשטיי נישט.

— דו האָסט קיינמאָל גאָרנישט פארשטאנען.

— מען דארף זיך דורכשמועסן מיט יענעם פארשווין — האָט זי זיך דערמאנט — אפשר וועט ער לאָזן געמאך אונדזער קינד.

דער מאַן ביים שרייבטישל פארוויכערט נאָך איין פּאַפּיראָס. ער שווייגט.

— רוף זיך אָן — בעט אים די פרוי — זאָג עפּעס. איך קאָן נישט פאַרטראָגן דיין שווייגן.

— זיי אזוי גוט... — זאָגט דער מאַן און זיין שטימע איז גיפטיק און קאַלט — זיי אזוי גוט און דערלאנג מיר די צייטונג. כ׳האָב נאָך נישט געלייענט די היינטיקע צייטונג.

די פרוי דערלאנגט אים די צייטונג, און פּלוצים הייבט זי אָן צו לאכן, און שטיקנדיק אין זיך דאָס געוויין, גייט זי ארויס פון צימער.

אַ חוב צו באַצאָלן

די געשעעענישן, וואָס איך וויל דאָ באשרייבן, האָבן זיך אָפּגעשפּילט מיט פיל יאָרן צוריק. זייער ערשטער אקט איז פאָרגעקומען, ווען איך בין נאָך געווען א יונגער בחור. דאקעגן צו דעם עפּילאָג איז געקומען אין די ערשטע יאָרן נאָך דער מלחמה, ווען איך האָב פארנומען די שטעלע פון א פּראָקוראָר אין אונדזער שטאָט — ווייל פון פּראָפעסיע און פון בילדונג בין איך א יוריסט. און איידער איך האָב אָנגעהויבן צו שרייבן וועגן גערעכטיקייט, האָב איך דער דאָזיקער גערעכטיקייט געדינט מיט מיין טאָגטעגלעכער אַרבעט.

דער קאַבינעט, אין וועלכן איך האָב דעמלט אמטירט און געארבעט, האָט געהאט דינע ווענטלעך, און די סעקרעטארשע מיינע, וועלכע איז געזעסן אין צווייטן צימער, האָט געהאט א קוויטשנדיקע שטימע. זי האָט בכלל נישט געוווסט, אַז מען קאָן רעדן שטיל — און ווען זי האָט גערעדט, האָט מען געהערט אין דער גאנצער געביידע.

מיר האָבן געהאט פיל אַרבעט. די צייטן זענען געווען אומרואיקע. בכדי צו באַקעמפן די פאַרברעכערישקייט און צו באַהערשן די לאַגע, האָבן מיר געארבעט בייטאָג און ביינאכט, פשוט געפאלן פון די פיס זענען מיר פון מידקייט.

די סעקרעטארשע, אן עלטערע מויד, האָט געוואכט אין צווייטן צימער, נישט דערלאָזט צו מיר קיין איבעריקע געסט. זי איז געווען א מיאוסע, אָבער טיילמאָל, ווען זי איז געווען אין א גוטער שטימונג, פלעגט זי אויך זיין סימפּאטיש. צו מיר איז זי געווען זייער צוגעבונדן און איך האָב אין איר געהאט א געטרייען מיטארבעטער.

יענעם טאָג בין איך געזעסן ביים שרייבטיש. און האָב געהערט איר סקריפּנדיקע שטימע — זי האָט עמעצן טעלעפאניש פארזיכערט, אז דער

פּראָקוראָר איז נישטאָ. דאָס הייסט, אז א י ך בין נישטאָ. און אז איך וועל היינט בכלל נישט זיין.

דערנאָך איז זי אויף א ווײַלע שטיל געוואָרן, די טעלעפאָנען האָבן אויפגעהערט צו קלינגען, און איך האָב דערהערט א פרעמדע פרויען־שטימע. די סעקרעטארשע האָט ווי געוויינלעך געזאָגט, אז איך בין פארנומען, אָבער די פרעמדע האָט זיך נישט געלאָזט אָפּגעזעגענען. זי האָט גאָר נישט גע־האט בדעה אוועקצוגיין.

— דער פּראָקוראָר איז פארנומען — האָט געזאָגט מיין געטרייע מיט־ארבעטערין.

די שטימע פון דער פרעמדער פרוי האָט זיך עטוואָס צוזאמענגע־בראָכן, אזוי האָט זיך מיר אויסגעוויזן, ווען זי האָט גענומען בעטן, אַז די סעקרעטארשע זאָל איר העלפן און דערמעגלעכן א שמועס מיטן פּראָקוראָר.

— איך פארזיכער אייך, אז דער פּראָקוראָר וועט זיין צופרידן — האָט געזאָגט די פרעמדע פרוי, אין וועלכער איך האָב איצט געקאָנט דער־קענען א זקנה. — יעדנפאלס וועט ער נישט זיין בייז, אויב איר וועט מיך צו אים אריינלאָזן. ער איז זייער א גוטער מענטש... ער וועט זיך מסתמא הידושן, אז איך בין פריער נישט געקומען.

— איך גלייב אייך — האָט געזאָגט מיין רעכטע האנט — אָבער איר זענט נישט פארשריבן אויף היינט און דער פּראָקוראָר איז זייער פארנומען.

— איך פארשטיי — האָט געזאָגט די פרעמדע — ער האָט א סך ארבעט.

— דער פּראָקוראָר האָט שטענדיק א סך אַרבעט — האָט אויסגע־בעסערט מיין געהילף.

— מעג איך זיך זעצן? — האָט געפרעגט די זקנה.

— ביטע. אָבער ער וועט אייך נישט אויפנעמען.

אַ פּאָר מינוט איז געווען שטיל, אָבער די אָנגעקומענע האָט ווידער אויפגענומען דעם דיאַלאָג.

— זאָגט אים, אז עס איז געקומען איינע אן אלטע פרוי, וואָס וויל אים זען און וואָס וויל זיך איבערצייגן, צי ער איז דער זעלבער, וואָס ער איז געווען מיט צוואַנציק יאָר צוריק.

איך האָב זיך אויפגעהויבן פון אָרט און געעפנט די טיר.

ווען זי איז אריינגעקומען אין קאבינעט און אוועקגעזעצט זיך לעבן מיין שרייבטיש, האָב איך זי נאָך נישט דערקענט, כאָטש איך בין געווען

איבערצייגט, אז נישט צום ערשטן מאָל זע איך זי — ערגעץ טיף אין מוח איז ביי מיר געווען און געעגבערט א פעסטע איבערצייגונג, אז די דאָזיקע פרוי איז מיר נישט פרעמד. אָבער קיין שום פּרטים פון אונדזער באַקאַנט־שאַפט האָב איך זיך נישט געקאָנט דערמאָנען.

— איך האָב צו אייך א געוויסן ענין, א וויכטיקן פּערזענלעכן ענין — האָט זי געזאָגט, בשעת איך האָב באַטראַכט איר אַלט געזיכט, וואָס האָט לייכט צו מיר געשמייכלט. זי איז שוין גרוי ווי א טויב, און מעגלעך, אז דערפאַר טאַקע האָב איך זי נישט געקאָנט דערקענען. דעמלט, ווען איך האָב זי געזען אין דער פריערדיקער תקופה פון אונדזער באַקאַנטשאַפט, איז זי נאָך זיכער געווען יונג. זי איז נאָך דעמלט מעגלעך געווען רייצנדיק שיין.

— איך פריי זיך זייער, וואָס איך זע אייך — האָט זי ווייטער געצויגן. — כ'האָב זיך געוואָלט איבערצייגן, ווער איר זענט היינט, צי איר זענט פאַר־בליבן דער זעלבער איידעלער ראָמאַנטיקער, ווי מיט יאָרן צוריק...

איך האָב זיך צעלאַכט; עס איז מיר ליב און אָנגענעם געווען צו הערן אירע ווערטער וועגן מיין אומפאַרגעסלעכער יוגנט. אָבער דערווייל האָב איך נאָך אַלץ נישט געוווּסט ווער זי איז. און זי — זי האָט געקוקט אויף מיר מיט אַ כיטרע שמייכעלע, אָבער זי האָט זיך נאָך אַלץ נישט פאַרגעשטעלט. זי האָט געוואָרט איך זאָל איר ענטפערן. צי איך בין דער זעלבער מענטש, וואָס איך בין געווען מיט צוואַנציק יאָר צוריק. וואַרשיינלעך האָט זי גע־האָפט, אז איך וועל זי דערקענען.

— נאָר טויטע דענקמעלער בלייבן נישט פאַרענדערט — האָב איך זיך צעלאַכט. — אָבער נישט וועגן דעם גייט עס דאָך. איר ווילט פרעגן, צי איך בין פאַרבליבן געטריי יענעם אופן פון דענקען און יענעם אופן פון גלייבן...

— יאָ — האָט זי געזאָגט — טאַקע וועגן דעם גייט עס מיר. אמת געזאָגט, וואָלט איך זיך גאָר נישט געחידושט, ווען עס וואָלט זיך ארויסגע־וויזן, אז איר האָט שוין נישט קיין שום געמיינזאַמע זאַך מיט יענעם יונגן מענטשן, וועלכן איך האָב אַמאָל געקענט. אַזויפיל האָט זיך שוין זינט דעמלט געענדערט אויף דער וועלט. א סך מענטשן זענען אוועק פון זיך אליין...

— ניין... דאָס איז אפשר נישט אַזוי... — האָב איך זיך פאַרטראַכט — ענדערן זיך קאָן מען. אַלע מענטשן ענדערן זיך. די צייט ענדערט אונדז. יעדער טאָג. יעדעס יאָר. אַמאָל, ווען איך בין נאָך געווען יונג, האָט זיך

מיר געדאַכט, אַז אין דער געזעלשאַפט פון די צוקונפטיקע צייטן וועט זיך איבערחזרן דאָס גילדענע יאָרהונדערט פון דער מענטשהייט, דאָס יאָרהונדערט, וועגן וועלכן עס האָט געשריבן דער רוימישער דיכטער אָווידיוס. און איך האָב געגלייבט, אַז אין דאָזיקן יאָרהונדערט וועלן נישט זיין קיין געריכטן און נישט קיין ריכטער, אַז עס וועלן נישט זיין קיין פּראָקוראָרן און נישט קיין תפיסות. און היינט בין איך אַליין געוואָרן אַ פּראָקוראָר.

עס האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז די אַלטע דאַמע איז געווען צופרידן פון מיין ענטפער.

— איצט זע איך — האָט זי געזאָגט — אַז איר זענט פאַרבליבן דער זעלבער.

— אין אַ געוויסער מאָס — האָב איך צוגעגעבן — אין אַ געוויסער מאָס בלייבט מען שטענדיק דער זעלבער. געוויסע עלעמענטן פון אונדזער פּערזענלעכקייט ענדערן זיך נישט, ווען עס וואָלט געווען אַנדערש, וואָלט די וועלט געווען גאָר ווייניקער קאָנסעקווענט ווי זי איז היינט, עס וואָלט נישט פאַראַן געווען קיין שום אחריות.

— אַ מענטש, וואָס רעדט אַזעלכע רייד, מוז מסתמא זיין אַ גוטער בעל־חוב — האָט זי זיך צווייַדייטיק צעלאַכט און איך האָב דערפילט אַ פּלוצימדיקן אומרו, ווייל פון די דאָזיקע ווערטער איז לייכט געווען אַרויסצודרינגען, אַז דאָס בין איך אַ בעל־חוב און אַז זי איז געקומען, בכדי פון מיר עפּעס צו פאַרלאַנגען.

— כ'האָב זיך תמיד באַמיט אָפּצוגעבן אַלע מיינע הובות — האָב איך געזאָגט — כ'האָב נישט ליב שולדיק צו זיין. און לויט אייערע ווערטער איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז איך האָב געוויסע התחייבותן לגבי אייך. האָב איך אייך גוט פאַרשטאַנען?

— מעגלעך — האָט זי זיך אַ וואַקל געטאָן און אַראָפּגעלאָזט די אויגן — מעגלעך, אַז איר האָט מיך פאַרשטאַנען.

— ווער זענט איר? — האָב איך איצט געפרעגט זאַכלעך — איך קאָן זיך נישט דערמאָנען.

— איך וועל צוהעלפן אייער זכרון — האָט געזאָגט די פרוי. — מיט צוואַנציק יאָר צוריק האָב איך אויסגעזען עטוואָס אַנדערש ווי היינט. דערפאַר האָב איך נישט אויף אייך קיין פאַריבל, וואָס איר האָט מיך נישט דערקענט. כ'בין דעמלט געווען... עד, נישט וויכטיק... און איר זענט געווען אַ יונגער סטודענט. איר זענט געווען דער דערציער פון מיין זון...

נו, איצט בין איך שוין געווען אינדערהיים. פון פארגעסנקייט זענען ארויסגעשווימען דערמאנונגען און לעבעדיקע געשטאלטן. די גרויע פרוי איז אמאָל געווען א פּוילישע גרעפין, זי האָט געוווינט אין א שיינעם מיטלאלטערלעכן פּאַלאַץ, וואָס איז געווען ארומגערינגלט מיט אלטע דעמ־בעס, צווישן וועלכע עס זענען געשטאנען שטיינערנע פיגורן פון די גרי־כישע געטער און געטינס. איך האָב זיך דערמאנט איר זון, א סימפּאטיש בחורל, וועלכער איז שטענדיק פארנומען געווען מיט יאָגד און מיט רייטן אויף א פערד — בלויז דאָס האָט אים אינטערעסירט, און איך בין געווען זיין הויז־לערער, דאָס האָט דער פּראָפעסאָר טשאָבאָט איבערגעגעבן דעם פּריצישן זון אונטער מיין אויפזיכט; איך האָב געדאַרפט אים אויסלערנען ליבשאפט צו דער לאטייניש גראַמאַטיק און אויך צו דער דייטשישער שפּראַך.

— זייט מיר מוחל, גרעפין — האָב איך זיך אנטשולדיקט, א ביסל א פאַרשעמטער, ווייל דווקא די דאָזיקע פרוי בין איך אין א געוויסער מאָס מחויב געווען צו געדענקען.

זי האָט זיך איצט צערעדט, זי האָט מיר דערמאנט דאָס מאָלערישע, כאָטש אָרעמע דאָרף ביים שיינעם טייך סאַן, די ווייסע פּויערישע כאטעס, וואָס זענען געווען צעוואָרפן אויף די בערגלעך, דעם פּאַלאַץ און די רויזן פון הויפישן גאָרטן — דאָס זענען געווען די שענסטע און איידלסטע רויזן אין דער געגנט.

— מיר האָבן אייך זייער ליב געהאט — זאָגט די פרוי — איר זענט געווען אזא באשיידענער, א טרוימער זענט איר געווען. שטענדיק זענט איר געווען פארנומען מיט לידער און מיט ביכער. שטענדיק געטראכט וועגן אוטאָפּיעס...

— אוטאָפּיעס? — האָב איך זיך צעלאכט — איך בין איבערצייגט, אז תמיד האָב איך געטראכט ניכטער און רעאַליסטיש.

— דאָס אלץ, וואָס איר פלעגט דעמלט דערציילן וועגן דער אלוועלט־לעכער רעוואָלוציע און וועגן דער נייער וועלט, האָט אויסגעזען ווי יונגנט־חלומות. איר האָט דאָך נישט געהאט קיין אַנונג, ווי אזוי דאָס וועט אויס־זען. איר זענט געווען נישט מער ווי א יונגער דיכטער. אָבער אונדז, דאָס הייסט מיר און מיין מאַן, איז געפאָלן דער ראָמאַנטיזם פון אייערע איבער־צייגונגען.

— אייך איז געפאָלן?

— פארוואָס גלייבט איר נישט? מיר האָבן זיך געקאָנט דערויף דער־לויבן. מיר האָבן זיך געפילט זיכער, מיר האָבן נישט מורא געהאַט פאַר אייער בעס און נישט פאַר אייערע איבערצייגונגען. אויף אונדזער זייט איז דאָך געשטאַנען די מאַכט, דאָס געזעץ, אונדזער פאַרמעגן און אונדזער טראַדיציע — די דאָזיקע אַלע זאַכן האָבן אונדז געשיצט און געווערט, ווי אַ דיקער אומבאַזיגבאַרער מויער. איבעריקנס: מיר זענען געווען מענטשן פּראָגרעסיווע. אין אונדזער ביבליאָטעק זענען שטענדיק געשטאַנען אויף אַ בכבודיק אָרט די ווערק פון זשאַן זשאַק רוססאָ.

איך האָב זיך צעלאַכט, ווייל רוססאָס ווערק זענען טאַקע דאָרט גע־שטאַנען אויבנאָן, אָבער קיינער האָט זיי דאָרט נישט געלייענט.

און זי, די אַלטע פּריצה, האָט ווידער דערציילט, ס'האָט זיך געקאָנט דאַכטן, אַז זי האָט לאַנג געזוכט עמעצן פון יענע ווייטע צייטן, ווען זי איז נאָך געווען מיט צוואַנציק יאָר יונגער און שענער — אַז זי האָט לאַנג גע־זוכט עמעצן, בכדי אַרויסצוברענגען פאַר אים די דאָזיקע פאַרביקע דער־מאָנונגען — ווייל זכרונות דערציילטע אויף דער עלטער זענען שטענדיק פאַרביק און פאַרמאָגן אין זיך פיל דיכטערישקייט און ראָמאַנטיזם.

זי האָט דערציילט, און איך האָב געהאָרכט מיט צוגעמאַכטע אויגן, און ס'האַרץ האָט ביי מיר געקלאַפּט שטאַרק, שטאַרק...

— אין אַ געוויסן טאָג, גאַנץ פּלוצימדיק, זענט איר פון אונדז פאַר־שוונדן, נישט אָפּגענומען אפילו דאָס געלט פאַר דעם פאַרגאַנגענעם חודש. מיר האָבן נישט געוווסט, וואָס וועגן דעם צו טראַכטן. עמעץ האָט געזאָגט, אַז איר זענט דערטרונקען געוואָרן אין טייך. עמעץ ווידער האָט פאַרזי־כערט, אַז ער האָט אייך געזען אין וואַלד, אין דער געזעלשאַפט פון עט־לעכע אַרבעטער, וועלכע זענען געווען באַשעפטיקט אין אונדזערע וועלדער. באמת קאָן איך ביז היינט נישט פאַרשטיין, וויאזוי איר האָט גע־קאָנט געפינען אַ געמיינזאַמע שפּראַך מיט די דאָזיקע פּראָסטע מענטשן. איר ווייסט? זיי האָבן אייך זייער ליב געהאַט. אונדזער קאַמערדינער האָט וועגן אייך גערעדט, ווי וועגן אַ הייליקן.

— איך באַווונדער אייער גוטן זכרון...

— און אין אַ געוויסער נאַכט — האָט זי ווייטער געצויגן איר מאָ־נאָלאָג — ווען מיר האָבן שוין נישט געגלייבט, אַז איר וועט צוריקקומען.... עס איז געווען שפּעט אינאָוונט. מיר זענען געזעסן אין סאַלאָן, איך און

מיין מאַן. איך האָב געשפּילט אויף דער פּיאַנע... וואָס האָב איך דאָס דעמלט געשפּילט?

זי האָט געשפּילט שאָפּענס פּאָלאָנעז — איך געדענק עס נאָך ווי עס וואָלט געווען ערשט נעכטן איגאַוונט, עס קלינגען מיר נאָך אין די אויערן די שטאָלצע טענער פון שאָפּענס מוזיק, דורכגעזאפּט מיט אומעטיקער פאַרטראַכטונג.

צוויי שעה בין איך דעמלט געלאָפן דורך די פעלדער, דורך נאַכט און ווינט, דורך שניי און זאַמפּעס; עס איז געווען א זאווערוכע, א גרויזאַמע נאַכט איז עס פאַר מיר געווען, א נאַכט פון געפאַר און פּחד. איך בין אין יענער נאַכט אַנטלאָפן פון די פּאָליציי־אַישע הענט. ווען מען האָט מיך געפירט פון געריכט אין דער תפיסה אריין, בין איך אנטלאָפן און האָב באַשלאָסן צו זוכן א באהעלטעניש גראָד ביי זיי, ביי דער פוילישער פּריצישער משפּחה, וווּ איך בין געווען א הויז־לערער. פאַרוואָס גראָד צו זיי בין איך דעמלט געלאָפן? אפשר דערפאַר, ווייל איך האָב געהאט צוטרוי צו דער דאָזיקער פרוי און צו איר מאַן. און אפשר דערפאַר, ווייל כ'האָב פאַרשטאַנען, אז אין דעם גרעפישן פּאַלאַץ וועט די פּאָליציי נישט וואַגן צו מאכן א רעוויזיע און זוכן א פּליט.

איך בין געווען א קוים לעבעדיקער, א מידער. טייכן שוויים האָבן זיך פון מיר געגאָסן. כ'האָב אָנגעקלאפּט און...

— איר האָט אויסגעזען ווי א מענטש, וואָס מען האָט אים אָפּגעשניטן פון דער תליה. איר האָט שווער געאָטעמט. אָן א היטל זענט איר געווען און אָן א מאנטל, כאָטש עס איז דאָך געווען א פראָסטיקע ווינטערדיקע נאכט. כ'האָב באפוילן דעם דינער, ער זאָל אייך צוגרייטן אייער צימער, דאָס זעלבע צימער, ווו איר האָט שוין אמאָל געוווינט. אָבער איר האָט נישט באוויזן אריבערצוגיין אויפן ערשטן שטאָק, איר האָט געחלשט. מיר האָבן אייך אנידערגעלייגט אין מיין מאנס קאבינעט, וואָס איז געווען דערנעבן. איר געדענקט?

ווען איך האָב זיך אויפגעוועקט, איז אין צימער געווען טונקל, אָבער די טיר פון סאלאָן איז נישט געווען צוגעמאכט, א שמאָלע פאסמע ליכט איז געפאלן אויף דעם פערסישן טעפּעך און אויף דער שאפע מיט די אלטע וואונדערבארע ביכער, און וועלכע איך פלעג זיך טיילמאָל גריבלען, ווען דער באלעבאָס איז נישט געווען אינדערהיים.

די גרעפין האָט נאָך אלץ געשפּילט איר פּיאַנאָ־קאָנצערט. איצט האָב

איך דערקענט ראָבערט שומאַנס עטיודן. געוויינלעך, ווען זי האָט געשפּילט, איז אין צימער געווען שטיל. קיינער האָט דעמלט נישט געוואַגט איבערצו־רייסן די שטימונג מיט דעם מינדסטן וואָרט, אָבער דאָסמאָל האָב איך געהערט עמעצנס פרעמדע שטימען.

— מיר האָבן נישט קיין טעות, הער גראַף — האָט געזאָגט איינער פון די פרעמדע — מיר זענען נאָכגעגאַנגען זיינע שפּורן.

כ'האָב פאַרשטאַנען, אַז עס איז אַ פּאָליציאַנט, וועלכער זוכט מיך. באַלד האָט דאָס זעלבע איבערגעחזרט דער צווייטער פּאָליציאַנט, ווייל אינצווייען זענען זיי דאָרט געווען, און איצט האָב איך מיט אַ פאַרהאַלטע־נעם אָטעם געוואַרט אויף דעם גראַפס תשובה. צי וועט ער מיך נישט אויס־געבן אין זייערע הענט? ארייגקומענדיק, האָב איך דאָך אים אפילו נישט געזאָגט, אַז מען יאָגט מיך, און איך האָב ביי אים קיין שום זאַך נישט גע־בעטן. און סוף כל סוף ווער איז ער דען, דער דאָזיקער גראַף, דער דאָזיקער פּעאָדאַל, דער קלאַסן־שונא — ער האָט נישט קיין שום פאַרפּליכטונגען לגבי מיר, און איך קאָן נישט האָבן צו אים קיין שום פּרעטענזיעס, אויב ער וועט עפענען די טיר און זאָגן: אָט איז ער, נעמט אים!

אָבער ער האָט דאָס נישט געטאָן.

— ווייסט איר, ווער דאָס איז שומאַן? — האָט זיך דערהערט דעם גראַפס איראָנישע שטימע — ראָבערט שומאַן?

— ניין — האָט געענטפערט איינער פון די פּאָליציאַנטן — מיר קענען אים נישט. אָבער מיר קאָנען געוויער ווערן. וועגן יעדן מענטשן קאָן מען עפּעס געוויער ווערן.

— פּאַניע הראַביאַ — האָט געזאָגט דער צווייטער פּאָליציאַנט — מיר זענען געקומען מיט אַ שפּיר־הונט. מיר האָבן אים איבערגעלאָזט אינ־דרויסן מיט אונדזער דריטן קאָלעגע. אונדזער הונט קאָן נישט האָבן קיין טעות.

— אַזאַ פּאָליציייאישער הונט מוז האָבן אַ קלוגן קאָפּ! — האָט זיך צעלאַכט דער גראַף.

— זייער אַ קלוגן — האָט געזאָגט דער פּאָליציאַנט.

— אַ קאָפּ ווי אַ מיניסטער — האָט צוגעגעבן דער גראַף.

— כמעט — האָט זיך צעלאַכט דער פּאָליציאַנט.

— און אַ מענטש? — האָט זיך ווייטער פאַרווילט דער פּריץ — אַ מענטש קאָן האָבן אַ טעות, צי נישט?

— יאָ, א מענטש קאָן זיך טועה זיין. אָבער א פּאָליציי־הונט נישט.

— און א פּאָליציאַנט קאָן זיך טועה זיין?

— ער קאָן. אָבער מיר זענען זיך נישט טועה.

— צו אַלדע רוחות! — האָט זיך צעבייזערט דער גראַף — טאָ ווי אזוי קאָנט איר זיין זיכער, אז איר האָט נישט קען טעות, אויב איר זענט נישט קיין הינט? מוזיק האָט איר ליב?

— איצט זענען מיר אין דינסט, פּאַניע הראַביאָ...

די גרעפין האָט נישט איבערגעריסן איר שפּילן. די פּאָליציאַנטן זענען געשטאַנען ביי דער טיר, דער גראַף האָט מסתמא געקריצט מיט די ציין, ווייל געווען איז ער א מענטש א נערוועזער. און איך — איך בין געלעגן אויף א ווייך געלעגער, אויף א ווייכן דיוואַן און האָב געהאָרכט און געוואַרט: ווי אזוי וועט זיך אנטוויקלען די דראַמאַטורגיע פון דאָזיקן אויסטערלישן אָוונט?

— מיינע הערן — האָט שטיל, כמעט פליסטערנדיק געזאָגט דער גראַף — אין יענעם צימער שלאָפט א מענטש, וועלכער איז זייער מיד, איך וויל נישט ער זאָל זיך איצט אויפוועקן, ווייל ער האָט זייער פיינט פּאָליציאַנטן.

— פּאַניע הראַביאָ — האָט זאַכלעך געזאָגט איינער פון די פּאָליציאַנטן — מיר מוזן געפינען דעם מענטש, וואָס איז אנטלאָפן פון דער תפיסה. דאָס איז א קאָמוניסט. ער האָט באַקומען אכט יאָר און איז אנטלאָפן

דער גראַף האָט אָנגעקלונגען. אריינגעקומען איז דער דינער.

— די דאָזיקע הערן האָבן נישט קיין פארשטענדעניש פאר שוּמאַנס מוזיק — האָט געזאָגט דער גראַף — די דאָזיקע הערן ווילן נישט נעכטיקן, זיי ווילן פארלאָזן אונדזער הויז.

— א גרויסער שאָדן — האָט געזאָגט דער דינער.

— באַגלייט זיי, די דאָזיקע הערן... — האָט פאַרענדיקט דער באַלעבאָס — א גוטע נאכט.

ווען די פּאָליציאַנטן האָבן פארלאָזט דעם סאַלאָן, איז דער גראַף אריינגעקומען אין קאַבינעט און אוועקגעזעצט זיך לעבן מיר.

— איך דאנק אייך — האָב איך דעמלט געזאָגט א גליקלעכער און גערירטער.

— פאַרוואָס דאנקט איר? — האָט ער זיך צעלאכט — ס'איז נישט

מער ווי אַ קלייניקייט. איך ווייס, אַז איר זענט אַ קאָמוניסט, און איך פאַרזיכער אייך, אַז פון מיין זייט איז עס נישט קיין אויסדרוק פון סימפּאַטיע פאַר די קאָמוניסטן. איך האָב קיין שום פאַרשטענדעניש פאַר אייערע רעוואָלוציאָנערע אידעען. אָבער איך האָב אויך נישט ליב קיין פּאָליציאַנטן. א שאָד, וואָס איר האָט זיי דאָ נישט געזען. איינער פון זיי, דער עלטערער מיט וואָנצעלעך ווי היטלער, איז ענלעך געווען צו א הונגעריקן עכבר.

— עס זענען פאראן מענטשן, וואָס מיאוסן זיך צו עסן פלייש — האָב איך געענטפערט — אנדערע האָבן נישט ליב קיין בלוטיקן בעפשטיק. און איר האָט פיינט די פאָרשטייער פון דער מאכט. איך פארשטיי עס זייער גוט, ווייל אויך איך פיל נישט צו זיי קיין שום סימפּאטיע. אָבער ביי מיר זענען די סיבות גאנץ אנדערע. ווען איך בין געווען א קליין יינגל, האָט איינער א פאָרשטייער פון דער מאכט געשלאָגן מיין פאָטער. דער טאטע מיינער איז זייער א קליינער און א דאַרער, און דער פּאָליציאַנט — א הויכער און ברייטפּלייציקער.

— פּסיכאָלאָגיש גאנץ פארשטענדלעך — האָט געשמייכלט מיין דערציילער. — איך בין נייגעריק, וויאזוי איר, קאָמוניסטן, ווילט לעזן דאָס פּראָבלעם פון מאַכט. מאכט — דאָס איז דאָך די פארלייקענונג פון גלייכהייט. אפילו לענין האָט וועגן דעם געזאָגט עפּעס ענלעכס. אָבער איך פערזענלעך מוז זיך האלטן ביי אונדזער אלטן אריסטאָקראטישן פּרינציפּ: דאָרט וו מיר אליין הערשן נישט, דאָרט זאָלן הערשן די דאָזיקע, וועלכע עסן פון אונדזער האנט.

— און אויב אין א געוויסן טאָג וועלן קומען צו דער מאכט אזעלכע מענטשן, וואָס וועלן נישט עסן פון דער פּריצישער האנט?

— וועל איך פאר זיי האָבן פיל אָנערקענונג. נו, און אויך פיל האַס. אָבער איך האָף, אז עס וועט דערצו נישט קומען. דערווייל איז נאָך אזא געפאר נישט פאראן.

ער האָט נישט געגלייבט, אז דאָס קאָן קומען. ער האָט נישט געגלייבט אין דער צוקונפט פון קאָמוניזם. אפשר טאקע דערפאר האָט ער מיך מציל געווען פון די פּאָליציאַנטן.

און פּאַסירט האָט עס מיט צוויי יאָרצענדליק צוריק, עטלעכע יאָר פאר דער מלחמה, און איצט איז געזעסן פאר מיר זיין פרוי, שוין נישט קיין יונגע, מעגלעך, אז איר גרויקייט איז געווען א פּריצייטיקע — זי

איז דאָ געזעסן אין האָט פאר מיר געשמייכלט פריינדלעך, אָבער אַחוץ דער דאָזיקער פריינדלעכקייט האָב איך אין איר געזיכט געלייענט נאָך אַן אנדער געפיל, וועלכעס איז דווקא נ י ש ט געווען פריינדלעך.

— אייער מאַן איז געווען א פרעכטיקער מענטש — זאָג איך — א שטארקע אינדיווידואליטעט.

איך האָב צוגעמאכט די אויגן און געלאָזט די זכרונות רעדן.

אָנגעטאָן אין אייגעם פון דעם גראַפס אָנצוגן, אין העלע הענטשקעס און אין אַן אויסלענדישן קאפעליוש, בין איך געזעסן אין גראפס אויטאָמאָביל. דער גראף איז געזעסן ביים רול, ער איז געווען א פרעכטיקער אויטאָמאָביליסט. לעבן מיר איז געזעסן די גרעפין. קוים זענען מיר ארויסגעפאָרן פון דאָרף, האָט זיך אויפן וועג באוויזן א פאָליצייאישער פאטראָל. עס זענען געווען די זעלבע פאָליציאַנטן, וועלכע האָבן מיך נעכטן געזוכט. דער גראף האָט פארהאלטן דעם אויטאָ און אָנגערופן זיך צו זיי: „איך האָף, אז איר האָט שוין געכאפט דעם פארברעכער. ער איז דאָ געווען ביינאכט און האָט צוגעגנבעט צוויי הינער פון דער הינערשטאַל. באַמיט זיך, בימע, אים צו געפינען, אויב נישט וועל איך זאָגן דעם פאן וואָיעוואָדע, וואָס פארא שלים־מזלען עס זענען פאראן אין דער היגער פאָליציי". און צו מיר האָט ער געזאָגט מיט א ביטערע שמייכעלע, אָבער אזוי, אז זיי, די פאָליציאַנטן, זאָלן אים הערן: „איצט זעסטו, ליבער קוזין, ווער עס הערשט אין אונדזער אָרעמען פאָטערלאנד. און מיר, גוטבאזיצער, מוזן פאר אלץ צאָלן מיט דער בלוטיקער פראַצע פון אונדזערע באָרוועסע פויערימלעך". דערנאָך האָט ער געלאָזט אין באַוועגונג דעם אויטאָ און די סאלוטירנדיקע פאָליציאַנטן זענען פארבליבן אויפן שטראָז. נאָך דעם זעלבן טאָג האָב איך זיך געפונען ביי דער טשעכישער גרענעץ, ווו עס האָבן אויף מיר געוואַרט די דאָרטיקע קאָמוניסטן.

— עס פרייט מיך, אַז איר געדענקט אַלץ — זאָגט די גרעפין.

— אלץ געדענק איך — האָב איך געענטפערט און עס האָט מיך געשטיקט אין האלדז, כ'בין געווען גערירט, דער גאנצער עבר האָט מיטאַמאָל אויפגעלעבט, די גאַנצע שטורמישע יוגנט, די גאַנצע פיין און מי, האָפענונג און קאמף און אויך דער גאנצער טראגישער טרויער, וואָס איז אין יעדן איינציקן פון אונדז פארבונדן מיט דער פארגאנגענהייט.

— איך געדענק אויך אונדזער דריטע באַגעגעניש.

זי האָט צוגעטראָגן דאָס טיכעלע צו די אויגן. אפשר איז עס גע=

ווען צופעליק. און אפשר האָט זי אויך דערפילט דעם דאָזיקן אומעט, מיט וועלכן מיר שטייען אויף צווינטערס אָדער אויף חורבות.

זי רעדט, זי דערציילט. און אירע ווערטער באַשטעטיקן מיין זכרון. מיינע דערמאָנונגען.

— איך האָב זיך געפרייט, וואָס איר זענט צו אונדז געקומען. דווקא צו אונדז. איך בין געווען שטאָלץ מיט אייער צוטרוי צו אונדז. מיט די דייטשן האָבן מיר נאָך דערמלט גוט געלעבט, מיר זענען נישט געווען קאַרג, מיר האָבן זיי געגעבן מיט א ברייטער האַנט אַלץ, וואָס זיי האָבן פאַרלאַנגט. אַזוי ארום האָבן מיר געקאָנט שטילערהייט עפּעס טאָן פאַר פאַרשיידענע מענטשן. אויב עמעץ איז נעלם געוואָרן, האָבן די דייטשן געזוכט אומעטום, אָבער נישט ביי אונדז אין הויף. אונטער אונדזער דאַך איז יעדער געווען זיכער מיטן לעבן.

— און דאָך.... — רייס איך איבער די רייד — דאָך האָב איך זיך דערמלט נישט געפילט זיכער, כאָטש צו אייך און צו אייער מאַן האָב איך דאָך געהאַט דעם פולסטן צוטרוי. שטענדיק האָט זיך מיר געדאַכט, אז אין צווייטן פליגל פון הויז שטייט ווער ביים פענצטער און באַטראַכט מיך. כ׳האָב נישט געוווּסט, ווער ער איז געווען, דער דאָזיקער מענטשן, אָבער כ׳האָב געפילט, אז כ׳מוז זיך פאַר אים היטן. דאָס איז געווען דער חוש פון א גערודפטן...

— מעגלעך. מעגלעך, אז איר האָט ריכטיק געפילט...

— איז ער געווען א דייטש? — פרעג איך.

— ניין, ער איז נישט געווען קיין דייטש, ער איז געווען אן אָפיציר. א שליח פון דער פוילישער עמיגראַציע־רעגירונג אין לאָנדאָן. אויך ער האָט זיך געמוזט אויסבאַהאַלטן פאַר די דייטשן, אָבער צווישן אייך און אים זענען געווען אַזויפיל אונטערשידן, אז מיר האָבן נישט געקאָנט דערלאָזן צו אייער באַגעגעניש.

עס איז אריינגעקומען מיין סעקרעטאַרשע און האָט מיר דערמאָנט, אז אין א שעה ארום מוז איך גיין אויף א וויכטיקער קאָנפערענץ. מיין פּינקטלעכע סעקרעטאַרשע האָט איבערגעריסן די אינטימע שטימונג. איך האָב געפרוווט צו פאַרענדיקן דעם שמועס מיט דער פרוי, איך האָב באמת איצט נישט געהאַט קיין צייט. כ׳האָב זי געפרוווט פאַרבעטן, זי זאָל מיך באַזוכן ביי מיר אין שטוב היינט אינאָוונט. זי האָט אָבער מיין איינלאַדונג נישט אָנגענומען.

— גיט איבער, ביטע, מיינע גרוסן פאר אייער מאַן און זון.

— איך בין אַליין — האָט זי געענטפערט — מיין זון לעבט נישט. ער איז אומגעקומען אין וואַרשעווער אויפשטאַנד.

— און דער גראַף? אייער מאַן?

— מיין מאַן געפינט זיך אין יענעם גרויען הויז. דאָרט... — זי איז צוגעגאַנגען צום פענצטער און געקוקט אויף דער גרויער געביידע פון דער תפיסה, וועלכע האָט זיך געפונען אין שכנות.

ערשט איצט האָב איך זיך דערמאָנט, אַז מיט עטלעכע טעג צוריק האָב איך זיך אָנגעטראָפן אין די אַקטן אויף זיין נאָמען — אָבער עס איז מיר דעמאָלט אפילו נישט איינגעפאַלן, אַז דאָס וואָלט געקאָנט זיין דער גראַף, מיין גראַף, וויניק מענטשן טראָגן דעם זעלבן נאָמען?

— עס איז מיר זייער פיינלעך — האָב איך געזאָגט — כ׳האָב נישט געוווּסט, אַז עס איז אייער מאַן.

כ׳האָב געעפנט די טיר צו דער סעקרעטאַרשע און פאַרלאַנגט זיינע אַקטן.

— איז עס אַ גרויס פאַרברעכן? — האָט געפרעגט די אַמאָליקע גוטבאַזיצערין.

— עס גייט וועגן אַרטיקל הונדערט אַכט און פערציק, פּאַראַגראַף איינס — האָב איך פון געוווינהייט געענטפערט מיט אַ יוריסטישן טער־מין, פאַרגעסנדיק, אַז זי איז דאָך נישט קיין יוריסט און אַז די דאָזיקע צוויי ציפערן זענען פאַר איר נישט פאַרשטענדלעך.

— איך פאַרשטיי נישט אייערע נומערן — האָט זי געזאָגט מיט אַ פאַרביטערטער שטימע. — נישט וועגן נומערן גייט עס מיר. איך וויל נישט, ער זאָל דאָרט זיין. איך וויל נישט! ער איז שוין נישט אַזוי יונג. דאָס איז אַן אַלטער מענטש. ער איז אַלט און קראַנק!

זי האָט זיך צעוויינט און איך האָב זי געפרוווט באַרואיקן. כ׳האָב איר צוגעזאָגט, אַז אַלץ וועט זיך אויפקלערן, מען דאַרף נישט וויינען, אַלץ וועט זיין גוט, זאָל זי זיך נאָר באַרואיקן.

— איך וויל זיך נישט באַרואיקן — האָט זי געשריגן — ווען איר זענט געזעסן אין תפיסה, זענט איר געווען אַ יונגער מענטש, איר האָט געהאַט פאַר זיך דאָס גאַנצע לעבן, און דאָך האָט איר זיך געפּאַסט צו אַנטלויפן. אָבער מיין מאַן איז שוין אַלט, אין זיינע יאָרן רעכנט זיך יעדער טאָג טאָפּלט.

איך האָב איר צוגעזאָגט געגוי דורכצוליייענען זיינע אַקטן. זי האָט זיך באַרואיקט און אָפּגעזעגנט זיך.

נאָך דעם זעלבן טאָג, נאָך מיטאָג, האָב איך אָנגעקלינגען, מען זאָל צו מיר צופירן דעם ארעסטירטן.

אויך אים, אויך זיין אויסזען האָבן געענדערט די פאַרגאַנגענע יאָרן. פאַרבליבן איז אָבער זיין כאַראַקטעריסטישער אופן פון איראָנישן שמו־עס: עטוואָס איראָניש און עטוואָס גאַוודיק. נישט געקוקט אויף דער האָזיקער גאווה, האָט ער דאָך געהערט צו יענעם מין מענטשן, וועלכע וועקן סימפּאַטיע צו זיך. ער האָט ליב געהאַט א גוטן אַנעקדאָט צו דער־ציילן און האָט געהאַט א חוש אַרויסצוברענגען דאָס הומאָריסטישע און גראָטעסקאַלע אין יעדער לאַגע, אין וועלכער ער האָט זיך געפונען.

— אַ פּאַפּיראָס? — האָב איך אים געוואָלט מכבד זיין, ווען ער איז שוין געזעסן אַנטקעגן מיר, אין מיין אַמטלעכן צימער.

— איך רויכער א ליולקע, איך האָב זי אָבער נישט ביי מיר.

— א ווייסע פאָרצעלייענע ליולקע מיט א באַמבוס־ציבוק? — האָב איך זיך דערמאַנט.

— כ'האָב זי געקויפט מיט פיל יאָרן צוריק אויפן מארק אין דער שטאָט טאַנגער. איצט האָב איך זיך מיט איר געמוזט שיידן.

— לאָמיר האָפן, אז נישט אויף לאַנג — האָב איך אים געפּרוּווט טרייסטן.

— אַמאָל האָב איך געהאַט פעלדער און וועלדער, א וואַסער־מיל און א שיינעם פּאַלאַץ. אַלץ איז נעלם געוואָרן. פון יענער צייט איז מיר פאַרבליבן בלויז די דאָזיקע ליולקע מיט אַן אַראַבישן אויפשריפט „פון פּראַך וועלן אויפשטיין די אָרעמע, ווען עס וועט חרוב ווערן דאָס מלכות פון די רייכע". אַן אידיאָטישער אַפאָריזם.

— אַזוי מיינט איר?

— אויף דער וועלט ענדערט זיך כמעט גאָרנישט. עס ענדערן זיך בלויז די פּרטים, בלויז די רעקוויזיטן. זינט איך לעב האָט זיך שוין אין דער דאָזיקער שטאָט פיר מאָל געענדערט די מאַכט. אָבער די דאָזיקע גרויע געביידע מיט פאַרקראַטעוועטע פענצטער, אין וועלכער איך גע־פין זיך איצט, שטייט אַזוי ווי זי איז געשטאַנען. נאָר די איינוווינער האָבן זיך אין איר געענדערט — און דאָס איז, פאַרשטייט זיך, זייער ריכטיק, ווייל פאַרוואָס זאָלן דאָרט שטענדיק זיצן די זעלבע מענטשן? אָבער אויב

דאָס הויז איז דאָס זעלבע, און די זעלבע שליסל צו די טירן, און די געלעגערס די זעלבע, און די זעלבע אייזערנע פּירהעגנגלעד אויף די פענצטער — מיין איך, אז אויך די גאנצע וועלט האָט זיך נישט פיל געענדערט. די זעלבע וועלט ווי אין שעקספּירס צייטן, און די זעלבע טראַגעדיעס פון דער מענטשלעכער עקזיסטענץ און פון דער מענטש־לעכער איינזאַמקייט.

— דאָס, וואָס איר זאָגט, איז נאָר כּלומרשט לאָגיש און אמתדיק — האָב איך זיך צעלאכט — נאָר כּ ל ו מ ר ש ט. די וועלט געפינט זיך אין א פּערמאַנענטער ענדערונג.

מיר האָבן אָנגעהויבן צו רעדן וועגן זיין פאַרברעכן. ער איז געווען באַשולדיקט, אז ער האָט אויסבאַהאַלטן ביי זיך אין שטוב א מענטשן, וועלכן די יוסטיץ־אָרגאַנען האָבן געזוכט.

— אייערע אויספאָרשער פרעגן מיך, וויפל געלט איך האָב דערפאַר באַקומען און צו וועלכער באַנדע איך האָב געהערט. זיי קאָנען נישט פאַרשטיין, אז מען קאָן עפענען די טיר פאַר א מענטש א גע־רודפטן, אז מען קאָן עס טאָן אומזיסט און אז מען קאָן דערביי אפילו נישט פרעגן, פ א ר ו ו א ס דער גערודפטער איז גערודפט.

— ווי אזוי איז דאָס פאָרגעקומען?

— איך וווין איצט אין א קליין שטעטל ביי דער גרענעץ. מיט צוויי חדשים צוריק... אין איינער א ווינטערדיקער נאכט זענען מיר — מיין פרוי און איך — געזעסן ביים טיש, איך האָב געלייענט א צייטונג, פּלו־צים האָט עמעצער אָנגעקלאַפּט, איך האָב געעפנט, אריינגעקומען איז א מענטש אין א צעריסענער קאַפּאָטע, אָן א היטל אויפן קאָפּ, ער איז געווען זייער בלאס — אפשר פאר שרעק און אפשר איז ער געווען זייער הונגעריק און זייער מיד. ער האָט אפילו נישט באַוויזן אויסצוטרינקען דאָס גלאָז טיי, ער איז באַלד אַנטשלאָפן געוואָרן ביים טיש. מיר האָבן אים געלאָזט איבערנעכטיקן. ביינאכט האָט ער באַקומען היץ. מיר האָבן אינגדערפרי גערופן צו אים א דאָקטער, וועלכער האָט פעסטגעשטעלט א לונגען־אָנצינדונג. דער פּאַציענט איז אָפּגעלעגן ביי אונדז דריי וואָכן, דער־נאָך איז ער געזונט געוואָרן און איז אוועק.

— איר האָט געוווסט, אַז די מיליץ זוכט אים?

— אין א קליינער אָרטשאַפט ווייסט מען אַלץ. איך האָב געוווסט.

— איר ווייסט, ווער דער דאָזיקער מענטש איז געווען?

— ער איז געווען אַ געיאָגטער מענטש. ער איז געווען קראַנק, הונ־געריק און דערפרוירן.

— פארוואָס האָט איר אים נישט געפרעגט ווער ער איז?

— וואָס פאר א רעכט האָב איך געהאט צו שטעלן אזעלכע פראגן? פאַר דעם גלאָז טיי, וואָס די פרוי האָט אים געגעבן? פאַר דעם ביסן ברויט? ניין, איך האָב נישט געפרעגט.

— ער איז געווען א פארבעכער, וועלכן איר האָט געהאָלפן אנט־לויפן פאר דער גערעכטיקייט. מעגלעך, אז ער איז געווען א מערדער אָדער אן אונטערציִנדער. אפשר איז ער געווען דער מערדער פון אייער אייגענעם זון?

— נישט יעדער איז א פראָקוראָר, נישט יעדער איז א ריכטער — האָט ער שטיל געענטפערט — אויף דער וועלט מוזן זיין מענטשן, וועלכע זוכן פארברעכער און פירן זיי צום משפט. אָבער אויף דער וועלט מוזן אויך זיין מענטשן, וואָס עפענען די טיר, ווען עס קלאפט ווער אָן, ווען אינדרויסן איז א זאווערוכע און א פראָסט. מיך האָט מען גע־לערנט גאסטפריינדלעכקייט און ליבעראליזם. אין מיין שטוב מוז יעדער מענטש זיך פילן זיכער.

— איר האָט געהאָלפן דעם פארברעכער אנטלויפן פאר דער גערעכ־טיקייט, פאר דער דאָזיקער טאט מוזט איר זיין געמשפט.

— פארשטייט זיך — האָט ער געענטפערט נאָך א ווײַלע פארטראכ־טונג, מיט זיין געוויינלעכן איראָנישן פייערל אין די אויגן.

און מיך האָט איצט פאַראינטערעסירט, וואָס פאַר אַ באַציונג דער דאָזיקער מאָדנער מענטש און אמאָליקער אנארכיזירנדיקער פעאָדאל האָט צו די ענדערונגען אין אונדזער לאנד און צו אונדזער נייער אָרדענונג.

— איך האָב קיינמאָל נישט געהאט קיין פּאָזיטיווע באציונג צו דער מאכט — האָט ער געענטפערט — אפילו דעמלט, ווען די מאכט האָט געדינט מיינע אינטערעסן און ווען אירע פאָרשטייער האָבן געגעסן ברויט פון מיינע הענט. איך בין שטענדיק געווען זייער צופרידן, ווען איך האָב געהאט א מעגלעכקייט צו פארשעמען וועלכן פון זיי — א פּאָליציאַנט אָדער א מיניסטער, א בירגערמייסטער אָדער א געוויינלעכן קאנצעליסט. אלע זענען זיי געווען אָפּהענגיק פון מיר און פון אזעלכע ווי איך, זיי האָבן געגעסן פון אונדזערע הענט און האָבן געבילט אזוי, ווי מיר האָבן עס פון זיי פארלאנגט.

— הײנט עסט נישט קײנער פֿון אײער האנט.

— אמת. קײנער עסט נישט פֿון מײן האנט, אָבער דאָס איז נאָך נישט קײן סיבה, איך זאָל ליבן די נײַע מאכט. איר װײסט, װאָס מײן אײדל־געבױרענע פֿרױ האָט מציל געװען פֿון אַלטן פּאַלאַץ? אַ שאַכטל מיט בלע־כערנע קנעפּלעך, אױף װעלכן עס איז אױסגעדרוקט אונדזער װאָפּן: דער פּיסק פֿון א קאָזע און די בלום פֿון א רױז. דאָס זענען געװײנלעכע קנעפּ־לעך, װאָס אונדזערע לאָקײען האָבן געטראָגן בײ די מונדירן. און איר װילט מסתּמא פֿארלאנגען איך זאָל ליב האָבן די מאכט און די נײַע גע־זעלשאפֿטלעכע אָרדענונג, װעלכע האָט מיר אװעקגענומען די ערד און אי־בערגעלאָזט די בלעכענע קנעפּלעך מיט דעם אידיאָטישן װאָפּן. װאָלט עס כאָטש געװען א לײטיש װאָפּן, מיט א לײב אָדער מיט אן אָדלער, אָבער נישט מיט א ציגענער מאָרדע.

— איר זענט אן אנארכיסט — האָב איך זיך צעלאכט און אױך ער האָט גענומען לאַכן.

— מיר, דעקלאסירטע אריסטאָקראטן, האָבן שטענדיק געקרענקט אױף צופֿיל פּערזענלעכער פֿרײהײט. דורך סנאָביזם פֿלעגן מיר דערגײן צו אנארכיע...

אױף אזא אופֿן, אין אזא טאָן האָבן מיר דעמלט גערעדט — דער ארעסטאנט און דער פּראָקוראָר. װען ער האָט פֿארלאָזט מײן צימער, האָב איך װידער געטראכט װעגן דעם, אז מיט יאָרן צוריק האָט דאָך דער זעלבער מענטש אױף אן ענלעכן אופֿן מיך מציל געװען פֿון יענער מאכט, װעלכע האָט דעמלט עקזיסטירט.

איך בין געװען אין אן ערנסטער פֿארלעגנהײט. איך בין דעם דאָזיקן מענטשן שולדיק געװען א רעװאנזש — צװײ מאָל האָט ער אָפּגעראטע־װעט מײן פֿרײהײט. אָבער דאָס איז בלױז אײן אספּעקט פֿון דאָזיקן ענין. דער צװײטער אספּעקט איז װידער אזעלכער: יוסטיץ איז יוסטיץ. אין יוסטיץ איז נישט פֿאראן קײן אָרט פֿאר סענטימענטן. צען מעשׂים טובֿים קאָנען נישט אנולירן אײן אײנציק פֿארברעכן.

און דאָך האָט דער ענין פֿון ארעסטירטן גראף פֿארלאנגט א ספּע־ציעלע באטראכטונג און א ספּעציעלע באהאנדלונג. איך האָב עפּעס גע־מוזט צוטראכטן און — איך האָב צוגעטראכט...

איך האָב דעם גראף באפֿרײט ביז צו דער געריכט־פֿארהאנדלונג.

אָבער דער ענין איז ווייטער געווען אָפן, ער האָט זיך געדאַרפט שטעלן פאַרן געריכט אין דער געהעריקער צייט.

פאַרביי זענען עטלעכע טעג. אין איינעם א פרימאָרגן האָט מיר די סעקרעטארשע ווי געווײנלעך צוגעטראָגן די פּאָסט.

— די אַלטע דאמע האָט ווידער געקלונגען. זי האָט אייך געוואָלט דאַנקען פאַר דעם באַפרייען איר מאַן. זי האָט אָבער ווייטער מורא, אז מען וועט אים פאַרמשפּטן.

— איך האָב באַשלאָסן ארויסצוטרעטן אין דאָזיקן פּראָצעס אַלס עדות פון דער פאַרטיידיקונג. באשולדיקן וועט איינער פון די יונגע פּראָ־קוראָרן.

— עעע... — האָט זיך צעלאַכט די סעקרעטארשע — איך מיין, אז קיינער וועט נישט באשולדיקן. לויט מיין מיינונג וועט בכלל נישט זיין קיין שום פּראָצעס.

— איך פאַרשטיי אייך נישט...

— איר האָט נאָך נישט געלייענט די היינטיקע פּאָסט. עס איז דאָרט פאראַן א בריוו פון יענעם שטעטל, וו דער אָנגעקלאָגטער וווינט. זייער אַן אינטערעסאַנטע ידיעה.

זי האָט מיר דערלאַנגט דעם בריוו. די דאָרטיקע אויספאָרשונגס־אָר־גאַנען האָבן פעסטגעשטעלט, אז דער מענטש, וואָס האָט געגנעכטיקט ביי מיין גראַף, און דער פאַרברעכער, וועלכן די פּראָקוראַטור האָט געזוכט, זע־נען צוויי באַזונדערע מענטשן. דער מענטש, וועלכער האָט גענעכטיקט, איז געווען אַן ארבעטער, ער איז געווען באַשעפטיקט ביי איינעם א פּריוואַטן פויער. ער האָט ביי זיין באַלעבאָס אוועקגעגנבעט צוויי הינער און איין גאַנדז און האָט פאַרלאָזט זיין שטעלע.

די שטעלונג פון גראַף האָט נישט דערלויבט פריער צו אידענטיפיצירן די פּערזאָן פון הינער־גנב. דער איינגעטלעכער פאַברעכער איז א געוועזענער אַגענט און מיטאַרבעטער פון געסטאַפּאָ, מען האָט אים דערקענט און ארעסטירט ביים איבערטרעטן די גרענעץ.

איך האָב אוועקגעלייגט דעם בריוו און עס האָט מיך ארומגענומען א נערוועז געלעכטער.

— פאַרוואָס לאַכט איר? — האָט געפרעגט די סעקרעטארשע.

— דער מענטש ברעכט זיך דעם קאָפּ, דער מענטש פאַרמעסט זיך מיט מאָראַלע קאָנפליקטן, דער מענטש שטייט אנטקעגן דילעמאַטן און

מאָראַלישע וואַקלונגען און ווייסט נישט ווי אזוי פון זיי ארויסצוקריכן מיט אן ערלעך פנים. און פּלוצים קומט א בריוו... דאָס לעבן ברענגט אין איין מינוט א לעזונג און א תשובה...

די סעקרעטאַרשע האָט זיך געוואָלט צוריקציען אין איר צימערל, אָבער איך האָב איצט געוואָלט, זי זאָל בלייבן, זי זאָל מיך אויסהערן. כ'האָב אין דער דאָזיקער הגע געמוזט מיט עמעצן רעדן.

— דער דאָזיקער ענין — האָב איך געזאָגט — דער דאָזיקער אינטערעסאַנטער ענין איז מיר זייער געלעגן אויפן האַרץ. און איצט איז געקומען דער דאָזיקער בריוו. ווען אזא זאך וואָלט געשען אין טעאטער, וואָלטן מיר געזאָגט, אז עס איז א פּעלער פון מחבר, פון דראַמאַטורג, מען וואָלט געזאָגט, אז דער סצענאר טויג נישט. אין טעאטער וואָלט עס געווען א מאַנעוור פון אנטלויפן. א פּרווו אויסצומיידן די שוועריקייטן פון א קאָמפּליצירטער תשובה. א פּרווו צו אנטלויפן פאר דער אנטוויקלונג און לעזונג פון א קאָמפּליצירטן קאָנפליקט. איך האָב געזוכט א מעגלעכקייט אָפּצוצאָלן דעם חוב. פאַרשטייט זיך, אין די ראַמען פון לעגאַלער מעגלעכקייט. ווייל מען קאָן זיך אָפּזאָגן פון צאָלן א חוב דעם אייגענעם ברודער, דעם פריינד, דעם חבר. אָבער דער דאָזיקער מענטש איז נישט געווען מיין ברודער און נישט מיין חבר. ער איז געווען א פרעמדער. א הלוואה ביי א פרעמדן מוז ווערן באצאָלט. בין איך נישט גערעכט?

— איך ווייס נישט, הער פּראָקוראָר — האָט זיך געוועדט די סעקרעטאַרשע — איך בין דאָך נישט קיין יוריסט.

— אָבער די זאך איז נישט אזוי איינפאַך — האָב איך ווייטער געצויגן מיין אינערלעכן ויכוח — גערעכטיקייט לאָזט זיך נישט פירן דורך סענטימענטן און געפילן. גערעכטיקייט איז שטרענג, אירע אויגן זענען פאַרבונדן, בכדי איר האַרץ זאָל זיך נישט ברעכן אין רחמנות דעמולט, ווען זי מוז שטראָפן. מען קאָן נישט לייגן אויף איין שאָל פון דער וואָג עמעצנס גוטע טאַטן, און אויף דער צווייטער וואָגשאָל זיינע פאַרברעכנס, און באטראַכטן צי זיי גלייכן זיך אויס. פאַרברעכן מוז זיין געשטראָפט, כאָטש די גוטע מעשים זענען אָפּט אימשטאַנד צו לינדערן די שטראָף. איך האָף, אז איר האָט מיך פאַרשטאַנען.

— דאָ גייט דאָך נישט וועגן מיר — האָט געזאָגט די סעקרעטאַרשע — דאָס איז דאָך אייער שמועס מיט אייער אייגן געוויסן.

— איר זענט גערעכט — האָב איך איר צוגעגעבן. — מיט צוואַנציק יאָר צוריק, אין אַ געוויסער נאַכט בין איך אַנטלאָפן פון דער פּאָליציי. עס איז געווען אַ ווינטער. אַ זאַווערוכע און אַ פראָסט. איך בין געלאָפן דורך די פעלדער און זאַספּעס. און וואָס עס איז געשען ווייטער, ווייסט איר שוין...

— אַן אינטערעסאַנט פּראָבלעם — האָט געזאָגט מיין געטרייע מיטאַרבעטערין — דאָס, וואָס דאָס לעבן ברענגט דעם מענטשן, די אַלע דערפאַרונגען און סיורפּריזן, וואָלט קיין שום שריפטשטעלער נישט געקאָנט אויסטראַכטן....

צוויי ברידער

אין זיבנאונצוואנציקסטן יאָר, אין אייגעם פון די שענסטע זוניקע טעג אין חודש מאי, פרייטיק אינדערפרי, האָט זיך אין אונדזער שטעטל פארהאַלטן ביים טויער פון האָטעל אַ פיאַקער, מיט וועלכן ס'איז געקומען פון וואָקזאַל א מאָדנער פארשוין אין א דענטע־קאפעליוש מיט א דיקן קובא־ציגאר אין מויל און מיט צוויי שווערע רענצלעך, וואָס דער איזוואָשטשיק האָט זיי קוים באַוויזן אַריינצוטראָגן, אַזוי שווער זענען זיי געווען.

די צימערן אין דאָזיקן האָטעל זענען געווען גרויס און שיין, טאפעטירט, מיט זשיראנדאָלן און מיט עלעקטרישע לעמפלעך, מיט פאָרהענגלעך און מיט פאפירענע בלומען אויפן טיש. אויף די בלעכערנע ווייסע בעטן זענען געווען אויסגעמאָלט אַלטמאָדישע פייזאזשן מיט האלב־נאקעטע פרויען, מיט שמעטערלינגען און מיט טשאַטשקעס.

דער האָטעל האָט אָבער געהאט איין חסרון; ער איז נישט געווען קאַנאַליזירט און געראָכן האָבן אין אים געהערשט נישט די בעסטע. קיין וואַסערקלאָזעטן זענען דאָרט נישט געווען; דערפאר איז אין יעדן צימער אונטערן בעט געשטאַנען אַ פּראַכטיק פאָרצעלייען נאַכטגעשיר, אויך מיט אויסגעמאָלטע שמעטערלינגען און רויזן.

דער האָטעל האָט געהאט א גרויסשטאָטישן נאָמען: „מעטראָפּאָל“, און דער אייגנטימער האָט געהייסן משה גאָלדהערץ, און רופן פלעגט מען אים ר' מאָזעס.

איז אָט אין יענעם פרימאָרגן אויסגעשטיגן פון פיאַקער א גאסט פון דער ווייטער וועלט, און דער איזוואָשטשיק האָט אים נאָכגעטראָגן זיינע צוויי טשעמאָדאַנעס, וועלכע זענען געווען שווער, ווי אָנגעלאָדנט מיט שטיינער. דער בעל־אכסניה האָט פערזענלעך אריינגעפירט דעם גאסט אין א צימער, בכדי א קוק צו טאָן, צי אַלץ איז אין אָרדענונג. עס איז אַלץ געווען אין אָרדענונג, נאָר דער גאסט איז געווען מאָדנע שווייגנדיק, קיין

שום זאַך האָט מען פון אים נישט געקאָנט ארויסברענגען. יעדעס וואָרט האָט אים רב מאָזעס געמוזט ארויסרייסן פון האַלדז.

און רב מאָזעס האָט זייער געוואָלט עפּעס געוויער ווערן וועגן דעם אָנגעקומענעם. מיט אַ זיס שמייכעלע האָט ער אים אונטערגערוקט פאַר־שידענע פראַגן: פון וואַנען, צו וועמען, אויף ווי לאַנג... אָבער יענער האָט בכלל נישט בדעה געהאַט צו ענטפערן. ער האָט נישט געזאָגט „יאָ" און האָט נישט געזאָגט „ניין". ווי אַ קינד זויגט דער מוטערס ברוסט, אַזוי האָט ער געזויגן זיין דיקן קובא־ציגאַר און עס האָט זיך לעבן אים גע־הויבן אַ רויך ווי פון אַ קוימען. און ער האָט געשוויגן.

נו, ר' מאָזעס גאָלדהערץ האָט אָבער נישט געהערט צו יענע, וואָס מען ווערט פון זיי פּטור דעמלט ווען מען וויל. דער קלוגער בעל־אכסניה האָט שוין נישט איינעם אַזעלכן בייגעקומען. האָט ער גענומען טראַכטן: קיין אַגענט אָדער אַקוויזיטאָר איז ער נישט, ווייל האַנדלס־אַגענטן זענען קבצנים און רויכערן נישט אַזעלכע גוטע ציגאַרן. אפשר איז ער אַ גוי? אַ פּריץ? אַ גראַף? אויך נישט, אַ גראַף וואָלט זיך פאַרהאַלטן אין קריסטלעכן האָטעל. איז ער אפשר געקומען צום רב אויף שבת?

רב מאָזעס האָט געבראַכט דאָס האָטעל־בוך מיט טינט און פעדער, און איצט האָט ער אים געהאַט; יענער האָט זיך איצט געמוזט דעמאַס־קירן, געמוזט אַראָפּנעמען די מאַסקע פון דעם גלאַטיק־ראַזירטן טרי־פענעם פּרצוף! נישט איילנדיק און נישט ארויסנעמענדיק דעם ציגאַר פון מויל, האָט דער גאַסט זיך אַוועקגעזעצט און אָנגעשריבן זיין נאָמען און דעם פאַמיליע־נאָמען.

דער דאָזיקער פאַמיליע־נאָמען איז אין שטעטל נישט געווען פרעמד. אָבער דער פאָרנאָמען איז שוין געווען געענדערט, ער האָט שוין גע־קלונגען נישט־דאָאיק: ה א ר ר י. און נעבן דעם נאָמען האָט דער גאַסט אַוועקגעשטעלט דעם אַדרעס מיטן הויז־נומער אין בראָקלין, ניו־יאָרק, יונייטעד סטייטס.

ר' משה גאָלדהערץ איז געשטאַנען און אריינגעקוקט דעם גאַסט דורכן אַקסל, און פּלוצים האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז דאָס גאַנצע צימער איז אויסגעקלעפּט נישט מיט ראָזעווע טאַפּעטן, נאָר מיט גרינע, און נישט מיט טאַפּעטן, נאָר מיט דאָלאַרן. עס האָט אים גענומען שווינד־לען פאַר די אויגן און דאָס האַרץ האָט ביי אים געקלאַפּט ווי ביי אַ מער־דער.

און באַלד האָט זיך געלאָזט הערן די ידיעה אין גאַנצן שטעטל — זי האָט זיך געטראָגן דורך די גאַסן און געסלעך, דורך דעם בית־המדרש און דורך דעם מרחץ, דורך איזידאָר דאַמפּס טריפהנער קאַוויאַרניע און דורך דעם כשרן רעסטאָראַן פון הערשעלע ר׳ עליעס אייניקלעך. אַ ידיעה ווי אַ דונער, ווי אַ שרפה, ווי אַן ערד־ציטערניש.

מאָזעס גאָלדהערץ איז געלאָפן דורך דער שטאָט מיט אַ ווילדן פייער אין די אויגן. די ווערטער האָבן זיך פון אים ארויסבאַקומען ווי שראַפּנעלן. באַלד האָבן אויך אַנדערע איבערגענומען פון אים די בשורה און געטראָגן ווייטער, דער משוגענער מאַקס איז געלאָפן מיט דער זעל־בער גאַס, נאָר אין אַ פאַרקערטער ריכטונג, אויך ער האָט געשריגן און איבערהזרט דאָס גרויסע נייעס. ס׳האָט זיך געמאַכט אַ טומל אין שטעטל, פּונקט ווי משיח זאָל האָבן געקומען. די שוואַלבן האָבן גענומען געשווינד לויפן צום טייך אויסוואַשן די ווייסע וועסטעלעך זייערע, און אפילו יומשי טרעגערס קליאַטשע האָט גענומען הירזשען, ווי אין די אַמאָליקע יונגע יאָרן, זי האָט זיך אויסגעלערט אין מיטן דער גאַס, אַ דריי געטאָן מיטן ווידל און געלאָזט זיך אין אַ ווילדן גאַלאָפּ. דער פּאָליציאַנט, וואָס איז געשטאַנען נעבן מאיר ענגלאַרדס צוקערניע, האָט זיך אומרואיק ארומ־געקוקט, ער האָט געפילט, אַז אויסטערלישע זאַכן קומען דאָ פּאָר נעבן אים. ער האָט געניוכעט, עפּעס האָט דאָ געשטונקען, אָבער ער האָט נישט געוווּסט פון וועלכער זייט און וואָס. אַ פאַרגעפיל האָט ער געהאַט, אַז עפּעס איז געשען, ער האָט אָבער נישט געוווּסט, פאַרוואָס די זשיד־קעס לויפן אזוי אומרואיק. איז ער געשטאַנען אַ פאַרטראַכטער, דערנאָך האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און האָט זיך געלאָזט אין דער ריכטונג פון רעסטאָראַן, ער האָט באַשלאָסן אויסצוטרינקען אַ גלאָז ביר, ווייל ער איז געווען דורשטיק.

דאָס גאַנצע שטעטל האָט שוין געוווּסט, ווער עס איז געקומען צו פאָרן פון אַמעריקע. דער לעצטער, צו וועמען די דאָזיקע ידיעה איז דער־גאַנגען, איז געווען דעם אָנגעזעענעם גאַסטס ברודער — מיין טאַטע. גראָד דעמאָלט האָט ער געהאַלטן אין דער האַנט אַ העמערל מיט אַ שטיק ברעט, עפּעס האָט ער דאָרט געמאַכט אַ נײַ מעבל־שטיק אין דער קיך אריין. ער איז געשטאַנען רואיק, נישט איבערגעריסן די ארבעט און נישט אָפּגעווענדט דעם בליק פון שטיקל געהובלעוועטן ברעטל.

— ער איז געקומען? — האָט ער כמעט גלייכגילטיק איבערגעפרעגט
— א קרענק אים אין דער לענג. וואָס זוכט ער שוין ווידער דאָ?

אָט אזוי האָט זיך מיין טאטע דערפרייט מיט זיין אייגענעם ברידער, וועלכער האָט זך נאָך דרייסיק יאָר וואַנדערן ווידער באַוויזן אין שטעטל.

די מאמע האָט אראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. וואָס האָט זי געקאָנט וויסן וועגן די געפילן פון צוויי מענער, פון צוויי ברידער, וועלכע זענען אמאָל פארליבט געווען אין דער זעלבער פרוי — ווייל ביידע האָבן זיי אמאָל געליבט מיין מאמען, און דער יינגערער ברידער האָט געמוזט אוועקגיין, אוועקפאָרן אין די ווייטע לענדער, ווייל דער עלטערער, דאָס הייסט מיין טאטע, האָט געהאט מער מזל און האָט חתונה געהאט מיט דער געליבטער.

איז דער טאטע געווען פארנומען מיט זיין ארבעט און עס איז אים אפילו נישט איינגעפאלן צו גיין מקבל־פּנים זיין דעם אייגענעם איינציקן ברודער, וועלכן ער האָט נישט געזען מער ווי דרייסיק יאָר. גיין אים אנטקעגן און פארבעטן אויף שבת — ניין, וועגן דעם האָט דער טאטע מיינער אפילו נישט קיין טראכט געטאָן.

דערפאר האָט די מאמע שארף זיך גענומען צו דער ארבעט, גערוימט און געוואשן, און אין דער זעלבער צייט נישט געקאָנט זיך באפרייען פון די שכנים; וועלכע האָבן ווי זלידנע פליגן מחנותווייז ארומגערינגלט די שטוב, געעפנט די טיר, ארייגעקוקט, געפרעגט צי דער גאסט איז שוין געקומען און וואָס ער האָט געבראכט, וואָס פארא מתנות. און ווען זיי האָבן געזען, אז ער איז נאָך נישט געקומען, האָבן זיי געוואָלט וויסן, ווען ער וועט קומען. זיי זענען געווען אויפגערעגט און אומגעדולדיק, זיי האָבן ארייגעטראכט, וואָס פארא מתנות ער וועט ברענגען. ס'איז געווען קלאָר, אַז ער וועט די אַלע ווערטפולע פרעזענטן פאַר אונדז נישט טראָגן אויף דער פלייצע, ער וועט מסתמא נעמען א טרעגער אָדער צוויי טרעגערס.

און דער טאטע מיינער האָט דערווייל געהאלטן אין איין קלאפּן מיטן העמערל. דאָס ברעטל האָט שיער נישט געפּלאַצט און ער האָט אלץ געקלאפּט און געקלאפּט. ער האָט געוואָלט פארהילכן דאָס פּוסטע רעדעכץ פון די נארישע בייזע צונגען. אָבער דער עולם האָט זיך נישט געלאָזט איינשטילן. וואָס מער דער טאטע האָט געהאמערט, אלץ מער האָבן די מענטשן גערעדט, אלץ העכער האָבן זיי געשריגן. דעם טאטן

האָט דאָס אויפגערעגט, ער האָט שוין אָנגעהויבן צו קריצן מיט די ציין, און די מאמע האָט זיך דערווייל ארויסגעכאַפּט פון שטוב, געלאָפן אויס־באָרגן ביי וועלכן נגיד א פּאָר גילדן, בכדי צוצוגרייטן אן אויפנאמע פאר דעם חשובן גאסט.

באלד האָט זיך אין שטוב באוויזן א הון, א פּעטע און א כשר־גע־מאַכטע, און אַזש לוסטיק־פריילעך איז זי אריינגעשפּרונגען אין טאָפּ אריין. א קאָמפּאָט פון טרוקענע אונגאַרישע פלוימען האָט זיך צעזונגען אין צווייטן טעפּל. און שוין האָט זיך די מאַמע גענומען מאַכן לאָקשן — א רייכקייט האָט זיך דערפילט אין דער גאַנצער קיך, ביי ראָטשילדן האָט מען קיין גרעסערע צוגרייטונג נישט געמאכט אויף שבת.

און די שפּאַנונג איז דערווייל געוואַקסן. א האלבע שטאָט איז שוין געשטאַנען אויף אונדזער הויף און ארום אונדזער שטוב. יידן האָבן גע־גלאָצט מיט די אויגן, זיי האָבן אונדז נישט פארגינען דעם פעטער פון אמעריקע, וועלכער איז דערווייל געזעסן אין האָטעל „מעטראָפּאָל“ און האָט געראייכערט דיקע קובאַ־ציגאַרן.

מיט קלעבעדיקע, פּאַלשע געלעכטערלעך האָבן שכנים געפרעגט, צי דאָס עוף וועט זיין געגוג ווייך. איין שכן האָט געבראַכט א זילבערנעם לעפל מיט א זילבערנעם גאָפּל פאר דעם גאסט. אן אנדערער האָט זיך מטריח געווען און געבראַכט א שווערן מעשענעם מערזשער מיט א שטויסל — אפשר וועט עס צונוצקומען. איינע אַן אלמנה איז געקומען צו לויפן און געבאָרגט דער מאמען א גילדערנע בראָש, די מאמע זאָל שענער אויסזען.

יידן זענען געשטאַנען און האָבן געקוקט, קאליע געמאכט די לופט אין אונדזער קיך, אין קאָרידאָר און אויפן הויף. זיי האָבן געחשבונט וויפל עס קאָן באַטרעפן זיין פארמעגן, זיינע מיליאָנען און מיליאַרדן, ס'איז געווען קלאָר, אז ער איז נישט סתם א האָלאַדרייניק, נאָר א מיליאַרדער און זיי האָבן אויסגערעכנט וויפל אומגעפער מער ווייניקער עס וועט באַ־טרעפן אונדזער פארמעגן, דאָס, וואָס ער האָט פאר אונדז מיטגע־ברענגט אין די צוויי שווערע רענצלעך, און אויך דאָס, וואָס מיר וועלן אם ירצה השם ירשענען איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר, ווען דער פעטער וועט מיט גאַטס הילף אויסציען די רגלים.

זיי האָבן גערעכנט און גערעכנט, און געראַטן מיין טאַטן, וואָס ער זאָל טאָן מיטן קאַפּיטאַל, בכדי צו פארגרעסערן דאָס פארמעגן. און דער

טאַטע האָט געשוויגן, רק מיטן העמערל האָט ער געהאַלטן אין איין קלאַפּן — אַז מען האָט געקאָנט טויב ווערן.

די זון האָט זיך שוין גענומען שאַרן צום אונטערגאַנג און דאָס היינדל איז שוין געווען ווייך. אויפן טיש זענען געשטאַנען די מעשענע לייכטער. די שכנים האָבן זיך שוין אַרויסגעטראָגן. די מאַמע האָט אַרויסגעשלעפּט פון קופערט דאָס שוואַרצע סאַמעטענע קלייד, וואָס האָט געשמעקט מיט נאַפטאַלין און מיט אַלטע אַמאָליקע צייטן. אין דאָזיקן קלייד האָט זי אויסגעזען ווי אַ פּרינצעסין.

דער טאַטע האָט זיך אָוועקגעזעצט אויף דער שוועל און האָט געריכערט דעם ציבוק. די געל־גרויע באָרד האָט ער אַרויסגעשטעלט אויף דער פאַרגייענדיקער זון און ער האָט געקוקט ערגעץ ווייט, ווייט, ווייט, ווייט — שטענדיק ווען ער איז געווען פאַרטראַכט, פלעגט זיך מיר דאַכטן, אַז ער קוקט ערגעץ העכער איבער די מענטשלעכע קעפּ און העכער איבער די דעכער פון די הייזער, אַז ערגעץ ווייט, ווייט זעט ער עפּעס, וואָס קיין שום אַנדערער מענטש זעט נישט, עפּעס, וואָס איז בכלל נישטאָ פאַראַן. איך בין נאָך דעמאָלט געווען יונג, כ׳האָב נאָך נישט געוווּסט, אַז אין אַ געוויסן טאָג וועל איך אויך אָנהייבן קוקן אויף יענעם ווייטן און אומזעבאַרן פּייזאַזש און אַז אויך איך וועל אין אַ געוויסן טאָג דערזען זאַכן, וועלכע זענען נישט פאַראַן, און אַז איך וועל אפילו אַנטציקן זיך מיט זיי און פאַרשרייבן זייער געשטאַלט, זייער גערוך, זייער פאַרב.

— אַז דו ווילסט גיין, טאָ גיי... — האָט געזאָגט די מאַמע, און דער טאַטע האָט פאַרשטאַנען וו ו ה י ן ער דאַרף גיין, און אויך פאַר מיר איז געווען קלאָר, אַז ער וועט זיך שוין איצט נישט אַרויסדרייען, איצט, ווען עס פאַלט שוין צו דער פרייטיקצונאַכטס און מענטשן וועלן באַלד אָנהייבן צו לויפן אין בית־מדרש אַריין, איצט וועט שוין דער טאַטע מוזן גיין אין האָטעל און ברענגען צו פירן דעם חשובן גאַסט.

און ער איז טאַקע געגאַנגען, דער טאַטע. אין דער וואָכעדיקער קאַפּאָטע, אין דעם וואָכעדיקן שוואַרץ־גרינעם קאַפּעליוש איז ער געגאַנגען אין דער ריכטונג פון האָטעל, מענטשן האָבן אים באַגריסט, מענטשן האָבן מיט אים געפּרוווט כאַפּן אַ שמועס, אָבער ער האָט קיינעם נישט געענטפערט און קיינעם נישט געזען. ער איז געגאַנגען פאַרטראַכט און פאַרקוקט אין זיינע ווייטע האָריזאָנטן, וואָס קיינער אחוץ אים האָט זיי נישט געזען.

און ווען ער איז שוין צוגעקומען צום האָטעל, האָט ער שווינדיק אויסגעמיטן רב מאָזעסן, וועלכער איז געשטאַנען ביים טויער. ער איז אריין אין קאָרידאָר און גענומען הייבן זיך אויף די טרעפ, וועלכע זענען געווען אויסגעבעט מיט א רויטן אויסגעריבענעם טעפּיך. ווען ער האָט זיך שוין געפונען אויפן שטאָק, האָט ער נאָך דער ריי גענומען עפענען די טירן פון די צימערן — געזוכט דעם ברודער. אין זיבעטן צימער האָט ער אים געפונען: ביים טיש איז געזעסן א מענטש אין א דענטש־קאפעליוש, מיט א ציגאַר אין מויל. דער ציגאַר איז געווען דיק, און זיין רויך האָט זייער פיין געשמעקט.

ער איז געזעסן פונקט אזוי ווי דער בעל־אכסניה האָט אים דאָ אי־בערגעלאָזט אינדערפרי, דאָס הייסט מיט פיל שעהן צוריק.

מאָזעס גאָלדהעריץ האָט זיך שטיל נאָכגערוקט נאָך מיין טאַטן, ווי א שאָטן, און ער האָט שפּעטער פארזיכערט, אז דער אמעריקאַנער איז א גאַנצן טאָג געזעסן און נישט גערירט זיך פון אָרט, ווי א ליימענער גולם. מען האָט געקאָנט מיינען, אז ער איז ספּעציעל געקומען מעבר לים, בכדי צו זיצן אין דאָזיקן טאַפּעטירטן צימער און רויכערן זיינע ציגאַרן.

דער טאַטע האָט פארמאַכט הינטער זיך די טיר. ר׳ מאָזעס האָט דערנענטערט דאָס אויג צום שליסל־לאָך, אָבער ער האָט גאָרנישט גע־זען. ער האָט דערנענטערט דאָס אויער און האָט גאָרנישט געהערט. עס האָט אויסגעזען, אַז די דאָזיקע צוויי פאַרשווינען, די צוויי ברידער אי־נגעווייניק אין צימער, שווייגן. רב מאָזעס האָט פארזיכערט, אז זיי האָבן אפילו קיין פּיפּס נישט ארויסגעבראַכט אויף די ליפּן. זיי האָבן געשוויגן. ווייל ווען זיי וואָלטן אפילו נישט מער ווי געפּליסטערט, וואָלט דאָך דער בעל־אכסניה אויך געמוזט עפּעס הערן. ער האָט געהאַט גרויס דערפאַ־רונג אין די דאָזיקע זאכן, ער האָט ליב געהאַט אונטערצוהערן, וואָס אין די צימערן קומט פאָר. אָבער דאָסמאָל: גאָרנישט!

אינדרויסן, אויף דער גאַס און אין די הייזער, איז דער פארנאַכט געוואָרן אלץ געדיכטער. ס׳איז צוגעפאַלן דער אָוונט. די פנימער פון די צוויי ברידער האָבן זיך ארומגעהילט מיט א שלייער פון טונקלקייט. אין צימער האָט קיינער נישט אָנגעצינדן קיין ליכט. זיי האָבן געשוויגן, פאַר־קוקט יעדער אין זיין אייגענעם דמיון. וועגן וואָס האָבן זיי געטראַכט? זיי האָבן זיך נישט דערלאַנגט די הענט, זיי האָבן זיך נישט צעקושט. ר׳ מאָ־

זעם האָט געשווירן אויף וואָס די וועלט שטייט, אז זיי האָבן נישט גע־רעדט קיין איינציק וואָרט.

ווען דער טאטע איז אהיימגעקומען, איז שוין געווען שפעט. ער איז געקומען אליין, אָן דעם פעטער. די מאמע איז געזעסן ביי דער קיך, מיט אן אראָפּגעלאָזטן קאָפּ — זי האָט א קוק געטאָן אויפן טאטן און אלץ האָט זי שוין פארשטאנען. געפרעגט האָט זי גאָרנישט.

די ליכט, די שבתדיקע, האָבן שוין געצאנקט. זייערע גאָלדענע פלע־מעלעך האָבן געגוססט, ווי אַ מענטש, וועלכן עס פעלט שוין כוח צום לעבן. די מאמע האָט צוגעטראָגן צום געדעקטן טיש. איין טעלער איז געבליבן לער.

די הון איז געווען געשמאַק און ווייך. מיר האָבן געגעסן מיט אַפּע־טיט. עס האָט מיר נישט געשטערט, וואָס מיר עסן אין פולקאָמער שטיל־קייט און שווייגעניש. שפעטער האָבן מיר געפרווט זינגען זמירות, אָבער עס האָט זיך ביי אונדז נישט באַקומען, נישט געווען קיין שטימונג. איך בין געגאַנגען שלאָפן און קיינמאָל בין איך שוין נישט געוווער געוואָרן, צי די צוויי ברידער אין האָטעל „מעטראָפּאָל" האָבן באמת נישט גערעדט צו זיך אין יענעם אָוונט. און אויב זיי האָבן יאָ גערעדט, בין איך שוין קיינמאָל נישט געוווער געוואָרן וועגן וואָס זיי האָבן גערעדט.

האַררי איז אוועקגעפאָרן זונטיק אינדערפרי. צו אונדז האָט ער אפי־לו פון דער ווייטן נישט אריינגעקוקט. קיין שום פרעזענטן זענען נישט געווען. דאָס שטעטל איז שיער נישט משוגע געוואָרן פון אנטוישונג. קיי־נער האָט נישט געוווסט נאָך וואָס האַררי איז געקומען און פארוואָס ער איז אוועק.

און איך? איך האָב דעם אָנקל האַררי פארשטאנען ערשט מיט פיל יאָרן שפעטער, ווען איך אליין בין אין א געווויסן טאָג געקומען פון דער ווייטער וועלט און פארהאַלטן זיך אויף עטלעכע שעה אין דאָזיקן אָרעמען האָטעלעכל, וועלכעס האָט שוין געהאַט אַן אנדערן נאָמען און אַן אנדערן איינגנטימער — איך האָב זיך דאָרט פארהאַלטן און מיט קיינעם האָב איך נישט גערעדט דאָרט און ביי קיינעם האָב איך קיין שום זאַך נישט געפרעגט, און עס האָט זיך געקאָנט דאכטן, אז איך בין דאָרט גאַנץ אליין. און דאָך איז אין יענעם צימער געווען א פולער עולם מיט שאָטנס, וואָס קיינער האָט זיי נישט געזען, נאָר איך, און עס איז געווען אַ פול צי־

מער מיט קלאַנגען: שמועסן, ווערטער, געלעכטער, געוויין. גאָר אַ סך איז טאַקע געווען געוויין, כאָטש קיינער האָט גאָרנישט געהערט.

דעם פעטער האַררי האָב איך געזען בלויז פון דער ווייטן. ער איז געזעסן אין פיאַקער און געראויכערט אַ קובאַ־ציגאַר. נעבן אים זענען געשטאַנען זיינע צוויי רענצלעך.

דעם פעטערס פנים האָב איך נישט פאַרגעדענקט. מעגלעך אַז ער האָט בכלל קיין פנים נישט געהאַט. און אפשר האָב איך נאָך דעמלט נישט פאַרמאָגט קיין שליסל צו פאַרשטיין דעם סוד פון אַ מענטשלעך געזיכט? איך בין נאָך געווען אַזוי יונג...

פאַרגעדענקט האָב איך בלויז די גערדיכטע וואָלקנס רויך, וואָס האָבן געזעצט פון זיין מויל און פון זיין קובאַ־ציגאַר, ווי פון אַ קוימען...

דאָרפישער שטייגער

דער צוג האָט זיך געשלעפּט פּאַוואָלינקע, שעהן=לאַנג. ס'איז געווען א געוויינלעכער פּערזאָנען=צוג מיט פּולמאַן=וואַגאָנען פון 1931 יאָר, די געזעסן זענען געווען אויסגעריבן און האָבן געהאַט א מיאוסן טוכלע גערוך. צוויי אַלטע פרויען אין ווינקל פון קופּע האָבן געדרימלט. א פויער אין פאַרבלאָטיקטע שטיוול און מיט א פּאַראַסאָל אין דער האַנט איז געזעסן אַנטקעגן מיר און דאָס מויל האָט זיך ביי אים נישט צוגעמאַכט — אַזוי געגענעצט האָט ער. נעבן אים איז געפאָרן א גלח אין ברילן און האָט מתפלל געווען פון א דיקן סידור. ביים פענצטער איז נאָך געווען אַ דאַמע אין די מיטעלע יאָרן. זי איז געווען פאַרקילט און האָט אָן אויפהער געניאָסן, און ווען זי האָט געניאָסן, האָבן די דרימלענדיקע זקנות יעדעס מאָל זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף.

די סטאַציע, ביי וועלכער מיר האָבן זיך פאַרהאַלטן, איז געווען א קליינינקע. אויפן פּעראָן זענען געוואַקסן בלומען, געלע און פיאָלעטע בלימעלעך, און אויפן דאַך האָט שטאָלץ געפּאָכעט אויפן ווינט א פאָן — זעט אויס, אַז עס איז דאָ גראָד געווען איינער פון די פיל רעגיאָנעלע יום=טובים, מעגלעך, אז עס איז דאָ גראָד געקומען צו פאָרן א וואַזשנע פּערזאָן פון דער הויפּטשטאָט, און די אָרטיקע מאַכט האָט אים אויף אַזא אופן געוואָלט אָפּגעבן דעם געהעריקן כבוד.

נישט ווייט פון וואָקזאַל געפינט זיך דאָס דאָרף, וואָס כ'האָב עס געוואָלט באַזוכן. כ'האָב באַשלאָסן צו גיין צופוס, דער טאָג איז געווען א שיינער, א זוניקער, און דער פרימאָרגן א פרישער, אויף די גרעזער האָט געפינקלט דער טוי. כ'האָב אויסגעטאָן די שטאָטישע שיך מיינע און איך האָב זיך געלאָזט גיין באָרוועס. מענטשן האָבן זיך נאָך מיר אומגעקוקט פאַרחידושט, קינדער זענען מיר נאָכגעלאָפן, אָבער מיך האָט דאָס נישט געאַרט. מיר איז געווען גוט. דער פראָך אונטער די פיס איז געווען הייס,

שוין פון אינדערפרי אָנגעוואַרעמט פון דער זון — א פּרעכטיקער פּראָד. וואָלט איך געווען יונגער מיט א יאָר פערציק, וואָלט איך אייך געוויזן, ס'אַרא פּרעכטיקע זעמעלעך מען קאָן מאַכן פון אזא פּראָד.

איך בין געגאַנגען דורך דעם דאָרף און האָב געזוכט דעם עבר, די קינדעריאָרן, די זכרונות.

די באָטע? דאָ איז זי געשטאַנען, ביים דאָזיקן טייכעלע... אַ שמאָל קליין טייכעלע, אָבער טיילמאָל פלעגט עס אויסגיסן. פרילינג־צייט אָדער ערב פרילינג פלעגן דאָ זיין גרויסע געוויסערס. מענטשן פלעגן שווימען, טויטע מענטשן, וואָס די כוואַליע פלעגט זיי טראָגן, טויטע בהמות, בריקן הילצערנע און סתם מענטשלעכע פּראַצע.

אונדזער הויז איז נישט געווען ענלעך צו א פּריצישן פּאַלאַץ, אָבער באַקוועם איז עס געווען און עס האָט געהאַט פיל פאַרבאָרגענע ווינקע־לעך, קעלערלעך, בוידעמלעך פאַרשטויבטע און טונקעלע, באַוואָקסענע מיט שימל, עס פלעגן זיך דאָרט באַוועגן שפּינען סאַמעטענע, פאַרנומענע מיט וועבן זייערע עקלהאַפטע און דאָך וווּנדערבאַרע נעצן. אומעטום האָט מען דאָרט אונטער דער שיכטע פון שטויב געקאָנט געפינען שאַרבנס פון אַלטע ערדענע כלים, וואָס היינט זעט מען שוין נישט אַזעלכע, סיידן אין א מוזיי. אויפן בוידעם זענען געלעגן אַלטע מאָדנע קאַפּאָטעס, אַזעלכע מלבושים פלעגט מען טראָגן מיט הונדערט יאָר צוריק. באַדאַקעס לעדער־נע פלעגן זיך דאָרט אַרומוואַלגערן און טשיזשמעס. איינמאָל האָב איך דאָרט געפונען א צילינדער, וואָס איז שוין ביז צו דער העלפט געווען אויפגעפרעסן דורך די עכברים.

דאָס איז געווען דאָס הויז פון מיין זיידן, בעסער געזאָגט: דאָס אָרט, וווּ מיין זיידעס הויז איז געשטאַנען.

דערנעבן איז געווען די ווירטשאַפט פון אונדזער שכן. געהייסן האָט ער יורקאָ קאָבאַ. א רייכער באַלעבאָס, א פאָטער פון זעקס טעכטער און פון איין זון. אויף קאָבאָס הויף איז געשטאַנען אַן אַלטע שטיינערנע קאַפּ־ליצע מיט א הילצערנעם יוזל. דאָס הויז איז שוין לאַנג חרוב געוואָרן, אָבער דער יוזל שטייט דאָרט ביז היינט.

יורקאָס טעכטער זענען געווען קראַסאַוויצעס. זיי האָבן געהאַט לוי־טערע לאַכנדיקע פּנימער, און געשטאַלטיק זענען זיי געווען, קיין שענע־רע נקבות האָט מען זיך אפילו אין חלום נישט געקאָנט פאָרשטעלן. רייך זענען זיי געווען, געהאַט מסתמא ווילע נדנים, פון גוטן עסן זענען זיי

שטענדיק גרייט געווען צו ליבע, קיין שום זאך האָט זיי נישט אויסגע־פעלט, זיי האָבן געהאט שיינע קליידער, פּאַרביקע לענטעס אָן א צאָל, און זייערע ליבהאָבערס האָבן נאָר געוואַרט אויף א שמייכל, אויף א ווונק...

אין יענע יאָרן, ווען יורקאָ האָט נאָך געלעבט, און בפרט דעמאָלט ווען ער איז געווען שופט אין דאָרף, האָט זיך געדאַכט, אז די עקזיסטענץ פון דער דאָזיקער משפחה איז א דויערהאַפטיקע ווי א פעסטונג. ערשט מיט עטלעכע יאָר שפּעטער, ווען עס איז אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מל־חמה, איז יורקאָ געשטאָרבן אויף אן אַפּאָפּלעקסיע, און זיין בן־יחיד האָט דעזערטירט, ער איז אנטלאָפן פון קיסרשן מיליטער און איז גאַנצע פיר יאָר אָפּגעזעסן אין דער געדיכטער טיפעניש פון די קאַרפּאַטישע וועלדער, ער איז דאָרט כמעט אינגאַנצן אראָפּ פון זינען; און ווען ער איז שוין יאָ ארויסגעקומען פון וואלד אין 1918 יאָר, איז ער שוין נישט געווען קיין נאָרמאַלער מענטש, ער פלעגט נעלם ווערן אויף גאַנצע וואָכן און חדשים, מען האָט דערציילט, אז ער גנבעט הינער אָדער באַפאַלט איינזאַמע פרוי־ען, וועלכע ער באַגעגנט אין וואלד, ווען זיי קלייבן שוואָמען אָדער יאַגע־דעס.

אָבער דעמאָלט, ווען עס הייבט זיך אָן די דאָזיקע מעשה, האָט נאָך קיינער נישט געהערט און נישט פאַרגעפילט אזעלכע ווערטער ווי „וועלט־מלחמה“ אָדער „דעזערציע“. יורקאָ פלעגט זיצן אין מיין זיידנס קרעטש־מע און טרינקען ביר. ער האָט געהאט א בויך ווי א פעסל, און דאָס ביר איז געווען געשמאַק און נערעוודיק, יורקאָ איז געווען באַוואָקסן מיט שמאַלץ, א מאָרדע האָט ער געהאט א פעטע און רויטע, א גלאַנצנדיקע, און שטאַרק איז ער געווען אזוי, אז פּאָדקאָוועס נייע פלעגט ער בייגן ווי ווערבענע ריטלעך.

זעקס טעכטער האָט ער געהאט און אלע יונגעלייט אין דאָרף האָבן וועגן זיי געחלומט. א סך יונישע באַלעבאַטישע זין האָבן געוואָלט חתונה האָבן, אָבער קיינער האָט נישט געוווסט וועמען דאָס גליק וועט צושפּילן. דעם שופטס שיינע טעכטער זענען געווען קאַפּריזנע, זיי האָבן ליב גע־האט צו טרייבן קאַטאָוועס, זיי האָבן ליב געהאט צו לאַכן און צו שמייסן מיט זייער געלעכטער ווי מיט א בייטש, טיילמאָל ווידער פלעגט זיך אין זיי אָנרופן דאָס געשריי פון יונגן בלוט, דאָס געשריי פון בענקעניש און א באַגער פון ליבע. ווער עס האָט געהאַט מזל, דער פלעגט אין אזא נאכט גיין מיט איינער פון דעם שופטס טעכטער ווייט אין דער טיפעניש

פון וואלד אָדער אויף דער ווייכער פּוכיקער לאָנקע, וואָס האָט געשמעקט מיט קימל און מיט רומיאַניק, און — זיי זענען דאָרט געווען גליקלעך ווי אדם מיט חוהן. אָבער אזא נאכט האָט נאָך צו קיין שום זאך נישט פאַר־פליכטעט און צו קיין שום זאך נישט באַרעכטיקט.

איך גיי ארויס פון דער שטוב. ס'איז זונטיק אינדערפרי, זומער איז אויף דער וועלט און זומער אין דאָרף, ליפּעווע צוויט שלאָגט אין די נאָזלעכער, דער זשאַסמין לעבן פּלויט שמעקט אזוי, אז מען קאָן חלשן, דער הימל איז לויטער. די זשאַוואָראָנקעס זינגען — כלי־זמרים פון רו־סישן רבוני של עולם. נעכטן איז געווען שבת, האָבן זיי געזינגען אַנ־דערש, אויף אן אנדערן ניגון, און היינט איז זונטיק, זינגען זיי ווידער אַנ־דערש. היינט באַזינגען זיי די שיינקייט פון יורקאָס קאָבאָס טעכטער, און בפרט פון זיין יונגסטער טאָכטער. יעווקע הייסט זי, א רוח אין איר טאַטנס טאַטן אריין. פאר יעווקעס שמייכל גיב איך אוועק עולם־הבא, איר הערט? יעווקען ליב איך, שיין איז זי און דיין איז זי, איך קוש אירע זיסע ליפּן, אירע אָרעמס, אירע פיס, וואָס זי וואַשט פאר מיינעטוועגן מיט אזויפיל מסירת־נפש יעדן אָוונט אין די קאַלטע כוואַליעס פון דער רעטשקע.

די אַלטע קאָבאַכע טרייבט די טעכטער אין צערקווע אַריין. יורקאָ שמירט די שטיוול מיט חזיר־שמאַלץ. און יעווקע שטייט אין מיטן שטוב אין נייער ווייסער וועש און צאַצקעט זיך פאר דעם שפּיגל. צווישן די גע־דיכטע קוסטעס פון זשאַסמין זע איך דורך דעם אָפענעם פענצטער מיין געליבטע, און דאָס בלוט קאָכט אין מיר. איך הער נישט, ווען פון דער שטוב קומט ארויס מיין טאַטע, איך הער נישט ווען ער דערנעענטערט זיך צו מיר, איך הער נישט, כאָטש דאָס זאמד שאָרכט אונטער זיינע שווערע טריט. זיין אָנוועזנהייט וועל איך דערפילן ערשט אין א ווײַלע, ווען זיין פויסט — די שווערע פויסט פון מיין טאַטן — וועט מיך דער־גרייכן.

ער האָט מיר דערלאַנגט אין די ציין, דער קאָפּ האָט זיך מיר לייכט פאַרדרייט. כ'האָב זיך א וואקל געטאָן, אָבער כ'בין נישט אומגעפאַלן.

— גיי, נעם זיך צו דער קאָסע! — האָט געזאָגט דער טאַטע — דו, שיקסעניק!

בין איך געגאַנגען צו דער קאָסע און צום היי, וואָס איז שוין געווען הויך ביז צו די קני. איך האָב געקאָסיעט און דאָס גראָז האָט זיך געלייגט אין דיקע שמעקעוודיקע שיכטן צו מיינע פיס. אָבער געטראַכט האָב איך

דעמלט נישט וועגן היי און נישט וועגן געררוך פון היי. געטראכט האָב איך וועגן יעווקען, מיט איר אָטעם האָב איך געאָטעמט, כ'האָב געקענט איר יעדן געדאנק און יעדעס ווינקעלע פון איר לייב. כ'האָב געוווסט, וואָס זי וויל, און כ'האָב געוואָלט דאָס זעלבע. מיר האָבן זיך געליבט, איינגעהילט אין שווארצן שלייער פון דער נאכט, מיר האָבן זיך געליבט און מיר האָבן געלאכט, מיר זענען געווען יונג און גליקלעך, מיר און אפשר גאָר די גאנצע וועלט. צוזאמען זענען מיר געשווימען אויף די טונקעלע כוואַליעס פון דער נאכט, צוזאמען פלעגן מיר זיך אומקערן צו דער ווירקלעכקייט. ווען מיר האָבן זיך געליבט, האָט די הארטע רינד פון דער ערד זיך פאנאנדערגערוקט און מיר זענען געפלויגן אין אן אָפּגרונט — אין אָפּגרונט פון גן־עדן, אין אָפּגרונט פון גיהנום.

און זי איז געווען ווי א קוואַל פון לעבן. א געבענטשטע ערד איז זי געווען. א פרוכטבארע ערד, וואָס קיין שום קערענדל פון זאָמען גייט אין איר נישט פארלוירן. וועגן דעם האָט מען זיך איבערצייגט שפּעטער, ווען זי האָט אָנגעהויבן צו קינדלען.

דערווייל איז געשטאָרבן אונדזער מאמע. אין שטוב איז איצט געווען טריב און שווייגנדיק. עס האָט אויסגעפעלט דער מאמעס קלוגער שמייכל, מיט וועלכן זי האָט שטענדיק פארהיילט אלע וווּנדן און געשטילט אלע קריגערייען צווישן דעם שטרענגן טאטן און זיינע זין, וועלכע האָבן זיך תמיד געבונטעוועט און זענען געווען ווי יונגע אָדלערס, וואָס וואַרטן מיט אומגעדולד אויף דעם טאָג, ווען זיי וועלן קאָנען פארלאָזן די געסט.

אין א האלב יאָר נאָך דער מאמעס טויט האָט דער טאטע איינגעשפּאנט דאָס פערדל און איז געפאָרן אין שטעטל אריין. דריי טעג האָט מען אים נישט געזען, דעם פערטן טאָג פארנאכט האָט זיך דאָס פורל געלאָזט הערן אויפן הויף און זיך פארהאלטן ביי דער טיר.

אין קילן אָוונט האָט געציטערט פאר קעלט א יונגע שטאָטישע מויד. מיט גרויסע שווארצע און דערשראָקענע אויגן האָט זי געגלאָצט אויף אונדז. זי איז אומגעשיקט אראָפּגעשפרונגען פון וואָגן און איז אומגעפאלן. זי איז איצט געלעגן אויפן זאמד פון הויף און איר קלייד האָט זיך דערביי פאַרקאַשערט און באַוויזן אירע פיס, לאַנגע און דינע ווי ביי אַ סארנע. מיר זענען געשטאנען ווי ליימענע גולמס, איך און מיינע צוויי ברידער, און מיר האָבן נישט געקאָנט אָפּווענדן פון איר אונדזערע בליקן.

אנטציקט זענען מיר געווען פון איר שיינקייט און גאָרנישט האָבן מיר נאָך דערוויל נישט פאַרשטאַנען. ווער איז זי?

דער טאַטע האָט איר דערלאַנגט די האַנט, געהאָלפן איר אויפשטיין, אַרומגעצויגן דאָס קליידל אויף איר אַנטציקנדיק געשטאַלט, זי איז ווידער געווען ענלעך צו אַ יונגער דערשראָקענער סאַרנע. שווייגנדיק האָבן מיר געהאָלפן אַראָפּנעמען פון וואָגן עטלעכע פּעקלעך אַרומגעבונדענע מיט אַ שטריקל, אַ הילצערן רענצל — דאָס גאַנצע האָב און אָרעמקייט פון אונדזער גאַסט. ווען אַלץ איז שוין געווען אין שטוב, האָט דער טאַטע אונדז פאַרגעשטעלט:

— דאָס איז אייער מאַצאָכע — האָט ער געזאָגט, אויסמיידנדיק אונדזער בליק — אייער שטיפמוטער. גייט צו און גיט איר אַ קוש אין דער האַנט. דערנאָך קאָנט איר אויסשפּאַנען דאָס פערד. די קליאַטשע איז דערוואַרעמט, גיט איר נישט קיין וואַסער, ווייל זי קאָן פּגרן. צוערשט זאָל זי זיך אָפּקילן.

זענען מיר, כמעט דערוואַקסענע זין זיינע, יונגען ווי די בערן, צו־געגאַנגען און געקושט די קליינינקע ביינערדיקע פויסט פון דער מויד, מיר האָבן נישט געקוקט אויף איר און זי האָט נישט געקוקט אויף אונדז. מיר זענען געווען ווי יונגע וועלף און זי איז געווען ווי אַ יונג לעמעלע, און נאָך איידער זי איז אַריין אין שטוב, צוערשט אין דער קיך און דער־נאָך אין אַלקער אַריין, האָבן מיר שוין געטראַכט וועגן דעם, ווו זי וועט שלאָפן, מיר האָבן נישט געוואָלט מסכים זיין מיטן געדאַנק, אַז זי וועט פאַרברענגען גאַנצע נעכט אין אַלקער, לעבן טאַטן, צוזאַמען מיט אים. און נאָך איידער זי האָט איבערגעטראָטן די שוועל פון אונדזער שטוב, האָבן מיר שוין געפילט צו איר אַ האַס. מיר האָבן נישט פאַרגינט דעם טאַטן, אַז אין זיין רשות וועט זי זיין, די דאָזיקע שווייגנדיקע דערשראָ־קענע שיינקייט. מיר האָבן באַשלאָסן צו האַסן זי, בכדי אין דאָזיקן האַס זאָלן פאַרשטומט ווערן אַלע אַנדערע גוטע און צאַרטע, ליידנשאַפטלעכע געפילן צו איר. מיר האָבן באַשלאָסן צו ווערן זיך מיט האַס — אָבער געשען איז נישט אַזוי.

געווען איז זי גאַנץ אַנדערש פון אונדזערע דאָרפישע מיידן, אַנדערש פון אונדזער שכנים טעכטער, אַנדערש פון יעווקען, שטיל ווי אַ שאָטן איז זי געווען, צאַרט ווי אַ שאָטן, איר אומעטיק געזיכט האָט עדות גע־זאָגט וועגן איר שוצלאָזיקייט. מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז אַן אומרעכט

איז איר געשען, זי איז געווען אַן אומגליקלעך באַשעפעניש, ווייל עס איז דאָך קלאָר געווען פאַר אונדז, אַז דער טאַטע אונדזערער איז נישט קיין בן־מלך, כאָטש ער איז פאַר איר געווען אַ גוטער, ער האָט איר נישט גע־לאָזט שווער אַרבעטן. ווען אונדזער פאַרשטאַרבענער מוטער האָט ער קיינ־מאָל זיך נישט אַזוי באַמיט, ווי פאַר דער יונגער מאַצאָכע. עס האָט אים נישט געשטערט, ווען אונדזער מאַמע פלעגט שעהן־לאַנג פאַרברענגען ביים שווערן שטיין פון דער זשאַרנע אָדער טראָגן ווינטערצייט שווערע עמערס וואַסער פאַר די בהמות.

יעדן אָוונט פלעגט דער טאַטע טרינקען אין דער קרעטשמע — ביי איין טיש מיט יורקאָ קאָבאַ, מיט יעווקעס פאַטער, מיט דעם מחותן מיי־נעם. יורקאָ האָט געטרונקען ביר, און דער טאַטע האָט געטרונקען בראָנפן. וויפל קוואָרטן ביר דער יון האָט אויסגעטרונקען, אַזויפיל כוסות בראָנפן האָט אויסגעטרונקען דער טאַטע. אַזאַ'ן אָפּמאַך האָבן זיי געמאַכט. יענער האָט געטרונקען ביר און איז פון יאָר צו יאָר געוואָרן אַלץ דיקער, ווייל ביר איז אַ משקה אַ נאַרהאַפטע, אויס תבואה און אויס האָפּן. און דער טאַטע האָט געטרונקען בראָנפן און איז געוואָרן אַלץ דאַרער און דאַרער, ווייל די גאַנצע וועלט ווייסט דאָך, אַז בראָנפן טרוקנט אויס דעם מאַרך פון די ביינער און מאַכט שיטער דאָס בלוט.

איינמאָל, ווען דער טאַטע האָט שוין פאַרגעסן דעם אונטערשיד צווישן ארור המן און ברוך מרדכי, איז ער אַהיימגעקומען אין אַן אויס־טערלישער שטימונג, ער האָט געזונגען אַ נייעם זמר האַלב אויף ייִדיש און האַלב אויף רוסיש, און אויף אונדז, אויף די בנים זיינע, האָט ער גע־וואָרפן כוואַצקע בליקן, ס'האָט זיך געדאַכט, אַז ער וויל פרעגן: נו, יור־שים מיינע, אפשר געפעלט אייך נישט, האַ?

די שטיפמוטער האָט געוואַרט ביי דער קיך מיט דער וועטשערע. כ'געדענק, ווי ס'זאָל האָבן געווען ערשט נעכטן: זי איז געזעסן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, די קליינע הענטלעך, וואָס האָבן שוין באַוויזן צו באַ־קומען האַרטע טונקעלע מאָזאָליעס פון דער אַרבעט, האָט זי געהאַלטן פאַרפלאָכטן אויף די קני, זי האָט ווי תמיד געשוויגן.

דער יונגערער ברודער מיינער איז געווען פאַרנומען מיט אַ גאָר וויכטיקער אַרבעט: אויס קליינע און דינינקע אויסגעשניצטע ברעטלעך האָט ער צוזאַמענגעשלאָגן אַ שמוק־קעסטעלע, ער האָט געהאַט גילדענע הענט, אַן אמתער קינסטלער איז ער געווען, און דאָס שיינע קעסטעלע האָט

ער געוואָלט שענקען דער מאַצאַכע, דאָס האָט געזאָלט זײַן א מתנה פאַר דער שײנער שטיפמוטער. און דאָס האָט, זעט אויס, נישט געפאַלן דעם טאַטן. עטלעכע אָוונטן האָט ער געקוקט מיט אומחן אויף דער דאָזיקער ארבעט, אָבער ער האָט געשוויגן. ערשט אין יענעם אָוונט, ווען ער איז געקומען שיכור פון דער קרעטשמע, האָט ער גענומען דאָס שאכטעלע אין דער האנט אריין, באטראכט עס מיט גענוי פון אלע זײַטן, זוכנדיק דע־רין א פעלער.

— דער משוואַק זיצט קרום! — האָט ער ענדלעך געפונען, און ער האָט זיך צעלאַכט, דערפרייט זיך מיט דעם געפונענעם מום. — זעסט? קרום!

דער ברודער איז צוגעגאנגען מיטן צווענגל, געוואָלט אויסגלײַכן דעם קרומען נאָגל, אָבער דעם טאטנס אויגן האָבן פלוצים גענומען מי־גיען זיך. עפעס האָט ער צוגעטראכט, עפעס שלעכטס איז געבוירן גע־וואָרן אין זײַן שיכורן מוח.

— מיט די ציין! — האָט ער געזאָגט שטרענג און מיט פאַרביסנקייט — מיט די ציין שלעפ ארויס דעם נאָגל!

דער ברודער און מיר אלע האָבן געקוקט תמעוואטע.

— פארשטייסט נישט? מיט די ציין.

און דער ברודער האָט ארויסגעשלעפט דעם נאָגל מיט די ציין, ווײַל ציין האָט ער געהאט געזונטע און שטארקע ווי א ווילדע חיה. בשעת ער איז געווען פארנומען מיטן דאָזיקן קרומען נאָגל, איז אין שטוב געווען שטיל, מען האָט בלויז געהערט דאָס קריצן און דאָס גרילצן פון זײַנע באַק־ציינער, מיט וועלכע ער האָט געצויגן דאָס אײַזן. אין א געוויסער מינוט האָט זיך פלוצים דערהויבן א ווילד געשריי און א געלעכטער; דאָס האָט אונדזער שטיפמאמע אָנגעהויבן היסטעריש צו לאכן, זי האָט געלאכט און געלאכט און נישט געקאָנט אויפהערן. און מיר אלע האָבן זיך דער־שראָקן פאַר דעם דאָזיקן געלעכטער: זי האָט נישט געוויינט, נישט גע־זידלט, נישט געשאָלטן. זי האָט געלאכט.

אין א האלב יאָר ארום האָט דער טאטע איינמאָל דערלאנגט איר מיט זײַן הארטער פויסט, און דעמלט האָט זי איבערגעהזרט דאָס דאָזיקע קאַלטע, אומעטיקע געלעכטער.

איינמאָל איז דער טאטע קראנק געוואָרן און אין דריי טעג איז ער

געשטאָרבן. געשטאָרבן איז ער פאַרנאַכט, און מאָרגן האָט געזאָלט זיין די לוויה.

די מאַצאָכע האָט נישט געלאַכט און נישט געוויינט. ביינאַכט האָט זי פאַרלאָזט דעם אַלקער און איז אַרויפגעקראָכן אויפן בוידעם, דאָרט, ווו עס איז געשלאָפן מיין ייִנגסטער ברודער, דער, וואָס האָט געריסן נעגל מיט די ציין.

נאָך דער לוויה איז זי פאַרבליבן ביי אונדז אין שטוב. לויט דעם טאַטנס צוואה האָט זי געירשנט די גאַנצע באַלעבאַטישקייט, די גאַנצע ווירטשאַפט. זי איז געוואָרן א גוטע באַלעבאָסטע. געווען איז זי א שטילע און אַרבעטזאַמע, א באַשיידענע. זי האָט זיך באמת מיר זאָלן האָבן וואָס אָנצוטאָן אויף זיך און מיר זאָלן נישט זיין הונגעריק. אין א האַלב יאָר נאָך דעם טאַטנס טויט האָט זי געבוירן א קינד. ס'איז געווען זייער א שיין מיידעלע, און מיר האָבן זי זייער ליב געהאַט.

און יעווקע? יעווקע האָט חתונה געהאַט מיט דעם יונגן רוסישן גלח און האָט יעדעס יאָר געבוירן א קינד.

דער פאָטער אירער און מיין טאַטנס גוטער פריינד, יורקאָ קאָבאַ, האָט אויפגעהערט צו טרינקען ביר, ווייל די לעבער איז ביי אים האַרט און געשוואָלן געוואָרן ווי אַן אַלטער שטיוול. אָבער אָן ביר האָט ער נישט געקאָנט לעבן און אין א קורצער צייט איז ער אויסגעגאַנגען ווי א ליכט...

די פרוי אין שפּיגל

(דערציילונג)

כ'שטיי פאַר דעם שפּיגל און באַטראַכט מיין פּנים, וואָס איז מאָדנע ענלעך צום פּנים פון מיין פאַרשטאָרבענער מוטער אין די לעצטע יאָרן פון איר לעבן. אַ קיילעכדיק געזיכט, שוין אין קנייטשן, אַ הויכער שטערן, געלבלעכע קישעלעך אין די ווינקלען צווישן די אויגן און דעם נאָז־ביין. ליפּן כמעט דיקע, יידישע. און... מיינע האָר, וועגן וועלכע מען האָט אַמאָל געקאָנט זאָגן, אַז זיי זענען פּרעכטיק, אַז זיי האָבן די פאַרב פון רייפן ווייץ. פאַרשטייט זיך: דאָס אַלץ זאָגט נאָך נישט קיין עדות וועגן מיין שיינקייט. כ'האָב קיינמאָל נישט געהערט צו יענע קראַסאַוויצעס, וועלכע זענען אימשטאַנד צו אַנטציקן מיט זייער חן.

אויב דער מענטש קאָן ליב האָבן געוויסע פּרטים פון זיין אייגענעם אויסזען אָדער געוויסע מעלות פון אייגענעם כאַראַקטער, אָדער געוויסע געוווינהייטן — גוטע אָדער אפילו שלעכטע — מוז איך זיך דאָ פאַרענטפערן: איך בין נישט בעסער און נישט ערגער פון אַנדערע פרויען. ווען איך באַטראַכט זיך אין שפּיגל, ווען איך קלער וועגן מיין באַשיידענער געשטאַלט, וועגן מיינע באַוועגונגען, וועגן אופן פון באַקליידן מיינע געדאַנקען אין ווערטער, זע איך טיילמאָל, אַז אַלץ, וואָס איך געפין אין זיך ענלעכס צו מיין מאַמען, וועקט אין מיר אַ געפיל פון צופרידענער שטאָלצקייט.

ווייל איך זוך אין זיך די ענלעכקייט צו מיין מאַמען. פּונקט ווי די ליבנדיקע מאַמעס זוכן אין זייערע קינדער ענלעכקייט צו זיך.

פאַר אַ מאַמען איז די דאָזיקע ענלעכקייט אַ שריט אין דער צוקונפט, אַ פריילעכער סימבאָל, וואָס וואַקסט און אַנטוויקלט זיך. אַ האָפענונג אָדער מינדעסטנס אַן אילוזיע אויף פאַרלענגערן די אייגענע עקזיסטענץ אויסער דער גרענעץ פון אייגענעם רעאַלן לעבן.

ווייל עס איז פֿאַראַן ביי די מענטשן אַן איבערצייגונג צו אַ ווונדערבאַרער גלויבן, אַז אין דער פּערזאָן פֿון ניי־געבוירענעם יורש טרעטן אַריין זיינע עלטערן אין די קומענדיקע דורות. המשך, קיום — אַזוי הייסט דער דאָזיקער שיינער גלויבן. פֿאַר דעם אָביעקטיוון דענקען איז עס גאַנץ פּאַראַדאָקסאַל. ווייל וועלקונג איז וועלקונג, און טויט איז טויט, נישט פֿאַראַן אין שטאַרבן קיין שום קלוגע און איידעלע סענטענצן, נישט פֿאַראַן אין טויט קיין שום געדאַנק און קיין שום אידעע. אידעען און געדאַנקען זענען פֿאַראַן אין לעבן, אין די לעבעדיקע.

און פֿאַר מיר? וואָס שטעלט עס מיט זיך פֿאָר פֿאַר מיר דאָס אַנטדעקן, אַז מיין געזיכט, מיינע אויגן, מיין שמייכל און מיין שטימע מאַכן מיך ענלעך צו מיין מאַמען, וועלכע לעבט שוין נישט זינט פֿיל יאָרן? צי איז עס אַ האָפֿענונג אויף אונדזער באַגעגעניש אויף יענער זייט גרענעץ, דאָרט ווו דאָס לעבן ענדיקט זיך אין אַ געוויסן טאָג צי אין אַ געוויסער נאַכט? אפֿשר איז עס טאַקע דער באַגער צוזאַמענצופֿלעכטן די אייגענע נשמה מיט דער נשמה פֿון דער פֿאַרשטאָרבענער, וואָס איך בין איר פֿאָרזעצונג?

איך גלויב נישט אין דער אייביקייט פֿון מענטשלעכער נשמה. איך גלויב נישט אין י ע נ ע ר וועלט. דאָס לעבן איז איינמאָליק. עס חזרט זיך נישט איבער.

פֿאַרוואָס־זשע זוך איך אין שפּיגעלע אַ באַשטעטיקונג, צי אַ באַווייז, אַז איך בין די צווייג, וואָס איז אויסגעוואַקסן פֿון יענעם אָפּגעהאַקטן שטאַם, און אַז אין די קנייטשן פֿון מיין געזיכט זענען פֿאַראַן סימנים פֿון א י ר ע קנייטשן, אַז מיין טרער איז פּונקט אַזוי הייס און האָט דעם זעלבן טעם, ווי יענע הייסע זאַלציקע טרער, וואָס איך האָב אַמאָל אַראָפּגעקושט פֿון איר פּנים, פֿון אירע באַקן; און אַז מיין שמייכל איז ענלעך צו א י ר שמייכל?

מיר איז אומעטיק. איך טראַכט וועגן וואָרט „המשך“, און דאָס דאָזיקע פֿאַרכישופֿטע וואָרט וועקט אין מיר פֿאַרצווייפֿלונג. נישט תּמיד. טיילמאָל בלויז, ווייל אַן אַנדערע באַדייטונג האָט דאָס דאָזיקע וואָרט פֿאַר אַ מענטשן, וועלכער האָט קינדער און אייניקלעך, און אַן אַנדערן אינהאַלט האָט עס פֿאַר מיר: איך בין די איינציקע טאָכטער פֿון מיין מוטער און איך בין דער לעצטער מענטש פֿון מיין משפּחה. ווייל אינמיטן פֿון דאָזיקן קאָמפּליצירטן לעבנס־מעכאַניזם, וועלכן עס שטעלט מיט זיך פֿאָר דער גוף פֿון אַ פֿרוי, האָט זיך אַריינגעגנבעט אַ פֿעלער,

אַ דריבנער קאַפּריז פֿון דער נאַטור, אַ מעכנישער פֿעלער פֿון דעם בורא עולם — אַ שעמעוודיקער סוד, וואָס אַ דאָקטער אַ ספּעציאַליסט פֿון פֿרויען=קראַנקהייטן האָט אין אַ געווינן טאָג ביי מיר אַנטדעקט. איך בין אַ בוים, וואָס האָט געבליט, אָבער נישט געבראַכט קיין פֿרוכטן. אין אַ סאָד פֿון אַ פּראַקטישן גערטנער ווערט אַזאַ בוים אונטערגעהאַקט.

די אַלטערטימלעכע געצנדינער, וועלכע זענען געווען מיט טויזנטער יאָרן נעענטער צום קוואַל און צום אָנהייב פֿון לעבן, און מיט טויזנטער יאָרן נעענטער צו די אכזריותדיקע געזעצן פֿון דער ווילדער נאַטור — זיי פֿלעגן פֿון די הייזער און בעטן פֿאַרטרייבן אַזעלכע פֿרויען, וואָס האָבן נישט געקאָנט געבוירן קיין נאָכוווקס. היינטיקע מענער טוען שוין דאָס נישט.

קוק איך אין שפּיגל און זע מיין מאַמען. ווען איך בין געווען אַ קליין קינד, האָב איך שטענדיק געפֿילט אַ געוואַלדיקן דורשט און באַגער צו אירע צערטלעכקייטן, און וויל דער דאָזיקער באַגער איז געווען אַ נישט געזעטיקטער און נישט געשטילטער, פֿלעג איך אָפֿט ביטער וויינען.

איך בין געווען אַ בת=יחידה און דאָך...

אין אָוונט, אין יענע האַלב ניכטערע מינוטן פֿאַרן שלאָף, ווען די וואָר און דער חלום פֿאַרפֿלעכטן זיך שוין צוזאַמען ווי צוויי ניגונים געשפּילטע אויף צוויי פֿאַרשידענע אינסטרומענטן — פֿלעג איך טרוימען וועגן דעם שמייכל פֿון מיין מוטער, כ׳פֿלעג מתפּלל זיין צו די גייסטער פֿון דער נאַכטיקער השכות, אַז זיי זאָלן מיר דערלויבן אין חלום קושן צו דער זעט דער מאַמעס באַקן, צודריקן זיך צו איר לייב, פֿילן דעם באַריר פֿון אירע הענט — און אַזוי דורכשלאָפֿן די נאַכט. טיילמאָל פֿלעגן די דאָזיקע הייסע תּפֿילות מקוים ווערן. די נאַכטיקע גייסטער זענען נישט געווען שלעכט.

די מאַמע איז געווען אַ כלל=טוערין, זי האָט געפֿירט אַן אינטענסיוו, אַקטיוו לעבן, אַ סך האָט זי אַרומגערייזט, באַזוכט פֿאַרשידענע שטעט און שטעטלעך אין גאַנצן לאַנד און אין אויסלאַנד, געהאַלטן פֿאָרלעזונגען וועגן דעם סאָציאַלן מצב פֿון דער פֿרוי אין דער געזעלשאַפֿט, געשריבן אַרטיקלען פֿאַר די צייטונגען, באַזוכט יתומים=הייזער און אַנשטאַלטן פֿאַר איינזאַמע זקנים.

זי האָט זיך שטאַרק אינטערעסירט מיט ענינים פֿאַרבונדענע מיטן שולוועזן און קינדער=גערטנער. פֿאַרשטייט זיך: אירע פֿאַראינטערעסירונ=

גען זענען געווען ריין ווייסנשאַפטלעכע און טעאָרעטישע. פאַר די דאָזיקע אַלע זאַכן האָט זי געהאַט צייט און כוח צו זיין פאַרנומען פון פרי ביזן שפּעטן אָוונט. צום ווייניקסטן צייט האָט זי געהאַט פאַר מ י ר.

ווען איך בין שוין געווען אַ דערוואַקסן מיידל, איז זי קראַנק געוואָרן. די גאַנצע אינטענסיווקייט פון איר קרעפטיק לעבן איז מיטאַמאָל נעלם געוואָרן.

דעמלט בין איך מיטאַמאָל — ווייל אין אַ גאַנץ קורצער צייט — רייף געוואָרן, רייף און זעלבשטענדיק. כ'בין נאָך געווען כמעט אַ קינד און שוין איז מיר געלונגען (אַדאַנק דעם צויבער און דער וויכטיקייט פון מיין מאַמעס גוטן שם) צו באַקומען די שטעלע פון אַ לערערין אין אַן אָוונט-שול פאַר דערוואַקסענע — א י ך האָב איצט געאַרבעט, איך בין געווען די פרנסה-געבערין (דער טאַטע איז אומגעקומען נאָך בשעת דער ערשטער וועלט-מלחמה, כ'האָב אים געקענט בלויז פון דער מאַמעס זכרונות).

די מאַמע איז חדשים לאַנג געלעגן אין בעט און געלייענט דיקע ביכער וועגן די פּראָבלעמען פון פרויען-עמאַנציפּאַציע אין די עקאָנאָמיש פאַרנאַכלעסיקטע לענדער. און איך בין איצט געווען די שטענדיק פאַריאָגטע און פאַרמאַטערטע. די ראָלן אונדזערע האָבן זיך געביטן. איצט האָב איך נישט געהאַט קיין צייט און נישט קיין כוח אויף צאַרטע שמועסן און צערטלעכע באַוועגונגען — און זי, מיין קראַנקע מאַמע, איז איצט געווען די וואַרטנדיקע און די בענקענדיקע. אַנטקעגן איר בעט איז געשטאַנען אַן אַלטמאָדישער זייגער מיט אַן אומעטיק געזיכט, ווייל פאַר מענטשן איינזאַמע און וואַרטנדיקע זענען אַלע זייגערס אומעטיק און טריב.

איך האָב זי פאַרשטאַנען. כ'האָב פאַרשטאַנען דאָס גוססדיקע פליעמעלע אין אירע טיף איינגעפאַלענע אויגן, אָבער העלפן איר האָב איך נישט געקאָנט — נישט איר און נישט זיך. זי איז אויסגעגאַנגען ווי אַ ליכט. מיר האָבן נישט באַוויזן צו זעטיקן אונדזערע קעגנזייטיקע דורשטן און באַגערן פון ליבע און גליק, וואָס אַ מוטער און קינד וואָלטן געדאַרפט קעגנזייטיק זיך שענקען צו דער פולער זעט.

אין יענע ווייטע צייטן, ווען זי איז נאָך געווען געזונט, פלעגן מיר טיילמאָל גיין אויפן הייליקן אָרט, אויף דעם זיידנס קבר. אַ מאָדנע מצבה איז האָרט געשטאַנען. אַ סימבאָל, וואָס די מצבה-שלעגערס אויף דער גאַנצער וועלט פלעגן זיך מיט אים אָפט באַנוצן: פון דעם אָפּגעהאַקטן

שטאַם פון אַ בוים האָט זיך געהויבן צו דער זון אַ דינע, צאַרטע און שוואַכע צווייג מיט קנאָספּן איידעלע, מיט בלעטער. דער שטאַם פון אונטערגעהאַקטן בוים איז געווען אויסגעקריצט אין שטיין, דאָס צוויי־געלע און די בלעטער זענען אויסגעקאָוועט אויס אייזן.

ווער איז ער געווען דער דאָזיקער זיידע מײַנער אונטער דער מצבה? אַן אַלטער בכבודיקער ייד מיט אַ ברייטער זילבערנער באָרד און מיט זיידענע לאַנגע פאות? אַ פרומער ייד אָדער אַ חסיד, וואָס האָט גערעדט מיט גאָט אַזוי ווי משה רבינו? אפשר איז ער געווען אַ געבילדעטער משכיל? אָדער אַן אפיקורס? אַ פּרעסער און אַ זויפער? אַ פרויען־פריינד און פאַרפירער? ס'אַראַ אונטערשיד? ער איז געווען טיף אונטער דער שטיינערנער מצבה, ער האָט געהערט צו אַן אַנדערער עפּאָכע, אין יעדעס וואָרט וועגן אים האָט געקלונגען ווי אַרויסגענומען פון אַ פאַנטאַסטישער מעשה.

כ'געדענק: אַ פריער ווינטער איז געווען, עס האָט געשנייט, ס'איז געווען דער ערשטער שניי, די ערד איז שוין געווען פאַרפרוירן, דער ווינט האָט געבויגן די נאַקעטע קאָנאַרעס פון די בית־עולמדיקע ביימער — צווישן צוויי רייען קברים זענען מיר געגאַנגען מקריב זיין אַ מינוט פאַרטראַכטונג דעם אָנדענק פון טויטן זיידן.

די מאַמע האָט געזאָגט: „זע, שוין צען יאָר, זינט ער איז נישטאָ...“ און ווען זי האָט אַרויסגערעדט די דאָזיקע ווערטער — „צען יאָר...“ — האָב איך געפילט דעם דאָזיקן איבעראַשנדיקן און כמעט אומבאַגרייפלעכן מהלך פון דער צייט, וועלכע איז פאַרמאַכט אין איין יאָרצענדליק. צען יאָר צוריק — דאָס איז געווען פאַרמאַכט אין עבר, דאָס האָט געהערט צו די שווייגנדיקע מלאכים. די ה יי נ ט י ק ע, לעבעדיקע וועלט איז געווען יונג, די לעבעדיקע וועלט איז געווען ווי אַ קינד, ווי אַ בלום, ווי אַ פויגל, וואָס זינגט אין קוסטאַרניק אין שטאָטישן שפּאַצירגאָרטן. די מאַמע איז געווען יונג, די ערד, דער טאָג, דער הימל און די זון, אַלץ וואָס לעבט איז געווען יונג און אייביק.

מיר האָבן איבערגעלאָזט דעם זיידן אויפן בית־עולם און געגאַנגען צוריק צו דער וועלט — די מאַמע צו אירע טעגלעכע וויכטיקע ענינים, און איך...

כ'זע ווי אין קינאָ, ווו די ראָל פון אַן אַקטריסע שפּילט אַ קליין מיידעלע: זי שאַרט זיך דורך די גרויסע צוויי האַלב־טונקעלע שטילע צימערן, אויסמיידנדיק די אַלטע שווערע מעבל. אירע אויגן גלימשן זיך

איבער די פּאַרצייטיקע בילדער, וועלכע זענען אין דאָזיקן הויז פאַרבליבן ווי אַ דערמאָנונג פון צייטן בעסערע און רייכערע. די דאָזיקע אייל-בילדער זענען געווען אין טונקעלע קאָלירן, אין שוואַרצע שווערע ראַמען. אפילו די פּנימער פון די פּאָרטרעטן זענען געווען שוואַרץ, בלויז וו-נישט-וו פלעגט זיך אויף זיי זען אַ רויטער פלעק אָדער אַ פּאַסמע גאָלד פון דער אונטערגייענדיקער זון.

די מעבל, די בילדער, די שווערע הענגל-לייכטער אונטערן סופיט — אַלץ, וואָס איז געווען אומבאַוועגלעך, איז אויך געווען קאַלט און אומעטיק. אָבער איך האָב זיך שוין צוגעוווינט צו זיי און האָב שוין אפילו ליב געהאַט די דאָזיקע זאַכן אוים האָלץ אָדער אוים אייזן, און האָב געקוקט אויף זיי ווי אויף גוטע פריינד, וואָס ווייסן פיל און פאַרשטייען פיל. פלעג זיך אָפט לעבן זיי פאַרטראַכטן, צולייגן צו זיי די האַנט, גלעטן זיי, בכדי צו געפינען אַ שפור פון דער אַמאָליקער פאַרגאַנגענהייט זייערער, פון דער יוגנט זייערער, ווייל עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז פונקט אַזוי ווי עס זענען פאַראַן מענטשן יונגע און אַלטע, אַזוי זענען אויך פאַראַן יונגע און אַלטע מעבל-שטיק. אין דער פאַרטראַכטונג פון שטילן בין השמשות האָב איך געזוכט דעם סוד פון אַלע סודות — דעם סוד פון אייביקער יונגשאַפט. דער דעמבענער פאַרשוואַרצטער טיש איז פלוצים גרין געוואָרן, גרין און לעבעדיק, גרין און בליענדיק, פון זיין יונגן שטאַם האָבן זיך געשיט די קנאָספּן פון פרישע, זאַפטיקע בלעטער — האָב איך צוגעלייגט דאָס אויער צום טיש און האָב אויסהריקלעך און גענוי געהערט דעם געזשום פון וואַלד אין אַ זומערדיקן פרימאָרגן, ווען עס שיינט די זון און עס ווייעט אַ לייכט, וואַרעם ווינטל. אַן אַנדערש מאָל פלעג איך הערן דאָס וואָיען פון שטורעם-ווינט, ווען עס בליצט און דונערט און ביימער פאַלן אום ווי געטראָפענע העלדן.

אַזוי אָט פלעג איך זיך באַוועגן צווישן מעבל און ווענט און עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז מיין צוגעבונדנקייט טוט אויפלעבן דאָס, וואָס איז אפשר קיינמאָל לעבעדיק נישט געווען. און איך האָב געגלייבט, אַז די דאָזיקע הילצערנע און אייזערנע באַשעפענישן זענען גליקלעך, ווען מיין קינדערשער המיון באַשענקט זיי מיט לעבן.

פלעגט טרעפן, אַז דער טונקעלער פּייזאַזש פון טרוקענעם סטעפּ, דורך וועלכן עס גייט די טערקישע פרוי מיט אַ ליימענער קרוג אויפן קאָפּ, איז אין אַזעלכע מינוטן פון קינדערשער פאַרטראַכטונג געוואָרן ליכטיקער, פונקט ווי עס וואָלט אַ לוסטיקער מכשף מיט דעם כוח פון

אַ נס באַלויכטן אויף אַ וווּנדערלעכן אופן דאָס אומעטיקע בילד פון דער טערקישער מויד. אונטער דער ווירקונג פון אַזאַ ליכט לעבן אויף די טרוקענע גרעזער און עס צעבליִען זיך די ווילדע קרייטעכצער און בלומען. און עס פלעגט זיך מיר דאַכטן, אַז איך פיל דעם פיינעם גערוך פון צעבליטן סטעפּ. און אפילו די אַלטע און אַלטמאָדישע הילצערנע שאַפּע, אין וועלכער עס זענען געהאָנגען דער מאַמעס קליידער, פלעגט זיך טיילמאָל צעשמעקן מיט לעבעדיקע סאָסנע-זאַפטן. און ערגעצוו אויף אַ צווייג האָט זיך געהערט דאָס צאַרטע רופן פון אַ פויגל.

איך בין געווען אַליין און האָב זיך געלערנט איינזאַמקייט אין אַ וועלט פון נאַטור-מאָרטן און שטילקייט. שפּעטער, ווען כ'בין שוין געווען אַ דערוואַקסענע, יונגע פרוי, האָב איך פאַרשטאַנען די טיפע ערנסטע קראַפט פון שווייגן. פאַראַן אַזעלכע טעג אין לעבן פון יעדן מענטשן, ווען נאָר דאָס שטילשווייגן קאָן אונדז מציל זיין פון דער ירידה און פון דער מפּלה.

און שווייגן הייסט: נישט קלאָגן זיך, נישט וויינען אין דער אָנוועזנהייט פון מענטשן. אויפפירן זיך דיסקרעט לגבי דער וועלט. אפילו אין די פיר ווענט פון דער אייגענער איינזאַמקייט אויפפירן זיך בכבודיק און רואיק — פונקט אַזוי באַהערשט זיין, ווי אין דער אַנוועזנהייט פון טויזנט נייגעריקע אויגן און אויערן. נישט שרייען ווען עס טוט וויי. דערשעצן דעם ווערט פון שווייגן. טיילמאָל גענינגט עס.

איך לעב. איך בין שוין נישט יונג. מיר עלטערן זיך. מיר מוזן זיך אונטערגעבן דער פאַרמיידלעכקייט און דעם נאַטירלעכן וועלקן. די ליידנשאַפטן ווערן אַלץ שוואַכער. זיי לעשן זיך. דאָס, וואָס איז אַמאָל געווען פייער, פאַרוואַנדלט זיך אין אַש. דאָס, וואָס איז אַמאָל געווען פאַר אונדז וויכטיק, רוקן מיר אַוועק אין הינטערגרונט פון אונדזערע געדאַנקען און געפילן. מיראַזשן: פאַרמעסטונגען, באַגערן, טרוימען פאַרשעמטע, שוין נישט וויכטיקע היינט. ענלעכע צו קרייצן און מעדאַלן פון אַ געשטאָרבענעם גענעראַל. ווער דאַרף זיי?

ס'איז היינט אַ פרעכטיקער זומער-טאָג און איך בין נאָר וואָס געקומען פון דער אַרבעט. צום אָוונט איז נאָך ווייט. וועל איך זיך אַרומלאָזן אויף אַ שפּאַציר ווייט הינטער דער שטאָט, דאָרט וווּ די לאָנקעס און ווייצן-פעלדער זענען שוין דאַכט זיך רייף צום שניט. אַ קליין טייכל, אַ רעטשקעלע שווימט דאָרט און פליסטערט — וועל איך זיך אַוועקזעצן

ביים וואַסער און טראַכטן, טראַכטן... די רעטשלקע איילט זיך — וווהין? און צוליב וואָס איז איר איילעניש?

כ'וועל זיך אָנבייגן איבערן וואַסער און באַטראַכטן די ציטערנדיקע שטריכן פון מיין אייגן געזיכט. זאָג מיר, וואַסער־שפּיגעלע, ווער איך בין! נאָר נישט דעם גאַנצן אמת וויל איך הערן. פאַרשוויַיג, אַז כ'ווער שוין גרוי און אַז די קנייטשן אויף מיין געזיכט זענען אַלץ טיפער און אַלץ מער באַמערקבאַר. דאָס מוז איך נישט הערן.

וואָס רוישט דער טייך? זון, הימל־בלוי, גרינקייט פון דער יונגער וועלט, הירזשען פון אַ פערד, געזאַנג פון אַ פויגל, די פליט פון אַ פאַס־טעכל, גערוך פון קימל, שאָפּענס מוזיק מיט איר מעלאַנכאָליע, דער טעם פון אַ פענעץ ראַזשווע ברויט — דאָס לעבן איז וווּנדערבאַר!

פאַרוואָס איך וויין? פאַרוואָס די הייסע טרערן? זאָגט, אַז איר האָט זיי נישט געזען. ס'איז געווען נישט מער ווי אַ מינוט פון שוואַכקייט. איצט לאַך איך שוין ווידער. לאַכט מיט מיר, מיין פריינד...

איין זומערנאַכט אין האָטעל

(דערציילונג)

אין יענעם האָטעל, וווּ איך האָב זיך דעמלט פאַרהאַלטן, זענען די נעכט געווען פול מיט אומרו. שפּעט אין אָוונט, ווען עס האָט זיך געדאַכט, אַז מען וואָלט געקאָנט דערוואַרטן ס'זאָל זיין שטיל, בכדי מענטשן זאָלן קאָנען שלאָפן נישט געשטערט, גראָד דעמלט פלעגט דאָס גאַנצע הויז אויפלעבן, אָנפילן זיך מיט קלאַנגען און גיין אויף רעדער. אין די צימערן, וועלכע זענען געווען אָפּגעטיילט איינער פון צווייטן מיט דינע ווענטלעך, איז עפּעס פאָרגעקומען, עס האָט זיך געהערט דאָס קרעכצן פון די מעבל, פונקט ווי עס וואָלט עפּעס געפּלאַצט אין זיי, פונקט ווי די הילצערנע הונדערטיעריקע ברעטלעך וואָלטן נאָך נישט געווען גענוג טרוקן, און גראָד איצט איז זיי אויסגעקומען צו באַפרייען זיך פון יענע טייעלכלעך פון לעבעדיקער פייכטקייט, וועלכע זענען אין זיי פאַרבליבן פון די אַמאָליקע צייטן, ווען דאָס טויטע מעבל-שטיק איז נאָך געווען אַ לעבעדיקע און וואַקסנדיקע סובסטאַנץ, וואָס שעפּט די זאַפטן פון דער ערד און שפּייזט מיט זיי דעם שטאַם און די באַבלעטערטע צווייגן.

כ'האָב נישט געוווּסט ווער עס פאַרנעמט די שכנותדיקע צימערן אין האָזיקן קליינעם פּראָווינציאָנעלן האָטעלכל. כ'האָב זיך נישט אינטערעסירט מיט מיינע צופעליקע שכנים, כ'האָב זיך נישט באַגעגנט מיט זיי. כ'האָב ליב די איינזאַמקייט, כ'האָב פיינט צו זיין אָפּהענגיק פון עמעצנס אָנוועזנהייט. טאַקע דערפאַר, טאַקע צוליב דעם דאָזיקן, אַ ביסל סנאָביסטישן כאַראַקטער, בין איך פאַרבליבן אַן אַלטער בחור.

כ'האָב ליב איינזאַמקייט, אָבער אויך אַ פיינע געזעלשאַפט האָב איך נישט פיינט. ס'פרייט מיך אָפט די אָנוועזנהייט פון גוטע פריינד, צוגעקליבענע, אָבער נישט צופעליקע; מענטשן מיט האַרץ און פאַרשטאַנד

האָב איך ליב, אָבער יענע נאַכט, ווען ווען װעלכער איך דערציייל, בין איך געווען איינזאַם ווי אַ יתום אויף אַ ווייסט אינדזל.

און געווען איז עס אַ נאַכט אַ הייסע, אַ מאַטערנדיקע.

אין שכנותדיקן צימער האָט זיך אָן אויפהער געהערט אַ סודותפול פליסטערן, אַ געלעכטער, מינוטנווייז האָט זיך מיר געדאַכט, אַז ס׳וויינט ווער, און עטלעכע מאָל האָב איך געהאַט דעם איינדרוק, אַז עמעצנס שוואַכע שטימע רופט הילף. האָב איך ווידער נישט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס ער רופט אַזוי שטיל, דער דאָזיקער אומבאַקאַנטער שכן מיינער, פאַרוואָס שרייט ער נישט, אויב ער איז באמת אין אַ געפאַר?

דערנאָך האָט זיך אַלץ באַרואיקט, ס׳איז ווידער געווען שטיל. אָבער באַלד האָבן זיך די געהיימנישפולע קלאַנגען געלאָזט הערן אין אַ צווייטן צימער. איצט האָב איך שוין פאַרשטאַנען, אַז אין די דאָזיקע פליסטערנדיקע ווערטער און אין דאָזיקן קרעכצן, אין עמעצנס לאַכן און וויינען, און אויך אין דעם דערשטיקטן געשריי, וואָס כ׳האָב געהערט מיט אַלע מיינע חושים, זענען פאַראַן גרויסע סודות און סימבאָלן פון מענטשלעכע אומגליקן און מענטשלעכע פריידן, פון זאַכן נישטיקע און פון זאַכן ערנסטע — אומעטום קומט עפעס פאָר, שטענדיק קייקלט זיך עפעס פאָרויס, איינער טאַנצט, און דער צווייטער גרייט זיך צו דער לוויה, און אין דער מיט פון אַלע געשעענישן שטייט דער טייוול און לאַכט, און פון זיין געלעכטער שאָקלט זיך זיין טייוולאָנישער ווידל און עס ציטערט די וועלט.

כ׳האָב געעפנט דאָס פענצטער אויפן גאָרטן, ס׳האָט אַ זעץ געטאָן מיטן גערוך פון זשאַסמין, ס׳האַרץ האָט אין מיר גענומען געוואַלדיק ציטערן און פיקן, ווי אַ פאַרבענקט פייגעלע, וואָס איז פאַרשלאָסן אין אַ שטייג. אַ שוויים האָט מיך באַגאָסן, אַנגסטן — די נאַכט איז געווען אַ הייסע, די שטערן אויפן הימל זענען געווען רויט ווי פייער, און צום פרימאָרגן איז נאָך געווען זייער ווייט.

האָב איך ווידער צוגעמאַכט דאָס פענצטער און געעפנט די טיר אויפן קאָרידאָר. גראָד איז אַ יונגע פרוי פאַרשוווּנדן אין איינעם פון די צימערן, כ׳האָב נישט באַוויזן צו באַמערקן ווער זי איז, אַ יונגפרוי אָדער אַ זקנה, אַ קראַסאַוויצע אָדער אַ פאַרזעעניש. אין קאָרידאָר איז געווען כמעט טונקל, דאָס לעמפל האָט געלויכטן, איז געווען באַוואַקסן מיט שמוץ און מיט אומעט.

כ'האָב פאַרמאַכט די טיר און עס האָט מיך אַרומגענומען אַ בלינ־דער אומרו.

אין איינעם פון די צימערן אין ווייטסטן ווינקל פון הויז האָט זיך פּלוצים דערהערט אַ ווילד און גרויזאַם געשריי, האַכט זיך, אַז עס האָט געשריגן אַ מאַנצביל, אָבער ס'איז אויך נישט אויסגעשלאָסן, אַז געווען איז עס אַ פרוי. כ'האָב נישט געוווסט ווער עס שרייט, געפילט האָב איך אָבער, אַז אַזוי שרייט אַ מענטש אין גרעסטער געפאַר, ווען דער פּחד באַרויבט אים פון לעצטן טראָפּן פאַרשטאַנד.

בין איך אַרויסגעלאָפן פון צימער אויפן קאָרידאָר, געוואָלט טראָגן הילף דעם באַדראָטן איבערגעשראָקענעם מענטשן — פאַראַן אַזעלכע מינוטן אין לעבן פון יעדן איינציקן פון אונדז, ווען מיר זענען גרייט אויף די שווערסטע פרוון און קרבנות, בכדי צו ראַטעווען און מינדעסטנס צו דערלאַנגען די האַנט יעדן, וועלכער רופט אונדז.

איך בין געלאָפן אין דער לענג פון קאָרידאָר אין יענער ריכ־טונג, ווו דאָס געשריי האָט טרויעריק געציטערט, כ'בין צוגעלאָפן צו דער טיר, הינטער וועלכער עמעץ איז געווען אין געפאַר. אָבער נאָך איידער כ'האָב באַוויזן אָנצוקלאַפּן, האָט זיך די טיר געעפנט, פון צימער איז אַרויסגעקומען אַ קראַנקנשוועסטער, אַ נאָנע מיט אַ פרום שטרענג געזיכט, זי האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף דער שוועל און מיט אַ קאַלטער שטימע האָט זי געפרעגט וועמען איך זוך.

— איך זוך נישט קיינעם — האָב איך געענטפערט — כ'וויל בלויז וויסן, צי יענער מענטש לײַדט אַזוי שווער? זענען זײַנע יסורים ווירקלעך אַזוי גרויס, אַז ער מוז שרייען?

— אַלע לײַדן מיר גרויסע יסורים — האָט רואיק אויפגעקלערט די דערפאַרענע פרומע פרוי — די גאַנצע וועלט איז פול מיט יסורים. לײַדנדיק, ליבן מיר אונדזער ליבן הער גאָט. אויף אַזאַ אופן גיבן מיר אים אָפּ אַ לויב. אָבער דער היזיקער מענטש שרייט נישט בלויז צוליב יסורים. ער שרייט ווײַל ער האָט מורא. דער פּחד שרייט פון אים אַרויס, דער פּחד פאַרן טויט.

בײַ די דאָזיקע ווערטער האָט דאָס שטרענגע געזיכט פון דער נאָנע געהאַט אַן אויסדרוק פון פאַראַכטונג, זי האָט מסתמא געטראַכט: אַ מענטש, וועלכער שרייט פון פּחד פאַרן מלאך־המות, איז נישט מער ווי אַ שמאַטע. איז דען נישט אונדזער לעבן אַ פּערמאַנענט וועלקן און

שטאַרבן יעדן טאָג און יעדע נאַכט, פון דער פריער יוגנט ביז צו דער לעצטער שעה פון אונדזער דאָ־זיין?

און דער מענטש הינטער דער טיר האָט געשוויגן און געשריגן. און איך האָב פאַרשטאַנען דעם דאָזיקן געשריי, ווייל איך אַליין האָב אויך מורא פאַרן טויט. טייל מאָל וועק איך זיך אין דער האַלבער נאַכט, אין יענער אויסטערלישער שעה, ווען אַלטע ייִדן פלעגן אָמאָל אָפּרעכטן חצות, איך וועק זיך אַן איבערגעשראָקענער און עס דאַכט זיך מיר, אַז איך הענג אויף אַ דינער האָר איבער אַ טיפן אָפּגרונט און אָט־אָט אין איין רגע וועל איך אַרײַנפאַלן אין תהום פון אַבסאָלוטער פינצטערניש און — כ׳וועל נישט זיין מער...

האָב איך, הייסט עס, פאַרשטאַנען דעם דאָזיקן גוססדיקן מענטש, כ׳האָב פאַרשטאַנען זיין אַטאַוויסטישן שרעק, כאָטש איך אַליין האָב נאָך קיינמאָל נישט געשריגן אַזוי ווי ער, מיין געשריי איז געווען אַן אינערלעכער, אַ שטומוודיקער. כ׳וואָלט צוערשט געמוזט אַראָפּ פון זינען, בכדי צו קאָנען אַזוי הויך און נעבעכדיק שרייען.

אָבער דער מענטש הינטער דער טיר האָט, זעט אויס, געהאַט אַן אַנדערע, אפשר אַ מער פילבאַרע נשמה, דעריבער איז זיין פחד געווען אַזוי גרויס. און קיינער איז נישט געווען בכוח אים צו העלפן, און ווען דעם האָט געוווסט די קלוגע קראַנקנשוועסטער, וואָס איז געשטאַנען אויף דער שוועל פון צימער און נישט געוואָלט מיך צולאָזן צום בעט פון קראַנקן.

אויף דעם לאַנגן האָטעל־קאָרידאָר, צווישן צוויי רייען פאַרמאַכטע טירן, הינטער וועלכע ס׳זענען רואיק געשלאָפן די איינוווינער, האָט זיך דערנענטערט די טונקעלע געשטאַלט פון אַ גלח. ער איז געקומען מתוודה זיין דעם שטאַרבנדיקן און מוחל זיין די זינד זיינע, די זינד קעגן גאָט און אפשר אויך די זינד קעגן מענטשן. די נאָנע האָט זיך אָפּגערוקט פון דער שוועל, דער גייסטלעכער איז אַריין אין צימער, און איך בין נאָך אַ ווײַלע געשטאַנען ביי דער טיר און האָב נאָכגעהאָרכט. דער קראַנקער האָט זיך עטוואָס באַרואיקט. זעט אויס, אַז דער גייסטלעכער האָט פאָרט געהאָלפן מיט זיין אָנוועזנהייט.

מיט אַ גאָליקער אייפערזוכט האָב איך געטראַכט, אַז מיר וואָלט דער דאָזיקער גייסטלעכער גאָרנישט געהאָלפן אין אַזאַ רגע, מיך וואָלט ער נישט געקאָנט באַרואיקן, מיין דמיון איז אַן אַנדערער, אַ מער שווייַגנדיקער, אַ פאַרמאַכטער, אַן אומגלויביקער.

כ'בין ווידער געזעסן אין צימער, געוואַלגערט זיך אויפן געלעגער, דער שלאָף איז נישט געקומען.

עטלעכע מינוטן נאָך דער האַלבער נאַכט האָט דער איינוווינער פון שכנותדיקן צימער אָנגעשטעלט דעם ראַדיאָ־אַפּאַראַט, עס האָט זיך צעזונגען אַ הייזעריקע, כמעט שיכורע שטימע, אַ שדים־קאָנצערט האָט זיך געלאָזט הערן, ס'האָט ווער געזונגען וועגן ליבע און וועגן שטערן, וועגן בענקשאַפט און וועגן גוססן צוליב בענקשאַפט, דער קאָנצערט איז געווען באַנאַל און האַרצרייסנדיק. פּלוצים האָט זיך די מוזיק אָפּגעריסן, ווי איבערגעהאַקט מיט אַ קצבישער האַק, דער ראַדיאָ־ספּיקער האָט איבערגעגעבן די לעצטע ספּאָרט־ניַיעס — זייער וויכטיקע עניָנים וועגן באָקס, אַטלעטיק און אַנדערע קלוגע זאַכן. ווי לאַנג האָט עס געדויערט? כ'ווייס נישט. כ'האָב זיך דערמאָנט מיין באָבעס קלוגע רייד, אַז ווען מען ווייסט ווי שפּעט ס'איז, אַנטלויפט גיכער די צייט — און איך האָב באַשלאָסן נישט צו קוקן אויפן זייגער.

בין איך געזעסן ביים פענצטער און האָב געוואַכט, ביז אויפן מזרחדיקן ראַנד פון הימל האָט זיך צעפּינקלט דער מאָרגנשטערן, און די וועלט איז געוואָרן בלויער און העלער.

אַ פויגל האָט זיך צעשריגן, און נאָך אים נאָך אַ צוויי־דריי מיניִם אויפגעוועקטע פייגעלעך, כ'האָב געהאָרכט און געפּרוווט פאַרשטיין, וואָס זיי זינגען אויסן מיטן האַזיקן געשריי, וואָס ווילן זיי, וואָס פילדערן זיי אַזוי, וואָס רוישן זיי אַזוי אַלע גלייכצייטיק? אפשר פירן זיי אַן ערנסטן וויכוח וועגן זייערע ערנסטע פייגלשע עניָנים, און אפשר איז עס אַזאַ גוט מאָרגן זייערער, אַ באַגריסונג אַזאַ פאַר דעם אָנקומענדיקן טאָג...

און דאָ בין איך אַנטשלאָפן געוואָרן, ענדלעך געכאַפּט אַ געשמאַקן דרימל. אָבער די חלומות מיינע זענען געווען טריבע, שווערע און טונקעלע, ווי די שוואַרצע וואָלקנס, וואָס הענגען איבערן וואַלד. און אין חלום האָב איך אַ טראַכט געטאָן, אַז אויך איבער דעם מענטש הענגט שטענדיק עפּעס — אַ דונער, וואָס קיינער ווייסט נישט ווען און וועמען ער וועט טרעפן. און קיינער ווייסט אפילו נישט *פאַרוואָס* ער וועט טרעפן. אפשר פון עמעצנס קאַפּריז — גאָטס צערטלעכקייטן זענען שוין אַזעלכע, קאַטאָוועס פון אונדזער רבונו־של־עולם, ווען גאָט גיט עמעצן אַ קיצל, טרעשטשען די ביינער. ס'איז מכלומרשט נישט מער ווי אַ שפּאַס פון בורא עולם, און דער מענטש האַלט נישט אויס, ער ברעכט זיך און פאַלט פון די פיס און וואַלגערט זיך אין פּראָך.

געווען איז שוין גרויסער טאָג, ווען די דיגסט־מויד פון האָטעל האָט מיך אויפגעוועקט. זי האָט מיר אַריינגעבראַכט אַ געשמאַק פרישטיק, באַצוקערט מיט אַ פאַרפירערישן שמייכל.

כ׳האָב אָפּגעגעסן און בין אַרויס פון צימער. אויפן קאָרידאָר האָב איך ווידער באַגעגנט די קראַנקנשוועסטער, די נאָנע.

— וואָס מאַכט דער חולה? — האָב איך געפרעגט — האָט ער נאָך אַזעלכע שרעקלעכע יסורים?

נישט פאַרהאַלטנדיק זיך און נישט קוקנדיק אויף מיר, האָט זי געענטפערט:

— ניין, ער האָט שוין נישט קיין יסורים...

און זי איז פאַרשוווּנדן הינטער דער טיר פון וואַש־צימער.

כ׳האָב זיך פאַרטראַכט איבער איר פילדייטיקער תשובה: גוט, אַז קיין שום ליידן דוירן נישט אייביק. אַלץ ענדיקט זיך אין אַ געוויסן פרימאָרגן אָדער אין אַ געוויסן פאַרנאַכט. די פינצטערניש ווערט אויס, און אפילו נאָך דער לענגסטער שלאָפלאָזער נאַכט גייט אויף די זון און עס קומט אָן אַ נייער טאָג.

ווי די שמעטערלינגען שוועבן...

אין איינעם אן אָוונט אין יאָר 1943 האָט עמעץ שטיל אָנגעקלאַפּט אין פענצטער פון איינזאַמען מאַגיסטראַט־שרייבער, וועלכער האָט גע־לעבט און געוווינט הינטער דער שטאָט און האָט געפירט א שטיל באַ־שיידן לעבן אָן פרויען און אָן פריינד, נישט ווי א מענטש, נאָר ווי א שאָטן פון א מענטש.

דאָס קלאַפּן איז געווען לייכט, און דער ערשטער מינוט האָט זיך געקאָנט דאַכטן, אז דאָס שאָקלט דער ווינט מיט דער שויב. אָבער דאָס איז נישט געווען דער ווינט. דאָס איז געווען א פרוי, א פרויען־געשטאַלט. ער האָט זי דערקענט ערשט ווען ער האָט געעפנט דאָס פענצטער און זי האָט דערנענטערט איר געזיכט צו זיין געזיכט און זי האָט געגומען פּליס־טערן ווערטער, וואָס ער האָט נישט פאַרשטאַנען, ווייל גראָד דעמלט האָט זיך צעבילט דער הונט ביים שכן אין גאָרטן.

שטיל, בכדי נישט אויפצוּוועקן די באַלעבאָסטע, וועלכע איז גע־שלאָפן אין קיך, האָט ער געעפנט די טיר.

רעגינע דאַמף, די טאָכטער פון איינגעטימער פון טריפּהנעם רעס־טאָראַן, איז אריינגעקומען און געבליבן שטיין אין פינצטערן צימער, א הויכע און אומבאַוועגלעכע ווי א דענקמאָל.

דער מאַגיסטראַט־שרייבער האָט פון איר אראָפּגענומען דעם מאַנטל און זיינע אויגן האָבן פון דער פינצטערניש ארויסגעשיילט אירע אָרעמס, איר געזיכט. ער האָט זי אָנגענומען ביי דער האַנט, זי האָט געציטערט. ער האָט אָנגערירט אירע האָר, זיי זענען געווען געדיכט און ווייך. זי האָט אָנגעלענט דעם קאָפּ אויף זיין אקסל און זיך צעוויינט.

זי האָט דערציילט, כאַפּיש דערציילט און אליין איבערגעהאקט זיך די רייד, איבערגעריסן איין דערמאָנונג מיט אַן אנדערער דערמאָ־נונג. אלץ, וואָס זי האָט דערציילט, איז געווען גרויזאַם און שרעקעוודיק.

זי האָט דערציילט וועגן דעם הויז, פון וועלכן מען האָט זי און איר משפּחה פאַרטריבן, זי איז זייער צוגעבונדן געווען צום דאָזיקן הויז, זי איז דאָרט געבוירן געוואָרן און איר פאָטער איז דאָרט געבוירן געוואָרן, און איר זיידע. און וועגן די חדשים פאַרבראַכטע אין געטאָ האָט זי דערציילט: אין אַן ענגן צימער זענען זיי דאָרט געווען אַ מנין מענטשן. ווען עס וואָלטן אַפילו נישט געווען קיין דייטשן אויף דער וועלט און נישט קיין הונגער און נישט קיין פּחד און נישט קיין געפאַר, וואָלט אויך שוין גענוג געווען, וואָלט אויך שוין שווער און ביטער געווען ביז צו דער גרענעץ פון אויסדויער.

אין אַ געוויסער נאַכט האָט זיך אין געטאָ באַוויזן וואָלאָדיע פּאָליאַנסקי, דעם רוסישן גלחס זון, דער זעלבער וואָלאָדיע, וואָס האָט געהאַט אַ יידישע פרוי, דעם יידישן קברנס טאָכטער.

וואָלאָדיע איז געווען דער אויסלייזער. ער האָט זי אַרויסגעפירט פון געטאָ, ער האָט זי אַריינגעבראַכט אין דער רוסישער צערקווע, דאָרט אונטער דעם דיל איז געלעגן אין אַן אויסגעגראָבענער באַהעלטעניש ווי אין אַ קבר וואָלאָדיעס אַמאָליקע ליבע, וואָלאָדיעס ווייב. זי איז דאָרט געווען איינזאַם און האָט נישט געהאַט מיט וועמען צו רעדן אַ וואָרט, האָט וואָלאָדיע איר געוואָלט לייכטער מאַכן די איינזאַמקייט, ער האָט מורא געהאַט זי זאָל נישט אַראָפּ פון זינען, דעריבער איז ער געקומען נאָך רעגינען. זענען זיי דאָרט שפּעטער געלעגן אינצווייען, רעגינע און יוכבד, אין אַ פינצטער קעלערל, איינגעבויגן און אומבאַוועגלעך, אינדערפרי און אינאָוונט האָבן זיי געהערט דאָס קלינגען פון גלאָק אויפן טורעם פון דער צערקווע. טייל מאָל פלעגן זיך הערן טריט פון די גלויביקע, וואָס זענען געקומען מתפּלל זיין. זונטיק אינדערפרי פלעגט זיך אויך הערן אַ פרומער כאָר, וואָס האָט געזונגען „האָספּאָדי פּאָמילוי, האָספּאָדי פּאָמילוי...“

די שווייגנדיקע, אויסגעמאָגערטע און קרענקלעך־בלאַסע פרוי, וואָס איז געלעגן נעבן רעגינען, איז געווען וואָלאָדיעס ווייב, אַ משומדת איז זי געווען נאָך עטלעכע יאָר פאַר דער מלחמה, דערנאָך האָט זי אין אַ געוויסן טאָג פאַרלאָזט דעם קריסטלעכן מאַן און זיך פאַרבונדן מיט הערש־לייב האָבקיעס, מיט דעם זעלבן הערש־לייב, וואָס די דייטשן האָבן אים אויפגעהאָנגען באַלד דעם ערשטן שבת, ווי נאָר זיי זענען אַריינגעקומען אין שטעטל.

וואָלאָדיע האָט זיך דערמאָנט מרחם געווען איבער זיין אַמאָליקער פרוי, ער האָט זי געוואָלט ראַטעווען, זעט אויס, אַז עס איז נאָך ביי אים נישט אויסגעטריקנט געוואָרן די גאַנצע ליבע און ליידנשאַפט צו איר. אָבער די שיינע יוכבד איז שוין נישט געווען די זעלבע שיינקייט, וואָס אַמאָל, זי איז געווען גרוי ווי אַ טויב, אין איין וואָך איז זי אַלט און גרוי געוואָרן. זינט מען האָט ביי איר צוגענומען הערש־לייבן און זינט מען האָט אויף אירע אויגן געהרגעט זייער קינד, האָט זיך אַ משוגעת אַרייַנגעגנבעט אין אירע גרויסע שוואַרצע אויגן.

זענען זיי געלעגן אונטער דעם דיל פון דער צערקווע, כמעט נאַקעט, ווייל עס איז דאָרט געווען היים און קיין לופט האָבן זיי נישט געהאַט צו דער זעט און אויך קיין וואַסער האָבן זיי נישט געהאַט צו דער זעט — זינט דריי טעג האָט זיך וואָלאָדיע נישט באַוויזן און די צוויי פרויען אונטער דעם דיל האָבן נישט געוווסט, צי ער איז אַרעסטירט געוואָרן דורך די דייטשן, צי ער האָט זיך פשוט אָנגעשיכורט און פאַרגעסן, אַז זיי וואַרטן אויף אים אין אַנגסטן. זינט דריי טעג האָט זיך וואָלאָדיע נישט באַוויזן און זיי האָבן געהאַט נישט מער ווי אַ קליין פלעשל וואַסער, יוכבד האָט געהלשט פאַר דורשט, און דערמאָנט האָט רעגינע באַשלאָסן צו פאַרלאָזן דעם בונקער אונטער דער צערקווע.

דער מאַגיסטראַט־שרייבער איז געווען טיף געריהרט און האָט געהאַט גרוים הרטה, הלמאַי ער האָט ביז היינט נישט געהאָלפן קייגעם פון יענע פאַרפאָלגטע אָרעמע מענטשן, און ער האָט געפילט, אַז דאָס האַרץ וואַקסט אין אים און ווערט אַלץ ייִדעלער און מוטיקער, ער האָט געפילט, אַז זיין האַרץ ווערט גרייט צו גרויסע און העלדישע מעשים. ער איז געווען אַן איינזאַמער עלטערער בחור, און איצט האָט ער פלוצים דערפילט, אַז ער איז שוין נישט איינזאַם, ער האָט שוין איצט פאַר וועמען צו לעבן און פאַר וועמען צו שטאַרבן — אויב עס וועט זיך נייטיקן.

ער האָט געקוקט אויף רעגינען האַמף און האָט זיך פלוצים דערמאַנט, אַז זינט פיל, פיל יאָרן האָט ער נישט געליבט קיין שום פרוי און קיין שום פרוי האָט אים נישט געליבט, און זיין לעבן איז געווען טרוקן און אומעטיק, אומעטיק און פוסט.

ער האָט געגנבעט פאַרהאַנגען דאָס פענצטער, פאַרריגלט די טיר און אָנגעצונדן דעם לאָמפ. רעגינע דאַמף מיט אירע לאַנגע געלע צעפ האָט זיך אים אויסגעוויזן שיין ווי די הייליקע מאַמע. ער האָט גענומען קושן

אירע הענט און זי האָט אויפגעהערט צו ציטערן, זי האָט זיך באַרואיקט, און ער — ער האָט פאַרגעסן ווער ער איז און וו ער איז, און ער האָט צו איר גערעדט צארט און אַלטמאָדיש, צאַרט און סענטימענטאַל, צאַרט און ווייך: וועגן ליבע און וועגן בענקשאַפט, וועגן ליידנשאַפט גרויסער און אומשטערבלעכער. ער האָט גערעדט מיט ברען און מיט אמת, זי האָט דערקענט אין זיינע אומעטיקע אויגן — און זי האָט געגלויבט, אַז ער איז אין איר פאַרליבט זינט ער האָט זי צום ערשטן מאָל געזען און זי האָט דערביי געטראַכט, אַז ער איז אומגליקלעך, דער דאָזיקער פאַר־זאָרגטער און אומעטיקער מענטש און זי האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין פאַ ר וו אָ ס ער איז אַזוי אומעטיק און אומגליקלעך, ער איז דאָך נישט קיין ייִד, ער איז נישט פאַראורטיילט, ער האָט דאָך רעכט צו אָטעמען מיט פרישער לופט און צו טרינקען וואַסער צו דער זעט.

ער האָט זי געהאַלטן אין די אָרעמס און געוויינט, אַזוי סענטימענטאַל איז ער געווען דער דאָזיקער מאַגיסטראַט־שרייבער, ער האָט געוויינט און זי האָט אָפּגעווישט זיינע טרערן. אין זיינע אָרעמס איז איר געווען גוט, זי האָט פאַרגעסן וועגן אַלע געפאַרן, דער גאַנצער עבר און די גאַנצע קעגנוואַרט האָבן גענומען אוועקשווימען, פאַרשווינדן.

אינדערפרי איז דער שרייבער אויפגעשטאַנען דער ערשטער, רעגינע איז נאָך געשלאָפן. שטיל איז ער געשטאַנען בעבן איר געלעגער, מיט צאַרטקייט האָט ער אָנגערירט איר לייב — זי האָט זיך נישט אויפגע־וועקט, אָבער אירע ליפּן האָבן לייכט געשמייכלט.

צומאָרגנס איז אויסגעפאַלן די יאָרצייט פון אוקראַינישן אַטאַמאַן פּעטליורא. אן אָפּטיילונג פון עס־עס־גאַליציען האָט אריינמאַרשירט אין שטעטל אַריין — נקמה נעמען פאַר דעם אַטאַמען, וואָס די זשידעס האָבן אים אומגעבראַכט. דריי טעג און דריי נעכט האָבן זיך די דייטשן צוגעקוקט ווי די אוקראַינישע פאַשיסטן לאָזן זיך וווילגיין. די נקמה־נעמער האָבן געהאַט א פרייע האַנט.

דער מאַגיסטראַט־שרייבער פלעגט יעדן אינדערפרי אַרויסגיין צו דער אַרבעט און יעדן טאָג האָט ער זיך באַמיט אהיימצוקומען וואָס גיכער — ער איז געווען נערוועז און אומרואיק, ער האָט פאַרשטאַנען, אַז קיינמאָל וועט ער שוין נישט זיין רואיק, ווי לאַנג רעגינע וועט זיין אין זיין שטוב, ווייל שטענדיק וועט ער שוין ציטערן וועגן איר גורל, שטענדיק וועט ער שוין מורא האָבן פאַר יענע צופעליקע און נישט־פאַרויסגעזעענע

געשעענישן, וועלכע דריגגען טיילמאָל אריין אין אונדזער לעבן, דעמלט ווען מיר ריכטן זיך נישט אויף זיי, אין איין רגע זענען זיי אימשטאנד צו צעשטערן אונדזער גאנצע עקזיסטענץ און חרוב צו מאכן דאָס אלץ, אויף וואָס דער מענטש בויט זיין גאנצע האָפענונג.

דער מאגיסטראט־שרייבער האָט מורא געהאט. איצט האָט ער שוין געהאט וועגן וועמען מורא צו האָבן: רעגינע האָט געוואָרט אויף אים, רעגינע האָט אים פארטרויט איר לעבן.

אין דריטן טאָג פון די פייערלעכקייטן לכבוד דער יאָרצייט פון אַטאַמאַן פּעטליורא האָט מען נעבן דער שטוב פון מאגיסטראט־שרייבער געפירט צום בית־עולם עטלעכע צענדליק יידן. הינקענדיק און איינגעבויגן האָט זיך צווישן זיי געשלעפּט רעגינעס פאָטער, דער אלטער טויבער דאמף.

רעגינע האָט געקוקט דורכן פענצטער, זי האָט געזען זיין פליכעוואטן קאַפּ, זיין איינגעהויקערטן רוקן — און גראָד דעמלט האָט זיך דער פאָטער אומגעקוקט. די גאנצע צייט האָט ער זיך נישט אומגעקוקט, נאָר גראָד אין דער דאָזיקער רגע, פּונקט ווי ער זאָל געוואוסט פילן איר בליק אויפן רוקן. האָט ער זיך אומגעקוקט און זי האָט דערזען זיינע אויגן, אנ־דערע ווי געוויינלעך, פארחידושטע, נישט אזעלכע לויטערע ווי תמיד, נישט אזעלכע שאַרפזעענדיקע ווי תמיד, ער האָט זיך ארומגעקוקט, ס'האָט זיך געקאָנט דאכטן, אז ער זוכט וועמען. וועמען האָט ער געזוכט? אפשר האָט ער געוואָלט וויסן ווו זיינע טעכטער זענען?

דער זעלנער האָט אים דערלאנגט מיט דער ביקס, דער אלטער מענטש האָט זיך א וואקל געטאָן און האָט גענומען לויפן, אָבער ער האָט נישט געהאט קיין כוח, די פיס האָבן אים נישט געוואָלט טראָגן, ער איז ווידער געבליבן הינטערשטעליק.

רעגינע דאמף האָט ארויפגעוואָרפן דאָס טיכל אויף די געל־פלאמיקע האָר און איז ארויס פון שטוב. זי איז געלאָפן אין מיטן דער גאס, נישט אויפן טראָטואר, ווייל זי האָט געדענקט, אז דער טראָטואר איז פארבאָטן פאר יידן, זי איז געלאָפן און האָט געשריגן: „טאטע! טאטע!...“

קיינמאָל האָט זי צו אים נישט גערעדט יידיש און קיינמאָל האָט ער צו איר נישט גערעדט יידיש, קיינמאָל האָט זי צו אים נישט געזאָגט „טאטע“, אָבער דאָסמאָל האָט זי אזוי געשריגן, אזוי האָט זי צו אים

גערופן, אויף יידיש האָט זי צו אים גערופן, אַלע שכנים האָבן עס געהערט, מענטשן געדענקען עס ביז היינט: יידיש האָט זי געשריגן.

און באַלד האָט זי אים העריאָגט. זענען זיי איצט געגאַנגען צוזאַמען. זיי האָבן זיך געהאַלטן ביי די הענט, אַזוי ווי דעמלט, ווען זי איז נאָך געווען אַ קליין מיידעלע און פלעגט מיט אים, מיטן פאָטער, גיין שפּאַצירן וויט הינטער דער שטאָט, מעגלעך, אַז זיי זענען נישט־איינמאָל געגאַנגען מיטן זעלבן וועג אין דער ריכטונג פון הייליקן אָרט. אָבער דעמלט האָט זיי קיינער נישט צוגעאײַלט, דעמלט האָט נישט גערעגנט אַזוי ווי היינט און עס איז נישט געווען קיין אוקראַיִנישע און דײַטשישע מונדירן און מיט ביקסן אין די הענט.

רעגינע איז געגאַנגען מיט צוגעמאַכטע אויגן — אַזוי איז געווען בעסער, אַזוי איז דער פּחד געווען קלענער. זי האָט נישט געטראַכט, זי האָט נישט געוואָלט טראַכטן, אַז זי גייט אַנטקעגן דעם טויט — זי האָט געוואָלט טראַכטן וועגן דעם, וואָס איז געווען גוט, און וועגן דעם, וואָס איז פאַרבליבן גוט. גוט איז געווען דער באַריר פון פאָטערס האַנט. גוט איז געווען זיין נאָענטע אָנוועזנהייט, און גוט איז אויך געווען די דערמאָנונג וועגן יענע דריי טעג און נעכט, וואָס זי האָט פאַרבראַכט אין צימער פון מאַגיסטראַט־שרייבער. גוט איז געווען דאָס, וואָס זי האָט דאָרט מיטגעמאַכט — זי פילט עס נאָך איצט אומעטום, אין די לענדן, אין האַרץ, אין דער נשמה.

אַזוי האָט זי געטראַכט, פירנדיק דעם פאָטער ביי דער האַנט. און דער בית־עולם איז געוואָרן אַלץ נעענטער און נעענטער.

און דערווייל איז דער מאַגיסטראַט־שרייבער געשטאַנען נעבן זיין שרייבטישל און האָט טריב געקוקט אויף היטלערס פּאָרטרעט, וואָס איז געהאָנגען אויף דער וואַנט, געקוקט אויפן זייגער, און די צייט האָט זיך היינט גערוקט פּאַוואָליע, קוים קריכנדיק. און זיין אומרו איז אַלץ געוואַקסן און געוואַקסן און ענדלעך האָט ער זיך אַנטשלאָסן: ער האָט פאַרמאַכט דאָס צימער, איבערגעלאָזט דעם שליסל ביים וועכטער און איז אַרויסגעלאָפן אויף דער גאַס.

די שטאָט איז געווען שטיל, די געסלעך פּוסט. נאָר פון דעם באַרגיקן וועלדל הינטער דער שטאָט, פון יענעם בערגל, אויף וועלכן עס איז געלעגן דער יידישער בית־עולם, האָט זיך געטראָגן אַ געדיכטע שיסערײַ פון מאַשינגעווער.

דער מאגיסטראט־שרייבער איז געגאנגען אהיים מיט שנעלע טריט, ער האָט שווער געאָטעמט פון אויפרעגונג, מיט ציטערנדיקע באוועגונגען האָט ער אויפגעעפנט די טיר פון זיין צימער, און נאָך איידער זיינע אויגן האָבן דערזען, האָט זיין הארץ שוין דערפילט, אז רעגינע איז שוין נישטאָ.

אויפן בערגל וווּ רעגינע איז באגראָבן צוזאמען מיט איר פאָטער און צוזאמען מיט פיל אנדערע יידן, אויפן דאָזיקן בערגל וואקסט די קאלינע, זומערצייט שוועבן דאָרט ארום פארביקע שמעטערלינגען, אויף קליינע פידעלעך שפילן די גרילן, מוראשקעס באַמיען זיך און איילן זיך אומדערמידלעך, די זון שיינט. טיילמאָל רעגנט, נאָכן רעגן צעבליען זיך די טשאטשקעס און עס שמעקן די ווילדע קרייטעכצער.

כ׳וועל גיין אויפן דאָזיקן פארגעסענעם בערגל, כ׳וועל פארנורען דאָס פנים אין ווילדגראָז און כ׳וועל זיך צעוויינען, כ׳וועל וויינען איבערן לעבן און טויט פון דער שיינער רעגינע דאַמף.

ווען כ׳וועל שטארבן, באגראָבט מיך נעבן איר.

געווידמעט דעם אָנדענק פון דער פריצייטיק פאַרשטאָרבענער חבורה זיידמאַן.

אַ מעשה מיט אַ פרעמדן

די דאָזיקע מעשה איז נישט סתם אַ מעשה ווי אַנדערע. ס'איז אַ מעשה מיט אַ משל און מיט אַ נמשל — פון יענע אויסטערלישע מעשיות, וואָס מענטשן פלעגן דערציילן אַמאָל, נאָך פאַר דער מלחמה, ווען ייִדן האָבן געהאַט אַ סך צייט צו דערציילן און אַ סך צייט צו האָרכן.

אַזאַ מעשה האָב איך דאָס מאָל אויסגעטראַכט. און לייענען די דאָזיקע מעשה דאַרף מען אינאָוונט. און נישט סתם אין ערשטן בעסטן אָוונט, נאָר אין אַ האַרבסטיקן אָוונט, ווען אינדרויסן איז קאַלט, ס'רעגנט, און די הינט בילן אַזוי אומהיימלעך און אומרואיק, ווי זיי וואָלטן געפילט, אַז אויסטערלישע זאַכן קומען פאָר אויף דער וועלט.

אין אַזאַ אָוונט זענען אין אַן אָרעמער דאָרפישער שטוב געזעסן צוויי מענטשן — אַן אַלטער פויער און אַ פרוי אין די מיטעלע יאָרן.

כ'פאַרשטיי, אַז איר ווילט מיר דאָ איבעררהאַקן די רייד און פרעגן, צי דער אַלטער פויער און די פרוי אין די מיטעלע יאָרן זענען געווען פון ייִדישן גלויבן, און בכלל צי זיי זענען געווען ייִדן. וויל איך אייך ענטפערן אויסמיידנדיק, נישט יאָ און נישט ניין, ווייל די דאָזיקע מעשה איז אַזוי געשריבן, אין אַזאַ נוסח, אַז עס איז נישט קיין אונטערשיד ווער די דאָזיקע מענטשן זענען געווען און וווּ די זאַך איז פאָרגעקומען, צווישן ייִדן אָדער צווישן קריסטן, אין פינטשעוו אָדער אין האָצעפּלאָץ.

זענען זיי אַזוי געזעסן ביי פאַרמאַכטע טירן און ביים קאַרגן שיין פון נאַפט־לאָמפּ און האָבן זיך צוגעהאָרכט צום וואָיען פון ווינט, און פלוצים האָט ווער אָנגעקלאַפּט אין דער טיר, די פרוי האָט פרעגנדיק אַ קוק געטאָן אויפן זקן, און ערשט ווען ער האָט דערלויבט, האָט זי אויפגעעפנט די טיר און אַריינגעלאָזט אַ מענטשן אין אָפּגעריסענע קליידער, וועלכער איז געווען גרין פון הונגער און מידקייט, און האָט געציטערט פון קעלט, די מלבושים זיינע זענען געווען נאַס, און די שיך צעפליקט. ס'איז געווען קענטיק, אַז ער קומט פון ווייטע מקומות.

די פרוי האָט ביי אים צוגענומען דעם מאַנטל און אויפגעהאָנגען ביים אויוון. באַלד האָט זיך פון דעם דורכגעווייקטן מלבוש גענומען טראָגן אַ פּאַרע. דער פרעמדער האָט אַלין נאָך געציטערט. ער האָט מיט טיפער דאַנקבאַרקייט געקוקט אויף דער פרוי און אויף דעם אַלטן בעל־הבית. אויף די ביינערדיקע, קרענקלעכע בלאַסע באַקן פון אורח האָבן זיך גע־קייקלט טרערן.

די פרוי האָט אים צוגעטראָגן אַ גלאָז טיי. זי האָט זיך אַנטשול־דיקט, וואָס אָן צוקער. ס'האָט גראָד אויסגעפעלט צוקער אין שטוב.

דער פרעמדער האָט עפּעס שטיל געפּליסטערט, אָבער זיי, די באַלע־באַטים, האָבן נאָך נישט פאַרשטאַנען דעם האָזיקן פּליסטער.

— פון וואַנען זענט איר? — האָט געפרעגט דער אַלטער פויער.

דער אָנגעקומענער האָט שטיל און שעמעוודיק געענטפערט, אַז ער איז אַ היגער, אַ דאָאיקער, ער שטאַמט פון דער דאָזיקער אָרטשאַפט.

— אויב איר זענט אַ דאָאיקער, טאָ פאַרוואָס גייט איר נישט צו אייערע קרובים? — האָט געפרעגט די פרוי.

איצט האָט זיך דער פרעמדער נאָך מער צעוויינט.

— איר דערקענט מיך נישט — האָט ער געענטפערט מיט אַ גע־בראָכענער שטימע — איר האָט שוין פאַרגעסן, איר געדענקט שוין נישט, אַז איך בין אייערער און אַז איר זענט מיינע.

די פרוי האָט אים פאַרדעכטיק באַטראַכט און איבערגעטראָגן דאָן דעם פרעגנדיקן בליק אויף דעם זקן.

— ווער זענט איר? — האָט זי נאָכאַמאָל איבערגעפרעגט שאַרף — ווער זענט איר און וואָס ווילט איר פון אונדז?

— איך בין דיין מאַן...—האָט געזאָגט דער פרעמדער און האָט זיך אַ וואַקל געטאָן.

— וואָס וויל ער? — האָט געזאָגט דער אַלטער — גיב אים אַ שטיקל ברויט און זאָל ער זיך גיין זיין וועג.

— טאַטע... —האָט שטיל געזאָגט דער אורח — מיין טאַטע. אויך דו דערקענסט מיך נישט?

ער איז צוגעגאַנגען צו דער שווייגנדיקער פרוי און אָנגענומען זי ביי דער האַנט.

— ביסט מיין פרוי — האָט ער געזאָגט — ווען דו זאָלסט וויסן, ווי זייער כ'האָב געבענקט נאָך דיר. וויפל ליידן כ'האָב דורכגעמאַכט, ביז כ'בין צוריקגעקומען.

— וואָס רעדט ער? — האָט זיך ווידער באַאומרואיקט דער אַלטער.

— ער זאָגט, אַז ער איז מיין מאַן.

דער אַלטיטשקער האָט זיך צעלאַכט.

— איר האָט ליב צו טרייבן לצנות — האָט ער געזאָגט צום פרעמדן.

ס'האָט זיך צווישן זיי פאַרבינדן אַ שמועס, וואָס איז געווען פול מיט צער און פול מיט מיספאַרשטענדענישן.

— טאַטע, טאַטע מיינער... — האָט געוויינט דער פרעמדער — פאַר וואָס דערקענסטו נישט דיין איינציקן זון? און דו? וויאַזוי קאָן מען עס נישט דערקענען אַ מאַן, וועלכן מען האָט געליבט? וויאַזוי קאָן מען נישט דערקענען אַ זון, אַן אייגן קינד, וועמען מען האָט געגעבן דאָס לעבן?

— וואָס וויל ער? — האָט זיך געבייזערט דער אַלטער — תמיד זאָג איך, אַז אינאָוונט טאָר מען נישט אַריינלאָזן קיין פרעמדן אין שטוב אַריין. ס'איז דאָך אַ משוגענער.

— מיין מאַן וואָלט איך באַלד דערקענט — האָט געזאָגט די פרוי — כ'האָב אים נישט פאַרגעסן, כ'וואַרט אויף אים. כ'בין אים געטריי, כאָטש ער איז שוין דאָ נישטאָ אַזויפיל יאָרן.

די ווערטער פון דער פרוי האָבן געמאַכט אַ טיפן איינדרוק אויף דעם פרעמדן.

— האָסט געוואַרט — האָט ער איבערגעחזרט אירע ווערטער. — האָסט געוואַרט און ביסט אים געבליבן געטריי... און האָסט אים ליב ביז היינט.

— אוודאי האָב איך אים ליב...

— וועגן וואָס רעדן זיי? — האָט געמורמלט דער אַלטער באַלעבאָס — וואָס קומט דאָ פאָר?

— אַ פרוי מוז דערקענען איר מאַן... — האָט געזאָגט מיט פרייד דער פרעמדער.

— אָבער דו ביסט נישט מיין מאַן — האָט געזאָגט די פרוי.

— דערמאָן זיך... — האָט געבעטן דער מבלומרשטער מאַן — מיין פנים. מיינע האָר. מיינע אויגן.

— כ'געדענק נישט וואָסערע אויגן ער האָט געהאַט — האָט געזאָגט די פרוי מיט אַ ציטערנדיקער, געריר־טער שטימע — מיר פלעגן זיין צוזאַמען בלויז ביינאַכט. ער האָט אַ סך געאַרבעט און פלעגט אַהיימקומען שפּעט אינאָוונט. מיר האָבן זיך געליבט אין דער פינצטער. כ'האָב

בלויז געקענט דעם באַריר פון זיינע הענט, פון זיינע אָרעמס. אָבער זיינע אויגן? כ'ווייס נישט וואָסערע אויגן ער האָט געהאַט.

די פרוי האָט זיך אַוועקגעשטעלט ביים פענצטער, און וועלכן עם האָט זיך געשוואַרצלט די געדיכטע נאַכט. איר שטימע האָט זיך פלוצים געענדערט, מיט אַ טרוימערישן טאָן, אין וועלכן ס'איז געווען פיל בענקשאַפט און ליידנשאַפט און האָפענונג, האָט זי געזאָגט:

— מיין מאַן וועט קומען אין אַ געוויסן טאָג אָדער אין אַ געוויסער נאַכט. ער וועט רייטן אויף אַ בליץ־שנעלן פערד, גאָלד און זילבער וועט ער מיר ברענגען, דימענטן וועט ער מיר ברענגען און ער וועט מיך קושן און האַלדזן...

— באַרואיק זיך, משוגענע! — האָט אויסגעשריגן דער אַלטער — הערסט?

— דערפאַר דערקענסטו מיך נישט, ווייל כ'בין געקומען אָן גאָלד און אָן זילבער? — האָט געפרעגט דער פרעמדער.

— וואָס וויל ער? — האָט זיך געבייזערט דער אַלטער.

— זיבן יאָר האָב איך מיט דיר געלעבט ווי מאַן מיט ווייב — האָט געזאָגט דער אורח — זיבן יאָר.

— האָ, האָ... — האָט זיך צעלאַכט דער אַלטער — זיבן יאָר!

— זיבן יאָר האָבן מיר געגעסן פון איין שיסל, געשלאָפן אין איין בעט, זיבן יאָר האָבן מיר געלעבט אונטער איין דאַך, נאָר מיר האָבן זיך נישט פאַרשטאַנען. מיר האָבן געוויינלעך געשוויגן, נישט געהאַט וועגן וואָס צו רעדן. אין אַ געוויסן טאָג איז די פרעמדקייט געוואָרן אַזוי גרויס, אַז זי האָט זיך אָנגעהויבן צו פאַרוואַנדלען אין האַס. און טאַקע דעמלט בין איך פון דיר אַוועק. כ'האָב געהאָפט, אַז ווען כ'וועל זיין ווייט, וועט מיין האַס אויסגיין. כ'האָב געהאָפט, אַז די צעשיידונג וועט אָפּשוואַכן אַלע שלעכטע געפילן צווישן אונדז, אַז זיי וועלן אַראָפּפאַלן פון מיר.

דער אַלטער האָט געהאָרכט און געשאָקלט מיטן קאָפּ: ער רעדט שיין ווי אַ מגיד

און דער פרעמדער האָט געצויגן ווייטער: אין אַ געוויסער נאַכט האָט זיך אין מיין האַרץ דערוועקט אַ גרויסע און טיפע בענקשאַפט צו דיר, צו יענעם חלק פון דיין נשמה, וועלכער איז געווען גוט, און צו יענעם חלק פון דיין גוף, וועלכער איז געווען שיין. כ'געדענק: ס'איז געווען אויפן פולן ים — געשיינט האָט די לבנה און דער אוקינוס איז געווען ווי באַדעקט מיט מיליאַרדן זילבערנע שיפן. פלוצים האָב איך דערזען דיין געשטאַלט:

ביסט געגאַנגען אויף דעם זילבערנעם שליאַך, וועלכער האָט זיך געצויגן פון דער לבנה ביז צו אונדזער שיף. כ'האָב דיך געזען אויף די אייגענע אויגן, אַזוי ווי כ'זע דיך אַצינד.

— אַ שיינע מעשה — האָט זיך צעלאַכט דער אַלטער.

— דער שיפס־קאַפּיטאַן, וועמען כ'האָב צומאָרגנס דערציילט די דאָזיקע געשעעניש, האָט לאַנג געשוויגן, דערנאָך האָט ער פאַרוויכערט די ליולקע און געזאָגט, אַז אויפן פולן ים טרעפן זיך אָפט אַזעלכע זאַכן, בפרט אין דער געגנט פון עקוואַטאָר. דער קלימאַט איז דאָרט אַזאַ אויסטערלישער, די ווינטן, און אויך די ווירקונג פון לבנה־שיין. ער אַליין, דער דאָזיקער קאַפּיטאַן, האָט שוין אויף אַן ענלעכן אופן אפשר הונדערט מאָל געזען זיין שיינע כלה, וועלכע ער האָט מיט יאָרן צוריק איבערגעלאָזט אין איינעם פון די שמאָלע האַפן־געסלעך אין מאַרסעיל.

— אין יענער ווונדערבאַרער נאַכט... — האָט ווייטער געצויגן זיין האַרצרייסנדיקע דערציילונג דער פרעמדער — אין יענער נאַכט האָב איך פאַרשטאַנען, אַז ווי לאַנג כ'וועל לעבן, וועל איך שטענדיק גיין און גיין צו דיר, און שטענדיק וועל איך זיך באַמיען צו פאַרגעסן וועגן דיינע אַלע פעלערן. כ'האָב פאַרשטאַנען, אַז וואָס מער כ'וועל זיך דערווייטערן פון דיר, אַלץ שענער וועסטו זיין אין מיין דמיון און אין מיין בענקשאַפט. און אַז ווען כ'וועל אין אַ געוויסן טאָג זיך אומקערן אין מיין אַלטער היים, וועל איך דיך טרעפן אַ יונגערע און שענערע ווי מיט יאָרן צוריק. וועסט זיין שיין ווי די לבנה־נאַכט אין חודש מאַי. וועסט זיין גוט ווי אַ שלונג־קוואַל־וואַסער פאַר דעם גומען, ווען ער איז פאַרברענט פון דורשט.

די פרוי האָט אויף אים געקוקט מיט דערשראָקענע אויגן, מיט אויגן, וועלכע האָבן גאָרנישט פאַרשטאַנען.

— דו ביסט נישט מיין מאַן — האָט זי געזאָגט — מיין מאַן איז קיינמאָל פון מיר נישט אַנטלאָפן. מיר זענען געווען אָרעמע מענטשן, איז ער אַוועק אין דער וועלט אַריין זוכן רייכקייט. פאַר מיינעטוועגן האָט ער עס געטאָן, אַזוי ליב האָט ער מיך געהאַט.

אַזוי האָט זי געזאָגט, און עס האָט זיך איר עפּעס דערמאָנט, אַ ווייטע דערמאָנונג, וואָס איז אפשר בכלל קיין דערמאָנונג נישט געווען, ווייל מעגלעך, אַז ס'איז געווען נישט מער ווי די פאַרפירערישע שטימע פון איר דמיון.

— כ'געדענק: ווען מיין מאַן איז אַוועקגעפאָרן, האָב איך אים באַגלייט אויפן וואָקזאַל. לעבן אונדז האָבן זיך געקייקלט די שווערע רעדער

פון וואַגאָנען, די ערד האָט געציטערט, וואַגאָנען אויף מזרח און וואַגאָנען אויף מערב, און מיר ביידע זענען געשטאַנען שווייגנדיק, מיין מאַן האָט געגלעט די באַקן מיינע, כ'האָב געציטערט און באַהערשט די טרערן. און פּלוצים איז אָנגעקומען דער צוג, מיט וועלכן ער האָט געדאַרפט אַוועקפאָרן, און כ'האָב אפילו נישט באַוויזן צו געזעגענען זיך מיט מיין געליבטן...

— אַ שיינע מעשה — האָט געזאָגט דער זקן — אַלע קאָנען אויסטראַכטן שיינע מעשיות, נאָר איך אייגער קאָן גאָרנישט אויסטראַכטן. דער קאָפּ דינט נישט.

— קיינער האָט מיך נישט באַגלייט — האָט אויפגעקלערט דער פּרעמדער. ער האָט זיך פאַרטראַכט און געגומען דערמאָנען: פאַרטאָג האָט ער זיך דערמלט אויפגעכאַפּט און איז שטיל אַרויס פון שטוב. די פרוי זיינע האָט אויפגעעפנט די אויגן און כמעט אין שלאָף נאָך האָט זי געפרעגט וווהין ער גייט, האָט ער איר געזאָגט, אַז ער גייט אין שטאַל אַריין, בכדי צו געבן דעם פערד וואַסער.

די פרוי און דער אַלטער מאַן האָבן זיך ביידע גלייכצייטיק צעלאַכט: קיינמאָל האָבן זיי דאָך נישט געהאַט קיין פערד, פון וואַנען האָט זיך דאָ גענומען אַ פערד? און ער, דער פרעמדער, האָט זיך נישט געלאָזט איבערהאַקן די רייד, ער האָט נישט געהאַט קיין טעות, ער האָט אַלץ גענוי געדענקט, באַטש עס' זענען שוין פאַרביי לאַנגע יאָרן, זינט ער איז פון דאַנען אַוועק.

דער אַלטער האָט ברוגזדיק געקוקט אויפן פרעמדן און געטראַכט ווי אַזוי פון אים פטור צו ווערן.

— טאַטע — האָט זיך צעווייגט דער אורח — ווי קען עס זיין, אַז אַ פאָטער זאָל נישט דערקענען זיין קינד? האָסט מיך געטראָגן אויף די הענט, ווען איך בין געווען קליין, האָסט מיך געלערנט זייען און אַקערן און דרעשן, האָסט מיך געלערנט פאַרויסזאָגן דאָס מאָרגנדיקע וועטער לויט די וואָלקנס און לויט דעם שיין פון דער לבנה. וויאַזוי קאָן מען דאָס אַלץ פאַרגעסן?

— כ'האָב קיינמאָל נישט געהאַט קיין זון — האָט געזאָגט דער אַלטער — כ'האָב געהאַט אַ טאָכטער, אַן איינציקע טאָכטער, וועלכע איז פאַר מיר געווען טייער ווי דאָס אַפּל פון אויג און ווי דאָס ליכט פון טאָג.

ער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם גרויען קאָפּ, דער אַלטער, זיין שטימע האָט געציטערט.

— וויאַזוי האָסטו געקאָנט האָבן אַ טאָכטער? — האָט געפרעגט דער מכלומרשטער זון — כ'בין דאָך געווען דער איינציקער זון דיינער.

דער אַלטער האָט זיך פּאַוואָליע אויפגעהויבן פון אָרט, מיט וואקלענ־דיקע טריט איז ער צוגעגאַנגען צום פענצטער, געקוקט אין דער פינצ־טערניש פון דער נאַכט; דער רעגן האָט געקלאַפּט אין די שויבן, ס'האָט געוואָיעט דער ווינט, און ער האָט דערציילט וועגן זיין שיינער טאָכטער, וועלכע איז געווען דאָס האַרץ פון זיין האַרץ און די נשמה פון זיין נשמה.

— זי האָט זיך פאַרליבט אין אַ פרעמדן, וועלכער האָט זיך אַמאָל פאַרהאַלטן אין אונדזער דאָרף. זי איז פון מיר אַנטלאָפן, ביז היינט וואַרט איך אויף איר. אפשר וועט זי אין אַ געוויסן טאָג קומען, אומקערן זיך צו מיר...

— זי וועט זיך אומקערן — האָט פאַרזיכערט די פרוי — אַלץ קערט זיך אום, אַלץ קומט צוריק, אַלץ חזרט זיך איבער...

— כ'בענק — האָט זיך געקלאָגט דער אַלטער — די בענקשאַפט מאַ־טערט מיך. כ'ווער פאַרברענט פון בענקשאַפט.

— טאַטע — האָט געיאָמערט דער פרעמדער — טאַטע מיינער...

— וועגן וואָס רעדט ער? — האָט זיך געבייזערט דער אומגליקלע־כער טאַטע. — וואָס זוכט ער ביי מיר, דער דאָזיקער פרעמדער מענטש? וואָס וויל ער?

דער אורח האָט געהאָרכט און דאָס האַרץ האָט אין אים געגלי־ווערט פון צער. ער איז געווען איבערצייגט, אַז צוליב דער אויסטערלישער בענקשאַפט צו אים איז זיין פאָטער אַראָפּ פון זינען.

— און דו? — האָט זיך דער פרעמדער געוואַנדן צו דער פרוי — פאַרוואָס האָסטו אים נישט געטרייסט? פאַרוואָס האָסטו דערלאָזט, ער זאָל אַראָפּ פון זינען? ביסט דאָך מיין ווייב און זיין שנור.

— איך? — האָט זי זיך צעלאַכט — איך בין נישט דיין פרוי און איך בין נישט זיין שנור. איך בין אַ פרעמדע. ער האָט זיך איבער מיר מרחם געווען און אַריינגעלאָזט מיך אין זיין שטוב, ווייל זינט דער מאַן מיינער איז אַוועק אין דער וועלט אַריין, בין איך געווען עלנט און אָרעם, אַ וויסטע עגונה בין איך געווען.

— אמת — האָט צוגעבאָמקעט דער אַלטער — זי איז אַ פרעמדע.

דער אורח איז געזעסן שווייגנדיק. ער האָט שוין נישט געפּרווט אי־בערצייגן, ער האָט פאַרדעקט דאָס געזיכט מיט די האַנטפלאַכן. עס איז געווען שטיל, נאָר דער ווינט האָט געוואָיעט אין קוימען, נאָר דער רעגן האָט געפּאַטשט אין די שויבן. ער איז געווען פאַרטאָן מיט זיינע זכרונות, מיט זיין עבר. ער האָט געטראַכט וועגן יענער נאַכט, ווען דאָ נישט־ווייט, נעבן האָזיקן דאָרף איז געווען אַ גרויסע שלאַכט, אויפן בערגל זענען גע־שטאַנען אונדזערע מיליטערן, ביינאַכט איז אָנגעקומען דער שונא און האָט אויסגעהרגעט אַלע אונדזערע זעלנער, נאָר ער איינער איז געבליבן לעבן. די קראַנקנשוועסטער האָט אים אַרויסגעטראָגן פון געפאַר. ער איז געווען שווער פאַרוואונדעט, און זי האָט אים געהיילט, און ווען ער איז געזונט־געוואָרן, האָט ער מיט איר חתונה געהאַט. היינט דערקענט זי אים נישט, היינט וויל זי אים נישט דערקענען.

ער האָט זיך אויפגעכאַפּט פון דער פאַרטראַכטונג און מיט א גע־בראָכענער שטימע האָט ער דערציילט זיינע זכרונות פון יענער שרעקלע־כער צייט און האָט מיט טרערן אין די אויגן באַטראַכט די שטרענגע פנימער פון זיין ווייב און פון זיין פאָטער. אָבער זיינע צוויי צוהערער זע־נען געווען קאַלט און אומברחמנותדיק.

— מיט יאָרן צוריק — האָט זיך פלוצים דערמאָנט דער אַלטער — מיט יאָרן צוריק האָט דאָ, אין דער דאָזיקער שטוב, פּאַסירט אַן ענלעכע געשעעניש. ס'איז דאָ געווען א זעלנער, וועלכער איז געווען פאַרוואונדעט, ער האָט חתונה געהאַט מיט איינער אַ מויד, וועלכע האָט אים דאָס לעבן געראַטעוועט, אָבער ער איז געווען אַן אויסוואורף און איז פון איר אנט־לאָפן. יאָ, געווען דאָ אַזאַ זאַך, אָבער שוין זייער לאַנג, קיינער געדענקט שוין נישט געבוי, איך אַליין האָב שוין אויך פאַרגעסן, ס'איז שוין מסתמא פאַרביי א יאָר פופציק אָדער זעכציק, איך בין דעמלט געווען א קליין ייִנגל, דאָס דאָזיקע פּאָרל לעבט שוין לאַנג נישט, זייער קבר איז געוויס פאַרוואַקסן מיט ווילדגראָז.

אַלע דריי אָנוועזנדיקע האָבן זיך שווייגנדיק באַטראַכט; און גע־טראַכט האָט יעדער איינציקער פון זיי וועגן זיין אייגענער בענקשאַפט, וועגן זיין אייגענער דערוואַרטונג און וועגן זיין אייגענער איינזאַמקייט.

— גיי אַראָפּ אין קעלער אַריין — האָט געזאָגט דער אַלטער צו דער פרוי — ברענג אַ פלעשל וויין, וועלן מיר מכבד זיין אונדזער גאַסט.

די פרוי איז שווייגנדיק אַרויס פון שטוב, און דער אַלטער האָט גע־זאָגט:

— כ'האָב זי געשיקט נאָך ווייַן, כאָטש כ'ווייס, אַז זי וועט קיין ווייַן נישט ברענגען. כ'האָב זי געשיקט, ווייל כ'וויל דיר עפּעס זאָגן אונטער פיר אויגן. הער אויף צו רעדן צו איר, הער אויף צו איבערצייגן, אַז ביסט איר מאַן. זי איז אַן אַלטע מויד און דיינע רייד פאַרשאַפן איר פּיין. זי איז אַן אַלטע אומשולדיקע מויד, א ליידנשאַפטלעכע איז זי און קיינמאָל האָט זי נאָך נישט געקענט קיין מאַן. זי איז אַן איינזאַמע יתומה. זי האָט זיך איינגערעדט, אַז זי האָט געהאַט אַמאָל א מאַן און אַז ער וועט צו איר קומען אין א געוויסן טאָג. דעם דאָזיקן מאַן האָט זי אויסגעטראַכט און זי גלייבט אין אים.

די טיר האָט א סקריפּע געטאָן, און די פרוי איז אַריינגעקומען.

— נישטאָ קיין ווייַן אין קעלער — האָט זי געזאָגט.

— מילא — האָט זיך צעלאַכט דער אַלטער — נישטאָ, דאַרף מען נישט.

און ער האָט זיך צעגעגנעצט, דער אַלטיטשקער, און האָט געזאָגט, אַז עס מאַכט זיך שוין שפּעט, צייט צו גיין שלאָפן. און ער האָט געקוקט אויף דעם פרעמדן מיט א נישט־פרייַנדלעכן בליק, און האָט געקוקט אויף דער טיר, געוואַרט, דער אורח זאָל זיך גיין זיין וועג.

— דער ווינט האָט אויפגעהערט צו בלאָזן — האָט געזאָגט די פרוי — דאַכט זיך, אַז עס רעגנט שוין נישט.

דער פרעמדער האָט אָנגעטאָן דאָס מאַנטל, אַן אַלטמאָדיש מלבוש איז עס געווען, פון יענע מלבושים, וואָס מען פלעגט טראָגן אין די אַלטע אַמאָליקע צייטן.

— זייט גליקלעך — האָט געזאָגט דער אורח — זייַ געזונט, טאַטע.

— כ'בין נישט דיין טאַטע — האָט א וואָרקע געטאָן דער זקן — כ'האָב קיינמאָל נישט געהאַט קיין זון. כ'האָב געהאַט א טאָכטער.

דער איינזאַמער מענטש האָט געעפנט די סקריפּנדיקע טיר און איז אַרויס פון שטוב. די נאַכט האָט איינגעשלונגען זיין געשטאַלט. עס האָט זיך ערגעץ צעבילט א הונט.

דער יקנויט אינעם נאַפט־לאָמפּ האָט געצאַנקט, אויף דער וואַנט האָבן זיך געשאָקלט צוויי שאָטנס.

— נישטאָ קיין נאַפּט אין לעמפּל — האָט געזאָגט די פרוי — צייט צו גיין שלאָפן.

— גיין — האָט געענטפערט דער אַלטער — כ'וועל נאָך א ביסל זיצן. אין אַזאַ נאַכט קאָן נאָך ווער קומען.

— ווער וועט קומען? — האָט געפרעגט די פרוי — און וואָס וועט זיין, אויב ס'וועט שוין יאָ ווער קומען?

— מען דאַרף וואַרטן — האָט געענטפערט דער אלטער און האָט פאַררויכערט די ליולקע — שטענדיק דאַרף מען וואַרטן. אפשר וועט זי קומען. די טאָכטער מיינע. מיין בת-יחידה.

— אַ משוגעת — האָט זיך בייז צעלאַכט די פרוי — האָסט קיין-מאָל נישט געהאַט קיין טאָכטער.

— שווייג! — די שטימע פון אלטן מענטש איז געווען שאַרף און באַפעלעריש. און ער האָט צוגעגעבן שטיל און בעטנדיק, אַזוי שטיל, אז ער אַליין האָט קוים געהערט די ציטערנדיקע און הייזעריקע אייגענע שטימע: — יעדער מענטש מוז אויף עמעצן וואַרטן. יעדער.

די פרוי איז צוגעגאַנגען צו דער טיר, געוואָלט פאַרשליסן.

— ניטע! — האָט באַפוילן דער אַלטער באַלעבאָס — לאָז אָפן די טיר. אפשר וועט זי שוין היינט קומען. כ'וויל נישט, זי זאָל וואַרטן אויפן רעגן, אין דער קעלט.

און ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט ביים פענצטער און געעקבערט מיט די אַלטע פאַררויטלטע אויגן אין דער געדיכטער פינצטערניש פון דער נאַכט...

׳דאָס פאַרכישופטע קאַפע־הויז

דער קאַפע־רעסטאָראַן איז געווען גרויס ווי אַ רייט־פּלאַץ. זיין דרומדיקע וואַנט איז געווען אויס גלאָז, דורך די אָפענע פענצטער האָט זיך געזען אַ פּרעכטיקער גאָרטן, פון וועלכן עס האָט זיך געטראָגן דער זיסער גערוך פון רויזן.

אינעווייניק אין קאַפע־הויז איז געווען נישט מער ווי עטלעכע מענטשן. עס האָט זיך מיר אויסגעוויזן מאָדנע, וואָס צוליב פיר, פינף קונים לוינט אָפּן־צו־האַלטן אַזאַ רייכן און גרויסן לאָקאַל, מיט ווייכע פאָ־טעלן, מיט הענגל־לייכטערס, מיט הונדערטער טישלעך און בענקלעך, מיט א גרויסן בופעט, נעבן וועלכן עס האָבן זיך געפּאָרעט עטלעכע פרויען אין בלויע קליידער און מיט ווייסע קופּקעלעך אויף די שיין פאַרקאַמטע קעפּ.

אויפן בופעט און אויף די שווערע דעמבענע פּאָליצעס זענען גע־שטאַנען פלעשער משקה, שיסלען מיט געבראָטענע הינער, געקאָכטע אייער, שטיקער פיש, מאַנדל־ברייטלעך, פלאָדן און צוויבאַק. עס איז אויך געלעגן אַ״ קיילעכדיקער קעזקוכן מיט ראָזשינקעס, וועלכער איז געווען גרויס ווי א מילשטיין. די דאָזיקע מאכלים זענען מסתמא געווען זייער געשמאַק, איך קאָן מיר עס פאָרשטעלן. געגעסן האָב איך זיי נישט און כ׳האָב נישט געזען, ס׳זאָל ווער געווען באַשטעלן עפּעס פון די דאָזיקע מטעמים. די געסט, וועלכע זענען דאָ געזעסן, האָבן רק געטרינקען קאַווע אָדער טיי און צוגעביסן מיט די ציינער.

קיינער האָט דאָ נישט געלייענט קיין צייטונג, כאָטש אויף די טישן זענען געלעגן זשורנאַלן פון דער גאַנצער וועלט. איך האָב דאָרט באַמערקט א טאָגבלאַט פון יאַפּאַן און אַ וואָכנבלאַט פון טיבעט, יזיי זענען דערוויל געלעגן און האָבן געוואַרט, ס׳זאָל קומען א פאַרבלאָנקעטער וואַנדערער

פון די דאָזיקע ווײַטע מקומות און זוכן וועלכע נײַעס עס איז פֿאָרגעקומען אין זײַן ווײַטן הײמלאַנד.

אָבער דערווײַל האָט מען נישט געזען קײן שום יאַפּאַנער און נישט קײן שום טיבעטאַנער. מען האָט אױך נישט געזען, ס'זאָל װער באַשטעלן אַ געבראָטן הינדל אָדער אַ שטיקל פֿיש. װער־זשע האָט פֿאָרט געגעסן די דאָזיקע געבענטשטע און געשמאַקע זאַכן? װײס איך נישט.

נעבן דעם בופֿעט זענען געשטאַנען די קעלנערשעס — צװעלף קעל־נערשעס, אַלע אין בלױע קלײדלעך און װײַסע קאָפּקעלעך, אַלע שײנע און יונגע. אַלע האָבן זײ אױסגעזען װי צװעלף שװעסטער פֿון אײן טאַטע־מאַ־מע. מע מעגלעך, אַז זײ זענען טאַקע געװען שװעסטער. בלױז אײנע האָט זיך עטװאָס אונטערשײדט פֿון די איבעריקע — אירע שלאַנקע פֿיסלעך זענען געװען באַװאָקסן מיט שװאַרצע האָר. איר געזיכט איז געװען עט־װאָס אומעטיקער. און מעגלעך, אַז דערפֿאַר טאַקע האָט זי געפֿונען אַ ביסל מער חן אין מײַנע אױגן. מער װי אירע גראָטענע שװעסטער.

אױף דער בינע איז געשטאַנען אַ פֿאָרטעפּיאַן, גרױס װי אַ העל־פֿאַנט. מיט דעם אױפֿגעהױבענעם פֿליגל האָט דער פֿאָרטעפּיאַן אױסגע־זען, װי ער װאָלט אָט־אָט געגרײט זיך אַװעקצופֿליען. בײַם פֿאָרטעפּיאַן איז געזעסן אַן אַלטע דיקע פֿרױ מיט אַ ראָזעװען געזיכט און מיט װײַסע האָר. זי האָט געהאַלטן די אױגן צוגעמאַכט, אַזױ אַז עס האָט זיך גע־קאָנט דאַכטן, אַז זי שלאָפֿט אָדער חלומט, און זי האָט געשפּילט. אַ רע־פּערטואַר האָט זי געהאַט אַ גרױסן און פֿאַרשידנאַרטיקן: דאָ האָט זי אױסגעפֿױקט אַ פּאָלקע־מאַזורקע אָדער אַן אוקראַיִנישן האָפּאַק, אָדער גאָר אַ פּראָװינציאַלישן גאַװאָט, און פּלוצים — נישט מיר, נישט דיר — האָט זי אָנגעהױבן אַ בכבודיקן טרױער־מאַרש — און דעמלט האָט זיך געדאַכט, אַז אַ שװאַרצער סאַמעטענער אומעט קריכט אַרױס פֿון אָפֿענעם פֿאָרטעפּיאַן, צעשפּרײט זיך איבער דעם גאַנצן זאַל, דריקט בײַם האַלדז, װי אַ רוצח, און קװעטשט אַרױס טרערן הײסע און גרױסע װי באָבעס פֿון די אױגן. אַזאַ קינסטלערין איז זי געװען, די אַלטע פֿרױ בײַם פֿאָרטעפּיאַן.

יעדן טאָג האָט זי געשפּילט אַ שטיקל קאָנצערט פֿון יאָהאַן סע־באַסטיאַן באַך. געשפּילט האָט זי באַכס מוזיק באַלד אײנדערפֿרי. און עס האָט זיך מיר אױסגעװיזן, אַז די דאָזיקע מוזיק איז פֿאַר איר װי אַ שטיקל תּפֿילה אױף ניכטערן, װי אַ תּפֿילה אין מױל פֿון אַ פֿרומען מענטשן, װעל־

כער קען פערזענלעך דעם רבונו־של־עולם און וויל אים פאַרשאַפן א ביסל פאַרגעניגן אינדערפרי.

אָבער איך האָב געהאַט א טעות. אין א געוויסן טאָג בין איך געווויער געוואָרן, אַז די אַלטע פרוי ביים פּאָרטעפיאַן איז אַן אַלמנה — איר מאַן איז געווען א מוזיקער, אַן אָרגלשפּילער, און ער איז געשטאָרבן מיט א סך יאָרן צוריק. אַזוי אַרום האָב איך פאַרשטאַנען, אַז די באַד־מוזיק, וואָס די אַלטיטשקע שפּילט, איז נישט קיין תפילה צו גאָט, נאָר אַ גרוס פאַר דעם אומפאַרגעסלעכן קלעזמער, וועלכער איז געווען איר געליבטער און געטרייער מאַן. מעגלעך, אַז פּונקט אין דער דאָזיקער שעה, ווען מיר זיצן אין קאַפע־הויז, שפּאַצירט ער געמיטלעך אויף די גרינע לאָנקעס פון הימל און פאַרגעמט זיך מיט באַוונדערן די שמעקעוודיקע גאָלדענע בלומען, מיט וועלכע עס איז אויסגעצירט דער גן־עדן.

דעם דאָזיקן אָרגלשפּילער האָב איך אַמאָל גוט געקענט. אויף דעם אָרגל האָט דער דאָזיקער אָרגלשפּילער געשפּילט מייסטערהאַפט, ער האָט געהאַט א שם אין גאַנץ פּוילן. ווען ער איז געווויער געוואָרן, אַז איך בין א יידישער שרייבער און א ליבהאָבער פון אָרגל־מוזיק, פלעגט ער זיך מיט מיר טיילמאָל אריינכאַפּן אין דער קירכע אין דער צייט, ווען עס זענען דאָרט נישט געווען קיין גלויביקע, און ביי פאַרמאַכטע טירן פלעגט ער דאָרט שפּילן זיינע קאָנצערטן — בלויז פאַר מיר.

אויף דער עלטער פלעגט ער שוין נישט הערשן איבער דעם גרויסן אָרגל, וועלכער האָט געהאַט הונדערטער טענער און הונדערטער פייפער־לעך. אינמיטן קאָנצערט פלעגט ער פאַרגעסן, ווו ער האַלט, און דער פרומער עולם מיטן גלח און מיטן קירכלעכן כאָר האָבן געזונגען פאַר זיך, און ער האָט געשפּילט פאַר זיך. דעמלט האָט דער בישאָף אים באַ־פרייט פון דער אַרבעט און צוגענומען אַן אַנדערן אָרגלער. דער אלטער מענטש האָט געליטן, פּונקט ווי עס ליידן געוויינלעך אַלע קינסטלער, ווען זיי האָבן נישט קיין מעגלעכקייט צו פאַרגעמען זיך מיט זייער באַליבטן באַרוף. און דעמלט האָט עמעץ זיך מרחם געווען איבערן אלטן קינסטלער און אים דערלויבט צו שפּילן אין איינעם פון די אָרטיקע קאַפע־הייזער.

אין דעם קליינעם קאַפע־הויז (נישט דאָ, ווו איך זיץ איצט) פלעגט ער יעדן טאָג אין דער פאַרנאַכטיקער שעה פון דעמערונג שפּילן סענטי־מענטאַלע, האַרצרייסנדיקע ניגונים. אַלע אָנוועזנדיקע האָבן געהאָרכט אין דער טיפסטער פאַרטראַכטונג. זייערע הערצער האָבן געקלאַפּט

שטאַרק און אומרואיק. עס האָבן זיך אין זיי געוועקט זיסע געדאַנקען וועגן זינד און טרוימען פאַרביקע און גרינגע האָפענונגען. כ׳געדענק: אין איינעם אַזאַ שטימונגפולן אָוונט האָט אין יענעם קליינעם קאַפע־רעסטאָראַן געהלשט אַ יונגע ליידנשאַפטלעכע פרוי אין די אָרעמס פון איר געליבטן.

אין קאַפע־הויז האָט דער אָרגלשפּילער געשפּילט נישט פאַר גאָטס וועגן. ער האָט געשפּילט פאַר מענטשן. און ווען ער האָט געשפּילט, איז געווען שטיל אין דער גאַנצער קאַפעטעריע, קיינער האָט זיך נישט דערלויבט אַפילו אַ זיפץ צו טאָן.

באַוויבטע אַלטע מענער האָבן ביי די קלאַנגען פון זיין מוזיק געטרונקען געדיכטע שוואַרצע קאַווע און געטרוימט וועגן יונגע מיידלעך מיט דינע פיס און שלאַנקע געשטאַלטן, וואָס זענען לייכט ווי דער פרילינגדיקער ווינט, וועלכער טראָגט זיך איבער די גרינע וועלדער און פעלדער.

כ׳געדענק: דורכן פענצטער פון קאַפע־הויז האָט געבלוטיקט די אונטערגייענדיקע זון, די וועלט האָט געברענט ווי עס ברענט דאָס מענטשלעכע האַרץ אויפן שייטער פון די אייביקע און סודותפולע ליידנשאַפטן. ווייט הינטער דער שטאָט האָבן געדרימלט די בערג, באַוואַקסענע מיט געדיכטע וועלדער — זיי זענען ענלעך געווען צו שוואַרצע, גרויזאַמע בערן. און דער אַלטער אָרגלשפּילער האָט געשפּילט ווי אַ מלאך. עס איז צוגעפאַלן דער אָוונט, מען האָט אָבער נישט אָנגעצונדן קיין ליכט, בכדי די שטימונג זאָל נישט צעשטערט ווערן. דערנאָך פלעגט זיך די לבנה אַרויפקייקלען אויפן רוקן פון וואַלד און דער אַלטער מוזיקער האָט געשפּילט ביים שיין פון דער לבנה. אין דער פינצטערניש האָבן זיינע אויגן געגלאַנצט ווי די אויגן פון אַ וואָלף.

אין אַ געוויסן טאָג האָב איך די דאָזיקע שטאָט פאַרלאָזט אויף אַ קורצער צייט. ווען איך בין צוריקגעקומען, האָט דער אַלטער אָרגלער שוין נישט געלעבט.

בין איך געגאַנגען אויף דעם קריסטלעכן היילקן אָרט זוכן זיין קבר, כ׳האָב דאָרט געזען אַ סך פרישע קברים, אָבער קיין שום אויפשריפט, קיין שום מצבה, וואָס וואָלט געקאָנט זאָגן ווו ער איז באַגראָבן.

און איצט זיץ איך אין אַן אַנדער קאַפע־הויז, ביי אַ טישל, וואָס האָט געטאָקטע, לייכטע פיסלעך — די דאָזיקע פיסלעך זענען ענלעך צו די לעבעדיקע פיס פון טענצערינס. איך וואָלט זיך בכלל נישט געחידושט,

ווען עס קומט ווער און זאָגט, אַז ביינאַכט ביי געשלאָסענע טירן און ביים גרינגעם שיין פון דער לבנה טאַנצן די דאָזיקע טישלעך, און דער ווינט צערטלט די אינגעווייד פון אָפענעם פּאָרטעפּיאַן און באַקומט פון זיי אַרויס די צאַרטסטע טענער פון מאָצאַרטס מענועטן.

לעבן מיין טישל זיצט ביי אַן אַנדער טישל אַן אַלטער מאַן, אַ זקן מיט לאַנגע שיטערע האָר. ער איז גרוי ווי אַ זילבערנע טויב. איך קאָן עס נישט פאַרשטיין: פון וואַנען נעמען זיך ביי אונדז אַזויפיל זקנים? ערשט מיט אַ יאָר צוריק, ערשט מיט אַ וואָך צוריק, ערשט נעכטן זענען זיי געווען יונג און שטאָלץ. און פּלוצים — נאָך איין אומרואיקער נאַכט, נאָך עטלעכע בליצן, נאָך אַן ערד=ציטערניש, וואָס האָט געדויערט נישט מער ווי אַ רגע — הייבט עפּעס אָן צו פּלאַצן אינמיטן, עפּעס וואַקלט זיך. און עס דערפילט זיך אַ פאַרדעכטיקער גערוך: שוין נישט דער גערוך פון בליונג. ס'איז דער גערוך פון וועלקונג.

דער זקן, דער שכן ביים צווייטן טישל איז אַ מענטש אַ דאַרער, אַ מאָגערער. מינוטנווייז, ווען דורך דעם אָפענעם פענצטער רייסט זיך אַריין דער הויך פון ווינט, שאָקלט זיך דער זקן מאַכטלאָז — אַזוי לייכט איז זיין לייב. ער וויגט זיך אויפן ווינט, ווי ער וואָלט געווען אויס פּאַפּיר, און נישט אויס בלוט, ביינער און פלייש. אָבער דער ווינט האָט זיך געשטילט. דער זקן פאַרשטעלט די בלויע אויגן מיט אַ פּאָר אויגנגלעזער, ציט אַרויס פון בוזים=טאַש עטלעכע בייגעלעך פּאַפּיר, פון דער צווייטער קעשענע נעמט ער אַרויס עטלעכע פענעס און בליישטיפטן. דערווייל האָט אים איינע פון די קעלנערשעס צוגעטראָגן אַ האַלב גלעזל קאַווע. די אלמנה ביים פּאָרטעפּיאַן האָט פּונקט אין דער דאָזיקער רגע פאַרענדיקט דעם טרויער=מאַרש, אַלע אָנוועזנדיקע פּאַטשן אין די הענט און זי, די שפּילערין, פאַרנייגט זיך טיף אין מיין ריכטונג, אין דער ריכטונג פון זקן, פון די קעלנערשעס און אויך אין דער ריכטונג פון די פּוסטע בענקלעך און טישן, וווּ עס זיצט נישט קיינער.

און דאָ האָט זיך די טיר ראַש געעפנט און אַריינגעקומען איז אַ פרוי, אַ הויכע און שיין געבויטע, מיט ליכטיקע העלע האָר, ליידנשאַפטלעכע ליפּן און טיפע, סאַמעטענע אויגן, באַשאָטנטע מיט לאַנגע וויעס. זי האָט געקוקט גלייך אויף מיר און איר וווּנדערלעך געזיכט האָט מיר צוגעטראָגן אַ פריינדלעכע באַגריסונג. אַזאַ איינדרוק האָב איך געהאַט: עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז זי גייט צו מיר, אַז זי איז דאָ בכלל אַריינגעקומען בלויז צוליב מיין פּערזאָן. און ווידער דעם זקן ביים צווייטן טישל האָט זיך גע=

האַכט, אַז זי שמייכלט און ווינקט צו אים, נישט צו מיר. אַזאַ מאָדנעם איינדרוק האָט זי אויף אונדז געמאַכט.

און ווען זי איז שוין געווען גאַנץ נאָענט נעבן אונדז, און ווען מיר האָבן געגלייבט, אַז איצט וועט זי זיך אַוועקזעצן נעבן איינעם פֿון אונדז, האָט זי זיך פּלוצעם אויסגעדרייט אין אַן אַנדערער ריכטונג און האָט זיך געלאָזט צווישן די געדיכטע רייען פֿון פּוסטע טישן און בענקלעך. און זי האָט זיך אַלץ אומגעקוקט מיט גרויס שפּאַנונג, עס האָט זיך געדאַכט, אַז זי זוכט וועמען אין אַ געדיכטן המון, אָבער וועמען האָט זי דאָרט געקאָנט זוכן, אַז כמעט קיינער איז דאָרט נישט געווען.

ענדלעך האָט זי זיך אַוועקגעזעצט. די קעלנערשע האָט איר צוגעטראָגן אַ גלאָז טיי, זי האָט פּאַרזוכט, אויסגעטרונקען אפשר אַ האַלב גלעזל און אויפגעהויבן זיך פֿון אָרט און ווידער גענומען וואַנדערן דורך דעם כמעט פּוסטן זאַל, ווידער האָט זי זיך נישט געקאָנט געפינען קיין אָרט. דער פּאַרטעפּיאַן האָט שטילינקע געשפּילט, און זי איז געשטאַנען צווישן צענדליקער טישלעך און הונדערטער בענקלעך, ווי זי זאָל פֿרעגן: „ווו? ווו זאָל איך זיך זעצן? ווו איז מיין אָרט?“

איך האָב פֿאַרשטאַנען דעם טראַגישן זין פֿון איר פּראַגע, וואָס איז געווען ווי אָנגעלאָדן מיט ווייטיק. און איך בין איבערצייגט, אַז אויך דער אַלטער מענטש האָט פֿאַרשטאַנען, און די פֿרוי פֿון אָרגלשפּילער האָט פֿאַרשטאַנען, און אויך די יונגע קעלנערשעס אין די בלויע קליידלעך האָבן פֿאַרשטאַנען די דאָזיקע פֿאַרלעגנהייט און אומזיכערקייט. אַלע האָבן מיר פֿאַרשטאַנען דאָס געשריי פֿון איר ביטער האַרץ, ווייל עס איז נישט שווער געווען צו פֿאַרשטיין: זי, די שיינע פֿרוי מיטן גלאָז טיי אין דער האַנט, האָט דאָ געזען דאָס, וואָס מיר אַלע האָבן נישט געזען — שאָטנס פֿון מענטשן, וועלכע האָבן זיך דורך דעם דאָזיקן אָרט דורכגעשאַרט אַמאָל, אין עבר. און מעגלעך, אַז זי האָט אויך שוין איצט געזען מענטשן, וועלכע וועלן דאָ אַמאָל אָנקומען, שפּעטער, אין דער צוקונפֿט, דעמלט, ווען מיר וועלן שוין דאָ נישט זיין. זי האָט שוין פֿאַרגעפֿילט זייער אָנוועזנהייט. זייערע שאָטנס זענען שוין דאָ אפשר געווען צווישן אונדז, כאָטש זייערע רעאַלע גופים וועלן ערשט אָנקומען אין אַ געוויסן טאָג, ווען אויפֿן הימל וועט זיך רויטלען דער מאָרגן־שטערן, אָדער פֿאַרנאַכט, ווען די זון וועט אונטערגיין און דער הימל וועט זיין אַ ראָזעווער ווי אַ פּעסל פּסחדיקער באָרשטש.

ענדלעך האָט זי זיך געפֿונען אַן אָרט אין דער געדיכטעניש פֿון די נישט־פֿאַראַנענע געשטאַלטן, זי האָט ווידער געטרונקען טיי און געהיימנישפֿול געשמייכלט. מינוטנווייז האָט זי עפּעס געפּליסטערט, מעגלעך, אַז זי האָט זיך דערמאָנט ווייטע געשעענישן, וואָס זי האָט געזען מיט די אויגן פֿון איר אויסטערלישן המיון — זי און קיינער אחוץ איר.

ווידער האָט אַ ציטער געטאָן די לופֿט ביים אַריינגאַנג אין זאַל. עס האָט זיך געדאַכט, אַז אַ יונגער געזאַנג איז דורך דער אָפֿענער טיר אַריינגעקומען, אָדער אַ בת קול פֿון אַ געזאַנג, אָדער א בת קול פֿון אַ בת קול. און דאָס איז געווען נישט מער ווי אַ טעות. קיינער האָט נישט געזונגען. עס האָט נישט געזונגען די שיינע פֿרוי, וועלכע האָט זיך נישט געקאָנט געפֿינען קיין אָרט. און עס האָט נישט געזונגען די אלמנה ביים פּאָרטעפּיאַן. און אויך דער זקן האָט נישט געזונגען. און איך אוודאי נישט. קיינער האָט נישט געזונגען, און דאָך איז דער זאַל געווען פֿול מיט קלאַנגען. דער זקן האָט אויך עפּעס דערהערט, ער האָט אַוועקגעלייגט זיינע בייגעלעך פּאַפּיר און גענומען זיך אַרומקוקן.

ביי דער טיר איז געשטאַנען די נאָר־וואָס אָנגעקומענע. אַ מיטלוווקסיקע איז זי געווען, אַ דיקע, אַ שמייכלדיקע, איר שמייכל איז געווען עטוואָס פֿאַרפֿירעריש, אָבער וועלכע שיינע פֿרוי איז נישט אַ פֿאַרפֿירערין? איר קערפּער איז געווען פֿול מיט תאווה און האָט געוועקט תאווה. אירע לענדן, אירע ברוסטן, אירע ליפּן — זינד! זי גייט, און אַרום איר טראָגט זיך דער שיין פֿון אַ פֿייער, פֿון פֿלאַמען — דאָס ברענט דער גיהנום פֿון גיריקייט. זי גייט און וויגט זיך ווי אַ יונגער בוים, ווען עס פֿאַרמעסט זיך מיט אים דער לאַכנדיקער שטיפֿערישער פֿרילינגדיקער ווינט. זי גייט און די זקנה פֿויקט אין פּאָרטעפּיאַן און באַקומט אַרויס אַ זיגרייכן ניגון פֿון אַ פּאַראַד־מאַרש! זי גייט, און אונדז — דאָס הייסט מיר און דעם זקן — דאַכט זיך, אַז נישט איין יונגע פֿרוי קומט אָן, נאָר אַ גאַנצע קאָמפּאַניע, אַ גאַנצער פֿולק, אַ גאַנצער דור פֿון העלדישע פֿרויען, וואָס זענען גרייט איינצונעמען די גאַנצע וועלט. דער זקן הייבט זיך פֿון אָרט. איך אויך. מיר באַגריסן די אָנקומענדיקע.

די יונגפֿרוי האָט זיך אַוועקגעזעצט, באַשטעלט אַ גלעזל קאַווע און פֿאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס. דער אַלטער האָט אַרויסגעריסן פֿון העפֿטל אַ בייגעלע פּאַפּיר און גענומען צייכענען איר פּאָרטרעט. אָבער די ציי=

כּעגנונג האָט זיך ביי אים נישט באַקומען אַזוי ווי עס דאַרף זיין, ווייל די האַנט זיינע האָט געציטערט פון אַלטקייט און פון אויפרעגונג.

אין קאַפע־הויז איז געוואָרן הייס, אַלע האָבן מיר דאָס געפילט. דאָס מיידל האָט געוועקט זיסן יצר־הרע. אויך איר איז געווען הייס, האָט זי דעריבער אַראָפּגעוואָרפן פון די אַקסלען דעם זיידענעם שאַל, מיט וועלכן זי איז געווען אַרומגעהילט. פון דער וייטן האָבן מיר געזען אירע נאַקעטע אַקסלען. דער באַזילבערטער קאָפּ פון זקן האָט זיך געוואַקלט ווי אַן אונטערגעבראָכן מאָן־קעפּל אויפן ווינט. די אַלמנה האָט אויפגעהערט צו שפּילן. די צייט האָט זיך פאַרהאַלטן. ס'איז געווען שטיל. עפּעס איז געהאָנגען אין דער לופט: אַן אומרו, אַ משוגעת. און אַלץ צוליב דער אומפאַרשעמטער מויד מיט די נאַקעטע אַקסלען.

דער אַלטיטשקער האָט פּלוצעם פעסטגעשטעלט, אַז אויך אים איז זייער הייס און ער האָט געוואָלט אויסטאָן די שוואַרצע קאַפּאָטע. האָט עס באַמערקט די קעלנערשע מיט די באַוואַקסענע פּיס. איז זי צוגעקומען און פאַרלאַנגט, ער זאָל עס נישט טאָן, ווייל עס פּאַסט נישט. ער האָט זיך פאַרשעמט און ווידער גענומען זיך צו זיין אַרבעט, עפּעס האָט ער געלייענט און עפּעס געשריבן און געצייכנט אין זיין העפטל.

. כ'האָב זיך צוגערוקט צו אים, בכדי צו קאָנען וואַרפן אַ בליק. ס'האָט מיך אינטערעסירט, מיט וואָס דער אַלטיטשקער איז אַזוי פאַרנומען. אויף עטלעכע בייגעלעך פּאַפּיר האָב איך דערזען צייכענונגען מאָדנע, אַ ביסעלע ענלעכע צום כּתב פון די אַלטערטימלעכע מצרים אין יענע צייטן, ווען משה רבנו האָט זיך צוגעגרייט צו באַפרייען די יידן פון קנעכטשאַפט און האָט מיט דעם דעמלטיקן פּרעה געפירט אַ קאַמף פאַר גלייכבאַרעכטיקונג פון יידישן פאָלק. אַזעלכע צייכנס האָט דער זקן געהאַט פאַרשריבן, און די דאָזיקע צייכנס האָט ער אין גרויס שפּאַנונג און אָנשטרענג געפּרוווט לייענען. די אַרבעט איז אים אָנגעקומען שווער, דאָס איז געווען קענטיק, ווייל ער האָט געקרעכצט און געווישט דעם שוויים פון פּנים. טיילמאָל פלעגט ער געוויסע צייכענונגען פון דעם סודות־פולן כּתב איבערטראָגן און פאַרגרעסערן אויף אַ ריין בייגעלע פּאַפּיר. ער האָט באַמערקט, אַז איך קוק און האָט מיט אַ פריינדלעכן שמייכל גענומען אויפקלערן דעם זין פון זיין וויסנשאַפטלעכער אַרבעט. אַלץ, וואָס ער האָט מיר דערציילט, גיב איך דאָ איבער בקיצור: שטענדיק האָבן אים אינטערעסירט מענטשלעכע לשונות, וועלכע זענען פאַרגעסן געוואָרן,

שפּראַכן פון אויסגעשטאָרבענע פעלקער, שפּראַכן, וואָס זענען היינט שוין קיין שפּראַכן נישט — בית־עולמס פון זילבן, פון ווערטער און אותיות, וואָס וואַרטן געדולדיק ס'זאָל קומען אַ געלערנטער און אויפוועקן זיי צו תחית־המתים.

לאַנג האָט דער אַלטיטשקער געגריבלט אין די גרעסטע מוזייען און ביבליאָטעקן פון פיל גרויסע שטעט. געזוכט שפּורן פון אַזאַ פאַרגעסענער שפּראַך, וואָס קיין שום וויסנשאַפטלער האָט זיך נאָך צו איר נישט גענומען. צום באַדויערן: אַלע אַלטערטימלעכע פאַרגעסענע לשונות זענען שוין געווען אַרומגעשטעלט מיט געלערנטע. נעבן יעדן קלענסטן אויפשריפט אויף אַ שאַרבן פון אַ ליימענער קרוג אָדער פון אַ שטיין האָבן זיך שוין געפּאָרעט גאַנצע אַרמייען פון אַרכעאָלאָגן, עטנאָגראַפן, סאָציאָלאָגן. און פאַר אים, פאַר מיין אַלטיטשקן שכן אין קאַפע־הויז איז שוין גאָרנישט געבליבן. לאַנג האָט ער אַריינגעטראַכט וואָס צו טאָן, ביז אין אַ געווויסן טאָג איז ער געפאַלן אויף אַ געניאַלער המצאה. ער האָט אַליין אויסגעטראַכט אַ גאַנצן סיסטעם פון טויזנטער צייכענונגען און צייכנס, וועלכע זענען געווען גאַנץ ענלעך און גאָרנישט ערגער פון יענע בילדלעך, וואָס די מצרים האָבן באַנוצט צו שרייבן. צוועלף יאָר האָט ער די דאָזיקע סימנים געצייכנט, און איצט איז געקומען די שווערסטע צייט פון דער האָרעוואַניע, וועלכע וועט דויערן מסתמא ווייטערדיקע צוועלף יאָר און אפשר נאָך לענגער. איצט איז געקומען די צייט פון געפינען דעם זין און דעם אינהאַלט פון יעדן צייכן באַזונדער. קיין שום הילף אין דער דאָזיקער גרויסער אַרבעט האָט דער אַלטער מענטש נישט געהאַט — ער איז געווען אַליין מיט זיין ווערק. איינזאַם, ווי דער בורא־עולם אין די ששת ימי בראשית.

דאָ האָט דער זקן גענומען זיפצן: עס איבערראַשט אים דער געדאַנק, אַז אין אַ געווויסן טאָג וועט ער מוזן שטאַרבן, און זיין ווערק וועט פאַרבלייבן נישט פאַרענדיקט. ווער וועט דעמלט צוגרייטן דאָס גרויסע צוועלפבענדיקע ווערטערבוך פון זיין שפּראַך? ווער?

איך האָב אים געפּרוווט טרייסטן, כ'האָב אים פאַרזיכערט, אַז מחברים פון ווערטערביכער לעבן געוויינלעך לאַנג. ער האָט אָבער אומעטיק געשאָקלט מיטן קאָפּ, און נישט אָפּווענדיק דעם אנטציקטן בליק פון דער אויסגעלאַסענער מויד מיט די נאַקעטע אָרעמס, האָט ער געפרעגט, צי איך וואָלט נישט געהאַט קיין חשק צוזאַמען מיט אים, און שפּעטער נאָך זיין טויט איינער אַליין — צו נעמען זיך צו דער דאָזיקער וויכטיקער

אַרבעט, וועלכע קאָן אונדז ביידן פֿאַרזיכערן אַ גרויסן, כמעט אייביקן רום.

איך אָבער האָב זיך אָפּגעזאָגט, געדאַנקט: ניין, אַזעלכע וויסנשאַפֿטלעכע פֿאָרשונגען איבער טויטע און אויסגעטראַכטע לשונות אינטערעסירן מיך נישט, ווייל איך פֿאַרנעם זיך מיט אַנדערע ענינים, מיט לעבעדיקע שפּראַכן און מיט לעבעדיקע מענטשן און זייערע געפֿילן — אָט דאָס איז מיין פּרנסה און מיין באַרוף.

מיט אַזעלכע ווערטער האָב איך געפּרוווט געבן צו פֿאַרשטיין דעם אַלטיטשקן, אַז אונדזער מיטאַרבעט האָט נישט קיין שום אויסזיכטן און קיין שום זין. און פּלוצעם — פּלוצעם האָבן זיך די ווענט פֿון דער קאַפּעטריע אַ וואַקל געטאָן ווי בשעת אַן ערדציטערניש. עס האָט זיך געלאָזט הערן אַ ווילד קלינגען, וואָס איז געווען ענלעך צום קלינגען פֿון אַ וועקער.

כ׳האָב אויפֿגעעפֿנט די טויערן פֿון חלום און בין אַריין אין דער וואָר און אין דער וואָכעדיקייט. ס׳איז שוין געווען טאָג, די זון איז געשטאַנען הויך אויפֿן הימל.

כ׳האָב זיך געשווינד אָנגעטאָן און בין אַרויס אין גאַס. די שטאָט האָט גערוישט און געזשומט און געדונערט. מענטשן זענען געלאָפֿן אין אַלע ריכטונגען, געאיילט זיך, אין דער איילעניש האָבן זיי קוים באַוויזן אויסצומיידן די פֿאַרבייפֿאָרנדיקע אויטאָס און טראַמווייען.

כ׳האָב אַריינגעקוקט אין די רעסטאָראַנען, וווּ שיכורים טרינקען שוין פֿון אינדערפֿרי אָן בראָנפֿן און ביר. אין די יאַטקעס האָט דאָס פֿרישע, וואַרעמע רינדפֿלייש נאָך געפֿאַרעוועט מיט ריח פֿון אומגעבראַכטן לעבן. אין אַ גרויס סחורה־הויז איז געשטאַנען די שיינע מויד מיט נאַקעטע אָרעמס און האָט פֿריינדלעך געשמייכלט צו אַ קונה, וועלכער האָט געוואָלט קויפֿן אַ פּאָר וואַרעמע גאַטקעס.

די שיינע דאַמע, וועלכע האָט זיך נישט געקאָנט קיין אָרט געפֿינען אין קאַפֿע־זאַל, האָט געשמייכלט פֿון אַ גרויסן פּלאַקאַט. היינט אינאָוונט וועט זי אויפֿטרעטן אין דער אומשטערבלעכער טראַגעדיע פֿון וויליאַם שעקספּיר, אין דער ראָל פֿון דזשוליעט.

דורכגייענדיק נעבן דער אָפֿענער קירכע, האָב איך באַמערקט צוויי אַלטע בעטלערס. אין איינעם האָב איך באַלד דערקענט דעם זקן מיט די גרויע האָר, דעם שפּראַך־קענער.

עפּוואָס ווייטער איז געשטאַנען אַן אָרעמע פרוי, וועלכע האָט עפּעס געמורמלט, עפּעס האָט זי געררעדט, געפּליסטערט, געקריגט זיך אפשר מיטן אומברחמנותדיקן רבונו־של־עולם, וועלכער האָט וועגן איר פאַרגעסן אויף דער עלטער. די ציטערנדיקע הענט האָט זי געהאַט אויסגעשטרעקט אין דער ריכטונג פון די דורכגייער. כ׳האָב זי דערקענט. דאָס איז געווען די אלמנה, דאָס ווייב פון דעם באַרימטן אָרגלשפּילער, וועלכער איז אַמאָל געווען מיין פריינד...

סוף

אינהאלט

דער טייוול אין שטעטל	7
צווישן לעבן און טויט	174
מענטשן אונטערוועגנס	188
פּראָפעסאָר טישאָבאָט	212
אַ באַזוך אין שטעטל	221
שלאָפלאָזיקייט	230
אַ באַזוך	239
בין השמשות	246
אַ חוב צו באַצאָלן	253
צוויי ברידער	273
דאָרפישער שטייגער	282
די פרוי אין שפּיגל	291
איין זומערנאַכט אין האָטעל	299
ווו די שמעטערלינגען שוועבן	304
אַ מעשה מיט אַ פרעמדן	311
דאָס פאַרכישופטע קאַפע־הויז	321